STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07755

KALMAN BULAN

M. Tabatznik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל טאָבּאַטשניק

קלמן בולאַן

קלמן בולאַן

ראָמאַן פון יידישן לעבן

דריטער בוך — דרום אפריקע.

פאַרלאַג קאַיאָר
יאָהאַנעסבורג
דרום אַפריקע
תשל"א / 1971

KALMAN BULAN by MENDL TABATZNIK
A Novel of Jewish Life in South Africa

BOOK THREE

Published by Kayor,
Johannesburg, South Africa, 1971

Author's address: 101 Cradock Heights, Rosebank, Johannesburg,
South Africa.

געדרוקט אין דער „פּאַסיפיק פּרעס", יאָהאַנעסבורג, דרום אפריקע.

די הכנסה פון בוך האָט דער מחבר
אוועקגעשאָנקען לטובת קולטור־
געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס
אין יאָהאַנעסבורג.

I

די מלחמה און אירע נאָכווייען

די מלחמה אין איראָפּע האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט. ווי נאָר די דייטשן זיינען אריבער די רוסישע גרענעצן און די צאַרישע אַרמייען האָבן געמוזט אָפּטרעטן, האָט מען גלייך געפונען אַ שעיר לעזאזל פאַר דער מפּלה: די יידן. איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי, ניקאָליי ניקאָלייעוויטש, אז די יידישע באַפעלקע־רונג מוז פאַרלאָזן אַ סך געביטן פון ליטע און פוילן און אריבער טיפער אין רוסלאַנד. גאַנצע עשאַלאָנען האָבן געפירט די ארויסגעשיקטע יידן, הונגע־ריקע נאַקעטע און קראַנקע, וואָס זיינען ווי אין אַ שטורעם אויסגעריסן

געוואָרן מיט די וואָרצלען. דער שפּיאָנאַזש־בילבול אויף יידן האָט זיך גיך פאַרשפּרייט צווישן דער פיינדלעכער גוישער באַפעלקערונג און יידן זיינען געהאַנגען געוואָרן אין גאַסן פון שטעטלעך און אויף די וועגן.

די דייטשן זיינען געקראָכן אַלץ טיפער און טיפער. אויף דער רוסישער טעריטאָריע זיינען זיי שוין געווען אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אז זיי וועלן באַלד זיין אין מאָסקווע. די לאַגע פון די יידן איז געוואָרן ביטער ווי דער טויט. אויך די אלגעמיינע לאַגע אין גאַנץ רוסלאַנד איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. די ציווילע באַפעלקערונג האָט געליטן הונגער און מגיפות האָבן געבושעוועט. אויך די סאָלדאַטן אין דער אַרמיי האָבן געהונגערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַאָס און דעזער־טירן האָט מען געטראָפן בלאָנדזשען אין דער לענג און ברייט פון לאַנד.

אין רעכטן מיטן ברען איז אמעריקע אויך אריין אין מלחמה. אָבער ניט געקוקט אויף דעם זיינען די אַליאירטע — רוסלאַנד, ענגלאַנד, פראַנק־רייך און איטאַליע — ניט געהאָלפן געוואָרן און די לאַגע איז געבליבן קאַ־טאַסטראָפאַל. אין גאַנץ אייראָפּע האָט געהערשט אומצופרידנקייט, אָבער אַמשטאַרקסטן איז עס געווען אין רוסלאַנד. די לעבנסמיטל־פּראָדוקטן זיי־נען אויף אזוי ווייט איינגעשרומפּן געוואָרן, אז אַ פונט גאָלד איז געווען גרינגער צו קריגן ווי אַ פונט ברויט. צווישן די סאָלדאַטן און פויערים האָבן אָנגעהויבן ברויזן רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. די מאַסן האָבן פאַר־לאַנגט ברויט און שלום.

די ליידן פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען געווען אָן אַ שיעור. די מערהייט פון זיי זיינען געווען בעזשענצעס, פּליטים, ארויסגעטריבענע פון זייערע איינגעזעסענע היימען, האָבן זיי זיך געמוזט שאַפן מעגלעכקייטן ווי זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן. האָט מען זיך געלאָזט אויף ריזיקאַלי־שע וועגן און ברויט האָט געשמעקט מיט טויט. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ מקח־וממכר אויפן שוואַרצן מאַרק מיט באַהאַלטענע סחורות. ס׳האָט זיך איינגעפונען אויסלענדישע וואַליוטע, איבערהויפּט דאָלאַרן, וואָס זייער ווערט איז געשטיגן ביז אין הימל. אויף דעם דאָזיקן גליטשיקן וועג האָבן זיך געלאָזט ניט ווייניק יידן. מ׳האָט געטוישט סחורה אויף סחורה: מאַנו־פאַקטור און לעדער, שועבעלעך און פּאַפּיראָסן, געוואַנטן און פאַרטיקע קליידער, אָבער מיט גאָלד צוגלייך איז געווען זאַלץ און סאַכאַרין. פאַר די ארטיקלען האָט מען אין די דערפער געקראָגן ברויט און קאַרטאָפל.

דער הונגער איז געוואַקסן און פון טאָג צו טאָג זיינען געשטיגן די פּרייזן. כדי צו ברענגען אַ ביסן ברויט פאַר אַ הונגעריק קינד, פאַר אַ קראַנקער ווייב, האָט די נויט געטריבן יידן צו האַנדל, אפילו צו שווינדל. איז טאַקע די פּאָליציי געווען פאַרנומען און די טורמעס זיינען פול געוואָרן מיט הענדלער אויפן שוואַרצן מאַרק, מיט קרעמערלעך וועלכע מ׳האָט געכאַפּט מיט קאָנטראַבאַנדע. די יידן וואָס די אומגליקלעכע צייט האָט זיי איינגעשפּאַרט מיט אַלערליי קרימינעלע פאַרברעכער האָבן געוווסט, אז זייערע פרויען און קינדער גייען דאָרט אויס פון הונגער, אָבער זיי האָבן זיי ניט געקענט העלפן. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך כסדר געמערט די מפּלות אויף דעם רוסישן פראָנט און די אומצופרידנקייט מיט דער צאַרישער רעגירונג האָט דערגרייכט דעם קלימאַקס און די רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן.

* * *

די דעמאָקראַטישע פירער פון רוסלאַנד צוזאַמען מיט די ליבעראַלע פירער פון דער אַרמיי האָבן זיך באַפרייט פון דער צאַרישער הערשאַפט און פּראָקלאַמירט אַ דעמאָקראַטישע צייטווייליקע רעגירונג מיט קערענסקין בראָש. מ׳האָט ווידער צוזאַמענגערופן די דומע, וואָס האָט געזאָלט זיין דאָס קערנדל, דער יסוד פאַר אַ נייער דעמאָקראַטישער אָרדענונג אין דער אָפּגעשטאַנענער רוסלאַנד.

די באַפעלקערונג צוזאַמען מיט דער אַרמיי האָבן געיובלט. דאָס גרויסע לאַנד איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון אַ נייער צוקונפט. אָבער מיט איין מאָל האָבן פון אַלע עקן וועלט און פון סיביר אָנגעהויבן אַראָפּקומען די סאָציאַליסטישע פירער פון רוסלאַנד. לענין איז ארויסגעשמוגלט געוואָרן פון דער שווייץ און אין אַ פאַרחתמעטן וואַגאָן געבראַכט געוואָרן קיין רוסלאַנד דורך דייטשלאַנד. טראָצקי איז אָנגעקומען פון אַמעריקע. פון סיביר זיינען געקומען בוכאַרין, זינאָוויעוו א״א. אין מאָסקווע, פּעטערבורג און אַנדערע גרעסערע שטעט האָבן אַרבעטער דעמאָנסטרירט אין די צענדליקער טויזנטער. די כוואַליע פון דער רעוואָלוציע איז געשטיגן און האָט פאַרגאָסן גאַנץ רוסלאַנד. אין אַלע ווינקלען פון ריזיקן לאַנד האָט זיך געטראָגן ווי אַ ליכטיקע בשורה די לאָזונג פון ברויט און שלום. די צוריקגעקומענע לינקע פירער האָבן פאַרשאָטן דאָס לאַנד מיט מאַניפעסטן און פּראָקלאַמאַציעס וועגן פרייהייט פאַרן פאָלק, וועגן אַ שלום אָן אַנעקסיעס און אָן קאָנטריבוציעס.

די דאָזיקע פּאָפּולערע לאָזונגען האָבן גלייך געוווּנען די מאַסן. אַרבעטער, פּויערים, סאָלדאַטן האָבן מאַרשירט אונטער די לאָזונגען פון דער נייער פּאַרטיי פון לענינען. אין דער אַרמיי איז געווען כאַאָס, זי איז זיך צעפאַלן און גאַנצע פּאָלקן זיינען אריבער אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן גלייך אַ סוף געמאַכט מיט דער צאַרישער דינאַסטיע — מ׳האָט דערשאָסן דעם צאַר מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. גענעראַלן און אָפיצערן וואָס האָבן ניט ארויסגעוויזן לאָיאַליטעט צו דער נייער מאַכט, האָט מען אַרעסטירט און דורך רעוואָלוציאָנערע מיליטערישע טריבונאַלן פאַרמישפּט דערשאָסן צו ווערן. נאָר אַ קליינע צאָל איז געלונגען זיך ארויסצורייסן פון רוסלאַנד און אָנקומען אין אַנדערע לענדער.

גיך איז אָבער געקומען דער סוף פון לעצטן פונק פון דעמאָקראַטיע: אונטער דער דראָאונג פון באַגנעטן האָט לענין צעטריבן די דעמאָקראַטישע דומע און ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן האָבן אָנגעהויבן וואַקסן ראַטן פון אַרבעטער, סאָלדאַטן און פּויערים. די גאַנצע מאַכט איז געלעגן אין די הענט פון אַ קאָמוניסטישער דיקטאַטור. די פּאַרטייאישע ליניע וואָס איז גלייך איינגעפירט געוואָרן, איז געוואָרן אַ קודש־קדשים פאַר דעם באָלשעוויסטישן רעזשים. שוין ביים סאַמע אָנהייב האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייניקונג פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, און חברים וואָס זיינען ניט איינשטימיק געווען מיט דער ליניע פון דער פּאַרטיי זיינען גלייך באַזייטיקט געוואָרן און ניט וויניק זיינען דערשאָסן געוואָרן. אין לאַנד האָט אויסגעבראָכן אַנאַרכיע און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ בירגער־קריג.

אַ שווערער קאַמף איז אָנגעגאַנגען פאַר חדשים, און אין טייל ערטער פאַר יאָרן, צווישן די ווייס־גוואַרדייאישע ארמייען און דער נייאויפגעשטעלטער רויטער אַרמיי אונטער דער פירערשאַפט פון טראָצקין. די פיל איינהייטן פון פאַרשיידענע דיוויזיעס און פּאָלקן זיינען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן געשטיצט די פאַרשיידענע מיליטערישע גרופּעס וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער באָלשעוויסטישער רעזשים, נאָר עס איז מער געווען אַ מאָראַלישע הילף ווי אַן עפעקטיוו־פּראַקטישער קאַמפּמיטל. די גאַנצע מאַכט האָט זיך קאָנצענטרירט ביי די באָלשעוויקעס. די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען פון דעניקינען, קאָלטשאַקן און אנדערע זיינען צום סוף באַזיגט געוואָרן. די אַליאירטע האָבן דיקטירט דייטשלאַנד דעם שלום פון ווערסאַל. אין ברעסט־ליטאָווסק איז

אונטערגעשריבן געוואָרן די נאָך־מלחמה־מאַפּע און די נייע גרענעצן פון די אויפגעקומענע מלוכות אין מיזרח־איראָפּע.

* * *

די קאָמוניסטישע מאַכט אין רוסלאַנד האָט גענומען רעגירן מיט אַ שטאַרקער האַנט. ס׳איז ניט געווען ווי ארויסצוקומען פון דאָרט און ווי אריינצוקומען. עס איז געווען אַ מין געשלאָסענע פעסטונג, ווו מען האָט פאַר יעדן אָפּנייג פון דער באָלשעוויסטישער ליניע, צי פאַר ספּעקולאַציע, אָן אַ מישפט „צוגעשטעלט צו דער וואַנט״, ווי עס האָט געהייסן דאָס דערשיסן אין זייער לשון. מאַסן מענטשן זיינען אומגעקומען און צווישן זיי פּראָפּאָר־ציאָנעל מער יידן ווי אַלע אנדערע. כאָטש יידן האָבן געהאַט אַ יידישע סעקציע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־פירונג, זיינען אָבער פון אַלע יידישע גרופּעס געבראַכט געוואָרן קרבנות פאַרן רעזשים. זייענדיק דאָס רוב הענדלער און לופט־מענטשן זיינען זיי געשטעמפּלט געוואָרן ווי פּאַ־ראַזיטן, וועלכע מען מוז באַזייטיקן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, ניט גע־קוקט אויף דעם וואָס אין דעם בירגערקריג און רעוואָלוציאָנערן אויפברויז האָבן גאָר אַ סך יידן געלייגט זייערע לעבנס און געשטאַנען אין שפּיץ פון דער נייער הערשאַפט.

פאַר יידן איז דאָס גרויסע רוסלאַנד געוואָרן ענג. קיין לופט צו אָטעמען איז מער ניט געווען און זייער וויכטיגשריי האָט דערגרייכט צו אַלע יידישע ישובים אין דער גאָרער וועלט. און נאָך איידער ס׳האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס פייער פון בירגער־קריג, האָבן זיך שוין אין אַלע יידישע קיבוצים פאָרמירט קאָמיטעטן צו העלפן די רוסישע יידן. בראש איז געשטאַנען דער אַמעריקאַנער דזשאָינט — אַ ברייט־מאַסיקער קאָמיטעט צו העלפן דער גע־ליטענער אויסגעוואָרצלטער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד און די בעזשענצעס, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון דאָרט אין זייערע אַלטע היימען — ליטע און פוילן. די אויסגעוואָרצלטע יידן האָבן ווידער גענומען בויען היימען אויף חורבות.

דעמאָלט האָט זיך אויך אין דרום אפריקע געשאַפן אַזאַ קאָמיטעט צו העלפן די מלחמה־געליטענע אין די אַלטע היימען. די יידן וואָס זיינען אליין געקומען פון יענע מלחמה־רואינירטע היימען, האָבן מיט איין מאָל דער־פילט דעם וויטיק און צער פון זייערע ברידער און שוועסטער מעבר לים. אָבער אויך די אַלט־איינגעזעסענע ענגליש־ריידנדיקע יידן האָבן דערפילט

די גורל־שותפותדיקייט און אַלע האָבן געאַרבעט פאַר דעם זעלבן ציל. צום קאָמיטעט זיינען צוגעצויגן געוואָרן אַלע פּאַרטייען: ציוניסטן און סאָציאַ־ליסטן און סתם יידן — אַלע זיינען געווען מיט לייב און לעבן פאַרטאָן צו זאַמלען וואָס מער געלט און עס אָפּשיקן צום דזשאָינט אין אַמעריקע.

* * *

איין שבת פאַרנאַכט, ווען קלמן איז געקומען פאַר דעם פרייען זונטיק צו גאַסט צו סאָניען, האָט זי אים באַגעגנט מיט איר געוויינלעכן שמייכל און געזאָגט, אז היינט האָט זי פאַר אים אַ גרויסע איבערראַשונג. זי האָט אים ווי יעדע וואָך אונטערגעטראָגן די יידישע צייטונג, וואָס דערשיינט יעדן פרייטיק, אָבער קלמן האָט אין דעם ניט געזען עפּעס וואָס באַזונדערס. קלמן האָט זיך געוווּנדערט וואָס פאַר אַ שטיקל חזוק סאָניע האָט אים דאָ אונטער־געריקט און ער האָט שנעל אַ מיש געטאָן די מאָגערע פאַר זייטלעך. מיט אַ מאָל איז די צייטונג אין זיין האַנט געבליבן פאַרקראַמפּט און זיינע אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן מיט פרייד. ער איז אויפגעשפּרונגען און אויסגערופן מיט שימחה:

„דאָס איז דאָך ער, מיין חבר פּיוול!“ זיין קול האָט געקלונגען שטאָלץ.

„איך האָב זיך שוין ניט געקענט דערוואַרטן היינטיקס מאָל אויף דיין קומען“, האָט אים סאָניע ארומגענומען מיט וואַרעמע בליקן. „איך האָב גוט געדענקט מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם דו האָסט מיר דערציילט פון דיין שיפסברודער און חבר, פּיוול, בעת זייער צוזאַמענטרעף אין לאָנדאָן אין שעלטער און שפּעטער — צוזאַמען אויף דער שיף, האָב איך פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ גליקלעכער צוזאַמענטרעף וועט עס פאַר דיר זיין“.

„אַ דאַנק, סאָניטשקע, פאַר אזוי גוט געדענקען אַלץ וואָס איך דער־צייל דיר“, האָט קלמן זיך באַהערשט איר ניט צו צעקוועטשן אין זיינע אָרעמס פון צו פיל פרייד.

„דו האָסט דאָך מיר אזוי פיל אָנדערציילט וועגן אים, טאָ ווי קען מען עס פאַרגעסן“.

קלמן האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויף דער פאָטאָגראַפיע אין צייטונג און געפרעגט:

„איז וואָס זשע טוט ער דאָ, אין דער צייטונג?“

סאָניע האָט געשמייכלט און ניט געענטפערט. האָט קלמן שנעל דורכ־געלייענט דעם אַנאָנס, וואָס איז געווען געדרוקט מיט גרויסע קידוש־לבנה־

אותיות: מאַסן־מיטינג פאַר די מלחמה־געליטענע יידן פון רוסלאַנד. זונ־טיק 8 א זייגער אָוונט אין דזשואיש גילד. גאַסט־רעדנער וועט זיין פּ י וו ל פּאַ ד ע ר ס ק י, באַקאַנטער אויסגעצייכנטער אָראַטאָר, וואָס שטייט בראש פון קאַמפּיין אין דרום־אפריקע. חוץ דעם אַנאָנס האָט ער נאָך געפונען אַ גאַנצע באַשרייבונג וועגן פּיוולען און זיינע אויפטוען אויף אַן אַנדער זייט.

„איך מוז אים טרעפן, פּיוולען", האָט קלמן אַנטשלאָסן געזאָגט. „מיר גייען, סאָניטשקע, אזא געלעגנהייט טאָר איך ניט דורכלאָזן. ניט איין מאָל טראַכט איך וועגן פּיוולען. איך מוז אים זען. מיר וועלן אויך מיטנעמען דעם אָנקל און ראָזין".

„אוודאי וועלן מיר גיין. ס'ווילט זיך שוין הערן אַ יידיש וואָרט פון אַן אינטעליגענטן מענטשן. און ווי דו האָסט מיר פאַרגעשטעלט פּיוולען מוז ער זיין זייער אינטערעסאַנט און ס'איז כדאי זיך צו באַקענען מיט אים. אָבער כ'האָב מורא אז ראָזי און סעם וועלן אפשר ניט וועלן מיטגיין. זיי אינטערעסירט ניט אַזעלכע מיטינגען".

„דאָס לאָז צו מיר, טייערינקע! איך וועל ערשט איבעררײדן דעם אָנקל, און מיר ביידע וועלן שוין זען אז ראָזי זאָל אויך צושטימען".

דער אָנקל איז געווען צופרידן מיטצוגיין צום מיטינג און טאַקע זען דעם חבר פון קלמנען, וואָס איז דער הויפּט־רעדנער. אויף אזא גרויסן מענטשן איז כדאי צו פּטרן אַן אָוונט, בפרט, אז דאָרט וועט מען טרעפן אזוי פיל יידן און אפשר באַקאַנטע לאַנדסלייט.

קלמן איז געווען אומגעדולדיק דעם גאַנצן זונטיק. ער האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן עס זאָל ווערן טונקל. די שעהן האָבן זיך געצויגן ווי פון פּעך. פאַר די אויגן איז אים אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען פּיוולס בילד פון דער צייטונג און ער האָט זיך אין אים דערמאָנט.

קלמן, ווי אַ הויפּט־מחותן, איז אָנגעקומען מיט זיינע דריי באַגלייטער מיט אַ גאַנצער שעה פריער. זיי זיינען געווען גאָר פון די ערשטע און האָבן פאַרנומען די בעסטע פּלעצער קעגן דער טריבונע. אין מינוטן איז דער זאַל געוואָרן געפּאַקט און אַלע האָבן זיך געשטופּט צו די ערשטע בענק. מ'האָט פאַרכאַפּט ערטער, זיך איבערגערעדט און אין זאַל האָט גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק. מענטשן האָבן זיך נאָך אַלץ געשפּאַרט, אָבער מער קיין זיצפּלעצער זיינען ניט געווען. אַ גאַנצע מענגע האָט געמוזט בלייבן שטיין ביי די ווענט.

קלמנס באַגעגעניש מיט פּיוולען

קלמן האָט ניט געקענט איינזיצן. ער איז געוואָרן נערוועז פון דער־וואַרטונג. ער האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן. ער האָט געזוכט אַ באַקאַנט פּנים צווישן די מאַסן יידן, אָבער אַלע פּנימער זיינען געווען פרעמד — אַ גרויסע פאַרטושטע מאַסע. און כאָטש ער איז געווען אויפגערעגט, האָט ער זיך באַמיט צו זיין באַריידעוודיק און די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן אַ גע־שפּרעך מיט דעם אָנקל און ראָזין, זיי זאָלן זיך ניט פילן לאַנגווייליק. ער האָט אָפּגעלאָזן סאָגיעס האַנט און זיך געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ סגולה צו פאַרשנעלערן די קריכנדיקע רגעס.

מיט אַ מאָל האָט זיך פון די הינטערשטע בענק דערטראָגן אַ פּאַטשע־ריי, ווי פויגל מיט ריזיקע פליגלען וואָלטן זיך צעפּאָכעט אין דער לופט. אין דעם מיטלסטן ליידיקן דורכגאַנג פון זאַל צו דער בינע זיינען לאַנגזאַם געגאַנגען עטלעכע מענטשן: דער פּאָרזיצער פון אָוונט פּאַרויס, נאָך אים דער גאַסט־רעדנער און הינטער זיי — די קאָמיטעט־מיטגלידער. און דאָ האָט עפּעס פּאַסירט: ווען קלמן האָט זיך אויפגעשטעלט און אומגעדרייט מיט זיין פּנים צו די אריינקומענדיקע, האָבן זיך צוויי פּאָר אויגן באַגעגנט און ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איז דורכגעלאָפן פון איין מענטש צום אַנדערן. איין רגע שפּעטער האָבן זיך שוין די צוויי געהאַלטן ארומגעכאַפּט און זיך געקושט. הונדערטער אויגן האָבן איבערראַשטע געקוקט צו יענעם ווינקל, וווּ דער גאַסט האָט זיך האַרציק געהאַלדזט מיט איינעם פון עולם און אין ביידנס אויגן זיינען געשטאַנען טרערן פון אַ פריידיקער באַגעגעניש. דער עולם האָט נאָך שטאַרקער אַפּלאָדירט, ווייל דאָס בילד איז געווען פּשוט און האַרציק, נאָר דער פּאָרזיצער און די קאָמיטעט־מיטגלידער זיינען געשטאַנען הינטער זייער גאַסט־רעדנער אַ ביסל צעטומלט. פּיוול האָט זיך געכאַפּט און פאַר זיי פאָרגעשטעלט קלמנען. זיי האָבן אים פריינדלעך געדריקט די הענט. פּיוול האָט מיט אַ גערירט קול געבעטן קלמנען אַנט־שולדיקן און געזאָגט, אז זיי וועלן זיך טרעפן גלייך נאָך דעם מיטינג.

פּאַר סאָגיען איז די גאַנצע סצענע ניט געווען קיין איבערראַשונג. ווערדליק קלמנס אָפּמאָלן פּיוולען איז עס געווען ביי איר אַ „נאַטירלעכע באַ־געגעניש" צווישן אזעלכע צוויי פריינד. נאָר ביי ראָזין און סעם מייקל האָבן זיך די אויגן פונאַנדערגעעפנט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג, ווי זיי וואָלטן גע־

זען אַן אומגעוויינלעכן ספּעקטאַקל. ראָזי האָט מיט חידוש און מיט צעטומל־טע בליקן באַטראַכט דעם אינצידענט. ווי קומט עס, אַז זי האָט געהאַלטן קלמנען די גאַנצע צייט פאַר אַ גראָבן יונג? אויב אַזוי פאַרשטייט זיך שוין איר שוועסטער מער אויף מענטשן. זי האָט זיכער אַ טעות געהאַט אין קלמנען פון דער ערשטער באַגעגעניש אָן. אָט איז ער גאָר אַזאַ נאָענטער ר׳ שמעלקע מיט אַזאַ באַרימטן מאַן וועגן וועמען מ׳שרייבט אין די צייטונגען, אַ גרויסער רעדנער און דער העלד פון אָוונט, וואָס האָט צוגעצויגן אַזאַ גוואַלדיקן עולם.

איצט איז זי שוין אין גאַנצן זיכער געווען, אַז קלמן איז פּונקט דער היפּוך וואָס די האָט וועגן אים געטראַכט. דאָס באַווייזן אַלע סימנים: זיין אויפפירן זיך, זיין אַזוי שנעל אַרויפאַרבעטן זיך, זיין נושא־חן זיין ביי יעדערן מיט וועמען ער טרעפט זיך. וואָלט זי זיך ניט געשעמט, וואָלט זי אים איצט גאָר געבעטן מחילה. דער אָנקל אָבער האָט דערפילט אַ שטאָלץ אויף זיין אָרעמער שוועסטערס זינדל וואָס איז אַזוי שטאַרק פּאָפּולער, אַז דער גאַסט־רעדנער קושט זיך מיט אים ווי מיט אַן אייגענעם ברודער. אָבער וואָס פאַר אַ מאָטיוו ס׳האָט ניט באַוועגט די געדאַנקען פון אָנקל און זיין ווייב ראָזי, זיינען ביידע געווען גליקלעך מיט אים.

דער פּאָרזיצער האָט מיט אַ סך וואַרעמקייט און לויב פאָרגעשטעלט דעם חשובן גאַסט און האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַ זכות צו האָבן אים פאַר אַ גאַסט־רעדנער.

* * *

פּייוול פּאָדערסקי האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט אַן אריינפיר וועגן דער אַזוי אָנגענעמער באַגעגעניש, וואָס דער גאַנצער עולם האָט דאָ צוגעזען, איידער ער איז ארויף אויף דער פּלאַטפאָרמע. דאָס האָט אים געגעבן די געלעגנהייט צוזאַמענצובינדן די דאָזיקע צופעליקע פּאַסירונג מיט דעם צוועק צוליב וועלכן ער איז געקומען אהער.

„ליבע יידן! גייענדיק צו דער רעדנער־טריבונע האָט פּאַסירט דער אינצידענט, וואָס איר אַלע האָט געזען: איך האָב זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט מיינעם אַ שיפסברודער און עס איז אונדזער ערשטער צוזאַמענטרעף זינט מיר זיינען אָנגעקומען אין דעם לאַנד. דאָס איז מיין פריינד קלמן טראָיעוויצקי, מיט וועמען כ׳האָב זיך אַזוי דערפרייט. ווייל ער איז מיר היינט גראָדע אונטערגעקומען ווי דער לעבעדיקער סימבאָל, וואָס שפּיגלט

אָפּ יענע מיליאָנען אָרעמע און ערלעכע פּאָלקס־מענטשן וועלכע מיר האָבן איבערגעלאָזן מעבר לים.

„דאָרט האָט געבושעוועט פּאַר עטלעכע יאָר די בלוטיקע וועלט־מלחמה פון וועלכער די הויפּט־קרבנות, דער שעיר לעזאזל, ווי תמיד און ווי אין יעדער געשיכטלעכער איפּרודער, זיינען — יידן. און די אומגליקלעכ־סטע זיינען שטענדיק אונדזערע אָרעמע ברידער, די האָרעפּאַשנע פּאָלקס־מענטשן. און ווען איך קוק זיך איצט איין אין דעם ליבהאַרציקן פריינד מיינעם, וואָס סימבאָליזירט אונדזערע פּאָלקס־יידן, און ווען איך קוק אויף זיך אליין און אויף אייך אַלעמען, מיינע ברידער, וואָס מאַכן דאָ פול דעם זאַל, קומט מיר אויפן געדאַנק, אז מיר וואָס לעבן זיך אזוי פריי ווי בירגער פון דעם לאַנד און ווי מענטשן, האָבן ארויסגעצויגן די מזל־צעטעלעך פון ׳זכה בגורל׳ — אויף יעדן פון אונדז איז אויסגעפאַלן דער גורל פון לעבן, זיין זאַט און האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

„אונדזערע ברידער פון יענער זייט ים האָבן פאַרלאָרן אַלץ. זיי האָבן געליטן פריער פון דער צאַרישער רעגירונג, וואָס האָט געזוכט דורך פּאָג־ראָמען און אלערליי גזירות זיי אויסצוראָטן. און איצט האָט די נייע מאַכט פון די באָלשעוויקעס דערקלערט יידן אַלס פּאַראַזיטן, לופטמענטשן און ספּעקולאַנטן און זי רודפט זיי, שליסט זיי אויס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און לאָזט זיי אויף הפקר. לכן דאַרפן מיר, די וואָס האָבן צופעליק ארויס־געצויגן די ׳זכה בגורל׳־צעטעלעך, באַצאָלן מיט אַ ברייטער האַנט און מיט אַ פריידיק האַרץ פאַר דעם דאָזיקן זכות. עס איז דער הייליקער חוב פון יעדן יידן צו העלפן זיינע ברידער און שוועסטער, ווייל וויפל מיר זאָלן זיך דאָ ניט לאָזן קאָסטן פאַר דער פּריווילעגיע פון רואיק־זאַטן לעבן וואָס מיר געניסן דאָ, איז עס ווי אַ טראָפּן אין ים פון די ליידן און צרות פון די יידן אין מיזרח־איראָפּע״.

נאָך דעם האָט פּיוול אַנאַליזירט דעם גאַנג פון דער רוסישער געשיכ־טע און אירע צאַרישע מאַכטהאָבער, וואָס האָבן אָפּגעלענקט דעם גאַנצן צאָרן און אומצופרידנקייט פון המון אויף די יידן: „דער רוסישער אנטיסע־מיטיזם איז געוואָרן אַ בלוטיקער, אַ פּאָגראָמיסטישער, אן אָנגרייפערישער: „שלאָג יידן, ראַטעווע רוסלאַנד״. דעריבער האָבן זיך יידן אונטער דער צאַרישער מאַכט אזוי שטאַרק געוואָרפן אין די אָרעמס פון דער רעוואָלו־ציע, ווייל זי האָט געשיינט מיט האָפענונג, פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע

מענטשן. יידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און מיר זעען איצט דעם דאַנק דערפאַר פון דער באָלשעוויס־טישער מאַכט.

די זעלבע ארבעטער און פּויערים, וואָס די רעוואָלוציע האָט אָוועקגע־זעצט אויף דעם הערשערטראָן, לויט מאַרקס׳ טעאָריע, האָבן מיט אַ מאָל פאַרגעסן וועגן ברידערלעכקייט ווען ס׳איז געקומען צו יידן״. און דער רעדנער האָט דערמאָנט פאַקטן, וואָס ער אליין האָט דורכגעמאַכט אויף זיין אייגענער הויט: ווי ער האָט געאַרבעט מיט לייב און לעבן פאַר די רעוואָלו־ציע־אידעען און ווי ער האָט זיך באַוויזן ארויסצורייסן פון די נעגל פון דער אָכראַנע. ער האָט געשילדערט דיווירקלעכקייט נאָכן צעטרייבן די דומע, וואָס איז געווען לויט איר געבוי דעמאָקראַטיש, און די דיקטאַטור פון באָל־שעוויסטישן רעזשים. איידער רוסלאַנד האָט נאָך באַוויזן פריי אָפּצואָטעמען, איז זי שוין ווידער איינגעקלעמט געוואָרן אין די נעגל פון קנעכטשאַפט. ער האָט נאָך דערמאָנט, אז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד וואָס איז געווען דער יסוד פון יידישן גלויבן אין אַן אייגענער היים און צוקונפט, איז איצט געשטעמפּלט געוואָרן פון די קאָמוניסטן ווי אַ רעאַקציאָנערע און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. זי איז מער ניט טעטיק, און פאַר אָנגעהערן צו אַן אונטערערדישן ציוניסטישן קרייז ווערט מען גאָר שווער באַשטראָפט, מיט יאָרן קאַטאָרגע און נאָך מער... ער האָט געזאָגט, אז אפילו דער „בונד״ איז אויך דערקלערט געוואָרן פאַר אַן ארבעטער־פיינט־לעכע פאַרטיי און איז טרייף אין דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד.

קלמן איז געזעסן ווי פאַרכישופט און געשלונגען יעדן וואָרט. איבער־הויפּט ווען פּייוול האָט מיט טיפער עמאָציע געשילדערט דאָס לעבן פון די יידן, די אויסזיכטלאָזיקייט פון זייער קיום, — דעם פיזישן און דעם גייס־טיקן. דער רעדנער האָט דעריבער אַפּעלירט צו די פאַרזאַמלטע, אז זיי זאָלן זיך גלייך ביישטייערן פאַר די צילן צו העלפן יידן. און אז יידן פון דרום אפריקע זאָלן זיך באַמיען אריבערצוברענגען קרובים, משפחה־מענטשן, באַקאַנטע און פריינד, כל זמן ס׳איז נאָך ניט שפּעט, און אויב מיגלעך, פון דעם גיהנום וואָס הייסט רוסלאַנד, פּוילן, ליטע א״א לענדער פון יענעם תחום.

דער רעדנער האָט פאַרענדיקט מיט האַרציק־וואַרעמע ווערטער און געבעטן, אז זיין רוף זאָל חלילה ניט בלייבן אַ קול־קורא במדבר: „איך בין

זיכער, מיינע טייערע יידן, אז צוזאַמען מיט אייערע הערצער פאַר אונדזערע אָרעמע ברידער, וועט איר אויך עפענען אייערע קעשענעס און געבן מיט אַ ברייטער האַנט״.

אין דער רגע האָט אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן ווי אַ כוואַליע זיך אַ טראָג געטאָן איבערן זאַל. מ׳האָט בפירוש געזען אז דער רעדנער האָט געוווּנען דעם עולם. דער פאָרזיצער איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוט און גע־וואַרט ביז עס איז שטיל געוואָרן. ער האָט געזאָגט, אז די לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן זיינען שוין אַ סימן פון דערפאָלג פון קאַמפּיין. איצט, אויב עמעצער וויל שטעלן פראַגעס, וועט דער רעדנער מיט פאַרגעניגן ענטפערן.

קלמן האָט ווי אויף דעם געוואַרט און דער ערשטער געבעטן אַ וואָרט. פיר שמייכלענדיקע אויגן האָבן זיך ווידער באַגעגנט. פּיוול איז פול געווען מיט שפּאַנונג צו הערן די פראַגע פון זיין פריינד און קלמן איז ניט זיכער געווען צי ער וועט קענען געגנוי פאָרמולירן זיינע רייד. דער עולם איז גע־ווען פול מיט נייגער. קלמן האָט גערעדט הויך און קלאָר. ער האָט גע־זאָגט, אז מיט דער דערלויבעניש פון פאָרזיצער וויל ער פרעגן צוויי פראַ־געס, וואָס גיבן אים קיין רו ניט. אפשר זיינען אין זאַל פאַראַן נאָך יידן וואָס זיי מאַטערן די פראַגעס, וועט עס שוין זיין במילא אַן ענטפער פאַר אַלעמען.

„דער רעדנער, האָט ער דערמאָנט, האָט אים, קלמנען, היינט אָוונט פאָרגעשטעלט ווי אַ פאָלקס־מענטש, איז טאַקע ווי אזא פראָסטער בשר ודם איז ער פאַראינטערעסירט צו וויסן דעם אונטערשייד פון באָלשעוויזם און קאָמוניזם. די צווייטע פראַגע וואָס ער קאָן ניט פאַרשטיין איז, דער לעק־טאָר האָט געזאָגט, אז דער בונד ווי אַ פאַרטיי איז געשטעמפּלט געוואָרן פון די פירער פון דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד ווי אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָ־נערע פאַרטיי״, און דאָ האָט קלמן אויסגערופן:

„איך אליין האָב אַ מאָל געהערט צו דער בונדישער פאַרטיי און איך האָב גוט איינגעחזרט די לאָזונגען וואָס די פאַרטיי האָט ארויסגעשטעלט: אידעאיש פאַרבונדן זיין מיט אַ סאָציאַליסטישער פּראָגראַם און מיטן אַל־וועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, אָבער ווי יידן פאָדערן אַ קולטור־אויטאָנאָמיע און זיך אויסלעבן אין דער אייגענער שפּראַך. פרעג איך מיין ליבן חבר און דעם חשובן לעקטאָר, אפשר קען ער מיר עס קלאָרער געבן צו פאַר־שטיין: ווי קומט עס אז איין סאָציאַליסטישע פאַרטיי זאָל שטעמפּלען אַ צווייטע פאַרטיי אַלס רעאַקציאָנערע און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע?״

חוץ קלמנען האָבן געפרעגט נאָך עטלעכע מענטשן פראַגעס. נאָר ווען דער רעפערענט האָט זיך אויפגעשטעלט ענטפערן, האָט ער ספּעציעל געדאַנקט זיין חבר קלמן טראַיעוויצקי פאַר די צוויי פראַגעס, וואָס גיט אים אַ מעגלעכקייט טעאָרעטיש זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דעם ווירוואַר און מישמאַש, וואָס הערשט אויפן פעלד פון סאָציאַליסטישן דענקען היינט אין רוסלאַנד. ער האָט קורץ דערקלערט דעם אויפקום פון מענשעוויזם און באָלשעוויזם, וואָס פון לעצטן איז אַרויסגעוואַקסן דער קאָמוניזם. ער האָט אויף אַ פּאָפּולערן אופן פונאַנדערגעוויקלט די סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען און אויפגעקלערט די פאַלשע וועגן אויף וועלכע די קאָמוניסטן פאַרנעמען זיך און געמאַכט אַ פּראָגנאָז פון דער ניט גאָר ליכטיקער צוקונפט פון סאָ־וועטישן סאָציאַליזם.

דער פאָרזיצער האָט באַדאַנקט דעם בליציקן רעדנער, ווי ער האָט אים אָנגערופן, פאַר זיין גלענצנדיקן רעפעראַט. ער האָט געמאָלדן אז איצט וועט פאָרקומען אַ זאַמלונג. יעדער וועט באַקומען אַ קאָרטל און ער וועט דאַרפן אַריינשרייבן די סומע וואָס ער ביישטייערט זיך און זיין אַדרעס. דער עולם האָט גלייך געכאַפּט די קאָרטלעך.

דער ערשטער וואָס האָט צוריקגעבראַכט זיין קאָרטל אָן אויסגעפילטע און אָן אונטערגעשריבענע איז געווען קלמן. ער האָט זיך לאַנג ניט צערע־מאָניעט און געחשבונט, נאָר אויפגעשריבן די גרעסטע סומע וואָס איז גע־ווען פאַר אים מעגלעך. ער האָט געוווסט אז אין דער היים איז נאָך דאָ אַן אַלטע קראַנקע מאַמע, כאַטשע און העטשע א״א גוטע ברידער, טאָ זאָלן זיי פילן אז יידן העלפן זיי מיט אַ ברייטער האַנט, ווי פּיוול האָט געבעטן. דער פאָרזיצער האָט גענומען דאָס קאָרטל און דערלאַנגט פּיוולען. פּיוול האָט פון איבעררעשונג אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן און געפרעגט קלמנען:

„קענסטו זיך עס דערלויבן ?״

„זאָרג זיך ניט, פּיוול. האָסט דאָך געבעטן מיט אַ ברייטער האַנט — האָסטו עס !״

דער פאָרזיצער האָט גלייך איינגעלאַדן קלמנען מיט זיינע משפּחה־לייט אויף אַ גלעזל טיי, וואָס וועט פאָרקומען פאַר געציילטע מענטשן אין אַ דערבייאיקן קאַפעהויז.

קלמן איז געגאַנגען פרעגן דעם אָנקל מיט ראַזין, אויב זיי ווילן אָננע־

מען די איינלאַדונג. זיי האָבן מיט צופרידנקייט צוגעשטימט און אים אפילו באַדאַנקט. ס׳איז פאַר זיי געווען אַ גרויסער כבוד.

ווען אַלע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין קאַפעהויז, האָט פּיזול באַ־זעצט קלמנען מיט זיין פּאַרטיע לעבן זיך. די צוויי האָבן זיך ניט געקענט אָפּרייסן איינער פון אנדערן ביז אַ שפּעטער שעה אין דער נאַכט. און אז קלמן האָט זיך אָנגעהויבן איילן ניט צו פאַרשפּעטיקן דעם לעצטן צוג, האָט מ״ר מייקל פּאַרבעטן צו זיך אין הויז דעם קומענדיקן זונטיק צו מיטאָג דעם גאַסט, מיטן צוזאָג אז אַ גאַנצן נאָכמיטאָג וועט ער קענען פאַרברענגען מיט קלמנען און סאָניען און קיינער וועט זיי ניט שטערן.

דאָס ווידוי פון די צוויי שוועסטער

אויף מאָרגן נאָך יענעם זונטיק איז ראָזי אַ גאַנצן טאָג ארומגעגאַנגען צעטומלט. זי האָט זיך געפרעגט: וואָס איז דאָ געשען מיט איין מאָל? איז דאָס טאַקע דער זעלבער קלמן? אָט דער זעלבער גראָבער יונג? דעם בחור וואָס האָט ארייגעשפּרייזט צו זיי אין שטוב מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, וואָס איז געקומען פון ערגעץ אין אַ שטעטל, האָט זי איצט מער ניט דער־קענט. אין משך פון דער קורצער צייט האָט ער אליין זיך איבערגעאַרבעט און זיך איבערגעביטן אין אַזאַ מאָס, אז זי האָט ניט געקענט גלויבן, אז דאָ איז אַלץ אין אָרדענונג. אָבער גיכער איז מיט איר אליין עפּעס ניט אין אָרדענונג, האָט זי זיך פאַרגעוואָרפן. זי אליין האָט געמאַכט דעם טעות אין אים. זי פאַרשטייט זיך טאַקע ניט אויף מענטשן.

נעכטן אָוונט, גלייך נאָך קלמנס ארויסטריט אויפן מאַסן־מיטינג מיט אַזעלכע וויכטיקע פראַגעס, האָבן אים הונדערטער אויגן באַוווּנדערט און באַקאַנטע זיינען צו איר צוגעגאַנגען און איר גראַטולירט מיט איר געראָ־טענעם און אינטעליגענטן פּלימעניק. און נאָך גרעסער איז געווען זייער ווונדער, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט אז ער איז נאָך כמעט אַ גרינער. קיי־נער האָט זיך ניט געקאָנט גלויבן אז ער האָט זיך שוין ארויפגעאַרבעט ביז צו ווערן אַ פּאַרטנער אין אַ גרויסן קאָנצעשן סטאָר. איצט האָט ער שוין אַ פּאָזיציע אויך אין דער געזעלשאַפט.

ראָזי האָט זיך ווידער דערמאָנט, אז ביים גלעזל טיי מיט די שענסטע

בעלי־בתּים פון שטאָט האָט דער רעדנער אַליין אים געלויבט אין הימל אַריין. זי אַליין האָט זיך שוין געפילט שטאָלץ מיט אים פון די לויבווערטער, וואָס האָבן זיך געשאָטן פון אַלע מיילער. זי האָט זיך איצט דערמאָנט זײַנע לאָגישע מיינונגען און מיט וואָס פאַר אַ דרייסטקייט ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט. שפּעטער האָט ער גערעדט מיט זײַן חבֿר, דעם רעדנער, וועגן די אַלע היינטיקע פּראָבלעמען: וועגן אויסגאַנג פון דער מלחמה, וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע און וועגן דער נײַ־געשאַפענער לאַגע מיטן אויפקום פון דער דיקטאַטור. ווי האָט עס דער רעדנער גערופן: דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. און ווי אַזוי דער פּיוול פאַדערסקי האָט איינגעשטימט מיט קלמנס אויספירן וועגן די אַלע פראַגעס, וואָס זיי האָבן דיסקוטירט בײַ זייער טיש. זי האָט פון איר דערבייאיק טישל צוגעלייגט אַן אויער און זיך צוגעהערט.

ראָזי דערמאָנט זיך קלאָר קלמנס רייד, ווי ער האָט געזאָגט צו דעם גאַסט, אַז ניט געקוקט וואָס ער איז געווען אַ בונדיסט, איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אין דער יידן־פראַגע איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג פאַר דעם יידישן פאָלק ווי נאָר די ציוניסטישע אידעע: יידן מוזן האָבן אַן אייגן ווינקל אויף דער ערד — און דאָרטן, פון וואַנען דאָס קליינע פאָלק ישראל שטאַמט אָפּ, דאָרטן מוז ער זיך אומקערן. דער אַנטיסעמיטישער האָס פאַרשפּרייט זיך אומעטום און נאָר אין ארץ־ישראל קענען זיך יידן אויסלעבן ווי אין אַן אייגענער היים. און שפּעטער, ווען אַנדערע האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אין שמועס, האָט קלמן אפילו געהאַט די דרייסטקייט אַרויסצוזאָגן זײַן מיינונג פאַר אַלעמען, אַז ניט געקוקט וואָס אין דרום־אַפריקע איז נאָך די מחלה פון יידן־שינאה ניט אַריינגעדרונגען, איז אָבער קיין גאַראַנטיע ניטאָ, אַז אַזוי וועט עס שוין בלײַבן. איצט דערמאָנט זי זיך ווי אַזוי קלמן האָט עס געזאָגט:

אַנטיסעמיטיזם איז היינט אַן אַרטיקל, וואָס לאָזט זיך גאָר לײַכט פאַרקויפן און די רעגירונגען ווען עס לוינט נוצן עס אָפּצוציען די אומצופרידנקייט פון זייערע מאַסן. אַזוי האָט געטאָן די צאַרישע רוסלאַנד בעת דער לעצטער מלחמה. און איצט טוען עס דאָרטן די נײַע מאַכטהאָבער, ווײַל אין יידן־האָס פילן זיי ניט קיין ריזיקע. אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן אַזאַ מאָדערנע אינסטיטוציע, וואָס קיין מאָראַלישער געבאָט פאַרפליכטעט זי ניט. און אויב די היגע פּאָליטיק וועט עס דאַרפן האָבן פאַר איר

ניצחון, וועט זי אויך פּראַווען דעם זעלבן אַנטיסעמיטיזם. אַזוי האָט ראָזי אַ גאַנצן טאָג געטראַכט נאָר וועגן קלמנען.

אין אָוונט, ביי אַ גלעזל טיי נאָך דעם מאָלצייט, האָט סאָניע אומישנע דערמאָנט דעם נעכטיקן מיטינג און געלויבט קלמנס האַלטונג און זיינע טיפזיניקע פּראַגעס. האָט ראָזי שוין מער ניט געקענט דערשטיקן אין זיך אַלץ וואָס זי האָט דורכן טאָג געטראַכט און זי האָט אַרויסגעפּלאַצט:

„סאָניע, איך מוז דיר בעטן מחילה. דו ביסט געווען גערעכט אין אָפּשאַצן קלמנען. איצט ערשט הייב איך אָן צו פאַרשטיין, אַז איך האָב זיך לגמרי טועה געווען אין אים. די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען אַהער, האָב איך געמיינט אַז עס איז אַריינגעפּאַלן צו אונדז אַ גראָבער יונג, ניט קיין געבילדעטער, אָן וויסן און אָן אַ פּאַך, אַזוי אַז איך האָב זיך פּשוט געשעמט צו ווייזן זיך מיט אים פאַר לייטן. איצט פאַרשטיי איך, מיין שוועסטער, אַז דו האָסט די געבענטשטע אייגנשאַפט גוט צו דערקענען אַ מענטשן, אַריינ־דרינגען אין זיין כאַראַקטער. איך פאַרמאָג עס ניט, צוליב דעם האָב איך געזען קלמנען אויבנאויפיק און דער ערשטער איינדרוק ביי מיר איז געווען: ׳אַ האַמעטנע שווערע מצבה׳, וואָס וועט זיין שווער אַרומצושלייפן. דו, סאָ־ניע, האָסט אים טיפער דערזען, האָסט דערפילט אין אים די גוטע וואַרעמע נשמה און דעריבער האָט איר זיך ביידע פאַרשטאַנען. אין אים איז געווען פאַרבאָרגן אַ צווייטער קלמן, וואָס מיר אַלע האָבן איצט דערזען. און איך בין איצט איבערצייגט, אַז דו ביסט געווען גערעכט מיט דיין אויסוואַל און מיר וועלן נאָך האָבן נחת פון אייך ביידן".

אויף ראָזיס פּנים האָט זיך צעלייגט אַ ברייטער שמייכל פון צופרידנ־קייט און סאָניע האָט געפילט, אַז איר שוועסטער האָט איר מיט דעם געגעבן ניט נאָר אַ גוטהייסונג פון קלמנען אין דער משפּחה, נאָר האָט געגעבן איר צושטימונג צום שידוך. סאָניע האָט אַ לייכטן זיפץ געטאָן און האָט גע־ענטפערט איינגעהאַלטן:

„מיין ניט, ראָזי, אַז איך האָב ניט געזען דיין באַציאונג צו קלמנען פון ערשטן טאָג זינט ער האָט איבערגעטראָטן אונדזער שוועל. איך האָב גע־פילט מיט ווייטיק דיינע שטעכיקע חוזק־בליקן, ווען איך בין געווען מיט קלמנען אַ ביסל פריינדלעך און אין זכרון איז מיר נאָך געבליבן דער אומ־צופרידענער אויסדרוק אויף דיין פּנים, ווען איך פלעג אויף אַ וועלכן ניט איז אופן באַשטעטיקן, צי מיט אַ וואָרט דערמוטיקן קלמנען אין זיינע

פֿאַלקסטימלעכע ווערטלעך, וויצן אָדער גאָר המצאות, צי אפילו זיין שכל הישר, וואָס מיר רופֿן אין ענגליש קאָמאָן סענס״.

ראָזי האָט זיך אַ דריי געטאָן, ווי עמעץ וואָלט איר אַ שטאָך געטאָן. סאָניע האָט געפֿילט, אַז איר שוועסטער פֿילט זיך אומבאַקוועם, נאָר זי האָט שוין געוואַרט אויף אַזאַ געלעגנהייט אַ לאַנגע צייט און ווייטער גערעדט:

„ווייסטו פֿאַר וואָס איך האָב געשוויגן, ראָזי? ווייל איך האָב געפֿילט, אַז דו ביסט אין דיין באַציאונג צו קלמנען אַזוי ווי אַ קראַנקער מענטש, וואָס איז געשטראָפֿט מיט קורצזיכטיקייט. כ׳האָב געזען, אַז דו זעסט ניט ווייטער פֿון דעם אויבערפֿלאַך. האָסט קלמנען ניט געקענט דורכדרינגען, ווייל דיר האָט געהאַמעוועט אַ פּערזענלעכער אינטערעס. און דווקא דו, מיין שוועס־טער, ווייל דו ביסט אַזוי נאָענט צו מיר און איבערגעגעבן, האָב איך געפֿילט שטאַרקער דיינע מחשבות וועגן מיין צוקונפֿט. דו האָסט געהאָפֿט, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט אַן אַדוואָקאַט אָדער אַן אינזשעניער און דורך אַזאַ שידוך וועלן מיר אריין אין דער הייכער געזעלשאַפֿט. דאָס איז געווען דיין אילוזיע און דיין חלום, אָבער כ׳מוז דיר איצט זאָגן דעם אמת, מיין שוועס־טער, זינט דעם מאָמענט פֿון מיין באַגעגעניש מיט קלמנען, ווען דער גרוי־סער, שיינער און פּראָסטער יונג האָט געהאַלטן מיין האַנט ביים געזעגענען זיך אויפֿן וואָקזאַל אין דעם קליינעם שטעטל, און איך האָב אריינגעקוקט אין זיינע אויגן, האָב איך גלייך דערפֿילט אַ ליבשאַפֿט צו אים. זינט יענעם טאָג איז זיין בליק מיר געשטאַנען פֿאַר די אויגן און ער איז פֿון מיין געדאַנק ניט ארויס אויף אַ רגע. איך האָב אים שטילערהייט געליבט און געבענקט נאָך אים און האָב ניט געהאַט מיט וועמען זיך צו טיילן מיט מיין טרויער״.

זי האָט טיף אריינגעאָטעמט לופֿט, ווי דאָס וואָלט איר געפֿעלט צום ריידן און ווייטער פֿאַרגעזעצט:

„יאָ, כ׳וועל קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן יענעם טאָג, ווען כ׳האָב דאָס ערש־טע מאָל זיך געטראָפֿן מיט אָט דעם געזונטן האַרעפּאַשנעם טרעגער אויף דעם קליינשטעטלשן וואָקזאַל. איך האָב אריינגעבליקט אין זיינע טיפֿע בלויע אויגן, ווי דער בלויער הימל, און גלייך דערפֿילט אַז אין זיין ריזן צאַפּלט אַ ליכטיקע נשמה, און אין מיר האָט דאָס האַרץ געצאַפּלט. דעריבער קענסטו איצט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס, ווען איך האָב נאָר איבערגעטראָטן די שוועל פֿון דאָס הויז, האָב איך געהאַלטן אין איין מאָנען ביי דיין מאַן און קלמנס אָנקל, אַז ער זאָל אים אריבערברענגען אַהער. איך האָב ניט נאָר געוואָלט

ארויסראַטעוועט די אָ גאָלדענע נשמה פון אונטערגאַנג, פון פאַרוויאַנעט ווערן אין דעם רוסישן שטעטל, נאָר דעם אמת, שוועסטער, איך האָב אים געוואָלט ארויסראַטעווען פאַר זיך.

„איז דען אַ וואונדער אז איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויף זיין קומען? און נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַ צווייטן מאָל באַגעגנט, דאָ שוין, האָב איך זיך איבערצייגט ווי ריכטיק איך האָב אים אָפּגעשאַצט. מער נאָך: ווי ריכ־טיק כ׳האָב אים ניט אָפּגעשאַצט. אין אים ליגן באַהאַלטענע כוחות, ווי אוצ־רות וואָס ליגן פאַרשלאָסן און מ׳דאַרף נאָר די ריכטיקע שליסל וואָס זאָל זיי עפענען. צי קענסטו ניט זען אז זיינע פעאיקייטן זיינען אויסערגעוויינלעכע? גיב נאָר אַ קוק אין וואָס פאַר אַ קורצער צייט ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ פערפעקטן ענגליש, אויך די שפּראַכן פון די שוואַרצע און אַפריקאַנס — און אַלץ אָן קיינעמס הילף כמעט. און הער נאָר מיט וואָס פאַר אַ רעספּעקט מ׳רעדט אומעטום וועגן אים, וואָס פאַר אַ גוטן נאָמען ער האָט זיך דער־וואָרבן. און זיינע פינאַנסיעלע דערגרייכונגען, וואָס אַלע באַוואונדערן: ווערן אין אזא קורצער צייט אַ גלייכער שותף אין אַ גרויסן געשעפט, ארויפאַרבעטן דאָס געשעפט און געווינען צוטרוי ביי די שוואַרצע און ווייסע בורישע פאַרמערס. אין דער גאַנצער געגנט רופן אים דאָך די אַפריקאַנער ׳דער מאַן פון דער ביבל׳. דאָס איז דאָך ביי זיי גלייך ווי פאַרהייליקן אַ מענטשן...״ מער האָט זיך סאָניע ניט געקענט באַהערשן, איר שטימע האָט זיך איינגעבראָכן און טרערן פון פרייד זיינען איר געראונען פון די אויגן.

מ״ר מייקל, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן און האַלב־דרימלענדיק זיך צוגעהערט צום שמועס פון ביידע שוועסטערס, האָט מיט אַ מאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן און דערזען די טרערן פון סאָניען און אים אליין האָט פאַר־נומען ביים האַרצן. ער איז איצט געווען איבערגעלאָדן מיט אזוי פיל גליק און מיט שטימונגען וועגן זיין פלימעניק, זיין לייבלעכער שוועסטערס איינצי־קער זון און זיין יורש. מיט דער דלאָניע האָט ער שנעל, אז קיינער זאָל ניט באַמערקן, אויסגעריבן אַ טרער פון ווינקל אויג און האַסטיק פאַרלאָזן דאָס צימער, קוים זיך איינהאַלטנדיק ניט אויסצוברעכן אין אַ געוויין.

2

מאַריאַ וואַן סטאַדטען און גערטי

יאָהאַן וואַן סטאַדטען איז געווען אַן אויפזעער אין אַ גאָלדמינע. זיין שטיבל איז געשטאַנען ניט ווייט פון די מינען־גרובן, אויף דעם זעלבן באָדן ווי די קאָנצעשן סטאָר פון באַרני פליישער. גאַנץ פרי פלעגט ער זיך אַראָפּלאָזן טויזנטער פוס טיף אין דער ערד מיט זיין גרופּע פון אַ פּאָר צענדליק שוואַרצע ארבעטער. אין די אונטערערדישע ענגע קאָרידאָרן פלעגט ער צעשטעלן זיינע מענטשן און זיי געבן אָנווייזונגען וואָס צו טאָן. זיי פלעגן בויערן מיט עלעקטרישע דריל־מאַשינעס לעכער אין די שטיינערנע פעלדזן. די לעכער פלעגן שפּע־טער אָנגעפילט ווערן מיט דינאַמיט־שטענגלעך און מיט אַ דריק פון אַ קנעפּל זיינען אויפגעריסן געוואָרן די געדערעם פון דער ערד. די אויפגע־

שפּאַלטענע שטיקער פעלדז פלעגן אויפגעלאָדן ווערן אויף לאַנגע רייען וואַגאָנעטקעס און אוועקגעפירט ווערן אין דער מיל, וואָס פלעגט די שטיי־נער צעמאָלן אויף זאַמד און ארויסציען פון זיי דעם גאָלדענעם שיכט און אים צעשמעלצן אין ציגל־פאָרעם.

עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס האָבן אריינגעפירט א מוטנעם ליכט אַ פּאָר טויזנט פוס אונטער דער ערד, אָבער צוליב זיכערקייט האָבן די אַרבעטער געטראָגן אויף זייערע שטאָלענע העלמהיט אַן עלעקטריש אויג, אין פאַל זיי בלייבן אָפּגעשניטן אין דער טיף־ערדישער פינצטערניש.

יאָהאַן פלעגט אין די לאַנגע שעהן אונטער דער ערד חלומען פון זיין ווייבל מאַריאַן. ער פלעגט גאָרן נאָך איר ווייבערישער אויסגעפּולטקייט מיט די פליישיקע פעטע בריסט. און ווען פאַרנאַכט האָט דער זעלבער עלעקטרי־שער ווינדע, וואָס האָט אים אין דער פרי אַראָפּגעפירט טיף אין דער ערד, ארויפגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך, איז שוין מאַריאַ אים אַנגעקומען אַנטקעגן און אירע אויגן האָבן שמייכלדיק און צוזאָגעריש געשיינט. אזוי זיינען חדשים און יאָרן לאַנגזאַם געגאַנגען און יעדער טאָג איז געווען אַ גענויע קאָפּיע פון דעם פריערדיקן: באַגינען זיך געזעגענען מיט אַ קוש און פאַרנאַכט מיט אַ קוש זיך באַגעגענען. אין צווישן פלעגן זיין לאַנגע שעהן פון אַרבעט און די דערוואַרטונג פון זיין צוזאַמען.

אין אַ זונטיק אָדער אַ יום־טוב, ווען ער איז געווען פריי, פלעגן יאָהאַן און מאַריאַ זיך אריינזעצן אין זייער אויטאָמאָביל און ער פלעגט איר פירן ערגעץ אין אַ שטאָטישן רעסטאָראַן, ווו מ'פלעגט טרינקען ביר און טאַנצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויף מאָרגן פלעגט ער אויפשטיין אַ פאַר־מאַטערטער און גלייך באַגינען זיך שטעלן אונטערן שטראָם פון קאַלט וואַ־סער, כדי זיך אָפּצופרישן. אין אזא טאָג פלעגט ער נאָך מער אויפפּאַסן זיינע שוואַרצע אַרבעטער, זיי זאָלן ניט מאַכן קיין פעלער. ער האָט געוווסט אז ביי דער דאָזיקער ארבעט שפּילט מען זיך ניט. ער האָט נאָך גוט גע־דענקט ווי אזא גרוב איז געוואָרן אַ קבר פון זיינע עטלעכע חברים.

איין טאָג, נאָך אזא ארויספּאָר אין שטאָט, ווען ער האָט זיך מסתמא פאַרציילט מיט די גלעזער ביר, האָט ער אויף מאָרגן זיך אויפגעכאַפּט אַ ביסל שפּעט, און ער האָט תיכף געמוזט לויפן צו דער ארבעט. פון דעם וואָס ער האָט זיך ניט אָפּגעפרישט מיט קאַלט וואַסער און פון די נעכטיקע איבעריקע פאַרציעס ביר האָבן זיך די אויגן אים אַ ביסל געקלעפּט. מיט אַ מאָל איז ער

אויף אַ סעקונדע אנטדרימלט געוואָרן און ס׳האָט זיך אים געדוכט אז מאַריאַ מיט איר שווערן בוזעם גיט זיך אַ לייג אויף אים.. ער און אַ פּאָר שוואַרצע אַרבעטער זיינען געלעגן באַגראָבן אונטער אַ שטיק פעלדז, וואָס האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעריסן פון איבער זייערע קעפּ.

* * *

מאַריאַ איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט ווי שטענדיק ארויס־געקוקט צו דער זון, וואָס גיט איר דעם צייכן פון צייט פאַר דעם אָנקום פון איר מאַן. זי האָט זיך דורכן טאָג אויסגעשלאָפן, אָבער אַ מאָדנער קימער איז געווען אין איר האַרץ. ס׳איז געווען ווידער איין טאָג פון די פיל מאָ־נאָטאָנע טעג, וואָס דריקן זיך אָפּ אויף דער נשמה מיט דעם זעלבן שטעמפּל ווי אַלטע מטבעות פון איין און דעם זעלבן יאָר. מיט אַ מאָל האָט זי געזען ווי אַ שיינער אויטאָמאָביל פון דער קאָמפּאַניע קומט אָן און אַ פּאָר עלע־גאַנטע דירעקטאָרן קומען ארויס. גלייך האָבן אָנגעהויבן לויפן פון אַלע זייטן קוויטשענדיקע שוואַרצע פרויען מיט קינדער, וואָס האָבן זיך נאָכגע־שלעפּט נאָך זיי אָדער געווען אָנגעבונדן אויפן רוקן.

מאַריאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פענצטער און אָנגעהויבן לויפן צום געזעמל, ביי דער עפענונג פון דער שאַכטע, דורך וועלכער ס׳לאָזן זיך אראָפּ און קומען ארויף די אַרבעטער. דאָרט האָט מען שוין געוווסט פון דער קאַ־טאַסטראָפע, און טאַטעס, מאַמעס און קינדער האָבן זיך געשטופּט פון אַלע זייטן. יעדער האָט געוואָלט וויסן ווער עס איז אומגעקומען, וואָס עס האָט פּאַסירט דאָרט אונטן? פּנימער פון נאָענטע האָבן אויסגעדריקט שרעק און די צוויי פאַרשטייער פון דער קאָמפּאַניע האָבן צוגעזאָגט צו געבן צו וויסן ווען זיי וועלן ארויפקומען צוריק.

אין דער גאָלדמינע האָט מען שוין גענומען מיט ספּעציעלע גראַב־מאַשינעס אָפּרייניקן דאָס אָרט, וואָס איז געווען פאַרשאָטן מיט אַ באַרג שטיינער און זאַמד. אז די צוויי דירעקציע־אָנגעשטעלטע זיינען אַ ווילע שפּעטער ארויפגעקומען, האָבן זיי נאָר געקענט איבערגעבן אז מ׳רייניקט אָפּ דאָס אָרט, אָבער עס איז אַ קנאַפּע האָפענונג, אז די דריי־פיר מענטשן לעבן נאָך. זיי פאָרן צוריק אין ביוראָ און וועלן שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער מינע. ווי נאָר מ׳וועט וויסן די נעמען וועט ארויסגעהאַנגען ווערן

אַ בולעטין. ס׳קען זיין אין אַ פּאָר שעה ארום. ווי עס ווייזט אויס איז פאַר־שאָטן געוואָרן איין ווייסער אויפזעער און אַ פּאָר שוואַרצע אַרבעטער.

מאַריאַ וואַן סטאַדטען האָט אויסגעשריען פון שרעק:

„איז דאָס מיין מאַן?"

איינער פון די דירעקטאָרן האָט איר אײדל אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט:

„האָפט אז ניט אייער מאַן..." און זיי זיינען גלייך אָפּגעפאָרן.

מאַריאַ האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. זי האָט זיך געפילט עלנט און איינזאַם. די שעהן האָבן זיך געצויגן לאַנג און אומעטיק. זי איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן אין איר צימער, וואָס האָט פאַרבונדן מיט דער מינען־דירעקציע:

„ווען וועט דערשיינען דער בולעטין מיט די נעמען פון די הרוגים?"

„מיר ווייסן נאָך ניט".

מאַריאַ האָט יעדע ווײלע טעלעפאָנירט, ביז דאָרטן איז מען געוואָרן אומגעדולדיק און איר פאַרבאָטן מער צו טעלעפאָנירן, ווייל זיי זיינען אין אַ כסדרדיקן טעלעפאָנישן קאָנטאַקט מיט דער מינע. זי שטערט... באַלד וועט מען וויסן...

* * *

אז מאַריאַ איז שפּעט אין אָונט געשטאַנען ביי דער מינען־דירעקציע און מיט די אייגענע אויגן געזען דעם נאָמען „יאָהאַן וואַן סטאַדטען" איז איר באַפאַלן אַ היסטעריקע. גראָדע איז דאָרט אויך געווען גערטי מיטן שאָפער. זי האָט געקענט אַ ביסל די פרוי און אַ רחמנות אויף איר האָט זי ארום־געכאַפּט.

די דירעקציע איז שוין געווען געשלאָסן און יעדער איז געווען מיט זיין טרויער. גערטי איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי, זי ארומגענומען און געזאָגט:

„איך פאַרשטיי אייער אומגליק. דאָ האָב איך מיין אויטאָ. כ׳וועל אייך אָפּפירן צו אייער הויז", און זי האָט איר צוגעדריקט צו זיך. מאַריאַ האָט דערפילט אַ לעבעדיקן מענטשן נעבן זיך און זי האָט זיך געלאָזט פירן.

גערטי האָט איר אריינגעפירט אין שטוב, גערעדט צו איר וואַרעם, געמאַכט אַ גלאָז טיי און איר געבעטן אויפהערן וויינען, ווייל מיט דעם וועט זי איר מאַן ניט לעבעדיק מאַכן. מאַריאַ האָט געוויינט פאַר שעהן און ניט

געגענטפּערט, נאָר אין האַרצן האָט זי געפֿילט, אַז גערטי איז איצט געקומען צו איר ווי אַ מלאך פֿון הימל.

גערטי האָט פֿאַרשטאַנען אַז זי קען איצט ניט איבערלאָזן די אָרעמע פֿרוי אַליין דורך נאַכט. זי האָט אָנגעשריבן צו איר מאַן אַ צעטל און אים דערקלערט די לאַגע און געהייסן דעם שאָפֿער אָפּגעבן אים דאָס צעטל און געזאָגט דעם שאָפֿער ער זאָל קומען מאָרגן אין דער פֿרי איר אָפּנעמען.

גערטי איז געגאַנגען מיט מאַריאַן צו דער לוויה און איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון איר פֿאַר טעג און נעכט. זי האָט איר געטרייסט און זיי זיינען געוואָרן אַזוי שטאַרק פֿאַרבונדן דורך דעם טראַגישן טויט פֿון יאָהאַן וואַן סטאַדטען, ווי זיי וואָלטן געווען שוועסטער. אַז די טרערן ביי מאַריאַן האָבן זיך אויסגעשעפּט, פֿלעגט זי זיצן פֿאַר שעהן ווי פֿאַרשטיינערט. גערטי פֿלעגט קומען און איר אַ ביסל אויפֿמונטערן מיט גוטע רייד:

„מאַריאַ, מען מוז זיך צוגעוווינען, ווייל וואָס די ערד דעקט צו מוז מען פֿאַרגעסן“.

* * *

מאַריאַ האָט מיט דער צייט שלום געמאַכט מיט איר גורל. זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער לאַגע פֿון איינער, וואָס האָט פֿאַרלוירן פּריצייטיק איר מאַן און פֿלעגט שוין קענען בלייבן טעג און נעכט אַליין. זי האָט געטראַכט, אַז זי איז ניט בעסער פֿון אַנדערע פֿרויען, וואָס עס טרעפֿט זיי אַזאַ אומגליק. זי האָט אָנגעהויבן אַרויסקומען פֿון שטוב און קומען אין די טעג צו גערטין אַהיים און ביידע פֿלעגן פֿאַר שעהן זיך דערציילן און ריידן וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן.

איין טאָג איז מאַריאַן איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק אַז זי וועט גערטין לערנען דאָס אַפֿריקאַנער לשון און גערטי האָט עס אויפֿגענומען מיט דאַנק. מאַריאַ איז געקומען צו גערטין מיט עפּעס וואָס זי האָט איר געקענט אָפּצאָלן פֿאַר איר פֿריינדשאַפֿט. יעדן טאָג פֿלעגן זיי זיצן גאַנצע שעהן און פּלאַפּלען אין אַפֿריקאַנס. די פֿריינדשאַפֿט איז געוואָרן צווישן זיי אַזוי שטאַרק, אַז טאָמער איז גערטי אוועקגעפֿאָרן אויף אַ טאָג, אָדער מאַריאַ האָט ניט געקענט קומען האָט מען שוין געבענקט איינע נאָך דער אַנדערער.

ווען מ״ר באַרני פֿליישער איז אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַוועקגעפֿאַלן פֿון אַ האַרצשלאַג איז מאַריאַ געווען מיט גערטין אין איר אומגליק. דאָס האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט די פֿריינדשאַפֿט צווישן זיי און מאַריאַ איז ניט אָפּ־

געטראָטן פון גערטין. זי איז אפילו געקומען מיט אַלע אַרבעטער און אָנ־געשטעלטע פון קאָנצעשן סטאָר צו דער לוויה.

איין זאַך האָט מאַריאַ ניט געוווּסט — וועגן גערטיס ליבע מיט דזשעקן. און אַז ארום ניין חדשים נאָך מ״ר פליישערס טויט האָט גערטי אויפגעדעקט פאַר מאַריאַן איר סוד און פאַרטרויט, אַז דזשעק שדכנט זיך צו איר און עס ווענדט זיך בלויז אָן איר, צי זי וועט מסכים זיין חתונה צו האָבן מיט אים, האָט איר מאַריאַ איינגעטענהט:

„גערטי, ס׳איז פאַר דיר ווי אָנגעמאָסטן. לאָז ניט ארויס אזא געלעגנ־הייט פון האַנט. מענער וואַלגערן זיך ניט אין די גאַסן און אוודאי שטייען זיי ניט אין אַ ריי חתונה צו האָבן מיט אַן אלמנה. ווי פאַר אַ גוטער פריינדין וועל איך דיר אויפדעקן אַ סוד, אַז ווען עס מאַכט זיך מיר אַ פּאַסיקער מאַן וואָלט איך אים ניט אוועקגעשטויסן. מיר טאָרן זיך ניט נאַרן און מוזן קוקן אויפן לעבן מיט אָפענע אויגן, ניכטער. דו געדענקסט דאָך דיינע אייגענע ווערטער, אַז אונדזערע פאַרשטאָרבענע מענער קענען מיר דאָך צוריק ניט לעבעדיק מאַכן, טאָ וואָס וועט העלפן אַליין זיך די יאָרן צו פאַרטרויערן און בלייבן אייביקע אלמנות. פון דעם וועט זיי דאָרט אין גן־עדן ניט אומעטיקער און אויך ניט פריילעכער ווערן, און אויב זיי זיינען אין גיהנום, וועט זיי שוין בעסער ניט גיין במילא״, האָט זיך מאַריאַ געוויצלט און אויפגעמונטערט גערטין.

גערטי איז ניט געווען אזוי טיף דערשלאָגן ווי מאַריאַ די ערשטע טעג נאָך איר מאַנס טויט, אַז זי האָט געדאַרפט אזוי פיל נחמה־רייד, נאָר ס׳איז איר געווען אומעטיק און זי האָט מיט דאַנק אויסגעהערט דאָס פּלאַפּלען פון איר חברטע.

„איך ווייס, ביי דיר איז נאָך די וווּנד פריש, ערשט נאָך דיין מאַנס טויט. איך דערמאָן זיך ווי די ערשטע צייט איז מיר געווען אַלץ אזוי טייער וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט יאָהאַנען. כ׳האָב זיך ניט געוואָלט שיידן מיט אַלץ וואָס האָט געהערט צו אים — זיינע אָנצוגן, שיך, אָבער ביס־לעכווייז האָב איך זיך צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז ער וועט ניט קומען מער. אין אָנהייב פלעג איך פאַרנאַכט זיך שטעלן ווי תמידביים פענצטער און וואַרטן. עס פלעגט זיך מיר דוכטן: אָט־אָט קומט ער פון דער טיפעניש ארויס, איך לויף אים אנטקעגן און ער באַגריסט מיר מיט אַ קוש. איך האָב געוואַרט און די ווייטקייט איז געבליבן פוסט. איך האָב געוווּסט אַז

דאָס זיינען ניט מער ווי גוטע ווונטשן און אז מיין יאָהאַן וועט שוין מער ניט קומען, קיין מאָל ניט... און אַלץ וואָס האָט געהערט צו אים האָב איך ביס־לעכווייז אויספאַרקויפט און געמאַכט אַ ביסל געלט. מיין אלמנה־פּענסיע האָט מיך ניט געקלעקט״.

גערטי האָט איר איבערגעריסן מיט פירוואורף, אז זי דאַרף געלט זאָל זי איר זאָגן.

„ניין, איצט דאַרף איך שוין ניט״, האָט זיך מאַריאַ פאַרענטפערט, „און אויב יאָ, האָב איך נאָך דעם אויטאָמאָביל וואָס איז כמעט ניי און איז ווערט פיינע עטלעכע פונט. נאָר דעם אויטאָמאָביל האָב איך באַשלאָסן לאָזן ווי דעם לעצטן איינציקן אָנדענק פון מיין יאָהאַנען. ס׳טרעפט נאָך איצט, אז כ׳וויל ערגעץ צופאָרן, צי סתם מאַכן אַ שטיקל שפּאַציר מיטן אויטאָ, זעץ איך זיך, ניט טראַכטנדיק, אויף דעם אָרט ווו כ׳פלעג זיצן ווען ער האָט געלעבט און וואַרט: אָט וועט ער עפענען דאָס טירל, זיך אריינזעצן און אוועקלאָזן די מאַשין. מיט אַ מאָל כאַפּ איך זיך מיין טעות און זעץ זיך איבער ביים רעדל״.

גערטי קוקט אָן איר אפריקאַנישע חברטע, זעט מיט וואָס פאַר אַ בענק־שאַפט זי רעדט פון איר מאַן, וואָס איז שוין אזוי לאַנג טויט, און איר פאַר־דריסט וואָס זי קען ניט אזוי וואַרעם־אויפגערעגט ריידן פון איר באַרנין.

מאַריאַ כאַפּט זיך, אז זי האָט זיך פאַררעדט די גאַנצע צייט וועגן יאָ־האַנען און וויל עס גוטמאַכן. זי דערמאָנט זיך אז דער שמועס איז גאָר גע־ווען וועגן דזשעקן, וואָס שדכנט זיך צו גערטין, גיט זי אַ געשריי:

„ניין, גערטי, לאָז ניט ארויס אזא געלעגנהייט! דזשעק איז אַ סימ־פּאַטישער מאַן, יונג און אינטעליגענט, און אין שטאָט וואָלטן אים די שענסטע מיידלעך צעפּיצלט אויף שטיקלעך — יעדע זאָל קענען האָבן כאָטש אַ שטיקל פון אים...״

און ביידע לאַכן האַרציק.

קלמנס קורצע ליבע

אַ פּלוצימדיקע ענדערונג אין מאַריאַס לעבן איז פאַרגעקומען, ווען זי האָט איין מאָל דערזען קלמנען אין קאָנצעשן סטאָר. שוין געווען אַ לענגערע צייט נאָך דעם טויט פון איר מאַן און פריער נאָך האָט זי דעם יידישן בחור שוין עטלעכע מאָל געזען, נאָר דאָס מאָל איז זי פשוט פאַרכאַפּט געוואָרן

פון זיין געזונטן אויסזען, זיין הויך און ברייט. נאָר די הויפּטזאַך פון זיינע ליכטיקע בלויע אויגן, וואָס האָבן געשמייכלט ווי דער הימל אין אַ זוניקן טאָג. אינעווייניק אין איר האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן. און די קאָנצעשן סטאָר איז געוואָרן אַ צוציאונג־פּלאַץ פאַר איר. דורך פאַרשיידענע אויסריידן פלעגט זי זיך ביי טאָג, ווען קלמן האָט זיך געפונען אין קאָנצעשן סטאָר, אריינכאַפּן עפּעס קויפן. דאָ האָט זי פאַרגעסן דאָס, און דאָ יענץ, און שטענדיק פלעגט זי אויסמאַרקירן צו שטיין אין דער ריי צו אים.

זי האָט באַוואונדערט זיין באַנעמונג צו יעדערן, ווי פריינדלעך ער באַדינט אי דעם ווייסן און אי דעם שוואַרצן קונה, ווי ער שמייכלט צו אַלעמען און די אָרנטלעכקייט, וואָס קוקט ארויס פון זיין שיינעם פּנים. אָבער אַמשטאַרקסטן האָט איר פאַרכאַפּט זיין אַטלעטיש בייגעוודיקער קערפּער און זי האָט געפילט ווי איר גאַנצער קערפּער צאַפּלט פון לוסט שטייענדיק לעבן אים. זי פלעגט ארויפקוקן צו אים מיט אַ ליב פרויאיש־רייצנדיקן שמייכעלע, ווי זי וואָלט זיך געבעטן: ליב מיך, זעסטו ניט ווי איך ליב דיך און ווי גוט איך קען זיין... און איין מאָל, ווען קיינער האָט ניט באַמערקט, האָט זי זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן, צוגעדריקט זיין האַנט צו איר ברוסט און שטורמערהייט האָבן אירע אויגן ווי גערעדט: „מ״ר טראַי, זעסטו ניט אַז איך בין פאַרליבט אין דיר, איך קען מער ניט אויסהאַלטן...“

לאַנגע וואָכן האָט אים מאַריאַ געהיט. זי פלעגט וואַרטן שעהן אין דרויסן, אָבער קלמן איז תמיד געווען אין באַגלייטונג פון דזשעקן און פון גערטין. זי האָט געפילט, אַז זי מוז אים האָבן, אַז ניט וועט זי משוגע ווערן. און איין מאָל, ווען קלמן איז ארויס נאָך אַוונטברויט שפּאַצירן אַ ביסל, איז מאַריאַ צו אים צוגעשפּרונגען ווי אַן אויסגעהונגערטער טיגער אויף זיין רויב. זי האָט אפילו ניט געזוכט קיין תירוץ און אים גלייך פאַרבעטן צו זיך אויף אַ גלעזל טיי און בשעת־מעשה זיך געדריקט און געטוליעט צו זיין שטייף־מוסקולירטן קערפּער.

אַז קלמן האָט מיט אַ מאָל דערפילט איר וואַרעמען נאָכגעביקן פרויען־קערפּער, האָט אין אים זיך דערוועקט דער מאַנצביל. און נאָך איידער זיי זיינען דערגאַנגען צו דעם גאַנעק פון איר הויז האָט ער זי שוין געדריקט צו זיך, געקושט און זיין האַנט האָט ארומגעבלאָנדזשעט אויף איר נאַקעט־זיידיקן לייב. דאָס ליכט האָט מאַריאַ דעם אָוונט ניט אָנגעצונדן. זינט איר מאַן איז געשטאָרבן איז דעם ערשטן מאָל אין איר שטיבל געווען אַ מאַנצ־

ביל. זי איז געלעגן אַ נאַקעטע אין זיינע אָרעמס און זיך געקלאַמערט אין אים מיט אַלע אירע אויסגעהונגערטע באַגערן. זי האָט אים געריסן און געביסן מיט גלאַטע פינגער און מיט פארקראַמפּטע ליפּן זיין גוף און קלמן האָט איר אָנגעזעטיקט מיט ליבע.

זי האָט אים אזוי גיך יענעם אָוונט ניט אָפּגעלאָזט. און ווען קלמן איז אין אַ גאָר שפּעטער נאַכט־שעה אריין צו זיך אין קילן בעט, האָט אים גע־פּלאָגט דאָס געוויסן. סאָניע איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן און אריינ־גערעדט צו אים אין האַרצן: קלמן, האָסט געזינדיקט! זיין געדאַנק איז איצט געווען קלאָר און אין מוח האָט אים איין פראַגע געעגבערט: האָב איך טאַקע געזינדיקט קעגן סאָניען מיט דעם וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט אַן אַנדער פרוי? ביסלעכווייז האָט זיך אין זיין געדאַנק געגומען אויס־קריסטאַליזירן אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין טאַט. ערשטנס, בלייבט זיין שטאַרקע ליבע צו סאָניען ניט געמינערט אויף אַ האָר. ער פילט עס. צווייטנס, עס איז נאָך פאַר זייער חתונה און ער האָט איר מיט דעם ניט פאַרראַטן.

קלמן איז געלעגן וואַך און געזוכט אַלץ מער תירוצים ריינצוואַשן זיין געוויסן. ער האָט אפילו „אויסגעפונען" אַז ער האָט ניט פאַרפירט קיין פרוי פון אַ מאַן, און אַז דאָס וואָס איז פאַרגעקומען צווישן אים און מאַריאַן איז ניט מער ווי אַ נאַטירלעכער אַקט ביי לעבעדיקע באַשעפענישן פון ביי־דע געשלעכטער. נאַטירלעך מוז עס בלייבן אַ סוד און סאָניע טאָר דערפון ניט וויסן. און דער דאָזיקער באַשלוס האָט שוין ווי ניט איז באַרעכטיקט זיינע שפּעטערדיקע צוזאַמענטרעפן מיט מאַריאַן.

אויף איינעם פון די דאָזיקע אָפטע צוזאַמענטרעפן האָט זיך מאַריאַ געלאַסטשעט צו אים מער ווי געווייגלעך און אין אַ הייסן מאָמענט, ווען ער האָט איר צוזאַמענגעקוועטשט אין זיינע אייזערנע אָרעמס, האָט זי ווי אַ פייגעלע ארויסגעקוויקעט:

„לאָמיר בלייבן ווי מאַן און ווייב און איך וועל זיין דיין אייביקע דינסט פאַר אַ גאַנץ לעבן... אפילו ווערן אַ ידישע... ביים רב..."

קלמנען איז אין אַ בליץ פון דער רגע קלאָר געוואָרן דעם ריזיקאַלישן שפּיל מיט מאַריאַן און זיינע אָרעמס זיינען געוואָרן לויז, ווי וואַטע, און ער האָט זי אָפּגעלאָזט.

„דאָס קען קיין מאָל ניט געשען, מאַריאַ. דו ווייסט דאָך אַז איך האָב

שוין אַ כּלה און איך האָב זי ליב ווי מיין לעבן. גאָר אין גיכן וועלן מיר חתונה האָבן. איך וועל איר קיין מאָל ניט פאַרביטן מיט אַן אַנדערע אויף אַן אמת!" האָט קלמן אָן קווענקלען זיך האַרט געדעדט צו איר. און ער איז געווען זיכער אַז איצט וועט ער דאַרפן גיין. מאַריאַן איז אָבער גראָדע געפעלן געוואָרן זיין אָנפנהאַרציקייט און איבערגעגעבנקייט צו דער כּלה, זיין ניט וועלן זיך ארויסדרייען מיט פאַרפירערישע ליגנס. און כאָטש זי איז געווען אַנטוישט, האָט איר דאָך זיין מענערישער שטאָלץ געדייצט:

„טאָ זאָל זיין אַזוי. נעם מיך פעסטער ארום. קיין בעסערן קען איך ניט האָבן..."

זיי זיינען ווידער געלעגן פעסט פאַרקלאַמערט איינער אין צווייטן.

* * *

נאָך דער דאָזיקער נאַכט האָט קלמן פעסט באַשלאָסן איבערצורייסן מיט דער לינקער ליבע וואָס ער פירט מיט מאַריאַן. עס איז טאַקע זיס ווי צוקער, האָט ער געטראַכט, אָבער צום סוף קען עס ווערן ביטער ווי גאַל. יענע נאַכט מיט דער אָפענער אַנצוהערעניש פון מאַריאַן איז פון זיין געדאַנק ניט ארויס. און כאָטש ער איז ווייט ניט געווען פאַרליבט אין איר, האָט עס אים דאָך צו איר געצויגן. ווען ער פלעגט בלייבן אין די לאַנגע ווינטערדיקע אָוונטן אליין, אריינגעזונקען אין טיפן ווייכן פּאָטעל ביי זיין בעט, פלעגט ער מיט אַ מאָל זיך דערמאָנען זיין לעצטער צוזאַמענזיין מיט מאַריאַן. ער פלעגט אויפשפּרינגען און ווי אַ מאַגנעט פלעגט עס אים אַ צי טאָן אין דרויסן. אַז ער פלעגט באַגעגענען דזשעקן צי גערטין, פלעגט ער אונטערן אויסרייד פון גיין אויף אַ שפּאַציר פאַרשווינדן און זיך אריינשלייכן צו מאַריאַן אין שטיבל.

ביידע פלעגן זיך אָנזעטיקן מיט ליבע און קיין מאָל ניט זאַט געוואָרן. און וואָס מער קלמן האָט געטראַכט וועגן איבעררייסן מיט מאַריאַן, איז ער אַלץ מער אריינגעפּלאָנטערט געוואָרן אין איר נעץ. אים האָט געשראָקן די צוקונפט, טאָמער זייט זיך ארויס דער סוד, כאָטש מאַריאַ האָט אים הייליק געשוואָרן, אַז זי וועט עס אפילו ניט דערציילן איר בעסטע חברטע, גערטין.

אַ צופאַל האָט אָבער געראַטעוועט קלמנען פון אריינגעצויגן ווערן לענגער אין דער נעץ מיט מאַריאַן. זי האָט איין טאָג געקראָגן א דרינגענ־דיקן בריוו פון איר פאָטער, אַז די מוטער איז זייער קראַנק. און דער עיקר

ס׳האָט זיך געיאָוועט איר אַלטער יוגנט־פריינד, וואָס זיין פרוי איז אים יונג געשטאָרבן. ער איז אַ רייכער פאַרמער און ער וואָלט זיך וועלן מיט איר טרעפן. איר פאָטער עצהט איר ווי אַמשנעלסטן אַלץ אויספאַרקויפן און גלייך קומען צופאָרן. און מאַריאַ האָט אָן דעם זיך אָנגעכאַפּט. זי האָט פאַרשטאַנען אז קלמנען פאַר אַ מאַן קען זי סיי ווי ניט קריגן און דער פּחד פאַר דער ניט קלאָרער צוקונפט האָט זי אויך געשראָקן. חוץ דעם וועט מ״ר קעלי באַלד חתונה האָבן, האָט זי זיך ממש געפרייט מיט דער געשאַפענער לאַגע און זי האָט געזען אין קומען צוריק אַהיים דעם בעסטן אויסגאַנג פון אַלע פאַרפּלאָנטערנישן.

ווען מאַריאַ האָט גערטין דערציילט וועגן בריוו, האָט איר גערטי אַ קוש געטאָן און געזאָגט, אז זי האָט מזל און זי זאָל אַ רגע ניט קלערן וואָס זי דאַרף טאָן:

„דאָס זעלבע ווי ביי מיר מיט דזשעקן. געדענקסט וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. איז פאַרשפּאַר איך דיר שוין אַלץ איבערזאָגן. כ׳וועל ריידן מיט מיינע צוויי דירעקטאָרן און מיר וועלן אָפּקויפן דיין גאַנצע ווירטשאַפט, אזוי אז דו וועסט קיין קלאָפּאָט ניט האָבן מיט זוכן קונים״. זי האָט איר אפילו צוגעזאָגט צו באַזוכן איר אין דער קייפּ. און אז זי האָט געמאַכט דעם פאָרשלאַג פאַר דזשעקן און קלמנען וועגן אָפּקויפן אַלץ וואָס מאַריאַ וויל פאַרקויפן, אויך דעם אויטאָמאָביל, האָט זיך קלמן אָנגעכאַפּט אָן דעם ווי אָן דער גרעסטער מציאה:

„אוודאי וועלן מיר אַלץ אָפּקויפן, און דעם אויטאָמאָביל קויף איך, פאַר זיך...״

ער האָט קוים ארויסגעשטאַמלט די לעצטע ווערטער, נאָר קיינעם איז עס ניט געווען אויפפאַלנדיק, ווייל זיי האָבן געוווסט ווי לאַנג קלמן קוקט שוין אויס אויף אזא געלעגנהייט צו קויפן אַן אויטאָמאָביל.

די לעצטע אָפּשיידנאַכט האָבן זיי אויסגעטרונקען פאַרביידנס גליק... קלמן האָט איר באַצאָלט פאַר דעם אויטאָמאָביל מער ווי זי האָט דערוואַרט. אויף מאָרגן האָט ער מיט גערטין זי צוגעפירט צו דער באַן און מ׳האָט זיך פאַרמעל פריינדלעך געזעגנט.

ווען קלמן איז צוריק געפאָרן מיט גערטין פון דער באַן־סטאַנציע האָט ער געפילט ווי איינער וואָס מ׳האָט אים באַפרייט פון אַ שווערער שטראָף, וואָס האָט געקענט הענגען איבער זיין קאָפּ פאַר אייביק. די זאַך איז פאַרגע־

קומען אזוי גיך אז ער האָט זיך אליין ניט געקענט אָפּווונדערן ווי דער פּלאָנ־טער האָט זיך אויפגעלייזט און ס׳איז אים געוואָרן גרינג און פריילעך. דעם גאַנצן וועג צוריק האָט ער לוסטיק געפּלוידערט צו גערטין און זי האָט ניט פאַרשטאַנען דעם פּלוצימדיקן איבערבייט פון זיין שטימונג.

קלמן כאַפּט דעם קונץ פון פירן אַן אויטאָ

די קאָנצעשן סטאָר און די קאָפּעריטע זיינען אָפּיציעל איבערעגיס־טרירט געוואָרן אין דער רעגירונג פון „באַרני פליישער" אויף „אַראָנס, טראַי ענד קאָמפּאַני". און ווי נאָר קלמן איז געוואָרן אַ מיטשותף אין גרויסן ביז־נעס, האָט ער זיך ארומגעזען אז עס איז ניט קיין עסק פאַר אים צו זיצן ווי אַ פריץ אויף דעם הינטערשטן געזעס פון אויטאָמאָביל און דער שאָפער זאָל אים פירן וווהין ער הייסט. דאָס איז געווען גוט פאַר באַרני פליישער, אָבער ס׳איז ניט קיין געשעפט פאַר אַן אייגענעם יאָט ווי קלמן בולאַן, וואָס איז פון היינט אָן מיסטער קעלי טראַי, האָט ער צו זיך אליין גערעדט מיט רעספּעקט און נאָכגעקוקט דעם שאָפער בעתן פאָרן.

ער האָט גלייך אויסגעפונען וואָס ער טוט מיט די הענט און מיט די פיס און געטראַכט מיט ביטול: אויך מיר אַ קונץ פירן אַן אויטאָ, קלמן האָט אין זיין לעבן זיך אויסגעלערנט שווערערע זאַכן. די גוטע יאָר זאָל איך האָבן וואָס צוימען ר׳ עליעס צוויי נאַרוויסטע פערד איז געווען שווערער ווי אַ קוועטש טאָן אויף דער ברעמזע מיט אַ פוס און שוין שטייט די מאַשין. אפילו אַ שוואַך ווייבעלע קען עס טאָן, אָבער ביי די פערד האָט מען געדאַרפט וויסן זייערע קאַפּריזן, זיי פאַרשטיין און אריינקריכן אין זייערע פערדישע נשמות, כדי מ׳זאָל וויסן ווי זיי צו פאַרהאַלטן און ווי אַ קירעווע צו טאָן. פאַרט לעבעדיקע באַשעפענישן און דאָ האָט מען צו טאָן מיט אַ טויטער מאַשין, מיט אזא מאַכינאַציע איז וואָס דו טוסט מוז זי דיר פאָלגן. מ׳דאַרף נאָר אַ קליין ביסעלע כאַפּן דעם שניט און דערנאָך האָבן אַ ביסעלע פּראַקטיק און ס׳וועט אָוועק ווי געשמירט. און ער האָט זיך ניט געלאָזט פון קיינעם אי־בעררײדן, אז ס׳איז חשובער פאַר אַ בעל־הבית צו זיצן הינטערן שאָפער און צו זיין באַשעפטיקט מיט זיינע מחשבותן און פּלענער, אײדער איבערצו־נעמען אליין דאָס רעדל.

קלמן האָט געטאָן פונקט דאָס פאַרקערטע: ער האָט זיך גלייך אוועק־

געזעצט נעבן דעם שאָפער און גענומען באַטראַכטן די אַלע קנעפּלעך און שרייפלעך און ווי ער אַרבעט מיט די גענג און בייט זיי. ער האָט נאָך גע־פרעגט דעם שאָפער פאַרשיידענע קשיות: ווי אַזוי ער טוט דאָס און יענץ און פאַר וואָס ער טוט עס. און אַז דער שאָפער האָט אים אַלץ פּינקטלעך דערקלערט און דעמאָנסטרירט יעדע טועכץ, האָט קלמן די תורה גלייך באַ־נומען. נאַרישע דריידלעך, האָט ער געטראַכט, נאָר פיס־און־הענט־מלאכה. קיין אוניווערסיטעט־דיפּלאָם דאַרף מען פאַר דעם ניט, אפילו קיין גימנאַ־זיע ניט ענדיקן. לייכט ווי אַ האָר פון מילך, האָט קלמן אַ ברום געטאָן און אַ וווּנק געטאָן צום שאָפער ער זאָל אָפּשטעלן דעם אויטאָמאָביל.

דער שאָפער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס עפּעס זיך אָפּשטעלן אין מיטן וועג, און אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט קלמן אַ זאָג געטאָן:

„איך גיי פירן דעם אויטאָ. כ׳בין זיכער אַז ס׳וועט זיין גוט. גיב נאָר אַכטונג אַז איך זאָל קיין טעות ניט מאַכן. זאָג מיר גלייך אויב עפּעס איז ניט ריכטיק״.

און ס׳איז אוועק אַ גאַנג. קלמן האָט קיין טעות ניט געמאַכט. ער איז דאָס ערשטע מאָל געזעסן ביים רעדל און הנאה געהאַט: ס׳גייט בעסער ווי ר׳ עליעס בויד און מען דאַרף אפילו די רעדער ניט שמירן... האָט קלמן געטראַכט אַ צופרידענער.

דער שאָפער איז אָבער געוואָרן אַ ביסל אומעטיק. ער האָט געטראַכט: אַז זיין בעל־הבית וועט זיך אויסלערנען פירן די קאַר, וועט ער אים גאָר הייסן גיין. און ווו קען מען קריגן נאָך אַזאַ גוטע און גרינגע שטעלע, מיט גוטן עסן און אַ פיינעם לוין. דאָך האָט ער ניט געקענט פאַרבאַהאַלטן זיין פאַרוווּנדערונג, ווי גוט דער באַס פירט דעם אויטאָ, ווי ער וואָלט געווען אַן אַלטער טרענירטער שאָפער.

„דער באָס איז קלוג! דער באָס וועט זיין אַ גוטער שאָפער!״ האָט ער מיט דער צונג געקלאַפּט פאַר התפעלות.

קלמן האָט אָבער באַמערקט, אַז דער שאָפער איז אומעטיק און פאַר־שטאַנען אין וואָס אים גייט. האָט ער אים פאַרזיכערט איין מאָל און נאָך אַ מאָל, אַז ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבן: זיין שטעלע בלייבט גאַנץ ווי לאַנג ער וועט נאָר אַליין וועלן. ער וועט אים ניט אָפּזאָגן סתם אַזוי, פאַר גאָר ניט. און אויב אפילו ניט פירן דעם אויטאָ, זיינען פאַראַן גענוג אַרבעטן אין קאָנצערן סטאָר און ניט שווערער ווי צו פירן אַן אויטאָ.

דער שאָפער האָט געשמייכלט מיט אַ ברייטע מויל ווייסע ציינער און געדאַנקט דעם באָס. און קלמן איז דאָס ערשטע מאָל אריינגעפאָרן מיטן אויטאָ אין הויף פון הויז.

קלמן איבעררשאַט זיין משפחה

ניט דעם אָנקל און ניט דער טאַנטען, אפילו ניט סאָניען האָט קלמן דערציילט אז ער קען שוין פירן אַליין דעם אויטאָמאָביל. חוץ גערטי און דזשעק האָט דערפון קיינער ניט געוווּסט. עס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן דער געדאַנק צו מאַכן אַ סורפּריז אין שבת נאָך מיטאָג דער גאַנצער פאַמיליע, ווען אָנשטאָט מיט דער באַן וועט ער פּלוצלינג אַראָפּקומען ווי אַן אַלטער אַפריקאַנער אַלרייטניק — מיט זיין אייגענעם אויטאָמאָביל. און איצט גראָדע האָט זיך אונטערגעמאַכט אזא גוטע געלעגנהייט, וואָס זיין פריינד פּיוּול פּאַדערסקי וועט דאָרטן זיין קומענדיקן זונטיק אויף מיטאָג. זאָל ער טאַקע זען אז קלמן איז אין אַפריקע ניט פאַרלוירן געגאַנגען, נאָר געשטיגן. פירט אפילו זיין אייגענעם אויטאָ. זיין חבר פּיוּול וועט הנאה האָבן פון אים. אָבער מער נאָך וועט עס זיין אַ סורפּריז פאַר סאָניען, און קלמן האָט אין גאַנצן פריידיק געציטערט ביים געדאַנק, ווי סאָניע וועט אים אָנקוקן מיט אירע גרויסע ברוינע אויגן, אים ארומכאַפּן און אַ קוש טאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן. ער וועט זיך פילן גליקלעך און דער אָנקל און זיין ווייב וועלן קלייבן נחת פון פּלימעניק.

קלמן האָט אַ גאַנצע וואָך, אין די שטילע שעהן פון טאָג, פּראַקטיצירט מיטן שאָפער ביי זיין זייט. זיין האַרץ האָט געצאַפּלט פון דערוואַרטונג און אין די שפּעטע נאַכט־שעהן פלעגט ער ליגן אין דער פינצטער און ניט קענען שלאָפן. צי האָט ער גאָר ווען געטראַכט, אז ער וועט פאַרמאָגן זיין אייגענעם אויטאָמאָביל. אפילו אַ רייכער פריץ אין דער היים האָט עס דאָך ניט פאַרמאָגט. קלמן דרעמלט לייכט איין — ער וויגט זיך אויף דער קאָזלע. ער האַלט אָנגעצויגן די לייצעס. דער בולאַן מיטן קאַשטאַן גייען אין שפּאַן, פאַמעלעך. ר׳ עליע עפּנט אויף אַן אויג פאַרלאָפן מיט בלוט און כאַפּט אים ארום: קלמנקע, האָסט מיך געראַטעוועט! דער גוי וואָלט מיך געממיתט ווען ניט דו. דערפאַר וועט נאָך קומען אַ צייט און דו וועסט

פאַרמאָגן אַן אייגענעם אויטאָמאָביל. — און ווי ער גיט דאָס אַ רייד ארויס, הייבן אָן די פערד יאָגן מיט אזא גוואלדאָוונעם כוח, אז ער קען זיי ניט איינהאַלטן. אנטקעגן קומט אָן הודזשענדיק אזא מאַשין אָן פערד, און די פערד צעטראָגן די בויד. די צוויי משחיתים פליען ווי אַ רוח וואָלט אין זיי אריין, זיין לעבן הענגט אויף אַ האָר... אָט, טראַך, און אַ קער זיך געטאָן אין אַ גראָבן — אוי...

קלמן הערט זיין אייגן קול און קוקט אין דער פינצטערניש. אָט ערשט איז דאָך דאָ געווען ר׳ עליע מיט דער בויד — אַ מאָדנער חלום, טראַכט ער. ווי לאַנג איז ער געשלאָפן. און איצט קומט אַלץ לעבעדיק אויף פאַר זיינע אויגן. טאָקע דעמאָלט אריינגעקראָכט אין אַ טיפן גראָבן און אַ צע־קאָליעטשעטער, מיט די לעצטע כוחות, קוים זיך ארויסגעדראַפעט פון אונ־טער דעם וואָגן און זיך דערשלעפּט אהיים. געדאַרפט גומל בענטשן...

און קלמן דערמאָנט זיך, ווען ער איז אַראָפּ פון שיף אין קייפּטאָן און ער איז אויף דער אפריקאַנער ערד ארויף, האָט ער באַוואונדערט די שיינע שטאָט מיט די אַספאַלטירטע גאַסן. ניט ער האָט באַמערקט די בערג און ניט דעם ים, נאָר ער האָט אַ פאַרכאַפּטער נאָכגעקוקט די אַלע אָנפערדיקע געפוצטע בוידן און שווערע משא־בוידן, וואָס יאָגן ווי די רוחות. ער האָט זיך געוואונדערט ווי פלינק זיי מיידן אויס איינע די אַנדערע און ווי זיי צע־יאָגן זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען, נאָך דעם ווי דער פּאָליציי־מאַן אין ווייסע הענטשקעס גיט אַ מאַך מיט דער האַנט ווי אַ קאַפּעלמייסטער. און נאָך דעם האָט ער זיינע אייגענע אויגן ניט געגלויבט, ווען זיין פעטער מ״ר מייקל, זיין ווייב ראָזי און סאָניע זיינען געקומען אים אָפּנעמען מיט זייער אייגענעם אויטאָ. שפּעטער, אז ער האָט זיך אַ טאָג ארויסגעכאַפּט אין די יאָהאַנעסבורגער גאַסן און געזען ווי אויטאָס לויפן הין און הער, איז עס אים פאָרגעקומען ווי אַ כישוף. איין שטאָט זאָל האָבן אזוי פיל גבירים און מיליאָנערן, האָט ער זיך געוואונדערט.

די גאַסן פון יאָהאַנעסבורג זיינען געווען פול מיט אויטאָמאָבילן, און געיאָגט האָבן זיי גיכער ווי דעמאָלט ר׳ עליעס פערד... און קיינער האָט ניט מורא. דעמאָלט האָט זיך נאָך קלמנען ניט געחלומט, אז אויך ער וועט באַלד פאַרמאָגן זיין אייגענעם אויטאָמאָביל און ער וועט זיך יאָגן אין דער געדיכטעניש פון דער גרויסער שטאָט.

* * *

אויף מאָרגן, שבת נאָך האַלבן טאָג, ווען די קאָנצעשן סטאָר איז שוין געווען פאַרמאַכט און קלמן האָט זיך אריינגעזעצט אין זיין אויטאָמאָביל צו פאָרן אין שטאָט, האָט ער זיך דערמאָנט אָן חלום מיט ר׳ עליען ביי דער זייט. ס׳וועט זיך צום גוטן, האָט ער געטראַכט. היינט האָט ער געפירט דעם אויטאָ אליין, אָן דעם שאָפער, און זיין האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט פון אויפרעקונג. עס איז אָבער ניט געווען די שרעק פון אומזיכערקייט, נאָר די פרייד פון סורפריז וואָס ער וועט מיט זיין קומען ברענגען.

די לעצטע טעג פאַרן קומען אין שטאָט האָט שוין קלמן אליין געריי־ניקט דעם אויטאָ וואָס האָט געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל. און קלמן האָט זיך דערמאָנט ווי ער פלעגט באַרשטן און פוצן די פערד אין זיין פאָלק. ער האָט אָנגעקוואָלן פון נחת פילנדיק אין זיינע הענט די סאַמעטענע גלאַטקייט פון רעדל. ער האָט פּאָלירט אלע הענטלעך און קנעפּ און דערזען אין שפּיגל אַנטקעגן זיך דעם אייגענעם פּנים און געטראַכט: בין איך טאַקע איך, דער זעלבער קלמן בולאַן פון דער היים? אָ, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקער אונ־טערשייד צווישן יענעם קלמן, וואָס פלעגט פירן ר׳ עליעס בולאַן און קאַש־טאַן, ביז דעם היינטיקן קלמן וואָס פירט אזא קלוגע מאַשין צו וועלכער מ׳דאַרף אפילו קיין בייטש ניט... און ער דערמאָנט זיך איצט מיט צער, ווי ער האָט געמוזט נוצן די בייטש און וואָס פאַר אַ צער־בעלי־חיים ס׳איז געווען אויף די פערד, ווי זיי האָבן זיך אזוי געמאַטערט באַרג ארויף, ווי ער פלעגט מוזן אונטערשטעלן אַ פּלייצע צו העלפן די פערד אַ צי טאָן אין דער בלאָטע און ווי ער פלעגט ארויסהייבן די פאַרזונקענע ביזן אַקסל רעדער.

וויאָאָאָ! אָהאָאָ! גיט קלמן גרויסמוטיק אַ סוויסטש ווי אַ מאָל, זיצנ־דיק אויף דער קאָזליע און דערזעט אזוי באַשיימפערלעך דעם מהלך פון יע־נע פערד ביז דעם אויטאָ אין וועלכן ער זיצט. ער זעט דעם אונטערשייד פון זיין היימיש שטעטל ביז זיין נייער היים אין דער ווילדער אפריקע, ווי ער וואָלט גיט נאָר אריבערגעשוווּמען אַ גרויסן ים, נאָר ווי ער וואָלט דורכ־געגאַנגען די גאַנצע וועלט און געפונען אַ נייע וועלט. ווער ווייס צי אין שטעטל איז מען שוין אזוי וויט דערגאַנגען?

זיין אויטאָ האָט זיך געיאָגט איבער דעם אַספּאַלטירטן וועג און זיין גע־דאַנק האָט זיך געיאָגט מיט אים: ווי לאַנג וואָלט עס געדויערט מיט אַ פּאָר פערד צו קומען פון זיין קאָנצעשן סטאָר צו סאָגיען? אפשר וואָלט ער

אַנגעקומען מאָרגן פרי. און דאָ זיצט ער אין אויטאָ און אָט באַלד וועט ער שוין זיין אין יאָהאַנעסבורג. און מע מאַטערט קיין פערד ניט, און מ׳דאַרף קיין בייטש ניט, און אָנשטאָט צער און זיין אויסגעשטעלט צו היץ און ווינטן האָט מען גאָר פאַרגעניגן ביים פאָרן.

קלמן פאַרגיכערט דעם גאַנג און די אָנגענעמע מחשבות קייקלען זיך שנעלער, ביז צו דער אָנגענעמער איבערראַשונג פון דער גאַנצער פאַמיליע בלייבט דער אויטאָ שטיין פאַר דעם ארייַנפאָר צום גאַראַזש פון זיין אָנקלס הויז.

מיט שרעק און פרייד נעמען אַלע אויף קלמנען. זיי ווונדערן זיך ווי שנעל ער האָט זיך אויסגעלערנט פירן דעם אויטאָ און וואָרענען אים צו זיין פאָרזיכטיק. קלמן שמייכלט אַ צופרידענער און זאָגט, אז ער האָט שוין אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. דער אָנקל פילט זיך גליקלעך. ראָזי שמייכלט צו אים. און סאָניע איז שטאָלץ מיט איר העלד, וואָס איז אויף אַלץ פעאיק און שטעלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ.

ווען קלמן איז אַזוי פלוצלינג ארייַנגעפאָרן צו דער משפחה מיט זיין אייגענעם אויטאָמאָביל, געפירט דורך אים אַליין, איז עס געווען די גרעסטע איבערראַשונג. דער אָנקל איז געשטאַנען אַ באַרוישטער און צעטומלטער און מיט פייכטע אויגן פון פרייד אָנגעקוקט דעם אויטאָ, זיך געפרעגט וויפל ער האָט באַצאָלט. און אז קלמן האָט אים געזאָגט די סומע, האָט ער גע־פסקנט אז עס איז בחצי חינם געקויפט. עס איז ווערט דאָס געלט און ער קען אים גלייך פאַרקויפן מיט אַ פיינעם ריווח. נאָך דעם האָט ער באקוקט די מאַשין פון אַלע זייטן, אפילו ארייַנגעזעצט זיך אינעווייניק און געפּרוווט אַ דריק טאָן אַ קנעפּל, אַ דריי טאָן דעם שליסל. דער אויטאָ האָט זיך צע־הודזשעט און דער אָנקל האָט געשיינט פון צופרידנקייט.

איבערהויפט האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין, אז אַ מענטש, נאָך אַ גרינער כמעט, זאָל קריגן אַ „לייסענס" צו דרייוון אַן אויטאָ אין אַזאַ קור־צער צייט. „און פאַר וואָס האָסטו עס געהאַלטן בסוד, אונדז גאָר ניט דער־ציילט? געוואָלט מאַכן אַ סורפּריז פאַר דער פאַמיליע, האַ קלמן?"

ראָזי האָט אויך באַוווּנדערט קלמנס קענען פירן די מאַשין און האָט באַוויליקט פאַר אים אַ פּאָר ליבוואָרטער: „דו ביסט שוין גאָר קיין גרינער ניט, קלמן! אונדזער פלימעניק טויג זיך אויס. נו, נוץ עס געזונטערהייט און זאָל זיין מיט גליק!" האָט זי נאָכגעהאַלטן די ווונטשן פון די אַנדערע.

סאָניע האָט געקוקט אויף קלמנען מיט צעשטראַלטע, פאַרליבטע אויגן. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו איר שוועסטער און באַמערקט: „אויף קלמנען איז זיך ניטאָ וואָס צו וווּנדערן, ער וועט אונדז נאָך ברענגען געניג סור־פריזן, קלמן איז אויף אַלץ פעאיק!“ זי האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און זיך געווענדט צו קלמנען: „און איצט — אַ סורפּריז פאַר אַ סורפּריז, קלמן. איך וועל דיר אָפּצאָלן מיט אַ סורפּריז וואָס וועט דיר מאַכן זייער צופרידן. דיין חבר פּיוול פּאַדערסקי האָט טעלעפאָנירט און געבעטן אַ דערלויבעניש צו ברענגען מאָרגן צו מיטאָג זיין כלה. ער איז פאַרקנסט געוואָרן און וויל זיין כלה מיט אונדז באַקאָנען“.

קלמן איז אַ צופרידענער אויפגעשפּרונגען און אויסגעשריען פון באַ־גייסטערונג:

„פּיוול איז אַ חתן געוואָרן, הוראַ! אָט דאָס הייסט אַן אמתער פריינד, אז ער וויל, אז מיר אַלע זאָלן זיך באַקאָנען מיט זיין כלה. איך האָף, אז זיין באַשערטע וועט ניט אַנטוישט זיין מיט אונדז און מיט אונדזער קבלת־פּנים, וואָס זאָגט איר, טאַנטע ראָזי?“

ראָזי האָט פאַרשטאַנען קלמנס אָנווונק און האָט אים פאַרזיכערט, אז דער מיטאָג וועט זיין כיד המלך.

קלמן האָט זיך געפילט אַ ביסל אומאָנגענעם פון דער ווענדונג צו דער טאַנטען וועגן דער אויפנאַמע און ער האָט עס גלייך געפּרוווט פאַרגיטיקן, אָנבאָטנדיק אַלע משפּחה־מענטשן זיך דורצופאָרן אין זיין אויטאָ מיט אים — אָנלי אַראָונד טהע קאָרנער...

ווען ער האָט זיי געבראַכט בשלום צוריק, האָבן אַלע געמוזט מודה זיין, אז ער איז שוין אַן אויסגעצייכנטער שאָפער און ער פירט דעם אויטאָ ווי אַן אַלטער געניטער דרייווער, כאָטש ער פאָרט פאַרהעלטנישמעסיק אַזאַ קורצע צייט.

דער אָנקל האָט אים מיט אָנערקענונג געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, נאָר קלמן האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער „גוואַלדאָוונער תורה“ פון פירן אַן אויטאָמאָביל. ער איז אריין אין קוראַזש און מיט אַלע פּיטשעווקעס זיי אויסדערציילט וואָס דאָס האָט געמיינט צו זיין אַ שמייסער ביי ר׳ עליע בעל־עגלה. אַלץ וואָס ער האָט געטראַכט די לעצטע טעג האָט ער זיך אַראָפּגערעדט פאַר זיין משפּחה ביים אָונטבברויט. פאַר איינוועגס האָט ער שוין דערציילט דעם נס, ווי אַזוי ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכע־

רער קאַטאַסטראָפע, ווען די פּאָר סוסים, דער בולאַן מיטן קאַשטאַן האָבן אויסגעטראָגן ווען זיי האָבן דערזען דאָס ערשטע מאָל אַן אויטאָמאָביל אויפן וועג.

קלמן האָט די גאַנצע געשיכטע אַזוי בולט און בילדעריש געשילדערט, אַז דער אָנקל און סאָניע האָבן אָנגעקוואָלן. ער האָט אפילו נאָכגעמאַכט דאָס נערוועזע הירזשען פון די פערד, ווען דער אויטאָ האָט זיך דערנענטערט און סאָניע האָט געטראַכט אַז קלמן קען זיין אַ גוטער אַקטיאָר. נאָר איין ראָזין איז ניט געפעלן געווען קלמנס מעשה און זי האָט געקרימט מיטן נעזל. ווי איינער זאָגט: מיט וואָס קלאָמפּערשט ס'איז זיך דאָ צו באַרימען: גע־ווען אַ שמייסער ביי אַ בעל־עגלה... אַ וואָזשנער ייחוס... און ס'האָט איר פאַרדראָסן וואָס ער דערציילט נאָך די דאָזיקע פּאַסירונגען מיט אַזאַ התלהבות.

דער אָנקל האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אָנגעגאָסן גלעזעלעך פאַר אַ „לחיים לכבוד קלמנס ווערן אַ דרייווער" און פאַר זיין אויטאָ. ראָזי האָט ניט מיטגעהאַלטן. און ווען קלמן האָט זיי געמאַכט נאָך אַ סורפּריז, אַז צו „באַנייען" זיין אויטאָ נעמט ער זיי אַלעמען צו אַ קינאָ־פאָרשטעלונג, האָט שוין ראָזי ניט געקענט זיך אָפּזאָגן, ווי זי האָט עס געטאָן דאָס ערשטע מאָל, און זי האָט מיט ביטערניש געטראַכט, אַז קלמן האָט אַ כישוף איר אָפּגעטאָן...

3

פֿיוועלס כּלה און אירע עלטערן

לאה ברענער איז געווען אַ בת־יחידה. מיט שיינקייט האָט זי זיך ניט אויסגעצייכנט. דערפֿאַר אָבער האָט זי פֿאַרמאָגט אַנדערע גוטע מעלות. זי איז געווען אינטעליגענט, און חוץ דעם וואָס זי איז געווען באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זי אויך געהאַט אַ טיפֿע ידיעה אין דער וועלט־ליטעראַטור. זי פֿלעגט גיין אויף אַלע יידישע רעפֿעראַטן און אָפֿט באַזוכן אויך ענגלישע לעקציעס. ווען זי פֿלעגט נעמען אַ וואָרט אין אַ דיסקוסיע, פֿלעגט דער עולם זיך אויפֿמערקזאַם צוהערן צו אירע אַרגומענטן, וואָס זיינען תמיד געווען באַזירט אויף וויסן. זי פֿלעגט אַנאַליזירן זאַכן לאָגיש און מיט אַ פּראַקטישן שכל, אַזוי אַז מענער פֿלעגן זאָגן, אַז מיט איר איז פֿאַרגעקומען אַ טעות ערגעץ אין די הימלען, ווו מ׳האָט פֿאַרביטן איר מעטריקע: זי, לאה, האָט געדאַרפֿט געבוירן ווערן אַ מאַנצביל.

איר אַנטוויקלונג איז תמיד געווען פּשוט, אָן איבעריקן פּוץ, אָבער אַלץ וואָס זי האָט געטראָגן האָט שטענדיק געפּאַסט צו איר הייכער פיגור. אירע בלאָנדע האָר זיינען געווען גלאַט פאַרקאַמט און מיט אַ שאַרפן שרונט פונאַנדערגעטיילט אין צווייען. און הגם איר פּנים איז ניט געווען געטאַקט און אירע אבֿרים ניט צו גראַציעז, האָט זי דאָך פאַרמאָגט געוויסע סימפּאַטישע שטריכן און פון אירע אויגן האָט ארויסגעפינקלט אַ היפּש ביסל חן. נאָך איר מאַטורע איז זי אוועק אין אוניווערסיטעט און געענדיקט מיט אויסצייכענונגען ווי אַ דיפּלאָמירטע לערערין.

אָשר ברענער, לאהס פאָטער, איז געווען אַ ייד אַ משכּיל פון אַמאָליקן שניט. זיין השכּלה־ייחוס און זיין ליבשאַפט פאַר די שוואַרצע פינטעלעך האָט ער מיטגעבראַכט קיין דרום־אַפריקע פון דער אַלטער היים. דאָ האָט ער זיך בלבֿ ונפש אריינגעוואָרפן אין דער ציוניסטישער טעטיקייט און געוואָרן איינער פון די פירער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. געווען איז ער אַן אַגענט פון אויסלענדישע דאַמען־קליידער, וואָס ער האָט צוגעשטעלט צו די אָרטיקע קרעמער. זיינע געשעפטן האָט ער געפירט פּינקטלעך און אָרנטלעך — און סיי אין ביזנעס, סיי אין געזעלשאַפטלעכע ענינים האָט ער זיין וואָרט תמיד בכּבֿודיק געהאַלטן.

דער נאָמען אָשר ברענער איז געווען אַ גאַראַנטיע פאַר אחריות און קוואַליטעט און אַלע האָבן דעם נאָמען געשעצט. און געקענט האָבן אים יידן פון אַלע שיכטן און קאַטעגאָריעס, ווייל ברענער איז מחוץ דער ציוניסטישער פעדעראַציע געווען אַקטיוו אין אַלע אַנדערע צענטראַלע יידישע אינסטיטוציעס ווי באָרד אָוו דעפּיוטיס (וועד הקהילות), בית־יתומים, חבֿרה־קדישא, מושבֿ־זקנים א״אַ.

מיט פייוול פאַדערסקין האָט זיך לאה באַקאַנט אויף אַ האַלב־געזעלשאַפטלעכן, האַלב־פאַמיליערן אופן. געווען איז עס אויף אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג, וווּ פייוול איז געווען דער רעדנער און אָשר ברענער — דער פאָרזיצער. און ווען די דעבאַטן נאָך דעם רעפעראַט האָבן זיך אָנגעהויבן, האָט אויך לאה גענומען אַ וואָרט. זי האָט אָפּאָנירט דעם רעדנער און זיך ארויסגעזאָגט קעגן געוויסע פונקטן און אויספירן וואָס ער האָט געמאַכט. אירע אַרגומענטן זיינען ווי תמיד געווען לאָגיש און פיין פאָרמולירט, אַזוי אַז ניט נאָר מ״ר ברענערן זיינען געפעלן געוואָרן די רייד פון זיין טאָכטער, נאָר אפילו דעם „אָנגעגריפענעם״ רעדנער אַליין. ער האָט זי באַדאַנקט

פאַר די קלוגע ארגומענטן, אָבער ווי אַ געניטער אָראַטאָר האָט ער געלונגען פאַרגלעט אירע שאלות, און מיט אַ וויץ און מיט אַ קונציקן דריידל פאַר־גלעט אירע טענות, אזוי אז דער גאַנצער עולם איז געווען צופרידן.

לאהס מאַמע, וואָס איז געזעסן אין דער ערשטער ריי, האָט אויפמערק־זאַם נאָכגעפאָלגט דעם פאַרזיץ פון איר מאַן און מיט דער זעלבער אויפ־מערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו דעם רעדנער און צו איר טאָכטער, און בעת־מעשה איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אז דער יונגערמאַן וואָלט גע־ווען אַ פּאַסיקער שידוך פאַר איר לאהן. ביי אַ גלעזל טיי נאָך דער פאַר־זאַמלונג, האָט זי ארייַנגעשושקעט איר מאַן, אז ער זאָל למען־השם איינ־לאַדן דעם רעדנער פאַר אַן אָונטברויט צו זיי אין הויז. אַ מאַמעס האַרץ האָט דעם ריכטיקן פאָרגעפיל. לאהס מאַמע איז געווען גערעכט: נאָך דעם אָונטברויט און נאָכן פאַרברענגען צוזאַמען פון די צוויי יונגע מענטשן, האָט זיך צווישן זיי אנטוויקלט אַ גאַר נאָענטע פריינדשאַפט.

אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מען שוין געפראַוועט אַ גרויס־אַרטיקן קנס־מאָל.

מ'טרעפט זיך ביי מ"ר מייקלען

פייוול פאַדערסקי מיט זיין כלה זיינען אָנגעקומען אַ קורצע צייט פאַר מיטאָג אין מ"ר מייקלס הויז. סאָניע און קלמן האָבן שוין אָפּגעוואַרט די געסט אויף דער מיט זון פאַרפלייצטער וועראַנדע. ביידע מענער האָבן זיך ארומגעכאַפּט און געקושט, ווי אַלטע חברים. גלייך נאָך דעם האָט פייוול פאַרגעשטעלט זיין כלה פאַר סאָניע שאַפּיראָ, קלמן טראַי און די מייקלס. קלמנען איז געפעלן געוואָרן וואָס פייוול רופט אים מיט זיין נייעם פאַר־קירצטן נאָמען, נאָר לאה האָט אָן צערעמאָניעס אַ זאָג געטאָן:

„איך קען אייך שוין אַ לאַנגע צייט — און טאַקע אלס קלמן. פייוול האָט מיר וועגן אייך אזוי פיל אָנדערציילט, אז מיר מעגן שוין זיין אַלטע באַקאַנטע און אָן די אַלע עטיקעטן. און דעריבער פרייט מיך אייך צו קע־נען, פריילן שאַפּיראָ, ווי קלמנס כלה".

סאָניע און קלמן זיינען געווען צופרידן, וואָס לאה האָט עס אזוי פּשוט און שנעל געמאַכט. מ'האָט זיך גלייך געפילט חבריש און סאָניע האָט די

געסט אריינגעפירט אין אויפנעם־צימער. קלמן האָט גלייך אָנגעהויבן צו דערלאַנגען כיבוד און אָנגעגאָסן גלעזלעך שנאַפּס. מ׳האָט געמאַכט אַ לחיים, פאַרביסן און די אַטמאָספער איז געוואָרן היימיש און וואַרעם.

פייוול און קלמן האָבן אָנגעהויבן איינער דעם אַנדערן דערמאָנען פאַ־סירונגען. זיי האָבן אויפגעבלעטערט זכרונות פון שעלטער אין לאָנדאָן און מ׳האָט ווידער אַ מאָל איבערדערציילט די אינצידענטן פון דער אינטע־רעסאַנטער רייזע אויף דער שיף, וואָס האָט זיך געשלעפּט ביז קייפּטאָון גאַנצע 29 טעג. איבערהויפּט האָט אויסגענומען קלמנס שילדערונג, ווי אַזוי מ׳איז אריינגעפאָרן מיט דער שיף אין פּסח אריין און קיין פּסחדיקע אכילות זיינען ניט געווען צוגעגרייט. נו, האָט עס קלמן איצט פאָרגעשטעלט ווי די זיבן־אַכט צענדליק יידישע פּאַסאַזשירן האָבן געמאָלדן, אַז זיי זיינען וויליק זיך צו באַנוגענען מיט איין עפּל און עטלעכע קאַרטאָפל אַ טאָג, נאָר ניט עסן קיין חמץ. נאָר פייוול, קלמן און נאָך עטלעכע געציילטע האָבן אויף אַזאַ מעניו ניט איינגעשטימט. האָבן זיי זיך פאַרשריבן צו עסן די געוויינלעכע אכילות, ווי אַלע טאָג.

האָט זיך טאַקע גלייך ארויסגעוויזן די אויסגעהאַלטנקייט פון די „פּסח־דיקע גיבורים" — די אַלע כלומרשט פרומע פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן זיך אריבערשאַרן צום חמצדיקן טיש. נאָר דאָ איז געווען אַ צרה — די קעלנערס האָבן זיי ניט סערווירט. האָבן פייוול און קלמן געמאַכט אַ געלט־אָקציע צווישן די „פרומאַקעס" און אונטערגעקויפט עטלעכע פון די קעל־נערס, וואָס האָבן געטראָגן חמצדיקע עסנוואַרג דירעקט צו זיי אין די קאַיוטעס.

וועגן דעם לעבעדיקן פּסח אויף דער חמצדיקער שיף, ווי קלמן האָט עס אָנגערופן, האָט ער אַזוי לעבעדיק דערציילט און מיט אַזוי פיל הומאָר, אַז ביי אַלעמען זיינען טרערן געשטאַנען אין די אויגן פון לאַכן. איבערהויפּט האָט מען זיך געקייקלט פון געלעכטער ווי אַזוי קלמן האָט נאָכגעמאַכט די פאַרשיידענע טיפּן, אַז אפילו ראָזי מיט איר צוריקגעהאַלטענער רעזערוואַ־ציע צו קלמנס רייד, האָט אויך געמוזט אויסשיסן אין אַ געלעכטער. און מ"ר מייקל האָט נאָך אין זיין לעבן אַזוי פיל ניט געלאַכט.

מען איז איבערגעגאַנגען פון איין טעמע צו דער צווייטער, און די אויפגעהייטערטע שטימונג האָט אָנגעהאַלטן ביים עסן די גאַנצע צייט. אַז מען איז איבערגעגאַנגען צו דער מלחמה, רעוואָלוציע, די יידישע לאַ־

גע אין רוסלאַנד און די באַלפור־דעקלאַראַציע, איז די שטימונג געוואָרן ערנסט. איצט איז איבערגעגאַנגען די איניציאַטיוו צו פּיזול. ער האָט אָנגעפירט מיט דער דיסקוסיע. ער האָט מיט ליכטיקע קאָלירן געמאָלן די יידישע צוקונפט, נאָך דעם ווי דאָס יידישע פאָלק וועט ווערן בעל־הבית איבער ארץ־ישראל און דאָרט קענען ארייַנטאָן זייַן גאַנצע ענערגיע און פרייַ זיך אַנטוויקלען. נאָך דעם האָט לאה נאָך אַלץ געפונען ווי צו „אָפּאָנירן" איר חתן. דיסקרעט און קורץ האָט זיך ארויסגעזאָגט סאָניע. פּיזול האָט חבריש צוגעוואָרפן:

„נו, און דייַן מיינונג וועגן דער פראַגע, קלמן? ביסט דאָך עפּעס געווען אַ בונדיסט".

„אמת, פּיזול!" האָט קלמן זיך אָנגעכאַפּט אָן זייַן ארויסרוף, ווי אַן אַקראָבאַט אין אַ צירק כאַפּט זיך אָן דעם רעטונגרינג. „איך האָב זיך טאַקע עטלעכע יאָר געהאַדעוועט אויף דער אידעע פון בונד. ווען משה גאָלוש און די אַנדערע חברים האָבן עס דערקלערט, בין איך געווען איבערצייַגט, אַז נאָך דעם ווי די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קומען וועלן מיר, יידן, זיך קענען אויסלעבן ווי פרייַע מענטשן. און וואָס זעען מיר הייַנט נאָך דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און וואָס קענען מיר לערנען פון דעם? איז דער אנטיסעמיטיזם פאַרשוווּנדן, ווי מיר האָבן געטראַכט? ניין! דער ייד לעבט דאָרט ווידער אין פּחד, טאַקע ווי אַ ייד. און די ערשטע זאַך האָט מען קאָנפיסקירט יידישע פאַרמעגנס און גלייַכצייטיק אָנגעקלעפּט אַ שמוציק עטיקעט אויף יידן ווי אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן. און פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע לאָזט מען שוין צו קיין זאַך ניט צו, מ'רודפט עקאָנאָמיש. איז עס טאַקע אין מייַנע אויגן די יידישע לאַגע אין רוסלאַנד פיל ערגער ווי פאַר דעם צאַר.

„דעריבער בין איך צוליב די סיבות געקומען צום באַשלוס, אַז כל זמן מענטשן וועלן זייַן צעטיילט ניט נאָר אין קלאַסן, נאָר אויך אין פעלקער און נאַציעס, האָבן מיר, ווי אַ פאָלק, נאָר איין איינציקן אויסוועג: אַן אייגן ווינקעלע פאַר אַלע יידן. און אזוא אייגן ווינקעלע, האַלט איך מיט מייַן חבר פּיזול, דאַרף זייַן נאָר ארץ־ישראל. ניט נאָר האָבן מיר איצט די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס אָנערקענט אונדזער רעכט אויף דעם לאַנד, נאָר אונדזערע אַלע סענטימענטן ווי אַ פאָלק זייַנען פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל. און מיר דאַרפן טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, כדי ארץ־ישראל זאָל זייַן אונדזערע".

„בראַוואָ, קלמן!" האָט פּיזול צופרידן און באַגייסטערט אַפּלאָדירט. „איך האָב זיך גאָר ניט פאַרגעשטעלט אז דו קענסט די קונסט פון ריידן בעסער פון מיר. ביסט דאָך אַ רעדנער מיט אַלע פּיטשעווקעס. איז ווייסטו גאָר וואָס ס'איז מיר איצט איינגעפאַלן: איך פאַרבעט דיך, אין לאהס און אין מיין נאָמען, צו האַלטן פאַר אונדז דעם 'טאָסט' אויף אונדזער חתונה".

„מאַך פון מיר קיין חוזק ניט, פּיזול. איך בין נאָך אַלץ ניט דערגאַנגען צו דער מדרגה זיך אוועקצושטעלן פאַר אַ געקליבענעם עולם און ריידן וועגן אזעלכע געהייבענע חתן־כלה ווי איר ביידע זייט. צו דעם, פּיזול, בין איך נאָך ניט דערוואַקסן".

„ניין, קלמן, איך שפּאַס ניט. כ'מיין מיט אַן אמת און איך בין איבערצייגט, אז דברים היוצאים מן הלב, אַן מליצות און אָן הויכע פראַזעס, ווי דו רעדסט, האָבן אַ גרעסערע ווירקונג ווי די אַלע קאָמפּלימענטן און פאַלשע רייד וואָס מ'שיט דאָ אויף חתן־כלה. איצט זע איך אַן איבעריק מאָל, קלמן, אז כ'האָב זיך אין דיר ניט טועה געווען. שוין אין שעלטער, נאָך אונדזער ערשטער באַגעגעניש, האָב איך דערפילט די ריינע נשמה וואָס צאַפּלט אין דיר, די פעאיקייטן פון אַן אינטעליגענטן מענטש, וואָס ליגט טיף אין דיין האַרצן און מ'דאַרף זיי נאָר ארויסברענגען און איצט זע איך, אז דיינע פעאיקייטן האָבן זיך ארויסגעריסן פון דיר נאָך פריער ווי מ'האָט עס געקענט דערוואַרטן. און דאָ, קלמן, זיצט די 'שולדיקע' אין אויפעפענען דעם קוואַל פון מ"ר קעלי טראַי — דאָס איז סאָניע שאַפּיראָ!"

אַלע האָבן אַפּלאָדירט און פּיזול האָט פאַרגעזעצט:

„דעריבער וויל איך, קלמן, און בין זייער ערנסט מיט דער בקשה: דו וועסט האַלטן דעם 'טאָסט' פאַר אונדז אויף דער גרעסטער שימחה אין אונדזער לעבן. לאָמיר טאַקע פרעגן די צוויי כלהס אויב זיי זיינען מסכים".

„מסכים מיטן גאַנצן האַרצן!" האָט סאָניע זיך געאיילט צו ענטפערן.

„מסכים!" האָט לאה ברענער נאָכגעהאַלטן. „איך פאַרלאָז זיך אין גאַנצן אויף פּיזולען, אז ער האָט געמאַכט דעם בעסטן אויסוואַל. דערפאַר זאָג איך אייך צו, אז ווען דער גרויסער טאָג פון אייער חתונה וועט קומען, וועט פּיזול אייך אָפּדינען מיט זיין גאַנצן האַרצן. און אויף דעם בעט איך שוין גלייך די הסכמה פון חבר פּיזול".

„מסכים!" האָט פּיזול אַ צופרידענער באַשטעטיקט און אַלע האָבן זיך געדריקט די הענט.

זאַטע, צופרידענע און אין אַ גוטער שטימונג האָבן זיך שפּעט אין אָונט געזעגנט די געסט מיט די מייקלס. קלמן און סאָניע האָבן אָפּגעפירט לאה ברענער און פּיזול פאַדערסקין אהיים. קלמן איז געזעסן ביים רעדל פון זיין אויטאָמאָביל און אַלע האָבן באַוואונדערט ווידער אַ מאָל זיין פּע־איקייט מיטן פירן דעם אויטאָ. מ׳האָט זיך צעקושט און זיך געוואונטשן צו טרעפן איינע ביי די אנדערע אויף חתונה.

דער באַשלוס וועגן חתונה

מ״ר מייקל האָט שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט צו ריידן מיט זיין ווייב אָפענע דיבורים וועגן סאָניען און קלמנען. ניט איין מאָל האָט ער זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות ניט ארויסצופּלאַצן, אז ס׳איז שוין צייט צו מאַכן אַ סוף צום נאַרישן שפּיל און זאָלן די קינדער חתונה האָבן. דעם שבת פון צוזאַמענטרעף מיט פּיזולען און זיין כלה האָט מ״ר מייקל באַ־שלאָסן: אַ סוף זאָל עס נעמען, ער וועט ריידן מיט ראָזין.

קלמן איז דעם קומענדיקן שבת ווידער געקומען מיט זיין אויטאָמאָביל און גלייך אריינגעבראַכט אַ פריילעכן טומל אין הויז. ער האָט זיך מיט אַלעמען געקושט און נאָכן טרינקען טיי האָט ער העפלעך פאַרבעטן סאָניען זיך דורכצופאָרן מיט אים.

ווי נאָר זיי האָבן פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר האָט זיך אין הויז אויסגעלייגט אַ שטילקייט. מ״ר מייקל האָט געקוקט צו דער זון, וואָס האָט זיך אַ צונטער־רויטע געזעצט אין מערב און אים האָט זיך געדוכט, אז דער בין־השמשות ציט זיך צו לאַנג, לענגער ווי אַלע מאָל. די שטילקייט האָט אים געאַרט און ער האָט געוואָלט הערן אַ מענטשלעך קול. ער האָט פּלוצ־לינג דערלאַנגט זיך אַ קער צו זיין ווייב:

„איז וואָס איז דייך מיינונג היינט וועגן אונדזער קלמנען, האַ?״ ער האָט מיט די ווערטער איבערגעריסן די בין־השמשותדיקע שטילקייט און אויפגעוועקט זיין ווייב פון אירע מחשבות. זי האָט געגעבן אַ הייב אויף דעם קאָפּ צו אים, ווי זי וואָלט ארויסגעטויכט פון אירע טראַכטענישן אין וועלכע זי איז געווען פאַרזונקען. סעם האָט ווייטער גערעדט:

„איך גלויב, אז מיר האָבן מיט אונדזער קלמנען געטראָפן, דאַנקען

גאָט! ער וועט ניט פאַרשעמען די פאַמיליע, ווי דו, ראָזי, האָסט פון אָנהייב געטראַכט. ווייל איך איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז דו זאָלסט וויסן אַז מ׳דאַרף קלערן וועגן אַ תכלית. לויט מיין מיינונג איז עס שוין לאַנג צייט געווען און די צייט שטייט ניט אויף אַן אָרט. טו נאָר אַ קוק אין די פאַרליבטע אויגן פון סאָניען, דיין שוועסטער, און דו וועסט זען אַז איך בין גערעכט. קלמן איז שוין אין אַ פּאָזיציע אויסצוהאַלטן ניט נאָר אַ ווייב, נאָר אפילו אַ גאַנצע פאַמיליע. זיין שותפות אין געשעפט איז געווען אַ גליקזאַך און זיין באַנקביכל ווערט פעטער מיט יעדן טאָג. קלמן פאַרמאָגט אַ גאָלדענע נאַטור. מיר זעען פון די אויפגעקומענע גבירים אין דעם לאַנד, אַז געלט ווירקט שלעכט אויף זיי, אָבער איך בין זיכער, אַז מיט קלמנען וועט עס ניט פּאַסירן. ער וועט בלייבן דער זעלבער קלמן וואָס ער איז היינט און וואָס ער איז געווען נעכטן. ער איז פון נאַטור אַ גוטער און געלט וועט ניט מאַכן קיין חילוק אין זיין לעבן. ביי אים קען עס ווירקן פונקט פאַרקערט: צום בעסערן.

„ווען קלמן האָט גאָר ניט פאַרמאָגט, האָט ער זיך ניט געקענט ארויסווייזן מיט זיין גוטסקייט. ער האָט מיר אליין איין מאָל דערקלערט, אַז אויב אַ מענטש פאַרמאָגט גענוג פאַר זיך וויפל ער באַדאַרף, איז עס פשוט אַן עבירה ער זאָל גאָר זיין געלט פאַרשטעקן אין אַ זיכער־קאַסע און קיינער זאָל פון דעם קיין הנאה ניט האָבן. ער האַלט פון דער פילאָסאָפיע, אַז געלט דאַרף זיין אין אומגאַנג אָנשטאָט צו ליגן אין באַנק. חוץ מיסחר, ווען געלט דאַרף זיין אויפן מאַרק, דאַרף געלט אויך ארויסהעלפן אנדערע מענטשן וואָס נייטיקן זיך אין דעם. לייען אַ גמילת־חסד, געבן צדקה, שטיצן וויכטיקע אַנשטאַלטן — דעמאָלט איז געלט ניט קיין טויטע זאַך און האָט אַ ווערט, ווייל עס טוט מיצוות און העלפט מענטשן. כ׳האָב לכתחילה געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ פאַרדרייטע פילאָסאָפיע, אָבער ווען איך האָב זיינע רייד גוט דורכגעטראַכט בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז ער איז אין גאַנצן גערעכט. און ווי ווויל און גוט וואָלט געווען פאַר אַלע מענטשן, ווען יעדער וואָלט אזוי געטראַכט און געטאָן אין דער פּראַקטיק. מ׳וואָלט דאַך געקענט גליקלעך מאַכן די גאַנצע מענטשהייט. אָבער איך בין גאָר אַראָפּגעקראָכן פון וועג, ווייל געוואָלט האָב איך גאָרריידן וועגן תכלית“.

„איך זע, אַז קלמן האָט דיר שוין געמאַכט פאַר אַ גאַנצן פילאָסאָף... איז וואָס זשע טאַקע איז וועגן תכלית?“ האָט ראָזי געפרעגט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך די טיר געעפנט און צעהיצטע און פריילע־כע זיינען אין שטוב אריינגעפאַלן סאָניע און נאָך איר קלמן. מ״ר מייקל האָט זיך געקליבן צו זאָגן זיין וויב וועגן תכלית און איז געבליבן זיצן מיט אָן אָפן מויל. די צוויי יונגע מענטשן האָבן גלייך דערפילט, אז זיי האָבן געשטערט אין מיטן אַ שמועס און סאָניע האָט געפרווט מאַכן אַ שפּאַס:

„איר האָט אוודאי געמוזט ריידן לשון־הרע אויף אונדז, אז איר האָט זיך פלוצלינג דערשראָקן און איבערגעהאַקט אייער געשפרעך״.

„אוודאי לשון־הרע״, האָט סעם אונטערגעכאַפּט, ווי קלוג סאָניע איז.

„אָבער וועסט ניט טרעפן ווער פון אונדז איז היינט דער באַריידער״.

„היינטיקס מאָל דער אָנקל״, האָט קלמן סתם אין דער וועלט זיך ארויסגעכאַפּט.

„צוויי קלוגע קעפּ וואָס פּאַסן זיך צוזאַמען, ווי איך בין אַ ייד!״

„צוויי קלוגע קעפּ וואָס זיינען פאַרליבט — און דאָס איז שוין איצט פאַר אייך קיין סוד ניט״, האָט סאָניע גערעדט אין דעם טונקעלן צימער, ווו איר שאָטן האָט אויף די ווענט געטאַנצט און אויסגעמאָלן מאָדנע פיגורן.

ראָזי איז געוואָרן אומגעדולדיק און אויסגערופן: „צינדט אָן דאָס ליכט. ס׳ווערט מיר אומעטיק פון אייערע רייד״.

קלמן האָט אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל און דאָס צימער איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט העלן ליכט. ראָזי האָט אויפגעציטערט פון ליכטבליאַסק, ווי זי וואָלט ארויפגעטרייסלט פון זיך די שאָטנס. אַלע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן.

„פאַר וואָס ווערט דיר אומעטיק, ראָזי?״ האָט סאָניע געפרעגט איר שוועסטער מיט אַ ביסל פאַרוואורף. „זעסט דאָך אז מיר זיינען פאַרליבט! און טאַקע שטאַרק פאַרליבט, טאָ צו וואָס זיך שפּילן אין באַהעלטעניש? איך האָב זיך אין קלמנען ניט אָפּגענאַרט. ער האָט אין מיינע אויגן איבער־געשטיגן אַלע מיינע דערוואַרטונגען. איך ווייס עס, אָבער מיט דיר, מיין שוועסטער, מוז איך עס אָן אויפהער איינחזרן כדי פון דיר ארויסקריגן אַ באַשטעטיקונג פאַר אונדזער פאַרבינדן זיך״.

„אָט וועגן דעם טאַקע האָבן מיר גערעדט״, האָט סעם איבערגעריסן סאָניען.

„פרייט עס מיך צו הערן, ווייל מיר ריידן אויך וועגן דעם כסדר. קלמן האָט מיר ניט איין מאָל געזאָגט, אז ווען כ׳וועל אים נאָר מאַכן דעם מינ־

דסטן אַנדייט, אַז ס'איז צייט צו גיין אונטער דער חופּה, וועט ער אוועק־וואַרפן אַלע גליקן און איז גרייט צו גיין פאַר מיר אין פייער און וואַסער. מיר וואַרטן אָבער ביידע אויף אַ וואָרט פון מיין שוועסטער. כאָטש זי האָט אונדז שוין אָנערקענט, ווילן מיר נאָך הערן איר יאָ מיט אַ פול מויל און פון גאַנצן האַרצן".

ראָזי האָט זיך אַ שטעל געטאָן און אַנטשיידן און מיט זיכערקייט גע־מאָלדן:

„אַלזאָ, איר ווילט הערן מיין וואָרט, טאָ הערט זשע, איבערהויפּט דו, קלמן. היינט זאָג איך שוין מיין יאָ און מיטן גאַנצן האַרצן!"

אַלע האָבן אַפּלאָדירט איר דערקלערונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ ציטערדיק־עמאָציאָנעלן קול.

„אַ דאַנק דיר, שוועסטער! אָבער כ'האָב דערוויל באַשלאָסן ניט צו דריקן אויף קלמנען, כדי אים ניט צו שטערן און ניט אָפּשטעלן אין מיטן זיין פּראָגרעס וואָס איך פאָלג אַזוי שטאַרק נאָך. סיי מענטשלעך און סיי מאַטעריעל איז ער שוין אויף אַ הויכן שטאַפּל. ער ווייס וואָס ער טוט און איך פאַרלאָז זיך פולקום אויף אים. און כאָטש כ'וויל זיין גאַנג ניט פאַר־האַלטן און וויל אים ניט שטערן, פיל איך אָבער, אַז די צייט איז שוין נאָענט. היינט, מאָרגן וועט מסתמא קלמן קומען צו מיר מיט זיין שמייכל און תמי־מותדיק אַ זאָג געטאָן: סאָניע, גענוג! אויב מיין לעבן איז דיר ליב און טייער פונקט ווי דיין לעבן איז מיר ליב און טייער, איז געקומען די צייט אַז מיר זאָלן אונדזערע ביידנס לעבנס פאַראייניקן..."

אין ראָזיס אויגן האָט אַ פייכטקייט אַ גלאַנץ געטאָן און זי האָט אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי עמעצער וואָס זוכט זיך אַן עפּעס אָנצוכאַפּן ביים פאַלן. זי האָט זיך אַ ביסל באַ־הערשט און שטיל גערעדט:

„איך פיל, אַז היינט איז דער טאָג ווען איך מוז איבערחזרן צום צווייטן מאָל מיין טעות וואָס איך האָב געמאַכט אין קלמן דעם מענטשן. אַזאַ טעות קען מיט איין מאָל מסתמא ניט פאַרגעבן ווערן. כ'האָב געזוכט אַ באַרעכטיקונג אין די סיבות וואָס האָבן געפירט דערצו. אָבער איך זע, אַז דאָס איז בלויז געווען אַן אויסדרוקטעניש. דאָס ערשטע באַגעגעניש ביי דער באַן האָט ער אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ פּחד. כ'מוז אים זאָגן אין די אויגן, אַז פון ערשטן קוק האָב איך געזען, אַז די עם־הארצות, די פּראָסטקייט האָט

ארויסגעשפּאַרט פון אַלע זיינע באַוועגונגען, פון זיין יעדן ריר און קער. ער איז מיר פאַרגעקומען גרויס און האַמעטנע און אַן אײדלקייט. זיין גאַנ־צע באַנעמונג האָט מיך אָפּגעעקלט און איצט שטיי איך פאַר אייך אַלע צו־ויי און זאָג חטאתי. אָט קוק איך אויף קלמנען, ווי ער הערט אויס מיינע תשובה־רייד. ער איז מיר נאָענט און סימפּאַטיש. איך בין זיכער אז איר וועט מיך פאַרשטיין.

„ס'האָט מיך געשווידערט ביים געדאַנק: מיין אײדעלע געבילדעטע שוועסטער מיט אָט דעם גראָבן יונג! איך האָב באַמערקט, אז סאָניע איז ניט גלייכגילטיק צו אים, און ער וועט עס ווערן דער מאַן פון מיין שוועסטער אויף וועמען כ'האָב אזוי פיל האָפענונגען געלייגט. מיין לייב האָט געציטערט פון דער מחשבה, אז ער וועט עס זיין מיין שוואָגער.

„איך האָב זיך אויפגעבויט אַן אילוזיע, אז דורך סאָניען וועל איך קענען אריינקומען אין אַ בעסערער געזעלשאַפט, שטייגן סאָציאַל, און מיט איין מאָל האָב איך דערזען ווי דער ניי־אָנגעקומענער און רויער מענטש צעברעכט אַלע מיינע חלומות. איצט פאַרשטיי איך די סיבה פון מיין פיינדשאַפט, און איך פאַרשטיי אויך די ענדערונג צום גוטן, ווייל כ'האָב מיט אַ מאָל דערזען פונקט דאָס פאַרקערטע : דווקא דורך קלמנען גאָר וועלן מיר אַלע אריין אין דער העכערער געזעלשאַפט. פאַראַכטאָגן אויף דעם מיטינג האָב איך עס גלייך דערזען אזוי קלאָר. און דעם לעצטן זונטיק דער צוזאַמענטרעף מיט מ״ר פאַדערסקי און זיין כלה לאה ברענער האָט עס נאָך מער באַשטע־טיקט. ווען כ'האָב געזען ווי אזעלכע מענטשן פון גרויסער אינטעליגענץ באַציען זיך מיט חברשאַפט און רעספּעקט צו אונדזער קעלי טראַי, איז פאַר מיר געווען אַ באַוויז פון מיין בלינדקייט. אז כ'האָב געזען זייער אינטערעס צו הערן זיינע געדאַנקען און זיך צוהערן צו זיינע ארויסגעזאָגטע מיינונגען, איז דאָס געווען פאַר מיר אַ באַוויז, אז קלמן שטעלט פאַר מיט זיך אַ גאָר וויכטיקן מענטשן, און איך פאַרשטיי זיך ניט אויף אים. עס איז געווים פאַר אונדז געווען אַ כבוד, אז דורך קלמנס זכות זיינען מיר פאַרבעטן געוואָרן אויף דער חתונה פון מ״ר פאַדערסקי, און מיט וואָס פאַר אַן ערנסט ער איז באַשטאַנען אויף דעם, אז קלמן זאָל האַלטן דעם טאָסט פאַר חתן־כלה.

„איך האָב זיך איינגערעדט אז איך בין די קלוגע. איצט שטיי איך פאַר אייך אַ באַזיגטע און זאָג אָפן, אז ס'איז מיין טעות. און כדי צו פאַר־ריכטן מיין פעלער וויל איך איצט אָפן געבן מיין צושטימונג צו דער חתונה

פון מיין שוועסטער מיט קעלי טראַי. איך זע, אז מער קיין שטערונגען זיינען ניט פאַראַן און עס איז ניטאָ אויף וואָס צו וואַרטן און אָפּלייגן אין לאַנגער באַנק. און אויב ריידן תכלית מיינט: מ׳דאַרף פראַוועןאַ חתונה ווי עס פּאַסט פאַר אזא פּאָר, וועל איך דעקן אַלע הוצאות — איך וועל עס פאַררע־כענען ווי אַ רעהאַביליטאַציע פאַר מיין טעות און די גרעסטע פּריווילעגיע וואָס קלמן וועט מיר געבן״.

סאָניע איז צוגעפאַלן צו איר שוועסטער, איר ארומגענומען און גע־קושט איר אין ביידע באַקן. סעם, אַ דערמוטיקטער פון אירע וואַרעמע רייד, איז צוגעגאַנגען צו זיין ווייבל און איר אַ קוש געטאָן. און קלמן האָט זיי מיט זיינע שטאַרקע ברייטע אָרעמס ארומגענומען און געזאָגט:

„אַ דאַנק אייך טאַנטע און אָנקל, און מזל־טוב אונדז אלע!״

אַלע האָבן אויסגערופן מזל־טוב און דער אָנקל איז געוואָרן אויפ־געלייגט:

„איצט וועלן מיר מאַכן אַ לחיים פאַר חתן־כלה. ראָזי, נעם ארויס די גלעזער פאר שאַמפּאַניער, וואָס איך האַלט שוין באַהאַלטן פאַר דעם עטלעכע וואָכן״.

4

פּיזולס חתונה: אין שול און אַרום שול

די הויפּטשול פון יאָהאַנעסבורג, אין וואָלמאַראַנס גאַס, האָט זיך געטונקט אין אַ ים פון יום־טובדיקע ליכטער, וואָס האָט זיך געזען פון דער ווייטנס. צו דער שול האָבן זיך געצויגן מאַסן מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער, וואָס זיינען אויסגעשטיגן פון די אויטאָמאָבילן, אויסגעפּוצטע און פריילעכע. אַלע בייגאַסן און געסלעך ארום זיינען שוין געווען אָנגעשטעלט מיט אויטאָמאָבילן, פון די קלענסטע ביז די גרעסטע און גלאַנציק־עלעגאַנטסטע, אזוי אז ס'האָט אויסגעזען ווי די גאַנצע געגנט וואָלט זיך גרייטן צו אַ נאַציאָנאַלער פייערונג. אויף די טרעפּ פון דער שול האָבן געשפּרייזט דאַמען אין באַל־קליידער און מענער אין שוואַרצע אָוונט־אָנצוגן.

פון די באַלקאָנען ארום דער שול האָבן אויגן מיט נייגער אַראָפּגעקוקט און געשאַצט די צאָל געסט און זייער רײַכקייט. אין שול, אינעווייניק, האָבן זיך די מענטשן אויסגעזעצט איינע קעגן די אַנדערע אויף די לאַנגע בענק — אין ריי שמייכלענדיקע פּנימער קעגן אַ צווייטער. דאָ איז געווען אַ דורכמיש פון די געסט פון פאַרשיידענעם שטאַנד: געהויבענע און מיוחס־דיקע מיט פּשוטע עמך־יידן, און ארום זיי האָט געזשומט ווי אין אַ בינ־שטאָק.

ביים אָרון־קודש איז שוין די חופּה גרייט געווען און דער אָרגאַן האָט פייערלעך צוגעברומט און געשאַפן די רעליגיעזע שטימונג. פיר בחורים, פאַרפּוצט אין גלאַנציקע צילינדערס, זיינען צוגעקומען צו דער חופּה און פעסט צוגעהאַלטן די חופּה־שטאַנגען, ווי ס׳וואָלט אַ סכנה געווען אז די חופּה זאָל ניט פאַרשווינדן איידער נאָך חתן־כלה קומען.

און אָט פירט מען שוין דעם חתן און עולם ווערט שטיל און שטעלט זיך אויף מיט רעספּעקט — אַ קלייניקייט, חתן דומה למלך. די מחותנים וואָס האָבן ביז איצט דעם חתן „געהיט" אין דעם גבאיס־באָקס, לאָזן אים איבער אונטער דער שמירה פון די פיר שטאַנגען האַלטערס. זיי אליין לאָזן זיך גיין הינטער דעם שמש, וועלכער איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער ברייטער רעטאָנדע. זיי שפּרייזן מיט חשיבות און לאַנגזאַמע טריט — זיי גייען ברענגען די כלה.

דער רב שטייט שוין גרייט אין אַ שוואַרצער סוטאַנע, אויף זיין קאָפּ טורעמט זיך אַ הויכע פיר־שפּיציקע יאַרמעלקע. ער באַטראַכט אַלץ מיט פאַרזשמורעטע אייגעלעך, ווי ער וואָלט זיך מתייחד זיין אין תפילה, מיט דעם חתן אונטער די שטאַנגען. אין זיין רבנישער פּראַקטיק האָט ער שוין זיך אויסגעלערנט זיי אָפּצושאַצן, ווי פּעאיק זיי זיינען און וויפל זיי זיינען ווערט...

דער חזן, אין אַ גלאַנציקער רעטאָנדע מיט אַ כפול־שמונהדיקער יאַר־מעלקע, שטייט ביי דער זייט, אָנגעגורידערט און שטייף, מיט אַ מאָל פאַר־קלינגט די שול מיטן געזאַנג פון כאָר, וואָס באַגעגנט די כלה מיט ברוך הבא.

די כלה, ווייס געשלייערט, ווערט געפירט פון איר טאַטן. הינטער זיי גייען מיט געמאָסטענע טריט די מחותנים, פּאָרל נאָך פּאָרל, לויט דער קרובהשאַפט צו חתן־כלה. פאָרויס גייט דער שמש מיט צוויי פאַרפּוצטע קינדער: אַ ייִנגעלע אין אַ צילינדער און אַ מיידעלע אין אַ ווייסן שלייער,

וואָס זעען אויס ווי מיניאַטור־קאָפּיעס פון חתן־כלה. הינטער דער כלה גייט נאָך אַ דערוואַקסן יונג מיידל, אין אַ זיידן ווייס קלייד, און זי טראָגט נאָך דער כלהס לאַנגן שלייער עס זאָל זיך ניט שלעפּן אויף דער ערד. אַלעמענס בליקן פאַלן אויף דער כלה, צעשמייכלטע. די כלה האַלט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי איז פאַרשעמט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ כלה, און מיט קליינינקע טריטעלעך, ווי ס׳וואָלט געווען אין זיי אַ מאָס פון צניעות, דערנענטערט זי זיך צום חתן.

דער חזן גיט אַ הוסטעלע, כאַפּט אַ שטילן טאָן און מיט אַ מאָל צעלאָזט ער זיך מיט דעם „מי אדיר״. ער ציקלט זיך, הייבט די שטימע און לאָזט זי אַרונטער און פליסט זיך אויסצוגעמען. דער כאָר, באַגלייט פון אָרגאַן, צעקלינגט זיך מיט באַגלייט־טענער.

איצט קומט דאָס סאַמע וויכטיקסטע: דער רב זאָגט די ברכות מיט אַ ספּעציעל טראַדיציאָנעלן ניגון, וואָס קלינגט אָפּ אין אַלע פיר ווינקלען פון דער גרויסער שול. ער איז מסדר קידושין מיט באַזונדערער אינטאָנאַציע, דער חתן זאָגט נאָך מיט אַ גוטער קלאָרער דיקציע דעם „הרי את״ און דער רב לייענט די כתובה, אין לשון־קודש און אין ענגליש. דער חזן זינגט די אַנדערע ברכות און חתן־כלה גיט מען צו איינציקע זופּ פון זעלבן בעכער וויין. און אָט הערט מען שוין דאָס ברעכן פון אַ גלאָז און גלייך פאַרקלינגט די שול אַן אויסגעשריי פון גאַנצן קהל: מזל־טוב!

חתן־כלה צעקושן זיך, מ׳קושט זיך מיט טאַטע־מאַמע, מיט מחותנים און מחותנים צווישן זיך. אַלע שטופּן זיך, יעדער וויל זוכה זיין אין דער מיצווה פון קושעניש. עס דוכט זיך אַז ניט נאָר די לעבעדיקע מענטשן פרייען זיך, נאָר דער גאַנצער אַרום איז צעפריידיקט — די חופה, די ווענט און דער אָרון־קודש, און די לאָמפּן האָבן זיך העלער צעלויכטן אין דער מינוט פון שימחה.

דער עולם ווערט מיט אַ מאָל אַ געדיכטע מאַסע. אַלע שפּאַרן זיך צום אַרויסגאַנג. יעדער וויל אַרויס פריער, איילט זיך און שטופּט אונטער די זייטיקע, כדי ניט צו פאַרשפּעטיקן צו דער סעודה אין זאָל און פאַרכאַפּן אַן אָרט נענטער צו דעם הויפּטטיש.

קלמן איז אויסגעפּוצט אין אַ נייעם אָונט־אַנצוג, וואָס ער האָט זיך ספּעציעל געלאָזט נייען ביי אַ געהויבענעם שניידער צו פּיוולס חתונה. אין

דער ווייס־אָנגעקראָכמאָלטער העמד מיטן האַרטן קראַגן און דעם שוואַרצן שלייפעלע אונטערן האַלדז האָט ער זיך געפילט ווי אין אַ כאָמעט. ער האָט זיך דערמאָנט ווי טאָדרעס דער אַגענט האָט אים בעתן אנטלויפן פון די דראַגונער אויך אַזוי איינגעשפּאַנט און ווי ער האָט מער ניט געקענט אויס־האַלטן און אַראָפּגעריסן דעם האַרטן קראַגן מיטן שניפּס ווי נאָר ער איז ארויס פון וואַגאָן. היינט ווייס ער, וועט ער עס ניט קענען טאָן. אָבער ער פילט זיך דאָך יום־טובדיק און מיט לייטן גלייך. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז ער אַזוי אויסגעסטראָיעט.

סאָניע און ראָזי האָבן דאָס היינט געהאָלפן קלמנען זיך אַזוי אויס־טרענצלען און ער האָט זיך געלאָזט פירן פון זיי ווי אַ לאַכמאַנער פערד. ער זיצט אויף דער באַנק צווישן אַלע חשובע געסט און דרייט נערוועז מיטן קאָפּ. ער וואָלט זיך אַ ביסל וועלן באפרייען פון דער ענגשאַפט ארום האַלדז. זיי האָבן אים איינגעקלעמט שיעור ניט דערשטיקט צו ווערן. אָבער מ׳האָט אים שטרענג פאַרזאָגט, אַז אין אַזאַ אוניפאָרם גייט מען עס אָנגעטאָן אויף אַ חתונה, בפרט איינער וואָס דאַרף האַלטן דעם „טאָסט״ לכבוד חתן־כלה.

אויך מ״ר מייקל האָט זיך צו דער געלעגנהייט פאַרפּוצט אין אַ שוואַרצן אָוונט־אָנצוג און אַ ווייס העמד, וואָס ער האָט גענוצט נאָר פאַר אויסערגע־וויינלעכע פאַלן. און וועגן די פרויען איז דאָך שוין אָפּגערעדט: זיי האָבן זיך אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק אוןביידע האָבן געשיינט, אַז זיי האָבן צוגעצויגן די בליקן פון די ארומיקע. איבערהויפּט סאָניע וואָס ניט וויניק יונגע מענערישע אויגן האָבן נאָכגעפּאָלגט אירע גראַציעזע באַוועגונגען און ניט געקענט אָפּרייסן די בליקן פון איר מאַטאָוון אַלבאַסטער פּנים, וואָס איז געווען לייכט צוגעפּוצט מיט א קליין ביסעלע פּודער און פאַרב. אירע ברוינע גרויסע אויגן האָבן געשיינט מיט אַזוי פיל יידיש־באַשיידענעם חן, אַז איר געוועזענער לערער האָט זי שיעור ניט אויפגעגעסן מיט זיינע קורצ־זיכטיקע אויגן. מ״ר גרינבלוי האָט איינגעגראָבן זיינע דיקע גלעזער פון די פראָסט־געראַמטע שפּאַקולן אין איר פּראָפיל, ווי ער וואָלט פאַרגעסן אַז ער געפינט זיך צווישן מענטשן. ער האָט זיך ניט פאַרגונען אַראָפּצונעמען זיינע אויגן, וואָס האָבן מיט זשעדנעקייט זיך איינגעגעסן אין איר, עלעהיי די אויגן וואָלטן גערעדט: אויב כ׳קען דיר ניט האָבן, ליבע סאָניע, איז לאָז מיך כאָטש הנאה האָבן פון קוקן אויף דיר. דער זיך שטופּנדיקער עולם האָט

מ״ר גרינבלויען אַ טראַג געטאָן און ער האָט סאַניען פאַרלוירן. ער איז גע־טראָגן געוואָרן פון אַ שטראָם מענטשן.

צווישן די אויטאָמאָבילן האָט זיך אויך געפונען דער אויטאָמאָביל פון דעם גלאַוונעם מחותן קעלי טראַי. מען איז געפאָרן צום חתונה־זאַל.

אין חתונה־זאַל

אין גרויסן, גערוימען חתונה־זאַל האָט געהערשט אַ שטילע פייער־לעכקייט. די טישן זיינען געווען געדעקט מיט בלענדיק־ווייסע טישטעכער און פאַרפוצט מיט וואַזעס קאָלירטע בלומען. געדיכט זיינען געווען אָנגע־שטעלט די שטולן אַרום — אַ סימן — אַ סך געסט. אויף די טישן איז גע־ווען אָנגעשטעלט פון כל־טוב, געטראַנקען און מאכלים וואָס מ׳זעט זעלטן, דאָס ליכט האָט פאַרגאָסן דעם זאַל און געפינקלט מיט רויטע בליצלעך אויף די פלעשער ווייַן, ווי זיי וואָלטן זיך געשפּילט און שעלמיש געווונקען אין דעם פוסטן זאַל.

פלוצלינג האָבן זיך די טירן אויפגעפּראַלט און אַ גערזשום און טומל פון קולות האָט ווי אַ שטראָם זיך אריינגעריסן אין דער ליידיקייט. מחותנים און חשובע געסט האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען זייערע פּלעצער ביים הויפּט־טיש. נאָך זיי האָט דער עולם אָנגעהויבן זיך שפּאַרן און באַזעצן ערטער אַרום די טישן, ווי אַ מחנה בינען וואָס באַפאַלן אַ בלומענקוסט.

דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט אַ פריילעכס פאַר די מחותנים. ס׳האָט זיך געדוכט ווי יעדער שפּילער וואָלט זיך געפּלייסט ארויסצוקריגן פון זיין אינסטרומענט העכערע טענער, כדי ער זאָל זיך אָנהערן מער ווי זיין קאָלעגע. אָבער די טאַצן מיטן פויק האָבן אַלע כלים אריבערגעשטיגן. מיט אַ מאָל האָבן די טאַצן דערלאַנגט אַ מעטאַלענעם בראַזג און די פּויק האָט אַ טיפן ברום געטאָן — דאָס האָט אָנגעזאָגט אז חתן־כלה מיט זייערע על־טערן קומען אָן.

דער עולם שטייט אויף און נעמט זיי אויף מיט אַ הילכיקער פּאַטשעריי. חתן־כלה און די מחותנים ווערן אויפגעמונטערט פון דער ענטוזיאַסטישער באַגעגעניש און ווען זיי צעזעצן זיך אויף די מיטל־פּלעצער פון הויפּטטיש הערן אויף די אַפּלאָדיסמענטן און אַלץ פאַרזינקט אין שטילקייט. דער

„בעסט מען", דער צערעמאָניע־מייסטער, שטייט אויף און זאָגט אַז די היינטיקע שימחה וועט זיך אָנהויבן מיט דעם הימן פאַרן קינג און „התקווה" פאַר ארץ־ישראל. אַלע שטייען אויף, די פינקלדיקע גלעזער שאַמפּאַניער אין די הענט און אין אַ יום־טובדיק פריילעכער שטימונג ווערט נאָכן הימן דאָס אַלטע ליד „התקווה" געזונגען. די באַקאַנטע ווערטער ריידן מיט חלום וואָס דאַרף מקוים ווערן. אין אַלע ווינקלען קלינגען גלעזער און לחיימס. ס'ווערט געמיטלעך־היימיש. נאָר מאָדנע, גראָד דער חתן אַליין דרייט זיך אַ ביסל אויף זיין פּלאַץ, ווי עס וואָלט אים געווען אומבאַקוועם.

פּיוּול פּאָדערסקי פילט נאָך דעם צעוואָרעמטן דיאַלאָג, וואָס ער האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק געפירט מיט זיינע צוקינפטיקע שווער און שוויגער. פּיוּול האָט געזאָגט, אַז אים זיינען דערווידער די אַלע פון קדמונים איינגע־שטעלטע צערעמאָניעס, דעריבער וויל ער אַז מ'זאָל עס אַלץ מאַכן וואָס קירצער און אָן טאַראַראַם. ער איז אויך געווען קעגן די צו פיל רעדעס פאַר יעדערן באַזונדער — דעם חתן, די כלה, די עלטערן און סתם מחותנים פון יעדן צד. און לאה האָט אויסדריקלעך אונטערשטיצט זיין שטאַנדפּונקט — איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז די חתונה זאָל זיין וואָס איינפאַכער און באַ־שיידענער און וואָס קלענער דער אָנשטעל. אָבער מ"ר ברענער האָט דווקא געדריקט אויף דעם, אַז רעדעס זאָלן זיין וואָס מער און אַלע אין ענגליש, ווייל אַזוי פירט זיך אין יאָהאַנעסבורג פון אַלע צייטן. צום סוף איז מען דורכגעקומען. די פּשרה איז געווען וואָס די ברענערס האָבן צוגעשטימט צום רעדנער קעלי טראַי, וועמען חתן־כלה האָבן שוין געהאַט באַשטעלט. ער וועט ריידן אין יידיש. וועגן די מחותנים און אונטערפירער אַרט זיי ניט ווער עס וועט ריידן.

דער צערעמאָניע־מייסטער האָט מיט זיין געניט אויג באַמערקט פּיוּולס אומרו און האָט אַ ווונק געטאָן צו די כלי־זמר, אַז זיי זאָלן דורך פּויק־און טאַץ מעלדן דעם עולם אַז עפּעס וויכטיקס גייט פאָרקומען. אין זאַל איז שטיל געוואָרן. דער „בעסט מען" האָט אין דער שטילקייט אויסגערופן, אַז דעם „טאָסט" פאַר חתן־כלה וועט האַלטן דעם חתנס אַ שיפסברודער, מ"ר קעלי טראַי, אין יידיש. דער עולם וואָס איז געווען כמעט אַ דורכאויס יידיש־ריידנדיקער, האָט געמאַכט קלאַפּן אַן אָוואַציע ווען ער איז געגאַנ־גען צום הויפּט־טיש.

* * *

קלמן האָט זיך ארומגעקוקט. פון אַלע זייטן האָבן אויף אים געקוקט וואַרעמע אויגן פון פרויען און מענער. ער האָט אָבער געזוכט עפּעס אַנ־דערש און זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף סאָניעס צעשמייכלטע אויגן. דאָס האָט אים מיט איין מאָל געגעבן אַ סך מוט און ער האָט דרייסט אָנגעהויבן זיין רעדע:

„חתן־כלה, מחותנים און אַלע חשובע געסט! איך ווייס אַז איר אַלע וועט פאַרשטיין מיין לשון, ווייל איר קומט דאָך פון יידישע היימען. דערי־בער בין איך אפילו שטאָלץ וואָס מיטן זכות פון מיין חבר פּיזול און זיין כלה, קען איך היינט ברעכן דעם מינהג פון דער מדינה און ריידן אין מאַמע־לשון. ס׳וואָלט אודאי געווען פאַר דעם חתן, וועלכער איז אַ הויך־אינטעלי־גענטער קולטור־מענטש, אַ באַליידיקונג, ווען מ׳וואָלט דאָ אויסגעלאָזן אונדזער ליבן יידיש. כ׳ווייס אַז ער ווייטיקט איבער דער שאַנדע וואָס אונד־זער יידיש ווערט ניט נאָר פאַרנאַכלעסיקט, נאָר די אסימילירטע עלעמענטן שטופּן עס באַוווסטזיניק אַוועק אין הינטערגרונט. אָבער דעם חשבון פון זייערע זינד לגבי דער יידישער קולטור וועלן מיר דאָ היינט ניט מאַכן.

„מיין אויפגאַבע איז צו באַגריסן חתן־כלה און זיי פאָרשטעלן פאַר אייך. ווייל איך קודם כל באַדאַנקען דער משפּחה פאַר איר אָנטאָן מיר דעם כבוד און געבן די מעגלעכקייט דאָ פאַרצושטעלן דעם חתן, און נאָך דעם די כלה. מיין ערשטע באַגעגעניש מיטן חתן איז געווען אין לאָנדאָן, אין שעלטער. ס׳איז ערשט עטלעכע יאָר אַוועק פון דאַן, און קומענדיק פון אַ קליין שטעטל אין ווייסרוסלאַנד, פון אַ היים וווּ קיין סך לערנען האָט מען מיר ניט גע־קענט געבן, בין איך געווען ביי אונדזער ערשטער צוזאַמענטרעף אַ פּראָס־טער און רויער בחור. האָט עס טאַקע דעמאָלט פּאַסירט, אַז דער זעלבער פּיזול פּאַדערסקי, וואָס פאַרמאָגט בילדונג און וויסן, האָט פון צווישן די סך אנדערע וועלכע זיינען געווען אין שעלטער און שפּעטער אויף דער שיף, גראָדע מיך אויסגעקליבן צו זיין זיין חבר און באַגלייטער.

„אַ מענטש וואָס איז גייסטיק אויף אַ הויכער מדרגה, האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט נידעריק, כדי צו ווערן מיינס גלייכן. טאָ ווי קען עס אַנדערש באַ־צייכנט ווערן ווי ענוות, וואָס איז אין היינטיקע צייטן און באַדינגונגען אַ שטאָפּל אַרויף צו מענטשלעכקייט. און דעם חודש וואָס איך האָב פאַרבראַכט

אין זיין געזעלשאַפט בין איך ניט נאָר געווען דער גליקלעכסטער מענטש, נאָר איך האָב אויך אַ סך פון אים געלערנט.

„דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אזא אידעלן און פיינעם מענטשן, ווי דער חתן, מיין פריינד און חבר פּיוול פאַדערסקי, וואָס זיצט דאָ מיט אונדז, אין טאָג פון זיין גרעסטער שימחה. אזעלכע מענטשן און יידן מיט גרויסע נשמות טרעפן מיר זייער זעלטן אויף אונדזער זינדיקער ערד. און ווי אַנדערש וואָלט די וועלט אויסגעזען ווען מיר פאַרמאָגן אזעלכע מענטשן אין גרעסערע צאָלן. ס׳וואָלט דעמאָלט זיכער פאַרמיטן געוואָרן אזוי פיל אומזיסט בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן און גיסט זיך אויף די פעלדער פון איראָפּע, אין שטעט און שטעטלעך, אין יידישע היימען.

„מיט לאה ברענער האָב איך געהאַט דעם כבוד זיך צו באַקענען מיט אַ גאָר קורצער צייט צוריק און כ׳מוז זאָגן, מיינע טייערע פריינד, אז זי פאַרמאָגט אַן אידעלע נשמה, זי איז כולה גוטס. זי איז ווי אַ ריינער דימענט, וואָס בליצט און שיינט אין דעם חושך פון אונדזער לעבן. ועל כולם, אויב אונדזער חתן האָט אויסגעקליבן דווקא דער לאהן פאַר זיין לעבנס־באַגלייטערין, איז דאָס אליין שוין איר בעסטער אַטעסטאַט פאַר אויסגעצייכנטער קוואַליטעט. מיר האָבן דאָ אַ קעגנזייטיקן אמת־גוטן אויסוואַל און, האָפנטלעך, אז ס׳וועלן פון זיי ארויסקומען גוטע פּירות. ווייל אָפט פּאַסירט אז אַ פּאָרל גייט צו דער חופה ווי צוויי פאַרמאַכטע קאָרטן: קיינער קען ניט פאָרויסזען וואָס הינטער זייערע פּלייצעס שטייט און וואָס די צוקונפט וועט ברענגען, אָבער אין פאַל לאה־פּיוול קענען מיר זיכער זיין אז זייער צוזאַמענלעבן וועט געקרוינט זיין מיט דערפאָלג. און פאַר זייער צוקונפט בעט איך אַלעמען אָנפילן די גלעזלעך, און טרינקען פאַר אַ געזונטן און ליכטיקן מאָרגן פון חתן־כלה און זייערע עלטערן זאָלן האָבן אַ סך נחת פון זיי!״

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אויסגעבראָכן, אז ס׳האָט זיך געדוכט אז ס׳וועט אוועקטראָגן דעם גאַנצן זאַל. דער עולם האָט געזונגען דאָס ענגלישע ליד: „פאָר דהיי אַר דזשאָלי גוט פעלאָוס״.

* * *

דער רב האָט נאָך דעם גערעדט וועגן די מחותנים און די אונטערפירערס. ער האָט אויסגערעכנט זייער ייחוס, זייערע פאַרדינסטן און אויפטוען.

ער האָט עס אַלץ אין זיין ענגלישער דרשה באַווירצט מיט אָריגינעלע העברעאישע פּסוקים פון דער סדרה פון דער וואָך, ווו ער האָט געפונען אַ סמיכות הפרשה מיט דער היינטיקער חתונה. ער האָט ניט נאָר געלויבט די מחותנים עד לב השמים, נאָר ער האָט אפילו צונויפגעשטוקעוועט זייער משפחה־ייחוס אזש ביז די אָבות פון חומש און זייערע מעשים טובים. ער האָט זיינע רייד אזוי לאַנג צעצויגן, אז דער עולם האָט זיך גענומען לאַנג־ווייליקן, געגעצן, און כדי ניט איינצושלאָפן האָבן די עלטערע מענטשן גע־נומען נאָך צו גלעזלעך משקה צו די ליפּן. דאָס יונגוואַרג האָט געגלאָצט אין דער לופטן און מיט די פיס שוין באַצייטנס באַוועגט, פּאַמעלעך און שטיל, ווי מ׳איבט זיך צום טאַנץ. סוף־כל־סוף האָט דער רב פאַרענדיקט זיין גלות־לאַנגע דרשה.

דער חתן האָט אין קורצע ווערטער באַדאַנקט דעם רב, די פאַרזאַמלטע געסט, אָבער איבערהויפּט האָט ער אונטערשטראָכן זיין דאַנק צו זיין חבר קלמן טראַיעוויצקי, וואָס זיין נאָמען איז שוין היינט אַ געקירצטער: קעלי טראַי. און פּיוּול האָט געענדיקט:

„ליבער חבר קלמן, דיינע עטלעכע פּשוטע און טייערע ווערטער זיינען געווען דברים היוצאים מן הלב. איך זאָג דיר צו אויף דיין חתונה אָפּצודינען ווי דו ביסט עס ווערט!" און ער איז צו אים צוגעגאַנגען און זיי האָבן זיך צעקושט.

דער זאַל איז פול געוואָרן מיט טומל און גערייד. סאַרווערס האָבן אין איילעניש געיאָגט איבער די ווייכע טעפּיכער. געלאָפן הין און צוריק מיט פולע טעלער און גלעזער, מיט שווערע טאַצן און ארויס מיט ליידיקע. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט יידישע ניגונים און שטימען האָבן מיטגע־ברומט און מיטגעזונגען. די טעלער און גלעזלעך זיינען געבליבן ליי־דיקע און די ט״שן זיינען געווען אָנגעוואָרפן מיט אַ געמיש פון אויסגע־נוצטע סערוועטקעס.

די טענץ האָבן זיך אָנגעהויבן און ווי דער מינהג איז האָבן חתן־כלה דעם ערשטן וואַלץ געטאַנצט. קיין צו וואַזשנע קונסט אין טאַנצן האָבןביידע ניט ארויסגעוויזן, נאָר דער עולם האָט עס אויפגענומען מיט חסד און זיי אַפּלאָדירט. נאָך זיי האָבן זיך געלאָזט אין אַ טאַנץ די נאָענטע מחותנים, דאַן די יינגערע געסט, ביז דער גאַנצער זאַל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין ריטמיש־טאַנצדיקער מאַסע.

קלמן האָט זיך צוגעקוקט צו די לאַנגווייליקע טענץ ביז ס׳איז אים ניט גוט געוואָרן. ס׳האָט אים פאַרדראָסן וואָס די מענטשן רופן עס טענץ. ער האָט צו סאָניען געזאָגט אין אַ שפּאָס:

„ס׳איז צו לאַכן אין די הויפּנס פון דעם, וואָס דאָס הייסט ביי אייך טאַנצן. דאָ שאַרן דאַך אַלע מיט די פיס אזוי ווי מ׳וואָלט געגאַנגען נאָך אַ לוויה. אזעלכע טענץ וואָלט געפּאַסט מ׳זאָל שפּילן אַ פּאַכאַראַני מאַרש...״

אָבער ווען דער אָרקעסטער האָט זיך צעשפּילט מיט די דין־פאַרבענקטע טענער פון אַ ווינער וואַלץ, האָט ביי קלמנען ווי געפּלאַצט אַ הייסע סטרונע אין האַרצן. ער האָט זיך פאַרבייגן פאַר סאָניען און איר געלאַדן צום טאַנץ. און ביי דעם געמיטלעך שטילן טאַנץ האָט ער געוויזן דעם עולם וואָס טאַנצן הייסט. אַלע אויגן זיינען געווען צוגעקלעפּט צו דעם שלאַנקן בייגעוודיקן בחור, וואָס האָט אזוי שיין גערעדט יידיש, אָבער וואָס קען נאָך שענער טאַנצן און פירן זיין מיידל אזוי קאַוואַלעריש, מיט אַלע מאַניערן פון אַ דזשענטלמען.

דער אָרקעסטער, ווי ער וואָלט הנאה געהאַט פון שפּילן, האָט פאַר־צויגן דעם וואַלץ און קלמן האָט זיך ריטמיש לייכט און גראַציעז געבייגן צו דער מעלאָדיע פון טאַנץ. ער האָט געפילט די נאָענטע וואַרעמקייט פון סאָניעס גוף און זיין האַרץ איז געווען פול מיט ציטערדיקע געפילן, ווי פייגעלעך דאָרט וואָלטן געטרילערט אַ ליבעליד.

ביז נאָך האַלבער נאַכט האָבן סאָניע, קלמן און די מייקלס זיך משמח געווען. אין אַ שפּעטער שעה האָט קלמן זיי געבראַכט אהיים. די לבנה איז ווי אַ זילבער־האָרן געהאנגען איבער זייערע קעפּ, אָט ווען זי זיך צעשפּילן...

קלמן בלייבט נעכטיקן און וואַרט אויף אַ סוד

סאָניע איז אריין אין שטוב באַגלייט פון קלמנען. ער האָט זיך גע־וואָלט געזעגענען און פאָרן צוריק צום קאָנצעשן סטאָר. ער האָט געוווסט אז עס ליגט אויף אים אַ חוב צו עפענען גאַנץ פרי די סטאָר און איצט איז שוין געווען שפּעט — אַ שטיק אין דער נאַכט. אָבער ווי נאָר ער האָט אויס־געשטרעקט זיין ברייטע מענערישע האַנט צו ראָזין צו זאָגן א גוטע נאַכט, האָט זי זיין האַנט געלאָזן הענגען אין דער לופטן און זיך געווענדט צו אים מיט זיין „איבערקערטן נאָמען״, ווי קלמן האָט עס גערופן.

„קעלי, וועסט מיר מוחל זיין, איך וועל דיר ניט לאָזן פאָרן אין מיטן דער נאַכט אזא לאַנגן וועג. בישקשה די וועלט וועט ניט אונטערגיין, ווען איין פרימאָרגן וועסטו ניט קומען עפענען די סטאָר. דזשעק וועט זען אז דו ביסט ניטאָ, וועט ער זיך אליין מטריח זיין און עפענען די טירן, ס'וועט אים גאָר ניט שאַטן. און אויב ס'וועט זיין וויניקער אַ פאָר פונט לייזונג וועלן דערפון קליינע קינדער אויך ניט שטאַרבן. דו וועסט זיך דאָ היינטיקע נאַכט גוט אויסרוען און מאָרגן, ניט געאײַלט, אזוי זיך נאָך פרישטיק, וועסטו צוריקפאָרן און אָנקומען אַהין מיטאָג־צייט. איך בין פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דעם, אז זיי וועלן דיר פון דיין שטעלע ניט אָפּזאָגן".

קלמן איז געשטאַנען גרייט צום וועג און ראָזי האָט באַמערקט, אז ער קווענקלט זיך עפעס און עס ציט אים צו פאָרן. ער האָט אפילו געפרווט מאַכן אַ באַוועגונג צו גיין, האָט זי זיך צוגעבויגן צו אים און האַלב־סודות־דיק אים איינגערוימט:

„קעלי, מאָרגן פרי וויל איך מיט דיר וועגן אַ וויכטיקן ענין שמועסן, איידער דו וועסט אָפּפאָרן. איך גלויב אז דו וועסט קיין חרטה ניט האָבן... בלייב!"

קלמנען האָבן ראָזיס רייד און דער צוגעזאָגטער סוד עפעס אַ פלאַטער געטאָן ווי אַ דערפרישנדיק ווינטל אין זיין האַרצן און ער האָט רעזיגנירט, אַ זאָג געטאָן:

„איר האָט געוווּנען, ראָזי, איך לאָז זיך איבעררעדן פון אייך. איך בלייב".

עפעס האָט ער געהאַט אַן אַנונג וועגן וואָס ראָזי וויל מיט אים ריידן. אין דער שפעטער שעה האָבן זיך אַלע צוגעזעצט. סאַניע, א צופרידענע וואָס קלמן דאַרף זיך ניט שלעפּן אין מיטן דער נאַכט, איז אַוועק צו דער קיך צוגרייטן טיי. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און מ'איז געזעסן צוזאַמען מיט הייסע גלעזער טיי און געשמועסט, ווי ס'וואָלט ערשט טאָג געוואָרן. מ'האָט געשמועסט וועגן די רעדעס אויף דער חתונה, אָבער קלמנס רעדע האָבן זיי נאָך אַלץ געלויבט. די ערשטע האָט זיך ראָזי ארויסגעזאָגט:

„דיין רעדע, קעלי, האָט אויסגענומען ביי אלעמען, אפילו נאָך מער ווי דעם רבס דרשה".

„דאָס איז אפשר געווען דערפאַר ווייל אין דעם איז געווען עפּעס ניי און ניט אויסגעדראָשן ווי אויף אַנדערע חתונות".

מ״ר מייקל האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און געוואָלט ארויסווייזן זיין באַגייסטערונג דעם פּלימעניק. ער האָט אַראָפּגעזופּט דעם לעצטן טיי־שלוק, צוגעגאַנגען צו אים, אים געקלאַפּט אין פּלייצע און גערעדט צו אים מיט דעם „איבערגעקערטן נאָמען״, ווי זיין ווייב. ער האָט געמישט יידישע מיט ענגלישע ווערטער און כסדר איבערגעחזרט דאָס זעלבע:

„קעלי, מיט דיר קען איך זיך איבערנעמען. איי עם פּראַוד אָוו יו, קעלי! יו ווער וואָנדערפול. יו אַר אַ סוקסעס, בעליוו יו מי. איך ווייס וואָס איך רייד...״

סאָניע איז געווען צופרידן, וואָס איר שוועסטער מיט איר שוואָגער האָבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל ארויסגעוויזן זייער משפחה־צובונד און אינ־טערעס צו קלמנען. מיט פאַרליבטע אויגן האָט זי געקוקט אויף קלמנען, ווי ער איז געזעסן אין דעם אָוונט־אַנצוג און אַלעמען באַקוקט מיט ליבשאַפט.

„מיר האָבן אַלע פאַרגעסן אז עס טאָגט שוין באַלד. מ׳דאַרף נאָך כאַפּן אַ ביסל שלאָף, איבערהויפּט קלמן, וואָס האָט אַ רייזע אין דער פרי און אַ לאַנגן ארבעטסטאָג״, האָט סאָניע געזאָגט און אירע חן־גריבעלעך האָבן געטאַנצט פאַר קלמנס בליק, ווי צוויי ציטערדיקע פלאַטערלעך אויף ליכ־טיקע בלומען.

* * *

ס׳איז געווען שפּעט ווען קלמן איז געגאַנגען שלאָפן, אָבער די מחשבות האָבן אים געהאַלטן וואַך ביז דער באַגינען האָט אָנגעהויבן שפּראָצן. ער האָט געטראַכט וואָס אַזוינס וויל ראָזי מיט אים שמועסן אין דער פרי און וואָס איז עס אזוי וויכטיק, אז זי איז דורכאויס באַשטאַנען ער זאָל איבער־נעכטיקן. ער האָט אין זיינע אומרואיקע געדאַנקען איבערגעוואָרפן אלער־ליי מעגלעכקייטן, אָבער בשום אופן זיך ניט געקענט דערטראַכטן. ווען יענעם אָוונט וואָלטן זיי ניט גערעדט אזוי קלאָר וועגן סאָניען מיט אים און געגעבן אָנצוהערעניש אז זיי דאַרפן זיך פאַרבינדן, וואָלט ער זיכער געווען, אז ראָזי וועט אים אין דער פרי בעטן ער זאָל זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּטשעפּען פון סאָניען און איר לאָזן צורו. ער ווייס דאָך, קלמן, אז ראָזי האָט שוין לאַנג געטראַכט וועגן אַ תכלית פאַר איר שוועסטער און זי האָט געוואָלט געפינען אַ פּאַסיקן יונגנמאַן און אָפּשטעלן א חופּה. דעריבער האָט

די געזען אין קלמנען די איינציקע שטערונג, ווייל זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז סאָניע איז ניט גלייכגילטיק צו דעם געזונטן שיינעם בחור. זי האָט קלמנען ניט גערן געהאַט פון דעם ערשטן מאָל ווען ער האָט אריבערגעטראָטן זייער שוועל. דאָס געדענקט קלמן גוט. אָבער די אַלע אומצופרידנקייטן ביי איר זיינען שוין אריבער און סאָניע וועט צוליב אים, קלמנען, ניט פאַרזעסן ווערן, טראַכט קלמן אויפגעלייגט. טאָ וואָס האָט זי אים אזוי איידל איינגעשושקעט, אַז ער וועט קיין חרטה ניט האָבן.

אַז קלמן האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען אַ ביסל שפּעטלעך. ראָזי האָט שוין געוואַרט אויף אים מיטן פרישטיק. ער האָט מיט גרויסע שלוקן אראָפּגעזופּט זיין גלאָז טיי און זיך דערלאַנגט אַ שטעל אויף:

„איך מוז לויפן, זיי וועלן דאָרט אין קאָנצעשן סטאָר וואַרטן אויף מיר...“

„אייל זיך ניט“, האָט אים ראָזי פאַרשטעלט דעם וועג. כאָטש זי איז די ערשטע אויפגעשטאַנען, איז זי נאָך ארומגעגאַנגען אין מאָרגן־כאַלאַט. זי איז אָן צערעמאָניעס מיט איין מאָל ארויס מיט לשון:

„קעלי, דו ווייסט שוין, און כ'הער זיך ניט אויף פאַרצוואַרפן פאַר דעם, אַז דו ביסט מיר ניט געווען צום האַרצן. כמעט די גאַנצע צייט, ביז גאָר ניט לאַנג, האָב איך דיך געהאַסט, כאָטש כ'האָב ניט געהאַט פאַר וואָס. איך האָב גלייך באַמערקט, אַז צווישן דיר און מיין שוועסטער איז גאָר ניט גלאַט און האָב זיך ניט געקענט פאַרשטעלן און צולאָזן דעם געדאַנק, אַז מיין שוועסטער זאָל אויסקלייבן דיר פאַר איר באַשערטן. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז מיט אַלע מיטלען האָב איך זיך באַמיט דיר צו פאַרמיאוסן אין אירע אויגן. אָבער סאָניע האָט געקוקט אויף דיר מיט אַנדערע אויגן. זי האָט געזען אין דיר דאָס וואָס דו ביסט אין דער אמתן און וואָס איך בין ניט געווען פעאיק צו זען, ווייל איך האָב אויפגעהיט אין מיין האַרץ דעם איינדרוק פון דעם וואָס דו ביסט און איך האָב אַלץ געזען דעם קלמן וואָס איז אראָפּגעקומען פון דער פינצטערער רוסלאַנד גראָב און ניט געבילדעט. מיך האָט ניט געאַרט דיר אריבערצונעמען קיין אפריקע ווי אַ פּלימעניק, אָבער ניט ווי אַ מאַן פאַר סאָניען.

„אָבער דאָס וואָס איך בין ניט געווען פעאיק צו זען פריער, האָב איך דערזען לעצטנס. איך האָב דיר דערזען אין דיין אמתער ליכט און כ'האָב מיין מיינונג וועגן דיר געביטן. כ'ווייס איצט, אַז דו ביסט גאָר ניט קיין שלעכטער בחור, קעלי, און דו געפעלסט מיר גאָר שטאַרק. איך האָב מיין מיינונג געביטן

נאָך דעם ווי דו האָסט זיך געטראָפן מיט פּיוול פּאַדערסקי. איך ווייס אויך אז סאָניע איז אין דיר פאַרליבט, טאָ צו וואָס פּטרן צייט אומזיסט. דו ביסט שוין אויך איינגעאָרדנט און אז דו וועסט קענען פאַרזאָרגן אַ פאַמיליע איז ביי מיר קיין צווייפל ניט. איז ביי מיר און דעם אָנקל געבליבן, אז מיר זאָלן פאַרעפנטלעכן אַ דערקלערונג וועגן אייער פאַרלאָבונג, אָפיציעל, און די חתונה אויך ניט אָפּלייגן אין לאַנגן באַנק. איר זייט ביידע ראוי חתונה צו האָבן און לעבן גליקלעך. איך האָב שוין מיט סאָניען גערעדט וועגן דעם און זי איז מסכים, וויל איך איצט הערן דיין וואָרט״.

קלמן האָט פון איבערראַשונג קיין וואָרט ניט געקענט ארויסברענגען. ער איז צוגעפאַלן צו ראָזין, זי ארומגעכאַפּט, צוגעדריקט צו זיין ברייטער ברוסט און הייס געקושט. אַ צעטומלטער און נערוועזער האָט קלמן ארויס־געשטאַמלט האַלבע זאַצן:

„טאַנטע טייערע, וואָס קען איך זאָגן? איך האָב קיין ווערטער ניט... איך האָב אין דער מינוט איך ליב באַקומען... אזוי ווי אַן אייגענע מאַמע... עס איז דער גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן... טאָ זייט איר מיין מאַמע היינט. איר מיטן אָנקל וועט אונדז ביידן פירן צו דער חופה...״

ער האָט באַמערקט אז טרערן שטייען אין ראָזיס אויגן און ער אליין האָט געפילט ווי צו וויינען. ער האָט ארויסגעפּלאַצט:

„טאַנטע, איך וויל אריין צו סאָניען אָנזאָגן איר די בשורה״.

„וואָס דאַרפסטו מיך פרעגן, גיי״. האָט ראָזי ארויסגעפּליסטערט.

ער איז ווי אַ ווילדער אריינגעלאָפן אין סאָניעס שלאָפצימער, זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר אויפן בעט און די שלאָפנדיקע סאָניע האָט זיך דער־שראָקן. זי האָט מיט גרויסע ניט אויסגעשלאָפענע אויגן אים אָנגעקוקט און ער האָט זי ארומגענומען צאַרט:

„איך האָב פאַר דיר גרויסע און גוטע נייעס. ראָזי וויל מיר זאָלן חתונה האָבן...״

„איך ווייס עס שוין, קלמן. איצט פאַר געזונטערהייט און קום זונ־טיק ווידער״.

קלמן האָט זי געקושט אין די באַקן, אין די אויגן, אויף די ליפּן און סאָניע האָט נאָכגעביק אים געלאָזט טאָן וואָס ער וויל. אַ האַלב פאַרשלאָפע־נע און אויסגעוואַרעמטע האָט זי אים ארומגענומען מיט אירע נאַקעטע

אַרעמס, אים צוגעצויגן צו זיך און ביידע לעכצנדיקע קערפּערס האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין ליבע.

* * *

קלמן האָט זיך געטראָגן אין זיין אויטאָמאָביל צוריק צו זיין סטאָר. ער האָט דאָס רעדל געדרייט און גיך ארויסגעפאָרן אויף דעם ברייטן גלאַטן אַספאַלט־וועג. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָנגענעם געגליטשט פונקט ווי ס׳האָבן זיך אָנגענעם געגליטשט קלמנס מחשבות. ער האָט זיך געפילט ווי ער וואָלט געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער גאַנצער וועלט. דער לעצטער שטער איז שוין אַוועק און פאַר אים האָט זיך אויפגעעפנט אַ ברייטער וועג אין לעבן. ראָזי האָט אליין באַשטעטיקט אַ פּלאַן פאַר זייער חתונה. באלד וועט סאָניע זיין זיינע. אלץ פאר וואָס ער האָט ביז איצט מורא געהאַט איז געווען — ראָזי — איצט איז זי שוין אויך אויף זיין זייט.

און קלמנס מחשבות ציען זיך ווייטער: כאָטש נאָך פאַר פּיוולס חתונה האָט זיך שוין ראָזי מתוודה געווען, אז זי האָט געמאַכט אין מיר אַ טעות און האָט אָפּיציעל מסכים געווען צום שידוך, איז אָבער קלמן נאָך אַלץ ניט געווען זיכער, אויב ראָזי וועט אַמאָל קיין חרטה ניט האָבן. איצט אָבער — נאָך היינטיקן ווידער איבערחזרן איר מיינונג וועגן מיר, איצט איז ער שוין זיכער, אז זיין לעבנס חלום ווערט א ווירקלעכקייט און סאָניע איז שוין זיינע...

ער האָט באַמערקט ווי די קאָנצעשן סטאָר קומט אלץ נענטער. דער וועג ווערט אַלץ קירצער און ער האָט גראָדע געוואָלט, אז היינט זאָל זיך די רייזע ציען לענגער. עס איז אים אזוי גוט צו פאָרן און טראַכטן וועגן סאָניען, וועגן זייער צוקונפט. ער וואָלט פאָרן אַ טאָג מיט אַ נאַכט. ער פילט נאָך איצט דעם טעם און ריח פון זיין סאָניעס מיידלשן לייב. אין אים גייט אויף אזא הייסע כוואַליע און ער גיט נאָך מער אַ קוועטש אויף דעם פּעדאַל. אָנשטאָט פּאַמעלעכער לויפט אָבער דער אויטאָמאָביל נאָך שנעלער.

אז ער האָט דעם אויטאָ אָפּגעשטעלט אין הויף פון קאָנצעשן סטאָר האָט אַלץ אין זיינע אויגן אויסגעזען אזוי ניי און שיין. די זון האָט ליכטיקער געשיינט אויף די געקאַלכטע ווענט. די שטראַלן האָבן אין די פענצטער געפינקלט ווי הייסע בריליאַנטלעך. אויף דעם גרעזימס האָט א פויגל זיך צעטרילערט, ווי זי וואָלט איצט קלמנען מקבל־פּנים געווען מיט איר געזאַנג.

קלמן איז אַ מונטערער ארויסגעשפּרונגען פון אויטאָמאָביל. ער האָט זיך אויסגעצויגן אזש אַלע ביינער האָבן אויסגעקנאַקט און ער האָט זיך ארומגעקוקט. ווייט און גרין האָבן זיך געצויגן פעלדער פון מיליס. שעפּס־לעך, ווי גרויע פּינטעלעך, זיינען געקראָכן אויפן דערבייאיקן בערגל. ארום איז געווען אזא טיפע שטילקייט, ווי די בענקשאַפט וואָס גייט אויף איצט אין זיינע גלידער צו דעם לייב פון סאָניען. מיט שנעלע טריט, ווי ער וואָלט זיך געיאָגט, האָט ער אָנגעהויבן שפּרייזן צום קאָנצעשן סטאָר. אויפן וועג האָט ער באַמערקט אַ בערגל און טויזנטער מוראַשקעס אין געאייל. ער האָט זיך דערמאָנט יענעם זונטיק אין דער פרי, ווען ער האָט פאַרבלאָנד־זשעט צו די מינען. ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געווען. דעמאָלט איז ער געווען אַן אָרעם ייִנגל וואָס מ׳האָט אים געטאָן א טובה אים אָנצונעמען אויף אַרבעט, היינט טוט ער זיי אַ טובה. ער איז אַ גליקלעכער אריינגעפאַלן אין קאָנצעשן סטאָר:

„גוט מאָרנינג, דזשעק! גוד מאָרנינג, באָס!"

פלענער וועגן קלמנס און סאָניעס צוקונפט

געערטי און דזשעק האָבן די נייעס, אז קלמן און סאָניע גרייטן זיך שוין גאָר גיך צו פּראַווען זייער חתונה, אויפגענומען מיט גאָר ניט קיין פריילעכע פּנימער. זיי האָבן געוווסט, אז סאָניע וועט קיין מאָל ניט מסכים זיין צו פאַרלאָזן יאָהאַנעסבורג און קומען צו קלמנען אין דעם פאַרוואָרפענעם העק. האָבן זיי פאַרשטאַנען, אז גלייך נאָך דער חתונה וועט קלמן וועלן אַוועק פון דער קאָנצעשן סטאָר אין שטאָט אריין. קלמן אליין האָט נאָך אָבער ניט געטראַכט וועגן זיינע ווייטערדיקע פלענער, אזוי אז ער האָט וועגן דעם אַלעם גערעדט מיט דזשעקן מיט אַ האַלבן מויל. ער האָט אָבער צוגעזאָגט זיינע צוויי שותפים, אז נאָך דעם ווי אַלע איינצלהייטן וועלן באַהאַנדלט ווערן סוף וואָך ווען ער וועט קומען צו סאָניען, וועט מען מסתמא אויך באַשליסן וואָס עס וועט ווערן מיט זיין בלייבן אָדער ניט בלייבן אין קאָנ־צעשן סטאָר, וועט ער זיי גלייך לאָזן וויסן קלאָר און דייטלעך וועגן אַלץ.

געערטי און דזשעק האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי איינער זאָגט: מ׳דאַרף וואַרטן און האָפן, אַ ברירה האָט מען. אָבער דערווייל האָט קלמן אומ־

פאַרזיכטיק אריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער, וואָס האָבן דאָס פּאָרל אין גאַנצן דערדריקט:

„זאָרגט ניט, גערטי און דזשעק, מ׳וועט שוין אין דער פאַמיליע אויס־אַרבעטן דעם ריכטיקן פּלאַן, און אויב אפילו מ׳וועט זיך דאַרפן פונאַנדער־טיילן, וועט עס אויך געמאַכט ווערן אָנשטענדיק און אויפן בעסטן אופן".

דעם ערשטן סוף־וואָך, נאָך דעם ווי ראָזי האָט געהאַט דעם פּרימאָרגנ־דיקן שמועס מיט קלמנען, איז קלמן אריינגעפאַלן צום אָנקל שוין ניט ווי קיין איינגעבעטענער גאַסט. ער איז געווען אויפגעלייגט, ווי אַ צופרידענער פּלימעניק קומט צו אַן אייגענער זאָרגעוודיקער מומען, אַן אייגענער וואָס געהערט צו דער משפּחה. ער האָט זיך צעקושט מיט סאָניען, זי לייכט אַ הייב געטאָן און זיך עטלעכע מאָל מיט איר אויף די הענט אַ דריי געטאָן אויף איין אָרט. נאָך דעם האָט ער זיין טאַנטע ראָזי גוט צוגעדריקט צום ברוסט און זי מכבד געווען מיט אַ פּאָר הייסע קושן. אז ער האָט זיין אָנקל צוגעדריקט אויפן „האַרציקן" שטייגער, האָט זיך מ"ר מייקל פאַרקרימט פון קלמנס „ווייכהאַרציקייט" און קוים ארויסגעקרעכצט: „הער אויף, קלמן, איך קום אום..."

די גרויסע פאַרכמורעט־רואיקע הויז איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד און לעבן. און אָנשטאָט, ווי די לעצטע שבתים, ארויסצוגיין אין אַ קינאָ, ווו קלמן פלעגט זיי פירן, זיינען אַלע פאַרבליבן נאָך דעם גוטן אָוונטברויט אין שטוב. ביי אַ גלעזל טיי האָט מען זיך געמיטלעך אונטערהאַלטן און געשמועסט וועגן די פּלענער פון יונגן פּאָרל נאָך דער חתונה.

אז אלע האָבן שוין געזאָגט וועגן דעם עפּעס וואָס, האָט זיך מ"ר מייקל אויפגעשטעלט און ער האָט אוועקגעלייגט אַ לאַנגע רעדע, אַלץ וואָס האָט זיך אים אָנגעקליבן אויפן האַרצן האָט ער דאָ געזאָגט. צוערשט האָט ער זיך געווענדט צו סאָניען און קלמנען:

„קינדער! איך האָב די גאַנצע לעצטע וואָך געטראַכט וועגן אייך און אייער צוקונפט און כ׳האָב שוין די אַלע זאַכן ארומגערעדט אויך מיט ראָזין און איך קען ריידן אין איר נאָמען אויך. זי איז מסכים מיט מיר, אז אייער חתונה דאַרף מען ניט אָפּלייגן צו לאַנג. וואָס איז דאָ צו וואַרטן? אַ קנסמאָל־סעודה, ווי מ׳רופט עס דאָ אַן „ענגיידזשמענט פּאַרטי" וועלן מיר ניט מאַכן — גענוג חתונות קומען פאָר אָן דעם און מען איז גליקלעך. אונדזער פאַרשלאַג איז, אז נאָך דער חתונה און אייער האָניק־חודש, וועט

איר קומען צו אונדז און אויב אייך וועלן געפעלן ווערן די „בעלי־בתים“, וועט איר קענען בלייבן וווינען מיט אונדז. אונדזער הויז איז אַ דאַנק גאָט געבויט גרויס און קען אין אַ גוט לעבן זיין אויך אייער הויז. נאָר שפּעטער, אַז גאָט וועט אייך העלפן מיט אַ „שרייער“ און איר וועט פילן אַז איר ווילט זיין באַזונדער, איז פאַראַן געבויט צייט זיך ארומצוקוקן וועגן אַ הויז פאַר אייך.

„און וואָס שייך ביזנעס, האַלט איך, אַז דו, קלמן, דאַרפסט קריגן אויס־געצאָלט פאַר דיין חלק אין קאָנצעשן סטאָר און אַ סוף. ס'איז ניט קיין עסק זיך צו וואַלגערן אין אזא מרחק. דו וועסט אוודאי אָפּנעמען אַ שיינע סומע און וועסט ווערן אַ שותף אין מיין שוך־געשעפט. און דאָס געלט וואָס כ'האָב דיר אויסגעליען צו קויפן דיין דריט־חלק אין קאָנצעשן סטאָר, מאָן איך ניט — דאָס וועט זיין מיין דרשה־געשאַנק צו אייער חתונה.

„איך ווייס און כ'בין זיכער אין דעם אַז מיין שוך־געשעפט האָט נאָך קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן צו וואַקסן און ווערן גאָר גרויס. אָבער כ'מוז זיך מודה זיין, אַז איך בין ניט און בין קיין מאָל ניט געווען דער פּאַסיקער מענטש פאַר דעם. נאָר קלמן מיט זיינע פעאיקייטן און זיין קענען האַנדלען מיט מענטשן, קען מאַכן פון דעם דעם גרעסטן ביזנעס אין יאָהאַנעסבורג. די ערשטע צייט וועל איך בלייבן מיט קלמנען, כדי אים צו ווייזן וואָס עס גייט אָן, און ווי נאָר ער וועט כאַפּן דעם שניט און מיך מער שוין ניט דאַרפן, וועל איך זיך ביסלעכווייז צוריקציען פון דער ארבעט, עס נעמען לייכטער. כ'בין שוין ניט קיין צוציק און כ'פיל ווי די עלטער רוקט זיך אַלץ מער אָן און קריכט ארויף אויף די אַלטע פּלייצעס. וועל איך זיין צופרידן צו וויסן אַז מיין פּראַצע פון אַ גאַנץ לעבן האָב איך איבערגעגעבן אין גוטע הענט — צו דיר, קלמן, ביסט דאָך מיין בלוט און פלייש, מיין גרעאָטענער פּלימעניק, און דו, סאָניע, מיין קלוגע שוועגערין“. מ״ר מייקל האָט מיט אַ זיפץ פאַרגעזעצט: קיין אייגענע קינדער האָב איך ניט, וועל איך זיין גליקלעך אַז איר וועט מיר ירשהנען און איך וועל אייך פאַררעכענען ווי אייגענע קינדער. אַז איר וועט עס איבערנעמען און אַלץ, ווי איך בין זיי־כער, וועט גיין כשורה, וועט מיך וואַרעמען דער נחת וואָס איך וועל געניסן פון אייך. דעריבער וויל איך איר זאָלט זיך אריינציען צו אונדז, ווייל אויף דער עלטער וויל איך נאָך האָבן דאָס גליק זיך אויסצולעבן אין מיין איי־גענער משפּחה. און כ'בעט צו גאָט, אַז ער זאָל מיר לאָזן דערלעבן פון אייך אַ דור, וואָס איך וועל זיי האַלטן פאַר מיינע איניקלעך. איר הערט, קינדער!“

ראָזי האָט שנעל אויסגעווישט אַ טרער פון איר אויג און אַ געריריטע געזאָגט צו איר מאַן וואַרעמע ווערטער, וואָס זי האָט נאָך קיין מאָל ניט גערעדט:

„דיר וועט עס נאָך באַשערט זיין, מיין מאַן...‟

סאָניעס אויגן האָבן אויך געגלאַנצט מיט פייכטקייט. זי האָט ארומגענומען איר שוואָגער און אים אַ קוש געגעבן. זי האָט שטיל געזאָגט: „מיר ווען אייך ליב האָבן‟. אויך קלמן האָט געפילט אַ מאָדנע ליבשאַפט געמישט מיט רחמנות צו זיין אָנקל. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום אָנקל. ער האָט גערעדט מיט אַ ציטערדיק קול:

„ליבער אָנקל! ביי פיל געלעגנהייטן גלוסט זיך מיר ריידן. היינט וויל איך אויך עפּעס זאָגן, אָבער כ׳פּיל אַז מיין צונג איז שטייף, איך האָב קיין ווערטער ניט. אָבער מיין דאַנק וויל איך אייך דאָ זאָגן און אייך ווינטשן, אַז גאָט זאָל אייך באַצאָלן מיט לאַנגע יאָרן פאַר דעם וואָס איר האָט געטאָן פאַר מיר ביז היינט — און פאַר דעם וואָס איר ווילט טאָן פאַר אונדז ביידן, פאַר סאָניען מיט מיר, אין דער צוקונפט‟.

מ״ר מייקל און ראָזי האָבן געווישט די אויגן. אין צימער איז געווען שטיל. עפּעס זיינען אַלע געזעסן אומעטיק און פארקלערט. מיט אַ מאָל האָט קלמן פריילעך אויסגערופן:

„איר ווילט דאָך ניט פּראַווען אונדזער חתונה אין טרויער. לאָמיר זיך ליב האָבן און פריידן. און אַז איר האָט שוין געזאָגט אַז לאַנג וועט ניט דויערן, טאָ לאָמיר טאַקע גלייך באַשטימען דעם טאָג פון דער חתונה און זיך צווינטשן מזל־טוב. איך וועל זיי שוין מאָרגן קענען ארויסלייגן אין קאָנצעשן סטאָר אונדזערע באַשלוסן‟. און ס׳איז געוואָרן פריילעכער. סאָניע האָט געבראַכט אַ קאַלענדאַר און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן עוסקן מיט שבתים און זונטיקס, איבערגעוואָרפן די דאַטעס ווען עס איז בעסער צו מאַכן די חתונה. צום סוף האָט מען זיך געאייניקט אויף אַ זונטיק אין 6 וואָכן ארום. מ׳האָט זיך ווידער געווונטשן מזל־טוב און אַז עס זאָל זיין אַ גליקלעכער טאָג.

סאָניע און קלמן זיינען ארויסגעפאָרן אַ ביסל אויף אַ שפּעט־אָוונטיקן שפּאַציר. דער אָנקל און ראָזי האָבן זיך געפילט מיד, אָבער אויפגעלייגט און זיי זיינען געבליבן וואַרטן ביז סאָניע און קלמן וועלן צוריק קומען פון שפּאַציר.

קלמן ברענגט די ידיעה צו זיינע שותפים

קלמן האָט אַ גאַנצן מאָנטיק זיך געהאַלטן באַשעפטיקט, כדי ביי דער אַרבעט אויסצומיידן צו דערציילן וועגן באַשלוס פון זיין משפחה און די דאַטע פון דער חתונה, וואָס האָט אויסגעקוקט צו זיין גאָר נאָענט. כאָטש דזשעק האָט זיך געדרייט ארום קלמנען, האָט ער אים אָבער ניט געוואָלט פרעגן ער זאָל ניט זען זיין נייגער. אָבער זיצנדיק צוזאַמען מיט גערטין און דזשעקן ביים אָוונטברויט, האָט קלמן די נייעס וועגן זייער חתונה אי־בערגעגעבן האַלב אָפיציעל. אויך וועגן באַשלוס, אז ער ווערט אַ שותף אין זיין אָנקלס שוכגעשעפט, מיט דער אויסזיכט עס איבערצונעמען. דע־ריבער טאַקע לייגט ער פאָר אז גערטי און דזשעק זאָלן אויסקויפן זיין חלק אין געשעפט, אויב ניט מוז מען אַנאָנסירן אין צייטונג וועגן אַ קונה אויף זיין טייל. כאָטש זיי האָבן זיך די גאַנצע צייט געריכט אויף דער ביטערער בשורה, דאָך איז עס געקומען פאַר זיי ווי אַ שווערער קלאַפּ.

פון דעם וואָס קלמן האָט זיי דערציילט, פון דער גענויער דאַטע און איבערהויפּט פון זיין קלאָרער פאָדערונג אים אויסצוצאָלן, האָבן זיי געפילט אז דאָ וועט שוין קיין דיפּלאָמאַטיע ניט העלפן. ביי גערטין אין פנים האָבן זיך געביטן אַלע קאָלירן און ביידע האָבן אפילו פאַרגעסן אים צו ווינטשן מזל־טוב.

דאָך האָט דזשעק זיך צוגעבויגן צו קלמנס זייט און ווי ס׳וואָלט אים ניט אַרן האָט ער זיך געפּרוווט חכמהנען. בינו לבינו איז ער ארויף אויף דעם אז ער האָט אַ גאָר גוטע אידעע: אפשר וועלן זיי אויך באַשליסן ארי־בערצוגיין אין שטאָט, טאָ זאָל קלמן דערווייל בלייבן צוזאַמען מיט זיי דאָ — און צוזאַמען וועט מען שפּעטער פאַרקויפן די קאָנצעשן סטאָר. חתונה האָבן איז טאַקע אַן אַנדער זאַך, אָבער וואָס איז די איילעניש מיטן געשעפט? ס׳קומט דאָך אויס ווי ער וואָלט אַנטלאָפן פון זיי.

קלמן האָט זיך באַליידיקט. וואָס הייסט ער וועט אַנטלויפן נאָך דעם ווי זיי זיינען צו אים געווען אזוי גוט און פריינדלעך. דאָס איז ניט קיין אַנט־לויפן, האָט זיי קלמן דערקלערט, נאָר ער קען ניט גיין קעגן די באַשלוסן פון זיין משפחה. ער קען זיי נאָר היילק צוזאָגן, אז ער וועט זען אויפצו־האַלטן מיט זיי אַ קאָנטאַקט, וועט זיי געבן אַן עצה ווען מ׳דאַרף, און שפּע־טער, אויב זיי וועלן טאַקע באַשליסן זיך אריבערצוקלייבן אין שטאָט, וועט

ער זיי זען צו העלפֿן מיט אַלץ וואָס אין זיינע מעגלעכקייטן. ער וועט דאָך שוין וויסן וואָס עס גייט אָן אין שטאָטישע ביזנעס.

שפּעטער האָט זיי קלמן דערציילט, אַז שוין לאַנג טראָגט ער זיך ארום מיט פּלענער וועגן גרויסע געשעפֿטן. ער האָלט עס בסוד אפילו פֿאַר זיין אייגענער משפּחה, נאָר אזוי ווי דזשעק און גערטי זיינען שוין זיינע שותּפים און ער האָט זיי ליב, איז ער זיי מגלה דעם סוד אַז ער וועט זיך מסתּמא נייטיקן אין שותּפים מיט געלט אויף אויסצופֿירן זיינע פּלענער. און כאָטש ביידן האָט ניט אינטערעסירט קלמנס ווייטערדיקע ביזנעס־פּלענער, דאָך האָבן זיינע האָפֿערדיקע רייד זיי אַ ביסל אויפֿגעמונטערט און דזשעק האָט געטראַכט: ווער וויס וואָס די צייט קען ברענגען? און קלמן איז אַ גוטער פריינד און אָרנטלעך. זאָל ער אונדזערע זויערע פּנימער ניט זען. דזשעק האָט ארויפֿגעשטעלט אַ פּלעשל וויין און מ׳האָט זיך אָנגעקלאַפּט די גלעז־לעך. איצט האָט מען אים געווונטשן מזל־טוב.

אויף מאָרגן האָט מען אָנגעהויבן מעסטן און וועגן און פֿאַרשרייבן אַלע ארטיקלען און סחורה אין סטאָר, כדי מ׳זאָל וויסן וווּ מ׳האַלט מיט קלמנען און וואָס ס׳וועט אים ארויסקומען פֿאַר זיין חלק. זיי האָבן אים גע־זאָגט אַז זיי וועלן איבערנעמען זיין טייל אין קאָנצעשן סטאָר, אָבער ער טאָר פֿאַר קיינעם ניט דערציילן אַז ער פֿאַרלאָזט דאָס אָרט, אפילו ניט פֿאַר טשאַרלין, כדי ניט אויפֿצוּוועקן אַ טומל און אַ פֿאַרדאַכט ביי די קונדן. זיי וועלן נאָך דעם פֿאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז ער איז אוועקגעפֿאָרן אויף אַ לענגערן אָפּרו — און מענטשן געוווינען זיך צו אַלץ צו...

קלמנס חתונה

מיט יעדן טאָג וואָס די חתונה איז געקומען נענטער, איז קלמן געוואָרן אַלץ מער אומגעדולדיק. פֿאַר אים האָט דער חתונה־טאָג געדאַרפֿט זיין דער גליקלעכסטער אין זיין לעבן. ער האָט כסדר געציילט די טעג און נעכט, וואָס זיינען נאָך געבליבן ביז דער געגאַרטער מינוט, ווען ער וועט שטיין אונטער דער חופּה מיט זיין טייערער סאָניען. די ליבע צו איר איז גע־וואַקסן פֿונקט ווי זיין אומגעדולד. ער האָט געפֿילט אַ ציטעניש און אַ בענק־שאַפֿט אין אַלע גלידער.

אין די אָוונטן פלעגט ער טעלעפאָנירן צו איר און פרעגן וואָס זי מאַכט. ער האָט געפילט אז זי איז זייער צופרידן פון דעם און דורכן טעלעפאָן־טרייבל פלעגט זי אים שיקן קושן, זאַפטיקע און קלינגענדיקע. דאָס פלעגט אים צערייצן און ער איז שפּעטער געלעגן אויפן בעטל און אויפן קאָפּ אויסגערעכנט וויפל טעג און נעכט, שעהען און מינוטן זיינען נאָך פאַר־בליבן. ווען ער האָט געזען ווי די צייט ווערט מיט יעדן אָוונט קירצער, פלעגט אים דאָס האַרץ אָנהייבן קלאַפּן מיט אזא פרייד, ווי איינער וואָס אַט־אַט דערלויפט ער צום ציל.

אין די פאַרהאַנדלונגען און צוגרייטונגען צו דער חתונה האָט קלמן זיך ניט געמישט. ער האָט ניט געוואָלט זאָגן קיין וואָרט וועגן פּלאַן פון דער חתונה, טאָמער וועט עס ארויסרופן אַ פּאַראיבל. ער האָט איבערגעלאָזן דאָס צוגרייטן די חתונה־צערעמאָניע פאַר ראָזין, וואָס האָט זיך געעוסקט דערמיט. פאַר אים איז דער גאַנצער טראַסק מיטן גאַנצן קנאַק געווען גאַנץ איבעריק, ער וואָלט אפילו מוותר געווען אויף די אפריקאַנער צערעמאָניאַלן. דעריבער האָט ער די פראַגע איבערגעלאָזט אין גאַנצן צו ראָזין און די דיסקוסיעס וועגן דעם — צו דער כלה מיט איר שוועסטער.

סאָניע האָט טאַקע מיט איר שוועסטער הייס דיסקוטירט וועגן דעם אַלעם און האָט פון איר פאַרלאַנגט, זי זאָל זיך ניט ארייַנלאָזן אין צו גרויסע הוצאות. און אז ראָזי האָט איר געענטפערט אז ס׳איז ניט איר זאַך און זי וועט ניט דאַרפן צוריקצאָלן די הוצאות, האָט זיך סאָניע שוין פּשוט געבעטן ביי דער שוועסטער, זי זאָל עס מאַכן ווי מעגלעך איינפאַכער און עס זאָל זיין אַ וואָס קלענערער טאַראַראַם.

ראָזי האָט געזען אז סאָניע דריקט שטאַרק אויף איר, איז זי אוועק צו איר מאַן און גלייך געקראָגן זיין צושטימונג, אז די חתונה זאָל געפּראַוועט ווערן מיט אזא פּאַרנעם, וואָס זאָל איבערשטייגן אַלע ביז היינט געוועזענע חתונות אין יאָהאַנעסבורג. סאָניע האָט זיך ניט געקענט שטעלן קעגן ביי־דנס מיינונג, האָט זי זיך געפילט ווי אַ פאַרשפּילטע און אָנגעהויבן זיך באַ־ציען מיט קאַלטקייט צום גאַנצן גערודער ארום איר אייגענער חתונה. עס האָט אויסגעזען ווי אַ מין שטילער פּראָטעסט.

ראָזי האָט אויסגעפירט און איבערגענומען די אָרגאַניזאַציע פון דער חתונה. זי האָט זיך פאַרלייגט אויף יעדע קלייניקייט: די חתונה פון איר שוועסטער מוז פאָרקומען מיט אַלע פּיטשעווקעס און קליפּערלעך, ווי ביי

אַ בת־מלכה. זי האָט תיכף באַשטעלט די הויפּטשול און דעם בעסטן חזן און כאָר. אויף נאָך דער חופּה האָט זי באַשטעלט איינעם פון די שענסטע זאַלן אין שטאָט פאַר אַ דינער־אויפנאַמע און דאָס עסן און טרינקען זאָל זיין פון דאָס שענסטע און בעסטע און מיט אַ פולער האַנט. זי האָט אויך באַזאָרגט פאַר טענץ און פאַרוויילונג איינעם פון די בעסטע און באַקאַנטסטע אָרקעסטערס. זי האָט געוואָלט אַז מ׳זאָל נאָך דעם ריידן וועגן דער חתונה פון מ״ר און מיסעס קעלי טראַי פאַר וואָכן און חדשים.

ווען דער חתונה־טאָג איז געקומען האָט קלמן אים אויפגענומען מיט פרייד און ציטער. ענדלעך האָט ער דערלעבט דעם גרויסן טאָג! גלייך פרימאָרגן האָט ער זיך שוין גענומען וואַשן, פּוצן, ראַזירן. און ווען ער איז מיטאָגצייט ארויסגעקומען פון זיין צימער אין אָוונט־אַנצוג און מיטן צילינדער אויף זיין שוואַרץ־באַוואַקסענעם קאָפּ, האָט ער אויסגעזען ווי אַ מאָנאַרך. סאָניע, ראָזי און דער אָנקל האָבן די אויגן ניט געקענט אָפּרייסן פון אים. ראָזי האָט זיך לסוף ניט געקענט איינהאַלטן און אים געגעבן אַ קאָמפּלימענט, אַז ער זעט אויס ווי אַ לאָרד. קלמן האָט איר גלייך גע־פרעגט, צי זי האָט שוין ווען געזען חוץ אַ יידישן לאָרד, אָן אמתן לאָרד — און אַלע האָבן געלאַכט. נאָך דעם איז קלמן צוריק אריין אין זיין צימער און זיך פאַרקוקט אויף זיך אליין אין שפּיגל און זיך האַרציק פונאַנדערגע־לאַכט און אַ רוף געטאָן צו זיך: קלמן בולאָן — אַ לאָרד! און געפילט אַ טרער אויף דער באַק.

* * *

אין דער וווינונג פון די מייקלס זיינען די טישן געווען אָנגעשטעלט מיט כל טוב און מיט די בעסטע דעליקאַטעסן און טייערסטע משקאות. דאָס איז געווען פאַר מער אינטימע פריינד און נאָענטע דירעקטאָרן פון פירמעס מיט וועלכע מ׳האָט געהאַנדלט.

קלמן האָט זיך ארומגעדרייט ארום די טישן, אָבער ער האָט צו קיין זאַך זיך ניט צוגערירט. ס׳איז געווען אומזיסט דאָס בעטן זיך פון ראָזין אַז ער האָט נאָך היינט אין מויל ניט געהאַט, ער זאָל עפּעס נעמען. קלמן האָט זיך ניט געמאַכט וויסנדיק, נאָר צו זיך אליין האָט ער געזאָגט: זאָל דער היינטיקער טאָג זיין ביי מיר אַ הייליקער, כדי איך זאָל אים געדענקען. און דער יידישער דין זאָגט, דוכט אים, אַז חתן־כלה מוזן פאַסטן דעם טאָג. און אויב אפילו ער מאַכט אַ טעות און עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ דין פאַר דעם

חתן, וועט ער עס אַליין מאַכן פֿאַר זיך אַזאַ דין, ווי אַ דערמאָנונג פֿון דעם טאָג. עס איז פֿאַראַן אין דעם אַ שכל, האָט זיך קלמן געקלערט און ער האָט וועגן דעם קיינעם ניט דערציילט.

די חתונה איז טאַקע געווען ווי אַלע חתונות אין יאָהאַנעסבורג, אָבער זי האָט געהאַט מער גלאַנץ און רייכקייט. און כדי עס צו פֿאַראייביקן האָט ראָזי באַשטעלט אַ פֿאָטאָ־רעפּאָרטער, וואָס איז אַרומגעשפּרונגען מיט זיין אַפּאַראַט און געבליצט מיט ליכט פֿון אַלע זייטן. ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין אינטערעסאַנטן מאָמענט. קלמן און סאָניע האָבן שוין געוואָלט עס זאָל זיך גיכער ענדיקן, נאָר דער רב האָט געצויגן מיט די ברכות, דער חזן האָט זיך לענגער געציקלט און דער כאָר האָט איינגעלייגט וועלטן. ס׳האָט געקלונגען אַרום מיט געזאַנג.

קלמן האָט געפֿאָלגט אַלץ וואָס מ׳האָט אים געהייסן. ער האָט זיך גע־לאָזט פֿירן ווי אַ נעבעכל און נאָך דעם מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געזען ווי מ׳ברענגט סאָניען אין דעם פּרעכטיקן ווייסן שלייער. דורך דעם טיול האָבן אירע שיינע אויגן דורכגעלויכטן און צו אים געשמייכלט. ער האָט מיט אַ ציטערדיק קול און אין איין אָטעם אָפּגעזאָגט דעם „הרי את". ער איז גע־ווען צעטומלט ווי אַ קליין יינגל.

נאָך דעם, אין זאַל, ביי דעם גרויסאַרטיקן טיש פֿון די מחותנים איז ער שוין געווען רואיקער. אים איז געפֿעלן געוואָרן וואָס דער טאָסט־מייסטער האָט פֿאָרגעשטעלט דעם חבר זיינעם פּיוול פֿאַדערסקין, ווי דעם „באַקאַנטן און פּאָפּולערן לעקטאָר מיט אויסערגעוויינלעכע פֿעאיקייטן פֿון אַן אָראַטאָר". נאָך מער איז אים געווען צום האַרצן, וואָס דער פֿאָטאָגראַפֿיסט האָט גלייך „אָפּגעמענטשלט" פּיוולען, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן רײדן. פּיוול האָט גערעדט וועגן קלמנען דעם פֿאָלקסמענטש, וואָס קען זיך מיט זיינע גוטע טאַטן דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה. ער האָט דערציילט ווי ער האָט זיך מיט אים באַקאַנט אין שעלטער און וועגן זיין הילף פֿאַר יעדן איינעם. דאָס זעלבע איז געווען בעת זייער רייזע אויף דער שיף, ווען קלמן האָט אַרומגעפּאַדעט אַרום די קראַנקע און זיי באַדינט.

חוץ דעם איז געווען פֿריילעך אין זיין קאָמפּאַניע. ער האָט נאָך דער־ציילט ווי אַ דאַנק קלמנס באַקסן און טאַנצן איז דער יידישער כבוד ביי די ענגלענדער אויף דער שיף געהייבן געוואָרן. נאָך דעם האָט ער גערעדט וועגן דער כלה. סאָניע, די גימנאַזיסטקע פֿון דער היים, האָט מיט אומגע־

ווינלעכער אינטעליגענץ דערקענט אין קלמנען די ריינע נשמה. און הגם ביידע זיינען געווען אין זייער טראַכטן און דענקען און אויפפאַסן זאַכן כרחוק מיזרח ממערב, האָט זי דאָך דערפילט אין אים מיט איר ווונדער־לעכן אינסטינקט דעם באַשערטן און באַשלאָסן צו פאַרבינדן איר גורל מיט אָט דעם איינפאַכן בחור, וואָס איז שוין גאָר ניט אזוי איינפאַך. און זי האָט קיין טעות ניט געמאַכט — איך בין דער עדות!

און ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיט גוטע ווונטשן און ברכות פאַר דאָס פּאָרל, האָט דער זאַל אויפגעשטורעמט פון אַפּלאָדיסמענטן, און פריילעך איז געוואָרן.

וועגן די אונטערפירער האָט גערעדט דער רב. ער האָט מיט לייכטע רייד און פּאַסיקע משלים געשילדערט די אונטערפירער פון חתנס צד, מ״ר און מר״ס מייקל, און די אונטערפירער פון כלהס צד, מ״ר און מר״ס אַראָנס. ער האָט געלויבט די מייקלס מיט זייערע גוטע מעשים, איבערהויפּט וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר חתן־כלה, און וואָס די אַראָנס האָבן געטאָן פאַר דעם חתן אי גייסטיק, אי מאַטעריעל.

נאָך די טענץ, ווען די געסט האָבן גענומען אויסליידיקן דעם זאַל, איז שוין גרייט געשטאַנען ביי דעם טויער דער אויטאָמאָביל פון די מייקלס מיט זייער שאָפער וואָס האָט געדאַרפט אָפּפירן דאָס יונגע פּאָרל צו דער באַן — צו זייער האָניק־חודש. דאָס איז געווען דער סורפּריז וואָס מ״ר און מר״ס מייקל האָבן צוגעגרייט.

5

גרוסן פון דער אַלטער הוים

קלמן און סאָניע זיינען צוריקגעקומען פון זייער האָניק־חודש דערפרישטע און פריילעכע. סאָניע האָט זיך אין דעם איין מאָנאַט צעבליט מיט אזוי פיל פרויאישע רייצן, אז קלמן האָט זיך ניט געקענט אָנזעטיקן מיט איר. זי האָט זיך צעעפנט מיט אַלע ווייבלעכע שיינקייטן ווי אַ בלום אין פרילינג און קלמן האָט מיט אַלע זיינע מענערישע חושים גע־גאַרט צו איר. זיי זיינען געווען גליקלעך פון האָבן אזוי פיל טעג און נעכט פאַר זיך אליין. זיי האָבן זיך געקענט ליבן, קושן און איבערהויפט רײדן אומגעשטערט. זיי האָבן געהאַט אזוי פיל צו ריידן און מאַכן פלענער וועגן זייער צוזאַמענדיק לעבן, וועגן זייער צוקונפט. זיי האָבן זיך געקלאַ־

מערט איינער אין אַנדערן און געוווסט, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אייגן לעבן פֿאַר זיי ביידן. אין זייער אַפּאַרטמענט אין האָטעל האָט זיי קיינער ניט נאָכגעקוקט, ניט נאָכגעשפּירט, ניט געקלאַפּט אין טיר — דאָ איז ניט געווען ניט קיין שוועסטער, ניט קיין אָנקל און ניט קיין שותּפים.

אָבער אַז זיי זיינען אריין אין זאַל אָדער אין עסצימער צו אָוונטברויט, האָבן זיך אַלעמענס אויגן דערלאַנגט אַ קער צו זיי מיט באַוווּנדערונג. די לעפּל, גאָפּל און מעסער זיינען געבליבן פֿאַרגליווערט ביי די אָפֿענע מייַלער. סאָניעס צאַרטע און דינע פֿיגור האָט געפּלאַטערט פֿאַרויס און אַ טריט הינטער איר האָט קלמנס ברייטפּלייציקער געשטעל זיך באַוועגט מיט אַטלעטישער גראַציע, ווי ער וואָלט גרייט זיין צו שיצן זיין געליבטע. זיי זיינען געוואָרן די אַטראַקציע פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט פֿון האָטעל און מ׳האָט שוין זיי דערוואַרט, ווי דער אָרקעסטער דערוואַרט דעם צייכן פֿון דיריגיר־שטעקל פֿון קאַפּעלמייסטער. זייער אויפֿגעמונטערטקייט און צופֿרידנקייט האָט זיך ווי אַ כּישוף איבערגעגעבן צו די מענטשן אין זאַל און אויף יעדנס פּנים האָט זיך ארויפֿגעצויגן אַ שמייכל.

אין דער שטיל האָט מען גערעדט וועגן דאָס פּאָרפֿאָלק, וואָס זייער האָניק־חודש שמעקט מיט האָניק און בליט. זיי פֿלעגן זיך האַלטן צוזאַמען און אויך צוזאַמען זיך באַדאַנקען פֿאַר קאָמפּלימענטן. און אַז מען האָט זיך דערוווּסט אַז זיי קלייבן זיך פֿאָרן צוריק אַהיים, איז אין פֿיל אויגן אַן אומעטיק פֿינקל אויפֿגעקומען.

אין אָוונט פֿאַר זייער אָפּפֿאָר האָט זיי אין נאָמען פֿון די געסט אַ דאַמע דערלאַנגט אַ בוקעט בלומען און אַ מאַן האָט געמאַכט אַ טאָסט פֿאַר זיי און זיי צוגעווונטשן אַ גליקלעך לעבן און זיי פֿאַרזיכערט, אַז אַלע האָבן זיי גערן געהאַט און מ׳וואָלט זיך פֿרייען זיי דאָ איבער אַ יאָר ווידער צו זען. אַלע האָבן געטרונקען פֿאַר מ״ר און מר״ס טראַי און געזונגען אַ לויבליד פֿאַר זיי, ווי מ׳וואָלט דאָ געפּראַוועט זייער האָניק־חודש אויף אַ ספּעציעלן צוזאַמענקום.

אין דער היים האָט זיי אָבער דערוואַרט פֿריידיקע און אויך טרויעריקע נייעס. דער אָנקל און ראָזי זיינען געווען צופֿרידן מיט זייער צוריקקער און זיך געשפּיגלט אין זיי ווי פֿיין ס׳האָט זיי „פּאַליובעט“ דער האָניק־חודש. דער טעלעפֿאָן האָט ניט אויפֿגעהערט קלינגען און זיי באַגריסן, אַז קלמן האָט שוין אויף זיין שטייגער זיך געהאַלטן אין ווייצלען צו סאָניען:

„זע, סאָניעטשקע, וואָס פאַר אַ וויכטיקע געשעעניש דיין קומען איז, ווי דער מלך פון ענגלאַנד וואָלט צוריקגעקומען אין זיין פּאַלאַץ פון אַ רייזע איבער זיין קיניגרייך...‟ און ער האָט זי ארומגענומען און ווי אַ שפּילצייג געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, זי געקושט און אראָפּגעזעצט אויף דער ווייכער סאָפע.

קלמן איז געווען צופרידן, וואָס עס זיינען אָנגעקומען אַ סך נאָכפראַגעס פון יאָהאַנעסבורגער סוחרים וועגן קויפן זיין חלק אין קאָפּעריטע און קאָנצעשן סטאָר.

דעם אָוונט נאָך זייער אָפּפאָר האָט דזשעק פאַרעפנטלעכט אַן אַנאָנס אין צייטונג אז „אַראָנס ענד טראַי‟ איז צום פאַרקויפן און שוין אויף מאָרגן האָט דער טעלעפאָן ניט אויפגעהערט קלינגען. טעלעגראַמעס זיינען געקומען און אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן בריוו וועגן די באַדינגונגען. עטלעכע געשעפטלייט האָבן זיך ניט געפוילט און אליין געקומען אָנקוקן די ביזנעס און געמאַכט גאַר גוטע אָנבאָטן. דזשעק און גערטי האָבן אָבער באַשלאָסן ניט צו טאָן קיין זאַך אָן קלמנען און זיי האָבן געמאָלדן די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען, אז דער ענין מוז אָפּגעלייגט ווערן ביז זייער שותף וועט זיך צוריקקערן פון זיין האָניק־חודש.

* * *

איבערהויפּט האָבן קלמנען באַאומרואיקט די בריוו פון דער היים, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט אָנקומען. דאָס זיינען דאָס רוב געווען וועגן דונגען פון פאַרשיידענע אינסטיטוציעס אין שטעטל, וואָס זיינען זיך צעפאַלן אין דער מלחמה־צייט און איצט בעט מען שטיצע כדי זיי ווידער אויפצושטעלן. קלמן האָט זיך צוגעהערט ווי סאָניע האָט געלייענט די בריוו און געפילט וויפל טרערן און רחמנות עס איז פאַראַן אין די ווערטער. ער האָט געפילט אז מען מוז אלעמען העלפן. ער האָט ווי געזען מיט די אויגן די אָפּגעריסענע, הונגעריקע און קראַנקע יידן וואָס נייטיקן זיך אין ביקור־חולים און לינת הצדק. דער שפּיטאָל־סעקרעטאַר שרייבט, אז דער טיפוס ברענט אין יידישע הייזער און מ׳דאַרף זיי ראַטעווען פון מלאך־המוות און דער שפּיטאָל האָט ניט קיין מיטלען.

די תלמוד־תורה, ווו אָרעמע קינדער לערנען, דאַרף מען דאָך געוויס העלפן. און קלמן דערמאָנט זיך ווי ער האָט דאָרט געהונגערט און אריינגעכאַפּט זיין ביסל עברי. און דאָ לייענט גאָר סאָניע אַ בריוו פון דעם על־

טערן־קאָמיטעט פון דער ניי־געגרינדעטער יידישער פאָלקשול, ווו מ׳לערנט קינדער יידיש כמעט בחינם. דאָס געפעלט אים גאָר שטאַרק, בפרט אז ער זעט די נעמען פון די באַקאַנטע טוער פון דער פארטיי בונד, וואָס עס דער־מאָנט אים אָן פיינע מענטשן און שיינע טעג.

און אָט איז אַ בריוו, וואָס איז געחתמעט פון רב און פון חזן און ביי דער זייט די אונטערשריפטן פון חיים דעם גבאי און הערצל דעם שוסטער, ווו זיי באַשרייבן די ביטערע אָרעמקייט און נויט פון אַלע יידן אין שטעטל. די אַמאָליקע טייערע מוסדות זיינען חרוב, דער פאַרקאַן ארום בית־עולם איז פונאַנדערגענומען און ציגן קריכן ארום צווישן די מצבות און זוכן אַ גרעזל.

אַ פאָלק סאָלדאַטן, אין די ווינטערדיקע פרעסט, האָט צעריסן דעם פאַרקאַן און באַנוצט דאָס האָלץ צו באַהייצן די קאַלטע כאַטעס. און אָט שרייבט מען אז דער דאַך פון בית־מדרש איז צעבראָכן, פול מיט לעכער און ס׳איז ניט קיין זעלטנהייט, אז ביי די מתפללים וואָס שטייען שמונה־עשרה קאַפּעט אין קאַלנער און מ׳טאָר ניט מפסיק זיין. און אין די בריוו ווערט דערציילט, אז די שכנישע שטעטלעך האָבן שוין באַקומען פון זייערע לאַנדסלייט פון אַפריקע שטיצע. און אזוי איז מען זיי מודיע, אז דאָס דער־ווייסנדיק זיך פון די דערבייאיקע שטעטלעך האָט זיי עס אויך באַוואויגן זיך צו ווענדן צו זייערע בני־עיר נאָך הילף. און פאַר דעם וועט זיי גאָט ב״ה העלפן כפל כפליים.

קלמנס האַרץ ווערט פול מיט א מין טרויעריקער זיסקייט פון דער־מאָנונגען פון דער היים. ער זעט דאָס גאַנצע שטעטל אין זייער דלות און זייערע ליידן. עס צופּט אים אזא ווייטיק און דערצו זיצט נאָך אנטקעגן אים דער אָנקל, מ״ר מייקל, און ער זעט ווי זיינע אויגן זיינען פייכט און אזוי מוטנע־אומעטיק. קלמנען דוכט זיך אז דער אָנקל וועט זיך באַלד צעוויי־נען און אויך ער, קלמן, וועט זיך ניט קענען איינהאַלטן. איז כדי צו פאַר־טרייבן די מרה־שחורהדיקע שטימונג, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אין דער ליכטיקער שטוב, גיט קלמן אַ זאָג, ווי אַ באַפעל:

„אָנקל, סאַניע, מיר מוזן גלייך זען וואָס צו טאָן פאַר זיי. מיר טאָרן זיי ניט לאָזן וואַרטן אפילו איין טאָג. זיי גייען דאָך דאַרטן אויס פון הונגער...״

דער אָנקל שווייגט. ער האָט מורא צו ריידן, ווייל ער ווייס אז אויב ער וועט ארויסברענגען א וואָרט וועלן זיך אָנהויבן גיסן טרערן פון זיינע אויגן.

ער דערמאָנט זיך זיין ·וגנט, זיין אָרעמע שוועסטער, קלמנס מאַמען. ער באַשטעטיקט קלמנס ווערטער מיט צושאָקלען מיטן קאָפּ און גיט זיך אַ נדר צו געבן אַ פיינע נדבה. ער טראַכט אז קלמן און סאָניע האָבן איצט אָנגע־הויבן בויען אַ לעבן און זיי אליין דאַרפן האָבן הילף, דעריבער דאַרף עס זיין זיין מיצווה. נאָר מיט אַ מאָל צעקלאַפּט אים קלמן זיינע רעיונות מיט אַ שאַרפן זאָג:

„סאָניע, מיר וועלן געבן וויפל נאָר ס׳וועט זיך לאָזן. נישקשה, מיר זיינען יונג און קענען זיך אָפּשפּאָרן אנדערע געלטער, אָבער יענע דראַ־פּען זיך אויף די ווענט און האָבן ניט קיין שטיקל ברויט. אמת, סאָניע, מיר וועלן געבן!"

„אוודאי וועלן מיר געבן, קלמן!" זאָגט אים סאָניע נאָך מיט נאָכגעבי־קייט און צופרידן. און גיט צו: „מיר מוזן געבן, קלמן, מיר מוזן!"

דער משפחה־פּלאַן

קלמן און סאָניע האָבן שוין רוען ניט געקענט. א גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך ווי איבעריקע ארומגעדרייט אין די געררימע צימערן און אין מוח האָבן זיך געמאָלן שוואַרצע, פיינלעכע בילדער פון דער היים. ביים אָוונטברויט זיינען אלע געזעסן ווי אָנגעכמורעטע, ווי די דאגות פון די היינט־געלייענטע בריוו וואָלטן געלעגן פאַר זיי אויפן עסטיש. ווען סאָניע האָט געזען ווי קלמן זיצט און גלאָצט אין טעלער אריין, האָט זי אים געמונטערט:

„עס, קלמן, אז דו וועסט דאָ פאַסטן וועט זיי דאָרטן גרינגער ניט ווערן".

„ס׳גייט מיר ניט איין דער ביסן, ווען איך דערמאָן זיך וואָס אונדזערע אייגענע לעבן דאָרט איבער", האָט ער שטיל געענטפערט סאָניען. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער זייט פון דעם אָנקל מיט דער טאַנטען און אָנגעהויבן ריידן צו זיי מיט האַרץ, ווי ער וואָלט זיי דאַרפן אין עפּעס וויכטיקס איבערצייגן:

„יידן הונגערן דאָרטן אויף יענער זייט ים, מוזן מיר זיך דאָ גלייך ענערגיש נעמען צו דער אַרבעט. זיי זיינען אונדזערע ברידער און שוועס־טער און מיר מוזן זיי העלפן מיט דער פולער האַנט. מיר מוזן תיכף אָר־גאַניזירן אַ הילפגעזעלשאַפט, ווי ס׳איז געווען אין דער היים. דאָרטן האָט

מען קיינעם ניט געלאָזן אויסגיין פון הונגער, און מיר דאָ האָבן קיין עין־הרע אַ סך מער ווי יענע ייִדן אַ מאָל".

קלמן האָט אַריינגעקוקט דעם אָנקל און דער טאַנטען אין די אויגן און געזאָגט:

„איך בין זיכער אַז מיט דער הילף פון אייך, אָנקל און טאַנטע, און אוודאי מיט דער הילף פון מיין גערעטענער סאָניעטשקען, וועלן מיר זיין בכוח עפּעס אויפצוטאָן". און ווי ער וואָלט זיך מיט אַ מאָל עפּעס דערמאָנט האָט ער געזאָגט צום אָנקל: „גאָט ווייסט צי מיין מאַמע לעבט נאָך, אָבער מיין האַרץ זאָגט מיר אַז מיינע גוטע פריינד כאַטשע און העטשע מיט זייערע פאַמיליעס לעבן נאָך. זיי זיינען אַלע געווען יונגע, שטאַרקע מענטשן. דעריבער פיל איך אַ הייליקן חוב זיי צו העלפן".

ראָזין איז דער ענין פון הילף, איבערהויפּט מיט וואָס פאַר אַן איבער־געגעבנקייט קלמן האָט גערעדט פון דעם, זייער געפעלן געוואָרן. אַ גע־דאַנק איז בליציק דורכגעפלויגן דורך איר מוח, אַז איר לעבנלאַנגער חלום אַריינצוקריכן עפּעס אין אַ געזעלשאַפט און זיך דאָרט אַרויסזען קען דאָ סוף־כל־סוף מקוים ווערן — און טאַקע אַ דאַנק קלמנען. ווען קלמן מיט סאָניען זיינען נאָך געווען אויף זייער האָניק־חודש האָט זי שוין געלייענט די בריוו מיט די טרויעריקע גרוסן און זי האָט זיך דערטראַכט צו עפּעס. איצט האָט זי געזען אַ געלעגנהייט און מסכים געווען:

„קעלי איז פולקום גערעכט. נאָך אַזעלכע האַרצרייסנדיקע װענדונגען טאָר מען ניט בלייבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מען מוז גלייך עפּעס טאָן!"

מ"ר מייקל האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט געפילט צו וואָס זיין ווייב צילט, איז ער גרייט געווען איר צו העלפן דערמיט. ער האָט מיט זיינע ברייטע דלאָניעס פאַרקאָמט די עטלעכע האָר, וואָס האָבן זיך רק גע־האַלטן אין דראַפּען אין דער פאַרקערטער ריכטונג, ווי מיט דעם וואָלט ער אויסגעגליכן זיינע מחשבות און מיט אַ טאָן פון אַן אויטאָריטעט האָט ער זיך געווענדט צו קלמנען:

„לויט מיין מיינונג, קלמן, דאַרף מען גרינדן אַ סאָסייטע פון אונדזערע שטעטלשע לאַנדסלייט און די שטעטלעך פון אומגעגנט און יעדער זאָל זיך בייסטייערן וויפל ער וויל צי וויפל ער קען. איך בין זיכער אַז מ׳קען שאַפן שיינע עטלעכע פונט און אַפּשיקן אהיים צו די אַלע נייטיקע מוסדות. מיר דאַרפן אויך נעמען אין אַכט אַז פאַר איין פונט אונדזערן קען מען

דאָרט אויפטאָן אַ וועלט. מיר קענען זיי דאָרט ראַטעווען פון אַלע זייערע צרות און קראַנקייטן. ווי מיינסטו, סאָניע?" האָט ער זיך געווענדט צו זיין שוועגערין, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן.

„איך מיין אַז עס איז אַן אויסגעצייכנטע אידעע, כאָטש עס איז ניט אַזוי ניי. עס זיינען שוין דאָ גענוג לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס טוען גרויסע הילפסאַרבעט. אָט שרייבט מען דאָך אַז מ'שיקט שוין הילף אין יי שטעטלעך אַרום. און אויך אונדז וועט זיך איינגעבן צו שאַפן אַזאַ סאָסייטע — מיר זיינען די זעלבע יידן".

סאָניע האָט אַריינגעקוקט אין די אויגן פון די זיצנדיקע ביים טיש, ווי מיט איר בליק וואָלט זי געמאָנט אַ באַשטעטיקונג פאַר אירע רייד. ראָזי האָט זיך אָפּגערופן:

„סאָניע איז גערעכט. קיין שענערער אויפטו קען גאָר ניט זיין ווי העלפן אונדזער שטעטל".

פון ראָזיס אונטערהאַלטן איר איז סאָניע געוואָרן אויפגעמונטערט צו זאָגן נאָך עפּעס. קלמן האָט איר געקוקט אין מויל, ווי ער וואָלט דערוואַרט אירע רייד.

„יאָ, מיין שוועסטער, קיין שענערע זאַך קען טאַקע ניט זיין. באַטראַכט זיך נאָר אַז אין אונדזער שטעטל איז איצט שוין דאָ אַ פאָלקשול, ווו מ'לערנט קינדער די יידישע שפּראַך, ווו מ'לערנט ייִנגלעך און מיידלעך לייענען און שרייבן. איך האָב דורכגעלייענט עטלעכע מאָל זייער ווענדונג מיט דעם בייגעלייגטן פּראָגראַם און כ'זע אַז עס איז אַ גוואַלדיקער אויפטו, ס'איז כמעט אַ רעוואָלוציע. עס טוט זיך דאָרט עפּעס אין שטעטל. אין די שווערע באַדינגונגען, אין קראַנקייטן און אין הונגער האָבן יידן ניט קיין אנדער דאגה ווי גרינדן אַ יידישע שול. אַ מיידל, אַז זי האָט זיך אַ מאָל אויסגעלערנט אָנשרייבן אַ בריוול איז זי שוין ביי לייטן געווען אַ געבילדעטע, און אָט האָבן מיר דאָרטן אַ שול ווו מיידלעך לערנען זיך חוץ לייענען און שרייבן אַריטמעטיק, געאָגראַפיע און יידישע געשיכטע און אפילו געזאַנג און ספּאָרט. צי האָבן מיר געהערט פון אַזאַ דערציאונג אין אונדזער צייט? אין די מוחות פון אונדזערע שטעטלדיקע יידן איז דאָך פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. דאָס לעבן דאָרטן ווערט דאָך שענער און ליכטיקער, ניט געקוקט אויף דער גרויסער אָרעמקייט, טאָ ווי קענען מיר עס צוקוקן און שווייגן?"

סאָניעס מאָנענדיקער בליק איז געפאַלן אויף דער שוועסטער, וואָס האָט זיך ווידער אָפּגערופן, ווי זי וואָלט געוואָלט געבן מער וואָג אירע ווערטער:

„אין די אַלטע היימען איז פאָרגעקומען פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע. לענדער זיינען געוואָרן זעלבשטענדיק און פריי, אָבער ביי די יידן דאָרטן איז אויך פאָרגעקומען אַ גייסטיקע איבערקערע־ניש, אַ קולטור־רעוואָלוציע. טאַקע דעריבער ליגט אויף אונדז אַ פיל־פאַכיקער חוב זיי צו העלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן".

קלמן, וואָס האָט פריער געשלונגען מיט ליבשאַפט סאָניעס יעדער וואָרט, האָט מיט דער זעלבער ליבשאַפט איצט געקוקט אויף ראָזין. ער האָט זיך געוווּנדערט ווי גוט זי האָט עס געזאָגט, און געטראַכט אז זיין חבר פּייזל וואָלט עס אויך שענער ניט געקענט ארויסברענגען. זיי זיינען צוויי קלוגע אינטעליגענטע שוועסטער, האָט ער געקלערט, און דער אָנקל האָט זיך אויך אונטער זייער ווירקונג אַ ביסל דאָ אויסגעמענטשלט. ער האָט פאַרשטאַנען אז איצט מוז מען אונטערציען אַ סך־הכול פון די רייד און זען אריבערצוגיין צו מעשים. האָט ער זיך אויפגעשטעלט און ווי אַן אויטאָ־ריטעט געזאָגט:

„מיין טייערע פאַמיליע, איך האָב געוווּסט אז מיר וועלן גלייך אַלע מסכים זיין — דערווייל אין פּרינציפּ — צו העלפן אונדזער שטעטל. אָט האָבןביידע שוועסטער אונדז דערקלערט, אז דאָרטן קומען פאָר גרויסע זאַכן. אָבער פון אַלע ארויסגעזאָגטע מיינונגען איז די סאַמע פּראַקטישע די פון אָנקל: מען מוז גלייך גרינדן אַ סאָסייטע, אָדער ווי מיר רופן עס: אַ לאַנדסמאַנשאַפט. דער אָנקל איז גערעכט און מיר אַלע זיינען מסכים מיט אים. די געזעלשאַפט דאַרף באַשטיין פון מיטגלידער פון אונדזערע שטעטלשע יידן און ארומיקע שטעטלעך, וועלכע געפינען זיך אין דעם לאַנד. דאָ איז דאָ אַ היפּשע צאָל יידן און אז מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען און מיט פאַראייניקטע כוחות, מעגן מיר זיכער זיין אז אונדזערע אויפטוען וועלן געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג און מיר וועלן קענען העלפן מיט אַ ברייטער האַנט".

קלמן האָט אָפּגעזיפצט נאָך זיין לאַנגער דרשה. איצט האָט ער גע־וואַרט צו הערן ווי סאָניע באַשטעטיקט זיין פאָרשלאָג.

„בראַוואָ, קלמן, מיר גייען עס טאָן און טאַקע אָן אָפּצולייגן!" האָט

סאָניע אויסגערופן מיט באַגייסטערונג. „לאָמיר זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט!"

„מיר דאַרפן אויסאַרבעטן אַ פּלאַן וואָס מ׳זאָל אָנהויבן און ווי", האָט דער אָנקל געזאָגט ניט דרייסט. „מ׳דאַרף צוזאַמענרופן די לאַנדסלייט און..."

„אָנקל!" האָט אים קלמן איבערגעריסן, „דאָס לאָזט איבער פאַר סאָניען מיט מיר. אַבי מיר האָבן שוין דעם פּלאַן וואָס מ׳דאַרף טאָן, ווי צו טאָן ווייסן מיר אַליין. פאַרשטייט זיך אַז ראָזי וועט אויך צולייגן אַ האַנט אויסצופירן דעם פּלאַן".

אַ פאַרזאַמלונג פון לאַנדסלייט

ביי קלמנען און סאָניען איז עס געווען אַ שטאַרק פאַרנומענע וואָך. מ׳האָט צוזאַמענגעשטעלט רשימות פון לאַנדסלייט, מיט מאַטערניש צוזאַמענגעזוכט די אַדרעסן זייערע און סאָניע האָט גאַנצע טעג געשריבן איינלאַדונגען. צו די גאָר נאָענטע באַקאַנטע און חשובע רייכע בעלי־בתים און גרויסע געשעפטסלייט האָט מען חוץ די איינלאַדונגען אויך ספּעציעל טעלעפאָנירט און זיי פאַרבעטן צו אַ וויכטיקן מיטינג, וואָס וועט פאָרקומען אין הויז פון מ״ר מייקל, שבת צונאַכטס. אַז עמעצער האָט געוואָלט זיך דערוויסן וואָס איז עס די וויכטיקייט, האָט מען אים גלייך דערקלערט אַז די איניציאַטיוו קומט פון מ״ר קעלי טראַי. דער ענין איז וועגן גרינדן אַ סאָסייטע פון געקומענע פון שטעטל און די שטעטלעך אַרום — און אויף דעם מיטינג וועט מען אַלץ באַהאַנדלען.

כמעט יעדערער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן פאַרשלאָג און ניט איינער האָט אַ זאָג געטאָן מיט דערלייכטערונג: שוין לאַנג צייט געווען! און מיט אַ מאָל איז דער אינטערעס געוואַקסן, איינער האָט געמונטערט און גערופן דעם אַנדערן און מ׳האָט זיך געגרייט אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון אַלע שטעטלשע לאַנדסלייט. אָבער דער עולם, וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען ביי מ״ר מייקל אין הויז, האָט ממש איבערראַשט מיט זיין גרויסער צאָל. אַלע האָבן זיך מיט אַ מאָל איינגעפונען. ס׳האָבן זיך אָפּגעזוכט „פאַרלוירענע" לאַנדסלייט, פון וועלכע מ׳האָט שוין לאַנגע יאָרן ניט געהערט און מ׳האָט זיי

אפילו ניט איינגעלאַדן. ס׳איז געווען טומלדיק, מ׳האָט זיך געפרייט, געקושט, געדריקט די הענט. ס׳איז געוואָרן וואַרעם־היימיש.

אין גרויסן זאַל און אין די צימערן ארום איז געוואָרן אַלץ געדיכטער. מ׳האָט פאַנאַנדערגעעפנט אַלע טירן. און ווען קלמן האָט געגעבן אַ קלונג מיטן גלעקל איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל. און ווען ער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאָג אויסצוקלייבן אַ פאָרזיצער, האָט זיך ספּאָנטאַן אַ הייב געטאָן ווי אַ כוואַליע דאָס קול פון עולם: מ״ר קעלי טראַי!

קלמן איז געווען געריגרט פון דעם צוטרוי פון אזא מאסן־פאַרזאַמלונג. מסתמא, האָט ער געטראַכט, איז שוין זיין נאָמען דערגאַנגען אומעטום, ניט נאָר צו די קונדן פון דער פירמע „אַראָנס ענד טראַי״. ער האָט באַדאַנקט דעם עולם פאַר דעם כבוד און געזאָגט, אז איצט דאַרף מען נאָך האָבן אַ סעקרעטאַר צו פירן אַ פּראָטאָקאָל. און עס האָט עמעצער אַ רוף געטאָן „מר״ס טראַי״ און אַלע האָבן אים אונטערגעהאַלטן

קלמן האָט זיי ווידער באַדאַנקט מיט אַ וויק, פאַר איבערגעבן די גאַנצע מלאכה דער פאַמיליע טראַי. ער האָפט אז ער וועט ניט אַנטוישן. סאָניע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ ביי זיין רעכטער זייט און אוועקגעלייגט פאַר זיך אַ העפט מיט אַ בליי־ער. קלמן האָט געפילט אז ער דאַרף זאָגן אַ ספּעציעל וואַרעם וואָרט ביים עפענען די פאַרזאַמלונג, האָט ער זיך פלוצלינג דער־מאָנט אָן זיין חבר פּיוולס אַ געדאַנק, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט אויפן מאַסן־מיטינג בעת דער מלחמה־הילפסאַקציע, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן נאָך אזוי פיל יאָרן צום ערשטן מאָל, אז די אַלע דאָ פאַרזאַמלטע לאַנדס־לייט האָבן געהאַט דאָס גליק ארויסצוציען דעם זכה בגורל־צעטעלע — און פאַר דער זכייה דאַרף מען צאָלן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט אַ ברייטער האַנט. און טאַקע תוך כדי דיבור האָט ער אויסגערופן די סומע פון דער ביישטייערונג, וואָס זיין פרוי און ער גיבן. ס׳איז געווען אַ ציפער וואָס האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק און מ׳האָט בפירוש געקענט זען ווי מענטשן זיינען געבליבן מיט אָפענע מיילער פון פאַרוווּנדערונג.

„איצט״, האָט קלמן געמאָלדן, „דאַרפן מיר אויסוויילן אַ קאָמיטעט פון דער ביי־געגרינדעטער לאַנדסמאַנשאַפט. דאָס דאַרפן אָבער זיין מענטשן וואָס ווילן צולייגן אַ פלייצע. צו ערשט דאַרף מען טאָן — און אז מ׳וועט טאָן וועט אויך קומען כבוד״.

מ׳האָט פון אַלע זייטן אָנגעהויבן אויסרופן נעמען פון קאַנדידאַטן. צו־

ליב דער גרויסער צאָל נעמען איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצוקלייבן אַ גרויסן קאָמיטעט. „ס׳איז בעסער אַזוי״, האָט קלמן דערקלערט, „זאָלן מער לאַנדס־לייט טאָן אין דער זאַך, וועט זיין היימלעכער און מיט מער מזל־ברכה״.

דער עולם האָט וואַרעם אַפּלאָדירט קלמנס רייד.

* * *

דער ניי־אויסדערוויילטער קאָמיטעט האָט זיך צעזעצט ביים פּרעזי־דיום־טיש פון ביידע זייטן פון די טראַפּ. די ריי איז געווען אַ היפּש לאַנגע און פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ געמיש פון פאַרשיידענע באַרופן, עלטער און שטאַנד. צו ערשט האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די עטלעכע עלטערע בחורים, ווי זיי האָבן דאָ, אויף ענגליש זיך גערופן „באטשעלאָרס״. זיי זיי־נען געווען גאַנץ פאַרמעגלעכע מענטשן און אפילו געשפּילט א גרויסע ראָל אין דער ביזנעס־וועלט, נאָר זיי האָבן זיך ניט געכאַפּט ווי שנעל זיי האָבן פאַרהוליעט זייערע יאָרן. ערשט אויף די עלטערע יאָרן האָבן זיי דערפילט, אז דאָס לעבן האָט זיי אראָפּגעשטופּט אויף אַ גאָר נידעריקן שטאַפּל; אז מיטן אוועקגיין פון אַלע הנאהס וואָס זיי האָבן זיך געקענט איינקויפן פאַר געלט, האָט דאָס לעבן מיט אַ מאָל פאַרלוירן זיין אינטערעס און ווערט.

איצט זיינען זיי געזעסן אויפגעמונטערטע, זיי האָבן זיך געהאַט אַן וואָס אָנצוכאַפּן. יוגנטטעג האָבן מיט איין מאָל אַ שפּאַר געטאָן ביי זיי אין האַרצן מיט אָנגענעמע קינדערשע זכרונות פון שטעטל און די גרינדונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט האָט ווי אריינגעגעבן אין זיי אַ פריש לעבן. זיי זיינען געווען נערוועז פון אויפרעקונג און זיך געוואָרפן מיט גרויסע סומעס פאַר דעם שטעטלשן פאַנד, פאַר אַלע אָנטשטאָלטן. זיי זיינען געווען עלנטע מענטשן, וואָס זיינען געווען פאַרשטעקט און פאַרשטיקט אין די דלד־אמות פון זייערע צימערן. איצט האָבן זיי זיך געפרייט מיט דער געשאַפענער סי־טואַציע, וואָס וועט זיי געבן אַ מעגלעכקייט אַקטיוו צו ווערן און צוריק אריינפּאַסן זיך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, בפרט אז אַלץ איז דאָ אזוי באַ־קאַנט, נאָענט און פריינדלעך צו זיי.

ביים טיש זיינען אויך געזעסן מיט פאַרריסענע קעפּ אַ פּאָר אַלטע און שוין „אויסגעגרינטע״ אפריקאַנער, וואָס האָבן זייער אַלטע היים לאַנג גע־האַט פאַרגעסן. איצט האָט די טרויעריקע נייעס זיי אין גאַנצן דורכגענומען, די הערצער האָבן אַ צאַפּל געטאָן מיט כמעט פאַרגעסענער יונגשאַפט,

אָבער זיי האָבן זייערע סענטימענטן זיך ניט געלאָזט צעשפּילן ווי ביי די אַלע אַנדערע. מיט אַ געוויסער דיסטאַנץ און קאַלט־אויסגערעכנטקייט האָבן זיי ברייטלעך אויסגעשריבן זייערע טשעקן, ווי עס פּאַסט פאַר פאַרמעגלעכע סוחרים און גרויסע פאַבריקאַנטן. דער ערשטער האָט זיך אויפגעהויבן אַ פיין־אויסגעפּוצטער דיקער ייד און מיט אַ באַהערשטער שטימע געזאָגט:

„מ״ר טשערמאַן, ליידיס ענד דזשענטלמען, מיר אַלע זיינען דאָ געקומען צו העלפן די שטעטלעך ווו מיר זיינען געבוירן געוואָרן און די הייַמען ווו ס׳לעבן אונדזערע אָרעמע ברידער. דאָ האָט איר מיין טשעק, מ״ר טראַי. ס׳איז אַ פּלעזשער צו געבן!״

פון אַלע זייטן האָבן זיך געשטעקט הענט מיט טשעקן און ביי סאַניען האָבן זיך אָנגעקליבן אַ רעכט ביסל פאַרשיידן קאָלירקע פּאַפּירלעך מיט פאַרשיידענע סומעס. עטלעכע האָבן אפילו געגעבן מזומנים, וואָס זי האָט גלייך פאַרשריבן און אַלץ צוזאַמען אריינגעלייגט צווישן די בלעטער פון העפט.

איינער האָט באַמערקט, אַז כדי דער קאָמיטעט זאָל בעסער אַרבעטן דאַרף מען צוציען עטלעכע פרויען. ס׳איז געוואָרן פריילעך און מ׳האָט פאַרגעלייגט נעמען. מען האָט ביי יעדער נאָמען אויסגערעכנט די מעלות: די קען גוט קאָכן און באַקן און איז אַ מאַדים איינצואָרדענען פּאַרטיעס, ווו מ׳קען זיך צוזאַמענקומען און שאַפן געלט. אַ צווייטע קען מאַכן פאַרווייַלערישע אונטערנעמונגען, אַ דריטע — קאָרטן־ און קאָקטייל־פּאַרטיעס — און אזוי האָט מען געמוזט מאַכן ביים טיש נאָך ערטער פאַר די פרויען, וואָס האָבן שמייכלענדיקע און צופרידענע זיך געשאָקלט מיט די שיין־פריזירטע קעפּ — ווי אַ דאַנק פאַרן כבוד.

קלמן האָט ניט געוווסט צי ער האָט עס מיט זיין ביישפּיל געווירקט, נאָר אויף דעם ערשטן צוזאַמענקום איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע סומע. ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס סאַניע איז באַפּולמעכטיקט געוואָרן, ווי די ערן־סעקרעטאַרשע, זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דעם קאָמיטעט פון די בעלי־בתים פון שטעטל, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם בריוו, און ער האָט בייגעלייגט זיין גרוס צו אַלעמען ווי דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט. דאָס געלט איז איבערגעשיקט געוואָרן אויפן רבס נאָמען און ער מיטן קאָמיטעט האָבן עס געזאָלט פאַרטיילן צו די באַזונדערע אינסטיטוציעס, יעדערן לויט זיין חלק.

חוץ דעם האָט קלמן אָנגעשריבן אַ באַזונדערן בריוו צו כאַטשען און העטשען. די ערשטע זאַך האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ביי זיי וועגן זיין מאַמען, וואָס ער וואָלט איר וועלן אריבערברענגען צו זיין מיט אים צוזאַמען. ער האָט איצט חתונה געהאַט מיט אַ גאָלדענער היימישער מיידל און זי וויל אויך זיין מאַמען האָבן מיט זיי. ער האָט זיי נאָך אין קורצן אויסגעשריבן וועגן זיין גרויסן דערפאָלג און אז ער איז שוין אויף אַ דרך... ער האָט זיי אָנגעבאָטן אויך אין זיין ווייבס נאָמען הילף, אויב אפילו זיי נייטיקן זיך ניט צו שטאַרק — ווייל ער אליין האָט גענוג און זיי קען עס אוודאי ניט טאָן קיין שאָדן...

* * *

קלמן איז שטאַרק געווען פאַרנומען מיט דורכטראַכטן און זיך באַראַטן מיט זיינע שותפים וועגן די אָנבאָטן וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן צו קויפן זיין חלק אָדער דעם גאַנצן געשעפט פון „אַראָנס, טראַי ענד קאָ.“ אָבער דאָך פלעגט ער זיך ניט איין מאָל אַ טאָג דערמאָנען וועגן אַ בריוו וואָס דאַרף אָנקומען פון שטעטל. ס׳האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט און דאָס האָט אים געמאַכט אומרואיק און נערוועז, ביז איין טאָג, נאָך לאַנגע וואָכן, זיינע אָנגעקומען צוויי בריוו מיט איין מאָל. איין בריוו איז געווען אָפיציעל, אונטערגעשריבן פון דעם פאָרזיצער פון דער נייער קהילה וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן. אין דעם בריוו איז געווען אַ קבלה פון רב אויף דאָס צוגעשיקטע געלט מיט אַ ברייטן יישר־כוח פאַר דעם פאָרזיצער פון יאָהאַנעסבורגער לאַנדסמאַנשאַפט ה׳ קעלי טראַי, און אלע בעלי־בתים העוסקים בצרכי ציבור באמונה — זיי אַלעמען האָט דער רב געווונטשן געזונט, אריכת ימים ושנים און מ׳זאָל דערלעבן צו ביאת הגואל. ניט אַלע העברעאישע ווערטער פון רבס בריוו האָט קלמן פאַרשטאַנען און סאָניע האָט אים געדאַרפט דערקלערן. אָבער דערפאַר האָט קלמן פאַרשטאַנען וואָרט ביי וואָרט דעם צווייטן בריוו, וואָס איז געווען אַדרעסירט פערזענלעך צו מ״ר קעלי טראַי און געשריבן פון זיין פריינד כאַטשעס טעכטערל.

סאָניע האָט אָנגעוויזן קלמנען אויף די געציקלטע אותיות פון כאַטשעס טעכטערל און ביידע האָבן זיך אַמוזירט איבער דעם. סאָניע האָט אים געזאָגט, אז עס איז אַ סימן אז דאָס קינד האָט זיך געפלייסט צו שרייבן וואָס שענער, כדי זי זאָל געפעלן ווערן דעם „אָנקל קלמן“, ווי זי האָט אָנגעהויבן

דעם בריוו. זי האָט קלמנען געמוזט איבערלייענען דעם בריוו עטלעכע מאָל און זיי האָבן זיך ניט געקענט אָפּווונדערן ווי זי שרייבט — פּונקט ווי אַ דערוואַקסענער מענטש.

אויף אַ סך זייטלעך פון אַ שולהעפט האָט זי אויסגעשריבן אַלע נייעס און פון איין עניין געשפּרונגען צום אַנדערן. אָנגעהויבן האָט זי ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן און דער פעטער העטשע איז גלייך אוועקגענומען געוואָרן צו די סאָלדאַטן. מ׳האָט פון אים די גאַנצע צייט ניט געהערט און די מומע האָט די אויגן אויסגעוויינט. נאָר ער האָט זיך באוויזן אזוי פּלוצלינג גלייך נאָך דער מלחמה, אז די מומע האָט פון פרייד באַלד געחלשט. ער איז געקומען פון דייטשער געפאַנגענשאַפט און האָט זיך אָנדערציילט די ניסים ווי אזוי ער איז לעבן געבליבן און זיינע ליידן און הונגער אין פלען.

נאָך דעם האָט זי אָנגעשריבן אז זי האָט פאַר דעם „אָנקל קלמן״ אַ טרויעריקע ידיעה: זיין מאַמע יענטע האָט ניט געקענט אויסהאַלטן די שווערע מלחמה־יאָרן און דעם הונגער און איז אוועק פון דער וועלט. זי האָט צוגעגעבן, אז אויך יונגע מענטשן זיינען אין דער מלחמה־צייט געשטאָרבן פון הונגער און טיפוס. און דאָ האָט זי איבערגעגעבן אַ גרוס פון אברהמל דעם פּראַטשעשניק. זי האָט באַשריבן ווי ער האָט זיך דורך די טעג, אין די מלחמה־יאָרן, אויסבאַהאַלטן אויף ביידעמער און אין קעלערן, און אין די נעכט פלעגט ער זיך באַווייזן אין הינטערשטיבל פון זיין שענק אַ באַוואַקסענער ווי אַ ווילדער.

זי האָט אויך דערמאָנט, אז די באָלשעוויקעס זיינען געווען אַ קורצע צייט אין שטעטל און געמאַכט אַן „איבערקערעניש״ — מ׳האָט צוגענומען פון די אַלטע איינגעפונדעוועטע בעלי־בתים אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און אַלע זיינען מיט איין מאָל פאַראָרעמט געוואָרן.

אַ גרויסע שרעק, האָט זי געשריבן, האָט מען איבערגעלעבט, ווען אין שטעטל זיינען אָנגעקומען די האַלערטשיקעס. קינד און קייט איז געלאָפן זיך באהאלטן אין דערבייאיקן וואַלד. הונגעריקע און נאַקעטע האָט מען זיך דאָרט געוואַלגערט און אין שטעטל האָבן די רוצחים דערווייל געמאַכט אַ פּאָגראָם און אַלץ אויסגעראַבירט. אז מ׳האָט זיך אומגעקערט אין די היימען, האָט מען געפונען אויפגעריסענע טירן, צעבראָכענע פענצטער, אַלץ האָבן זיי אויפגעפרעסן און אויסגעזשליאָקעט. אויף די דילן האָבן זיך געוואַלגערט פעדערן און פוך, צעבראָכענע פלעשער און טעלער. ס׳איז גע־

ווען אַן אמתער פּאָגראָם. אָבער מער באריכות האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויף דער יידישער פאָלקשול, וואָס האָט זיך געגרינדעט, ווען די לאַגע איז געוואָרן רואיקער. עס לערנען דאָרטן אַ סך קינדער, אָבער ס'איז ניטאָ געגנוג שולצימערן. פּאַסט מען זיך צו, מ'טיילט די צייט איין עס זאָל קלעקן פאַר אַלעמען. די לערערס זיינען זייער גוטע און האַרציקע מענטשן.

זי איז אויך אַ תּלמידה דאָרטן און לערנט זיך גוט. זי האָט גוטע מיי־נונגען און די לערערס לויבן זי. אַ דאַנק דער שול קען זי טאַקע שרייבן אזא לאַנגן בריוו. דער לערער אירער זאָגט אפילו, אז זי וועט נאָך אַ מאָל ווערן אַ שרייבערקע פון ביכער. אלעמען געפעלט וואָס זי שרייבט. זי טראַכט אויס זאַכן און באַשרייבט עס. דער לערער רופט עס מעשהלעך. אָבער חוץ שרייבן לערנט מען אויך אַנדערע זאַכן: געשיכטע און געאָגראַ־פיע, געזאַנג און אריטמעטיק. אריטמעטיק איז חשבון און אויף דעם איז זי ניט צו גוט, אָבער דער לערער זאָגט אז ס'מאַכט ניט אויס, ווייל די אנדערע מיידלעך זיינען אַ סך ערגער אויף דעם. זי וועט אַ צווייטן מאָל, פאַרזיכערט זי, מער שרייבן וועגן דער שול.

וועגן הילף, וואָס דער „אַנקל קלמן" פרעגט, כאַפּט זי אָפּ צום סוף און גיך. דער טאַטע האָט איר פאַרזאָגט מיט די ווערטער: למען השם, וועגן דעם אין גאַנצן ניט דערמאָנען, ווייל ער און זיין ברודער העטשע האַנדלען נאָך אַלץ מיט פערד און דאַנקען גאָט, מ'קומט ווי ניט איז דורך. דער טאַטע דאַרף קיין זאַך ניט...

קלמן האָט אויסגעהערט צום ווימפלטן מאָל דעם בריוו און זיין האַרץ האָט געציטערט פון הנאה, וואָס ער האָט אליין ניט געוווּסט פון וואַנען עס נעמט זיך. פּאַר דעם דאָזיקן בריוו וואָלט ער כאַטשעס מיידעלע צע־קושט אַלע גלידער, אפשר איז דער לערער גערעכט — זי וועט זיין אַ שרייבערין

„ווייסט", האָט אים סאָניע איבערגעשלאָגן די געדאַנקען, „דאָס מיידע־לע שרייבט דאָך ווי אַן אמתע שרייבערקע — דער לערער איז דאָך גע־רעכט!"

„סאָניע, טייערע!" פונקט דאָס זעלבע האָב איך איצט געטראַכט. ווי דו וואָלסט מיר די ווערטער פון מויל ארויסגענומען".

די בריוו האָבן געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק אויך אויף ראָזין און מייקלען. מען האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ מיטינג פון קאָמיטעט, ווו מ'וועט

פאַרלייענען די בריוו, אָפּגעבן באַריכטן און איבערשיקן די ניי־געזאַמלטע געלטער צו דער קהילה.

אויף דער אסיפה פון קאָמיטעט האָט סאָניע צו ערשט פאָרגעלייענט דעם בריוו פון רב, ווו ער דאַנקט די לאַנדסלייט וואָס האָבן ניט פאַרגעסן זייער געבוירן־שטעטל און אַרויסגעוויזן אַזאַ גוטהאַרציקייט. נאָך דעם האָט זי געלייענט דעם בריוו פון קהילה־פאָרזיצער, וואָס דאַנקט אויך פאַר דער אָנגעקומענער הילף און פאַר דער צוגעזאָגטער ווייטערדיקער הילף, וואָס זיי דערוואַרטן אין גיכן. ער שרייבט אויס געניי די הצטרכותן פון אַלע שטעטלדיקע אינסטיטוציעס און דעם ביודזשעט, וואָס די קהילה האָט אויסגעאַרבעט, און גיט צו, אַז נאָר די־אָ הילף קען אוועקשטעלן די אַנ־שטאַלטן אויף געזונטע יסודות.

דער קאָמיטעט האָט שנעל באַהאַנדלט עטלעכע וויכטיקע פראַגעס. איבערהויפּט האָט מען גרינטלעך באַטראַכט דעם ביודזשעט פון דער קהילה און באַשלאָסן, אַז די געלט פאַר יעדער אַנשטאַלט איז גוט און מיט יושר פאַרטיילט. איינשטימיק איז באַשלאָסן געוואָרן, מען זאָל תיכף אָפּשיקן די ניי געזאַמלטע סומע.

6

ענדערונגען אין לעבן פון די מייקלס

זינט דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק האָט זיך צוריקגעקערט פון זייער האָניק־חודש און צוזאַמען אָנגעהויבן זיך עוסקן אין די נייע סאָסייטי־עסקים, איז אין הויז פון די מייקלס פּאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. ס׳האָט זיך געדוכט ווי קלמן וואָלט ניט נאָר אריינגעבראַכט אַ ניי לעבן, נאָר מער נאָך — ער האָט אלע אַלטע געוווינהייטן און פֿאַראָנדקעס צעשטערט. דער פריער אָפּגעשלאָסענער כמו־פּאַלאַץ פון די מייקלס איז געוואָרן ווי אַ טומלדיקער יריד. די טירן פון אריינגאַנג און די צימערן זיינען געשטאַנען אָפן פאַר אַלעמען. מ׳האָט ניט געדאַרפט פון פאָרויס זיך אָנמעלדן, ניט געדאַרפט קלינגען אין גלעקל, נאָר יעדער לאַנדסמאַן האָט געקענט ארײַן און ארויס ווען נאָר ער האָט געוואָלט.

אָבער ס׳איז ניט נאָר געווען קלמנס אויפטו אליין, וואָס האָט פשוט אַלע געסט צוגעצויגן מיט זיין מאַגנעטישן שמייכל און פריינדלעכקייט, אויך סאָניע האָט געהאַט אין דעם איר חלק. זי האָט קלמנען אַ סך ארויסגע־

האַלפן מיט איר פּראַקטישן שכל און דאָס קענען שנעל קאַלקולירן און באַ־שליסן. זיי האָבן איינער דעם צווייטן צוגעגעבן מוט און קוראַזש אין דער הילפסאַרבעט, וואָס איז אַלץ מער אויסגעברייטערט געוואָרן. זייער יעדע פרייע מינוט האָבן זיי אויסגענוצט פאַר אַרבעט. אָבער נאָך מער האָט זיך געענדערט דאָס לעבן פון סעם מייקל און זיין ווייב.

ראָזין האָט אָנגעהויבן אַלץ מער ציען צו איר אייגענער היים און אַלע אירע פּלענער, טעטיקייטן, קליינע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען האָט זי אריינגעבראַכט אין הויז. מיט איין מאָל איז פאָרגעקומען אַן איבערברוך אין איר גאַנצער באַציאונג צו איר מאַן, דעם אַמאָליקן שוסטער, סעם מייקל. זי האָט זיך אויפגעהערט שעמען מיט זיין איינפאַכן גאַנג, מיט זיין שטילן טאָן. מיט אַ מאָל האָט זי באַגריפן, אז איר מאַן איז גאָר ניט אזוי פשוט ווי זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, להיפך גאָר — אין זיין פשוטקייט ליגט אזא צוריקגעהאַלטענע פיינקייט. און ווייל זי איז תמיד געווען דערווייטערט און אָפּגעזונדערט פון אים, האָט זי עס אַלץ ניט באַמערקט. איצט, דורך די ווייניקע וואָכן, זינט קלמן און סאָניע זיינען צוריק געקומען פון זייער האָניק־חודש, האָט זי אָנגעהויבן רעאַליזירן דאָס וואָס זי האָט פאַר יאָרן, פאַר אַ גאַנץ לעבן ניט דערזען. דערפאַר איז זייער צוזאַמענלעבן געשטאַנען ווי אויף הינערשע פיסלעך, און ווען ניט זיין גוטסקייט וואָלט עס שוין לאַנג געווען פאַרענדיקט. ראָזי האָט דערפילט, אז איר גאַנצער טראַכטן וועגן איר מאַן האָט זיך געענדערט. ער האָט איר אָנגעהויבן אינטערעסירן, ווי עמעצער וואָלט אַ פונק אין איר האַרצן צעבלאָזן, אַ פונק פון יאָרן פאַר־טייעטער ליבשאַפט צו אַ מענטשן אין הויז.

אויך מייקל האָט דערפילט אין זיך גופא אַן ענדערונג. אפשר האָט דאָ אומבאוווסט פאַר אים געווירקט די נייע סימפּאַטישע באַציאונג פון זיין ווייב. ער האָט מיט א מאָל אָנגעהויבן אָנטיילנעמען אין געשפּרעכן. און ניט נאָר אין אַ שטוביקן ענין, נאָר ווען מ׳האָט באַהאַנדלט אַ פראַגע פון געזעל־שאַפטלעכן אינטערעס, האָט דער תמיד שווייגנדיקער מייקל מיט אַ מאָל אָנגעהויבן ריידן, ארויסגעזאָגט זיין מיינונג און מאָדנע — אַלע מאָל איז עס געווען קלאָר און מיט שכל הישר, אזוי אז מען איז מיט אים מסכים גע־ווען אין אַ סך זאַכן.

איצט האָט מ״ר מייקל ביי זיך אין הויז דערפילט דאָס אָנקומען פון אַ ניי לעבן פאַר אים. נאָך יאָרן זיין אָפּגעפרעמדט פון זיין אייגענער ווייב,

פון אַ לעבן אין עלנטקייט, האָט ער פּלוצלינג גענומען באַמערקן אַ שמייכל אויף ראָזיס פּנים, וואָס ער האָט עס זינט ער האָט מיט איר חתונה געהאַט כמעט קיין מאָל ניט געזען. ער האָט דערשפּירט אַ וואַרעמקייט אין זיין אייגענעם הויז, און ס'האָט אים אויך געוואַרעמט די באַציאונג פון סאָניען. אָבער מער פון אַלץ איז עס געווען קלמן, זיין פּלימעניק, וועמען ער באַ־טראַכט ווי זיין אייגענעם זון, וואָס גיט אים טאַקע אָפּ כבוד ווי אַן איבער־געגעבענער זון. דאָס אַלץ האָט זיין האַרץ אָנגעפּילט מיט פריייד.

ראָזי איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז אין זייער הויז זאָלן שטענדיק זיין מענטשן, און זי האָט הנאה געהאַט צו זען ווי איר מאַן באַגעגנט זיי פריינדלעך. זי האָט נאָך אָבער אַלץ זיך געוואָלט אויספּיינען מיט איר פּלי־מעניק מ״ר טראַי, פלעגט זי אים פאַר יעדן פאַרשטעלן און מיט אַלע פּרטים אויסדערציילן זיין דערפאָלג. זי האָט זיך אָבער געהיט פאַר איר מאַן, אַז ער זאָל איר ניט „כאַפּן ביי דער האַנט" ווי זי דערציילט פאַר אַלע־מען וועגן איר שוואָגער מ״ר קעלי טראַי און וועגן זיין גרויסן דערפאָלג. אָבער אַז מייקל פלעגט זען ווי זיין ווייב היצט זיך פאַר געסט אָדער אָנגע־קומענע לאַנדסלייט, האָט ער שוין געוווסט וואָס זי דערציילט זיי און פלעגט זיך גוטמוטיק און פאַרגעבעריש צעשמייכלען.

אָבער ניט נאָר מענטשן פון העכערן שטאַנד האָבן די אָפענע טירן פון מ״ר מייקלס הויז אריינגענומען, נאָר אויך עלנטע מענטשן, וואָס זיינען דאָ יאָרן אין דעם לאַנד אָפּגעווען און ס'איז זיי ניט געגאַנגען, צו וואָס זיי זאָלן זיך ניט האָבן גענומען. די מענטשן האָבן געזוכט ערגעץ אַ וואַרעם ווינקעלע און אַ ביסעלע טרייסט און גוטע ווערטער — און וואַרעמקייט האָבן זיי גע־פונען אין הויז פון מ״ר און מר״ס מייקל, און אַ טרייסטוואָרט ביי קלמן און סאָניע טראַי.

קלמן און סאָניע טראַכטן וועגן אַ נייעם געשעפט

אויס שותף! האָט קלמן פעסט באַשלאָסן ביי זיך. מער אין קאָנצעשן סטאָר פאַר איך ניט! זינט ער איז צוריק געקומען פון זייער האָניק־חודש האָט קלמן זיך ניט געוויזן אין קאָנצעשן סטאָר, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז גערטי און דזשעק וועלן אים פאַרהאַלטן, ווידער איינריידן צו בלייבן און

ער וועט אפשר ניט קענען ביישטיין זייער ווילן. איז טאַקע דזשעק אַ פּאָר מאָל געקומען אין שטאָט מיט קלמנען זיך דורכריידן וועגן וויכטיקע אָנ־באָטן פאר זייער געשעפט, און פאַר איינוועגס האָט ער אים נאָך אַלץ גע־פּרוווט איבעררײדן צו קומען צוריק אין ביזנעס. קלמן האָט אים אָבער גע־זאָגט, אז ס׳איז אַ שאָד די רייד, ס׳וועט ניט העלפן.

דזשעקס צודרינגלעכקייט האָט נאָך מער אָפּגעהאַלטן קלמנען בכלל צו טראַכטן אפילו וועגן אַ פריינדשאַפט־באַזוך אהין. אָנשטאָט דעם איז קלמן געפאָרן יעדן פרימאָרגן צוזאַמען מיטן אָנקל אין שוכגעשעפט פון „מייקל ענד קאָ.״.

אויף דעם אָנבאָט פון אָנקל האָט קלמן געזאָלט איבערנעמען דאָס פירן זיין שוך־געשעפט, איז ער געפאָרן זיך צוקוקן ווי דאָרט גייט אָן. ער איז געגאַנגען פון איין ווינקל צום אַנדערן, זיך פאַראינטערעסירט מיט אַלץ און אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט ווי די פאַרקויפערינס זוכן ארויס שיכלעך פאַר די דאַמען, עס זאָל פּאַסן צום קאָליר און פּאַסאָן פון זייערע קליידער. ער האָט צו די נאַרישע געשפּרעכן זיך צוגעהערט און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אז צו אזא מלאכה, ווי פאַרקויפן אַ פּאָר עלעגאַנטע שיכלעך צו אַ ליידי, וועט ער זיך ניט אויסטויגן. ס׳איז ניט קיין עסק פאַר אַ געזונטן מאַנצביל ווי ער איז. אלא וואָס דען, זיצן אין אָפיס־קאַנורקע אַ גאַנצן טאָג און האַלטן אַן אויג דורך דער גלעזערנער וואַנט וואָס עס טוט זיך אין געשעפט, איז אוודאי ניט פאַר זיין טעמפּעראַמענט, פאַר זיין נאַטור — ער וואָלט פון זינען אַראָפּ. דעריבער האָט ער ניט גענומען צו ערנסט די גאַנצע אידעע פון איבערנעמען זיין אָנקלס שוכגעשעפט מיטן וואַרשטאַט ווו מען „מאַכט אָפּעראַציעס אויף אַלטע שקראַבעס״, ווי קלמן האָט עס גערופן.

ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אז זאָגן זיין אָנקל וועגן דעם איז ניט די פּאַסיקע צייט. ערשטנס, וועט ער אים אָנמאַכן אומזיסט עגמת־נפש, צוויי־טנס, האָט ער נאָך זיין חלק אין קאָנצעשן סטאָר. ווי נאָר מ׳וועט די סטאָר פאַרקויפן און ער וועט איינקאַסירן זיין חלק, וועט ער שוין געפינען וואָס צו טאָן מיטן געלט. ס׳איז ניט דאָס היימישע שטעטל, האָט ער געטראַכט, די מעגלעכקייטן דאָ פאַר אַ פעאיקן מענטשן וואַלגערן זיך אויף יעדן ווינקל.

נאָך עטלעכע טעג אָבסערווירן אלץ וואָס גייט אָן אין געשעפט, האָט ער איין אָוונט, בלייבנדיק אַהיים מיט סאָניען, זיך אַראָפּגערעדט פאַר איר פון האַרצן:

„דעם אָנקלס שוכגעשעפט נעמט מיך עפּעס ניט, סאָניעטשקע! כ׳פּיל אַז קלמן איז ניט געבוירן געוואָרן אויף צו פאַרקויפן אַ מאַדאַם אַ פּאָר שיכלעך — און עס נאָך צופּאַסן צו איר פאַרקרימט פּנים... ניין, מיין טייערע, אַ נאַש בראַט איז צו מער פּראָדוקטיווע אַרבעט באַשאַפן געוואָרן. מ׳וועט דאַרפן אַ טראַכט טאָן וועגן אַ מער וויכטיקערן תּכלית ווי די שוך־סטאָר. כאָטש כ׳ווייס אַז דעם אָנקל וועט עס פאַרשאַפן אַ סך פאַרדרוס, ווייל זיינע אַלע פּלענער זיינען פאַרטראַכט פאַר אונדזער טובֿה וועגן, אָבער כ׳קען צוליב דעם שוכגעשעפט זיך ניט מקריב זיין...״

סאָניע האָט געזען זיין דערשלאָגנקייט און געפילט אַז ער זוכט אַ טרייסטוואָרט.

„קלמן, איך קען זיך דיר אויף גאַנצן פאַרלאָזן, דעריבער לאָז איך איבער דעם ענין פון ביזנעס צו דיין באַשלוס. איך האָב שטענדיק געגלויבט אין דיינע פעאיקייטן און דיין היינטיקע שטימונג פאַרשטיי איך, דו האָסט מיך ניט אַנטוישט. און אויב דו האָסט אין אַזאַ קורצער צייט געקענט דערגרייכן אַזוי פיל, ווייל איך אין דיינע געשעפטן זיך ניט מישן. כ׳וועל אָבער געוויס צופרידן זיין, ווען דו וועסט דאַרפן באַהאַנדלען דעם ענין פון אַ נייער געשעפט־אונטערנעמונג, צו העלפן דיר מיט אַן עצה — צוויי קעפּ איז פאַרט מער ווי איינער...״

„מיין קלוג קעפּעלע!״ קלמן האָט געדריקט איר געלאָקט קעפּל צו זיין ברוסט און איר געקושט צאַרט אויף די זיידענע האָר. זי האָט זיך שטאַרקער צוגעדריקט צו זיין ברייטער ברוסט, זיך געטוליעט אין אים און ער האָט איר געפליסטערט אין אויער אריין: „ווי קען דיר גאָר איינפאַלן, אַז איך וועל אויסקומען אָן דיין עצה״.

* * *

אַ לאַנגע צייט איז געווען שטיל. זיי האָבן זיך געדריקט איינער צום אַנדערן, ווי יונגע פייגעלעך אין אַ נעסט טוליען זיך צוזאַמען אין ליבע, און געפילט ווי די וואַרעמקייט גיסט זיך איבער אין די גלידער. ער האָט איר געשעפּטשעט אויפן אויער און זי האָט געפילט ווי זיין הייסער אָטעם גלעט איר האַלדז:

„סאָניעטשקע ליבע! פון וואַנען נעמט זיך צו אַזאַ יונג ווייבעלע אַזוי פיל שכל? ווייסט וואָס איך טראַכט אַנדערע מאָל וועגן דיר: אַז מיין קליי־

נע סאָניעלע קען ׳פאַרקויפן׳ די קליגסטע מאַנצבילן. זי איז קליגער אפילו פון שלמה המלך״.

מיט גליאיק־מענערישע פינגער האָט ער געגלעט אירע האָר און זי האָט געפילט ווי אַ לייכטער ציטער גייט דורך איר לייב, ווי קלמנס באַריר וואָלט איר עלעקטריזירט. זי האָט זיך איינגעוויקלט אין זיין שויס, ווי אין אַ רייף, און געפישטשעט דין־דין ווי אַ פייגעלע: מיר איז אזוי גוט מיט דיר... גוט צו הערן אז דו האָלסט פון מיר אַן עולם ומלואו... און איך האָב שוין גע־מיינט אז דו ביסט אנטוישט אין מיר...״ זי האָט אַ לאַך געטאָן. קלמן האָט זי נאָך מער איינגעקלאַמערט: „איך וועל קיין מאָל ניט זיין אנטוישט אין דיר!״ האָט ער זי פאַרזיכערט.

ווידער איז שטיל געוועזן. ס׳האָט זיך נאָר געהערט זייער אָטעם אין דער שטילקייט. אַ צייט שפּעטער האָט קלמן ווידער אָנגעהויבן ריידן:

„דו ווייסט, סאָניע, אָפטמאָל טראַכט איך פון דעם אונטערשייד פון דעת גרויסער שטאָט ביז דעם היימישן שטעטל. דאָרט איז זיך געגאַנגען מיט אַן אנדער גאַנג ס׳גאַנצע לעבן, אַ מין ירושה־גאַנג פון דור צו דור. און כ׳מיין דערמיט ניט נאָר דעם דלות און רייכקייט, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען בירושה פון טאַטעס צו קינדער, נאָר טאַקע די מלאכות וואָס קינדער און קינדס־קינדער האָבן איבערגענומען פון טאַטעס און זיידעס. איז איינער געווען אַ בלעכער, אַ שוסטער, אַ שניידער צי אַ סטאָליער, האָבן די זין נאָכגעפאָלגט דעם זעלבן פאַך און זעלטן ווען עמעצער פון אזא משפחה האָט זיך ארויסגעריסן צו עפּעס אַנדערש. און דאָ אין שטאָט איז גאָר פאַרקערט. איך האָב שוין געטראָפן מענטשן וואָס האָבן געביטן זייער געשעפט צענד־ליקער מאָל און יעדע זאַך איז פונקט דאָס פאַרקערטע פון דער פריערדי־קער. וואָס דאַרפסטו מער? נעם טאַקע מיך אליין. אָט בין איך פאַר די פאָר יאָר וואָס איך בין דאָ שוין געווען אין קאָפּעריטע אַ קצב, באַדינט די שוואַר־צע, ווי אברהמל דער פראטשעשניק האָט עס געטאָן אין זיין שענק, נאָך דעם בין איך געוואָרן אזא מין קרעמער און באַדינט אלערליי קונדן, און ווער ווייס אין וואָס פאַר אַ באַשעפטיקונג איך וועל איצט מגולגל ווערן. ווי עס זאָל אָבער ניט זיין וואָלט איך ניט וועלן בלייבן אַ ווייבערשער שיכל־פאַר־קויפער...״

„קלמן, נאָר ניט געזאָרגט!״ האָט אים סאָניע געפּרוווט מוטיקן, פילנ־דיק וואָס עס דריקט אים. „איך בין זיכער אז צו וואָס דו וועסט זיך נעמען

און אַלץ וואָס דו וועסט טאָן וועט זיין מזלדיק. ווייל אַזאַ איינעם ווי דו, וואָס איז ניט להוט נאָך געלט, נאָר וויל זיין אייגן גליק זיך טיילן אויך מיט אַנדערע — אַזאַ איינעם העלפט גאָט. און אויב גאָט האָט דיר געבענטשט מיט אַ גוט האַרץ און מיט אַן אָפענער האַנט, וועט ער דיר אויך העלפן, כדי דו זאָלסט קענען העלפן אַנדערע אין זייער נויט. ווען אונדזער שלום־עליכם האָט געזונגען דאָס לידל וואָס מער קבצן — מער הוליאַקע, וואָס מער נגיד — מער סאָבאַקע, האָט ער זיכער ניט געמיינט אַזעלכע ווי דו. און כאָטש ביסט נאָך אַלץ אַ הוליאַקע, איז אָבער קיין קבצן וועסטו שוין ניט זיין! איך שווער דיר!״ האָט זי פּאַטעטיש אויסגערופן.

„ביסט גערעכט, מיין טייערינקע!״ האָט זיך קלמן צו איר צוגעבויגן. „אַז מ׳האָט קיין געלט ניט איז מען טאַקע אַ קבצן און ס׳איז זייער ביטער. נאָר אַז גאָט וועט העלפן, ווי דו זאָגסט מיר צו, און מיר וועלן האָבן גענוג פאַר אונדזערע באַדערפענישן — און אַ מאָל אפשר אַ ביסעלע מער ווי גענוג, טאָ פאַר וואָס טאַקע ניט העלפן אַן אַנדער יידן, אַ פריינד וואָס ניי־טיקט זיך. איך האַלט אַז העלפן איצט אונדזער שטעטל, וואָס בויט צוריק אויף אירע אינסטיטוציעס, אָדער העלפן אפילו היגע נויטבאַדערפטיקע מענטשן צי וויכטיקע אַנשטאַלטן, איז דער חוב פון די פאַרמעגלעכע, פון די רייכע — דאָס איז אויך דער געבאָט פון גאָט״.

קלמן האָט זיך אויפגעזעצט אויפן דיוואַן און געקוקט סאָניען אין די אויגן:

„כ׳ווייס, סאָניע, וועסט אפשר לאַכן פון מיר. נאָר זע ווי מיר יידן מאַכן אַזאַ גערליאַרעם וועגן צדקה, און וואָס מישטיינס געזאָגט גיט מען? אָפּגע־ריבענע גראָשנס — און אַ מאָל דאָס אויך ניט. און גראָדע די דאָזיקע מענטשן לויפן דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג, נאָר צווישן איין מאָל און דעם אַנדערן זינדיקן זיי גאַנץ נישקשהדיק אונטער. איינער מיט באַגזלען אַ תמימותדיקן קונד, אַ צווייטער מיטן באַגנבענען אַ שכן. און אָט די פּרו־מאַקעס, וואָס שטעלן זיך אָן פאַר רעליגיעזע מענטשן און ריידן אַזוי פיל וועגן צדקה, זיינען פשוטע צבועקעס״.

סאָניע האָט אַ מאַך געטאָן אויף זיינע רייד מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: דאָס זיינען אַלטע מעשיות וואָס מיר קענען זיי אויף אויסווייניק...

„נו, קלמן, מיר וועסטו דאָך ניט לייקענען אַז די פילאָסאָפיע האָסטו וואָרט ביי וואָרט אויסגעלערנט זיך פון דיין דזשעקן״.

קלמן האָט אַ פאַרשעמטער ארונטערגעלאָזן דעם קאָפּ, ווי אַ יינגל וואָס האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט. איצט האָט ער זיך אליין געוווּנדערט ווי סאָניע האָט אים אזוי קונציק געכאַפּט, און נאָך מער האָט אים געוווּנדערט ווי אזוי ער האָט געדענקט דזשעקס תורה און די ווערטער האָט ער איבערגעחזרט אויף זיין שטייגער.

סאָניע האָט דערפילט זיין פאַרלעגנהייט און א ביסל געפּרוּווט אַ דריי טאָן דעם ענין. זי האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל און האַלב אין שפּאַס:

„אויף וויפל איך פאַרשטיי מוז דזשעק זיין דער אמתער אפּיקורס...״

קלמן האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אירע רייד, אָבער ער איז געבליבן ערנסט:

„ניין, סאָניע. זאָגן אז דזשעק איז אַן אפּיקורס וואָלט איך ניט. עס איז טאַקע אַן אמת אז ער דאַווענט ניט און לאַכט אָפּ פון די אַלטע יידישע דינים און מינהגים, אָבער אָרנטלעך איז ער ביז גאָר. ער זאָגט אפילו אז ער איז רעליגיעז, אָבער ער וויל מיט דער רעליגיע ניט מכפּר זיין מענטשלעכע חטאים. און דעם דזשעקן, מיין סאָניעטשקע, וואָלט איך אָנגעטרויט מיין לעצטע העמד. ארבעטנדיק אונטער אים, און שפּעטער — זייענדיק מיט אים אין שותפות, האָב איך זיך איבערצייגט אז די ערלעכקייט זיינע איז אזוי ריין, אז יענעמס אַ גראָשן איז ביי אים טייערער ווי זיינער. און אויב ער איז אין ספק צי ער איז יענעמס שולדיק אַ שילינג אָדער צוויי, וועט ער ניט פרעגן נאָר געבן צוויי שילינג, כדי צו בלייבן מיט אַ ריין געוויסן. כ׳האָב אים ממש ליב, דעם דזשעקן, און האָף אז זיי האָבן שוין אפשר געפונען אַ פּאַסיקן קונה אויף דער קאַנצעשן סטאָר מיט דער קאַפּעריטע. איך האָב טאַקע איין זינען צו גיין מיט דזשעקן ווידער אין שותפות, איידער צו פירן דעם אָנקלס שוכגעשעפט און אכטונג געבן אויף די קאַפּריזנע ווייבערשע פיסלעך״.

סאָניע האָט זיך קלינגענדיק צעלאַכט פון קלמנס שפּאַסיקן זאָג.

„האָסט פיינט צו קוקן אויף ווייבערשע פיסלעך, איצט פאַרשטיי איך...״

„ניין, ניט אויף אַלע — אויף אַזעלכע ווי סאָניעס ניט...״ און ער האָט גלייך צוריקגעפירט דעם געשפּרעך ווידער אויף דזשעקן. „אָבער אַן פיסלעך צי מיט פיסלעך, בין איך זיכער אז דזשעק און איך וועלן מאַכן אַ דערפאָלג פון יעדן ביזנעס וואָס מיר וועלן אונטערנעמען. אגב, האָט מיר שוין דזשעק געגעבן אָנצוהערן, אז ווי נאָר מ׳וועט קענען פאַרקויפןביידע אונדזערע ביזנעס ווי זיי שטייען און גייען — וויל אויף דער קאַפּעריטע זיינען

ניט פֿאַראַן קיין צו פֿיל בעלנים — וועט ער מיט גערטין גלייך אריבערפֿאָרן אין שטאָט און מיר וועלן צוזאַמען זוכן אַ נייעם ביזנעס".

„דאַרפֿסט ניט זאָרגן, קלמן. אז מ׳וויל אויסכאַפּן אייער קאָנצעשן סטאָר איז דאָך גאָר קיין פֿראַגע ניט. און דזשעק אליין האָט דיר דאָך ס׳לעצטע מאָל דערציילט, אז אָנפֿראַגעס זיינען דאָ לרוב, ווייל אזעלכע קאָנצעשנס וואַלגערן זיך ניט אין די גאַסן. היינט די קאַפּעריטע? וועט זיך מסתמא איינגעפֿינען איינער וואָס איז אַ בעלן אויףביידע זאַכן. דאַרפֿט איר טאַקע זען זיך ניט צו איילן און ניט פֿאַרנאַרן".

קלמן האָט זיך ווי באַליידיקט. „וואָס רעדסטו, סאָניע. קיין קאַץ אין אַ זאַק פֿארקויפֿן מיר ניט. און די ביזנעס וועלן מיר פֿארקויפֿן לויט איר ווערט, אויף אַן אָנשטענדיקן און אָרנטלעכן אופֿן — אזוי איז צווישן אונדז באַשלאָסן געוואָרן".

„אַראַנס, טראַי ענד קאָ." ווערט פֿאַרקויפֿט

קלמן איז נאָך אַלץ געגאַנגען מיטן אָנקל יעדן טאָג אין שוכגעשעפֿט. ער האָט זיך דאָרט ארומגעדרייט צווישן די פֿאַרקויפֿעריננס אָן חשק, אָבער פֿאַר יעדערן געהאַט אַ שמייכל און זיך ניט געוואָלט ארויסגעבן פֿאַר דעם אָנקל — זאָל ער ניט האָבן קיין פֿאַרדרוס. מיט אומגעדולד האָט ער גע־וואַרט אויף אַ ידיעה פֿון זיינע שותּפֿים. און לאַנג איז אים ניט אויסגעקומען צו וואַרטן.

עטלעכע טעג נאָך זיין געשפּרעך מיט סאָניען האָט דזשעק אין אַ פֿרי־מאָרגן טעלעפֿאָנירט צו קלמנען, אז ער האָט אַ זיכערן קונה וואָס וויל קויפֿן די קאָנצעשן סטאָר מיט דער קאַפּעריטע. און זאָל ער גלייך אריבערקומען, ווייל ס׳איז אַ סך בעסער, אז אַלע פֿאַרטנערס זאָלן ביי זיין די פֿאַרהאַנדלונ־גען, טאָמער דאַרף מען זיך דרינגענדיק באַראַטן וועגן אַ געוויסן פּונקט און אפֿשר גאָר לייגן די חתימה וועגן אַ גליקלעכן אָפּשלוס. קלמן האָט געזאָגט דזשעקן, אז ער פֿאָרט תיכף ארויס און אויף מיטאָג וועט ער זיין אין קאָנ־צעשן סטאָר.

קלמן האָט שנעל געטריבן די מאַשין. ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, ווי ער וואָלט פֿאָרויסגעפֿילט אז היינטיקס מאָל וועט עפּעס ארויס־

קומען פון דעם געשעפט. מיט דער שנעלקייט פון מאַשין האָבן אויך געיאָגט זיינע מחשבות. ער האָט אויסגעאַרבעט און איבערגעאַרבעט כסדר די פּלע־נער פון די פאַרהאַנדלונגען, פון די באַדינגונגען און פון פּרייז. מיט אַ מאָל האָט ער, ניט באַמערקנדיק אפילו, זיך געפונען ביים איינגאַנג פון קאָנ־צעשן סטאָר.

דזשעק איז אים ארויסגעקומען אַנטקעגן און זיך געוווּנדערט ווי גיך ער איז געקומען. „האָסט געהאַט אַ קפיצת־הדרך?" האָט ער געפרעגט און מיט אים זיך ארומגעכאַפּט ווי מיט אַ ברודער.

„נו, ווו איז דיין סוחר?" האָט קלמן געפרעגט פאַרזאָרגט, ניט זעענדיק קיין פרעמדן מענטשן אין סטאָר.

„גערטי האָט אים גענומען צו אונדז. ער רוט זיך אָפּ. מיר וועלן ביי אונדז צוזאַמען האָבן מיטאָג און מ'וועט ריידן. מיר דוכט אז ס'איז שוין אָפּגערעדט".

„וואָס הייסט אָפּגערעדט? האָט איר שוין פאַרהאַנדלט?"

„ניין, פאַרהאַנדלט האָבן מיר נאָך ניט, אָבער דער מאַן איז צעהיצט, ס'געפעלט אים אונדזער געשעפט און מיר דוכט אז ער וועט איינגיין אויף אַלץ".

„און איך האָב געמיינט אז מ'וועט מוזן פאַרשניידן מיטן פּרייז צוליב דער קאַפּעריטע, אַבי פּריי ווערן פוןביידע זאַכן אויף אַ מאָל. ס'ליגט מיר ווי אַן עול אויפן קאָפּ. אין לעצטן פאַל וואָלט איך פאַרקויפט מיין חלק אליין".

„קלמן, דיין חלק וואָלטן מיר שוין לאַנג געקענט פאַרקויפן. אָבער ווילסטו אונדז דאָ לאָזן און אליין אנטלויפן!" האָט דזשעק כמעט געשריען אויף אים.

„אָ ניין, דזשעק, ניין! דערפאַר טו איך עס דאָך ניט. מיר וועלן גיין צוזאַמען".

„אזוי האָב איך דיר ליב. קום, מיר קענען שוין גיין צו מיטאָג".

„זאָלסט אָקאָרשט ניט פאַרגעסן ארויפשטעלן די אמתע פלאַש בראַנפן אויפן טיש!" האָט אים קלמן באַפוילן.

ווען מ'האָט אָפּגעגעסן און געמאַכט אַ וואַזשנעם לחיים מיטן קונה, האָט מען אָנגעהויבן די פאַרהאַנדלונגען. ראשית, האָט מען אויפן גרויסן שרייב־טיש ארויפגעלייגט אלע חשבונות און פּאַפּירן. מ'האָט געלאָזן דעם קונה

אדורכקוקן אַלץ פריי און מ׳האָט אים געגעבן דערקלערונגען אויף אַלע זיינע פראַגעס. קלמנס ארגומענטן זיינען געווען לאָגיש און רעאַל און געהאַט אַ גוטע ווירקונג.

דער קונה האָט באַשיימפערלעך געזען, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אָרנטלעכע מענטשן. ער האָט געפילט אז די רייד זיינען ניט קיין פאַלשע און אז מ׳פרוווט אים ניט איינריידן. האָט ער טאַקע ניט צו לאַנג גע־צויגן די עצמות און אָנגעבאָטן אַ פרייז, וואָס איז געווען אָנגעמבאָר פאר די שותפים. קלמן האָט באַלד געטאָן אַ צעגיס משקה אין די גלעזלעך און מ׳האָט געטרונקען לחיים און צוגעווונטשן דעם נייעם קונה גליק און מזל. און אזוי ווי מ׳האָט פארקויפטביידע געשעפטן מיט אַ מאָל, האָט מען באַ־שלאָסן, אז קלמן מיטן קויפער וועלן אויפנעמען די גאַנצע סחורה און נאָך דעם וועט מען זיך טרעפן מיט די אַדוואָקאַטן פון ביידע צדדים אין שטאָט און זיי וועלן אויסאַרבעטן אַלע איינצלהייטן אין אַ קאָנטראַקט.

ביידע פאָרלעך זוכן אַ געשעפט

ווי נאָר דער קאָנטראַקט איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון ביידע צדדים, האָבן דזשעק און גערטי שוין מער ניט געקענט רוען. זיי האָבן מיט איין מאָל זיך דערפילט פריי פון אַ גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער נייער בעל־הבית מיט זיינע מיטהעלפערס האָבן אָנגעהויבן קומען יעדן פריי־מאָרגן און געבליבן אַ גאַנצן טאָג, כדי צו קענען זיך צוגעוווינען צו די באַ־דינגונגען און איבערנעמען די געשעפטן.

גערטי און דזשעק האָבן זיי נאָר באַקענט מיט די באַדינגונגען און מיט די קונדן. די איבעריקע צייט, אין דער פרי און נאָך מיטאָג, האָבן זיי פּי־בערדיק געזוכט אין די אַנאָנסן פון די צייטונגען, אין דער רובריק: גע־שעפטן און פאַבריקן צו פאַרקויפן. דער מיסחר פון זייער געשעפט איז אָפּ־געשלאָסן געוואָרן און זיי האָבן געהאַט אַ באַשטימטע דאַטע ווען זיי דאַרפן זיך ארויסקלייבן. האָבן זיי כסדר אַלע מודעות פאָרזיכטיק שטודירט, גע־נישטערט אין יעדן ווינקל פון די צייטונגען, פאַרשריבן נומערן פון טעלע־פאָנען און גערטי פלעגט לויפן אין הויז אריין טעלעפאָנירן די אגענטן צי די אייגנטימערס און מאַכן אָנבאָטן. אין אָוונט פלעגט גערטי אָפּגעבן

דזשעקן אַ באַריכט וועגן די פֿאַרהאַנדלונגען און מ׳האָט צוזאַמען גערעדט וועגן באַלדיקן אַריבערגיין אין שטאָט.

„מיר איז שוין דערעסן געוואָרן דאָס זיצן דאָ אין מידבר. יעדער טאָג איז אַן אָפּקומעניש. ס׳וואָלט זיין גוט צו קריגן אַ געשעפֿט, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פֿאַר אַלעמען דריי — מיט קלמנען אין שותּפֿות. צוזאַמען מיט קלמנען וואָלט שוין דאָס פּראָבלעם געווען גרינגער צו לייזן״. האָט גערטי אַריינגערעדט אין דזשעקן.

„אָט דאָס איז וואָס איך טראַכט און וואָס איך זוך, גערטי טייערע! ניט חלילה דערפֿאַר, וואָס כ׳פֿיל זיך ווי יענער הינקעדיקער שניידער, נאָר אין צווייען, און טאַקע בשותּפֿות מיט קלמנען, וואָלט ממש געווען מן השמים. כ׳ווייס אַז פֿון זיין זייט וועט קיין מניעה אין געלט אויך ניט זיין. ווי קלמן אַליין האָט זיך אַ מאָל פֿאַר מיר פֿאַרטרויט, איז זיין רייכער אָנקל גרייט אים צו העלפֿן מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן. קלמן לערנט זיך שנעל און וויל מאַכן אַ דערפֿאָלג. און נאָך אַזעלכע געשעפֿטן ווי די קאָנצעשן סטאָר מיט דער קאָפּעריטע וועלן מיר שוין ניט וועלן אָנהויבן מיט גראָשענע ביזנעס״.

„זיכער, דזשעק, ניט פֿאַר אונדז זיינען שוין היינט די גראָשענע געשעפֿטן. נאָך דעם ווי יעדער פֿון אונדז האָט אָפּגענומען אַ היפּשן חלק, קענען מיר זיך שוין פֿאַרגינען אַרויסצוקוקן אויף גרויסע ביזנעס. ווייל זאָלסט וויסן זיין, דזשעק, האַנדלט מען מיט פּעני־אַרטיקלען, זיינען די פֿאַרדינסטן פּעניס, האַנדלט מען מיט פֿונטיקע אַרטיקלען, זיינען די פֿאַרדינסטן פֿונטן. און טאָמער וועט זיך אונדז מאַכן אַ געשעפֿט וואָס וועט אַריבערשטייגן אונדזערע פֿינאַנציעלע מעגלעכקייטן, אָבער ס׳וועט זיין אַ גוט געשעפֿט, איז עס דאָך דערפֿאַר אַפֿריקע, ניט די אַלטע היים, און מ׳וועט זיך אַן עצה געבן״.

„דאָס זעלבע טראַכט איך״, האָט דזשעק צוגעשטימט. „דעריבער טאַקע קאָנצענטריר איך זיך צו זוכן עפּעס גרויס, וווּ עס זאָל כדאַי זיין אַריינצולייגן געלט און כּוחות. ווי גייט דאָס ווערטל: ווי איינער נעמט זיך, אַזוי העלפֿט אים גאָט. און ס׳ווערטל האָב איך געזען איז גילטיק אַפֿילו פֿאַר שלימזלען, וואָס קענען אַ קאַץ דעם עק ניט פֿאַרבינדן״

אַזאַ מין אופֿן פֿון אַרגומענטירן און שמועסן וועגן אַ געשעפֿט, איז אויך אָנגעגאַנגען צווישן סאָניען און קלמנען, ווי ביידע פֿאָרלעך וואָלטן זיך צונויפֿגערעדט, אַז זיי דאַרפֿן קאָפּירן איינע די אַנדערע. סאָניע און קלמן

האָבן אויך געהאַלטן, אַז זיי דאַרפן זיך איינהאַנדלען אַ געשעפט בשותפות מיט דזשעקן און גערטין. זיי האָבן אויך געטראַכט וועגן אַ בעל־הבתישן געשעפט פון גרויסן פאַרנעם, וווּ מ׳זאָל קענען מאַכן אַ פיינעם לעבן און נאָך שפּאָרן אַ פונט דערצו.

„דו פאַרשטייסט, סאָניעטשקע, מיט דזשעקן אין שותפות איז שוין אַ האַלבער פּראָבלעם געלייזט", האָט קלמן זיך פאַרטרויט פאַר איר כמעט מיט די זעלבע ווערטער. דזשעק איז אַ מענטש מיט אַ פּען אין האַנט. ער קען און ווייס אַ סך און איז אפילו קלאָר אין בוכהאַלטעריע. כ׳האָב אים קיין מאָל ניט געפרעגט פון וואַנען ער קען עס, אָבער אין קאַנצעשן סטאָר איז זיין אויג שטענדיק געווען אומעטום. און אין די ביכער איז ער געווען קלאָר אויסווייניק, ווי אַ ייד אין אשרי".

ביידע פאַרלעך האָבן געזוכט אין די אַנאָנסן פון די צייטונגען טאָג און נאַכט. מ׳האָט זיך אפילו טעלעפאָנירט און ס׳איז געקומען צו קוריאָזן ווען ביידע האָבן גערעדט וועגן איין און דער זעלבער זאַך און יעדער האָט גע־מיינט, אַז ער רעדט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. מ׳האָט קאָאָפּערירט, גע־לאַכט, זיך געוויצלט.

איין טאָג האָט זיך סאָניעס אויג פאַרהאַלטן אויף אַן אַנאָנס: עס פאַר־קויפט זיך אַ שוך־פאַבריק, ווייל דעם אייגנטימערס געזונט־צושטאַנד איז ניט צום בעסטן. וועגן באַדינגונגען און דער סומע זיך פאַרבינדן מיטן אַגענט. סאָניע האָט זיך ראַפּטום אַ זעץ אויף געטאָן:

„קלמן, כ׳האָב אַ געפיל, אַז איך האָב די מינוט אָנגעטראָפן אויף עפּעס, וואָס וועט זיין צוגעפּאַסט פאַר צוויי שותפים. הער נאָר, כ׳וועל דיר פאַר־לייענען דעם אַנאָנס". און זי האָט אַ ביסל צערודערט דורכגעזיפּט דעם אַנאָנס וואָרט ביי וואָרט.

סאָניע האָט געהאַט אַ נאַטור צו זיפּן לאַנגזאַם די ווערטער, בעת זי האָט עפּעס וויכטיקס געוואָלט אונטערשטרייכן. און קלמן האָט, ניט ווויסנדיק פאַר וואָס, מיט אַ מאָל דערפילט אַז דאָס איז עס.

„סאָניע, מיר דוכט אַז דו האָסט אָנגעטראָטן אויף דער ריכטיקער נאָג־ניאָטקע", האָט ער געשפּאַסט. „מיר דוכט אַז ס׳איז ווי פון הימל אַראָפּ־געפאַלן", האָט ער גערעדט באַגייסטערט, אַליין ניט וויסנדיק פאַר וואָס דאָס איז אַזוי. „כ׳בין זיכער אַז דער אָנקל און אוודאי ראָזי וואָלטן זיך אויך פאַראינטערעסירן מיט אַזאַ געשעפט. איך האָב ניט איין מאָל געהערט ווי

דיין שוועסטער רעדט מיט אַ גוואַלדיקער קינאה וועגן די שוך־פאַבריקאַנטן. כ׳מיין אז אזא געלעגנהייט טאָר מען ניט דורכלאָזן. מ׳דאַרף גלייך מאָרגן פרי כאַפּן אַ שמועס מיטן אָנקל און מיט דער טאַנטען און תיכף זיך פאַר־בינדן מיטן אַגענט״.

מ׳רעדט וועגן דער שוכפאַבריק

אויף מאָרגן גלייך נאָך פרישטיק האָט סאָניע געזאָגט צו קלמנען, אז די ערשטע זאַך זאָל ער גלייך טעלעפאָנירן דעם אַגענט, כאָטש צו וויסן די וויכטיקסטע פרטים אידער מ׳רעדט מיטן אָנקל און טאַנטע. און ווען קלמן האָט אַ ווײַלע נאָך דעם גערעדט וועגן דעם מיט די מייקלס, האָט ער שוין געקענט איבערגעבן אַ קורצן באַריכט פון דעם וואָס דער אַגענט האָט אים געזאָגט. מ״ר מייקל איז אָבער געוואָרן אַ ביסל סקעפּטיש און געזוכט אָפּ־צוקילן קלמנס צעהיצטקייט:

„כאַפּ ניט, קלמן! מיט אזא ביזנעס מוז מען זיין פּאָרזיכטיק. אזא זאַך טוט מען ניט אייליק. די ציפערן וואָס דער אַגענט האָט דיר אָנגעגעבן קענען אַ מאָל זיין קאַפּידרעך. מ׳דאַרף גוט דורכשטודירן זייערע ביכער. די הכנסה און די הוצאה קען האָבן אַ „טריק״ און מ׳טאָר זיך ניט צו פיל פאַרלאָזן אויף זייערע בוכהאַלטאָרן. זייערע מענטשן פירן דאָך די פאַר־האַנדלונגען פאַר זייער טובה. מען מוז האָבן אַן אייגענעם באַגלויבטן בוכ־האַלטער מיט אַן אייגענעם לאָיער״.

„וואָס האָסטו געמיינט, סעם״, האָט אים ראָזי איבערגעריסן, „אז מ׳וועט אזא גרויסן געשעפט קויפן בלינדערהייט. זאָל נאָר האַלטן ביי פאַרהאַנדלונ־גען — און איך גיי אויס, אז אין אונדזער פאַמיליע זאָל זיין אַ שוכפאַבריק. קעלי וועט זיך גוט אויסטויגן פאַר דעם. און דער פלאַן פון קעלי און סאָניע איז דאָך, אז זיי וועלן אריינגעמען דזשעקן פאַר אַ שותף — און דזשעק איז דאָך ניט קיין פּראָסטער יונג, פאַרשטייט זיך אויף בוכהאַלטעריע. וועט מען אַהער אריבערברענגען דזשעקן, זאָל ער אריינקוקן אין די ביכער און נאָך דעם וועט מען צוזאַמען באַטראַכטן דעם פלאַן און זיך מיישב זיין. כ׳לייג פאָר אז דערווייל זאָלן קעלי און סאָניע זיך אריבערכאַפּן צום אַגענט און נעמען ביי אים מער איינצלהייטן, נאָך דעם וועט מען ארויסרופן דזשעקן...״

סעם מײקל האָט אײדל איבערגעריסן די רײד פֿון זײן װײב:

„ראָזי, אײַל דיך ניט אַזױ מיט דעם ענין, װײל אַזאַ מיסחר קען מען נישט מאַכן כאַפּ־לאַפּ, אױף אײן פֿוס. אַ פֿאַבריק קען מען ניט קױפֿן װי אַ קאַץ אין זאַק...“

„װאָס קאַכסטו זיך, סעם“, האָט ראָזי געפּרוּװט אײנהאַלטן איר כּעס, „װער אײַלט זיך? װי זאָגט קעלי: דערװײל האָט מען נאָך די באָד ניט געהײצט. און גראָדע אין דער שוד־בראַנזשע קען איך װיסן מיט װעמען מען האַנדלט, װײל ס׳איז ניטאָ קײן אײן שוכפֿאַבריק אין יאָהאַנעסבורג, װו איך זאָל ניט קענען די בעלי־בתּים פּערזענלעך. אונדזער שוכגעשעפֿט האָט צו טאָן מיט אַלע פֿאַבריקן, דעריבער איז מײן מײנונג, אַז די ערשטע זאַך זאָלן קעלי און סאָניע תּיכּף אַריבערפֿאָרן צום אַגענט, כּדי זיך באַקענען מיט אַלע אײנצלהײטן און קאָנדיציעס. אפֿילו נאָך דעם בלײבט נאָך אַלץ די ברירה אין אונדזער האַנט“.

די פֿאָרלעך טרעפֿן זיך

אַרױסגעװיזן האָט זיך, אַז די שוכפֿאַבריק האָט טאַקע געהערט צו אַ ײדן מיט װעמען ראָזי מײקל האָט געהאַנדלט. ס׳איז געװען אַ פּאָפּולערע פֿירמע, װאָס אירע אַרטיקלען זײנען געװען באַװוּסט איבערן גאַנצן לאַנד. ראָזי האָט עס געזאָגט קלמנען אײדער ער איז מיט סאָניען געפֿאָרן זען די פֿאַבריק. זי האָט נאָך אַ מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז דאָרט פּראָדוצירט מען גוטע סחורה און די מאַרקע פֿון פֿאַבריק האָט אַ גוטן נאָמען, אַזױ אַז ס׳קען זיך לױנען.

בײם צוזאַמענטרעף מיטן אײגנטימער פֿון פֿאַבריק, האָט יענער גלײך אַ שאָט געטאָן אױף קלמנס קאָפּ אַ גאַנצן בינטל ליבװוּרטער און שבחים:

„מ״ר טראַי, װעגן אײך האָב איך זיך שױן אָנגעהערט פּלענטי. איך געדענק אײך אָבער פּערזענלעך פֿון דעם מאַסן־מיטינג פֿאַר די מלחמה־געליטענע, בעת דער רעדנער, מ״ר פּאַדערסקי, האָט זיך מיט אײך אַרומגע־כאַפּט װי מיט אַ ברודער װעמען מ׳האָט יאָרן ניט געזען. נאָך זײן רעדע האָט איר אױך גענומען אַ װאָרט און אײערע פֿראַגעס זײנען געװען אַזױ גע־לונגען, אַז דער עולם האָט אײך אַפּלאָדירט גאָר געשמאַק. און אַז איך האָב

זיך נאָכגעפרעגט ווער איז דער אַזוי גרעאָטענער יונגערמאַן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איר זייט עס גאָר דער ׳גרינער׳ פּלימעניק פון די מייקלס. מער פון אַלץ אָבער געפעלט מיר, ווי גיך איר האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אונדזער ׳קאָנטרי׳ — זיך אויסגעגרינט איינס־צוויי, און זיך שוין גאַנץ פיין ארויפגעאַרבעט. אייך קומט אַ וואַזשנעם קרעדיט פאַר דעם אַלעם, און די מייקלס דאַרף מען גראַטולירן מיט אַזאַ פּלימעניק. כ׳קלייב זיך טאַקע זיי צו גראַטולירן, כ׳וועל זיי אָנטעלעפאָנירן״.

קלמן האָט דעם יידן ניט געקענט און ער האָט ניט געוווּסט וויפל פון די אַלע זיסע ווערטער קומען פון האַרצן. איין זאַך האָט ער געוווּסט, אַז דער אָנקל און טאַנטע האָבן געזאָגט, אַז די פאַבריק האָט אַ גוטן נאָמען, האָט ער דעם יידן פריינדלעך באַדאַנקט פאַר די ליבווערטער אויף זיין חשבון און אריבער גלייך צו דער זאַך. ער האָט אָנגעהויבן אים אויספרעגן וועגן פאַבריק.

ערשט איצט האָט זיך ביים פאַבריק־אייגנטימער פונאַנדערגעבונדן די צונג. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן אַ מעשה וועגן זיך, אַז ער איז אַ לאַנגע צייט ניט געזונט געווען, האָט ער זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף פרעמדע מענטשן: „איר, מ״ר טראַי, האָט שוין מסתמא געהאַט עקספּיריענס, אַז מיט פרעמדע הענט איז גוט צו שאַרן ברענענדיקע קוילן, אָבער ניט אַלע מאָל לאָזט זיך עס. און דעריבער טאַקע האָב איך פאַרנאַכלעסיקט מיין פאַבריק. מיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך ניט פאַרבעסערט, אַזוי אַז כ׳האָב באַשלאָסן: אויס, אַן עק און פּטור. און אייך, מ״ר טראַי, פאַרגין איך מיטן גאַנצן האַרצן די גרויסע מציאה. דאָ קען יעדער איינער גליקלעך ווערן, בפרט אַזאַ גערעאָטענער יונגערמאַן ווי איר זייט. איר וועט דאָ אין גאָלד אַוועק. איר דאַרפט זיך נאָר נעמען מיט חשק״.

ער האָט אויך ניט פאַרגעסן צוצוטיילן נאָך אַ ביסל קאָמפּלימענטן סאָניען, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט און זיך געוווּנדערט אויפן יידנס באַריידעוודיקייט. קלמן האָט זיך געפילט געהויבן ניט אַזוי פון די שמאַל־ציקע קאָמפּלימענטן, ווי נאָך מער פון דעם יידנס צוטרוי צו זיינע פעאי־קייטן צו קענען פירן די פאַבריק. צום סוף האָט מען זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען סאָניע און קלמן וועלן קומען צוזאַמען מיט די מייקלס און מיט די אַראָנסעס, וועלכע דאַרפן אַלץ זען און וויסן, ווייל מ׳וויל אריין מיט זיי אין שותפות.

סאָניע און קלמן זיינען דעם זעלבן טאָג גלייך נאָך מיטאָג אָפּגעפאָרן צו די אַראָנסעס אין קאָנצעשן סטאָר. זיי האָבן געוואָלט זיי איבערגעבן אַלץ גענוי און טאַקע צוזאַמען דורכטראַכטן דעם ענין. גערטי און דזשעק זיינען געווען שטאַרק צופרידן מיט די נייעס וועגן דער שוכפאַבריק. דזשעק האָט געזאָגט, אַז אויב סאָניעס שוועסטער, וואָס איז אין דער שוך־בראַנזשע שוין אַזוי פיל יאָרן, איז ביי דער מיינונג אַז ס'איז אַ גוט געשעפט, איז עס די בעסטע רעקאָמענדאַציע.

דזשעק האָט אַ קלאַפּ געטאָן קלמנען אין פּלייצע, מעשה גוטער ברודער, און געזאָגט:

„איך צווייפל ניט אין דער ריכטיקייט פון דיין באַריכט, קלמן. אָבער דו האָסט נאָר געזען דאָס אויבנאויפיקע, איצט וועט מען מוזן דאַרפן אַריינקוקן אינעווייניק — אי אין דער פאַבריק, און אי אין די ביכער. מ'וועט דאַרפן רעווידירן די ביכער, די הוצאה און הכנסה, און דאָס דאַרף געטאָן ווערן דורך פּראָפעסיאָנאַלן. מ'וועט דאַרפן איינשפּאַנען אונדזער בוכהאַלטער און דעם בוכהאַלטער פון די מייקלס, און איך וועל אויך אַריינוואַרפן אַן אויג. קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן — איך קוק ניט אין אַ חשבון ווי אַ האָן אין בני אדם...‟

* * *

„געַנוג וועגן דעם!‟ האָט קלמן אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, „לאָמיר בעסער היינט אָוונט באַנעצן די ליפּן עס זאָל זיין מזלדיק. און כ'וואָלט זייער וועלן אַז דו זאָלסט פאַרבעטן אַהער טשאַרלין, וואָס וואַלגערט זיך מסתמא איינער אַליין אין זיין צימער. פאָרט איז דאָך טשאַרלי געווען מיין ערשטער רבי אין דער קאָפּעריטע, דער ביזנעס־חדר ווו איך האָב אָנגעהויבן לערנען מיסחר אין דעם לאַנד‟.

קלמן האָט אומישנע אונטערגעשטראָכן אַזוי שטאַרק טשאַרליס פאַר־דינסטן פאַר זיין אויפשטייג, כדי אָפּצושוואַכן דעם ווידערווילן פון די אַראָנסעס וואָס האָבן ניט צו ענטוזיאַסטיש אויפגענומען קלמנס פאָרשלאָג. ער האָט אפילו באַמערקט, ווי אַ שמייכל האָט זיך אויסגעקרימט אויף די ליפּן פון גערטין. ניט נאָר האָבן זיי ניט געוואָלט ווערן צו נאָענטע מחותנים מיט טשאַרלין, וואָס איז נאָר אַ „מענטש‟ און מ'דאַרף אים היטן מיט צען אויגן, נאָר טשאַרלי אַליין האָט זיך געהאַלטן צו זיי פרעמדלעך און פון דער ווייטנס. לעצטנס אָבער ווי נאָר ער האָט זיך דערוווסט אַז אַלץ גייט אַריבער

אין אַנדערע הענט, האָט ער אָנגעהויבן עפּטער קומען. אויפן ערשטן ווונק פון דזשעקן איז טשאַרלי אריינגעקומען און ברייטלעך באַגריסט קלמנען מיט זיין פרוי. טשאַרלי האָט געשיינט אַ גליקלעכער, וואָס קלמן האָט אים אזוי פריינדלעך באַגעגנט. ער האָט אים אפילו אַ פּאָר מאָל צוגעוואָרפן חניפה־דיק־אונטערטעניק דעם טיטל מ״ר טראַי.

„טשאַרלי, הער אויף מיט דיינע קרומע קאָזעלקעס, ווייסט דאָך אז איך גלייך נאָר גלייכע זאַכן — און ס'איז גלייכער, אז דו זאָלסט מיך רופן קלמן. צוזאַמען האָבן מיר דאָך געקאָרמעט די שוואַרצע — זיינען מיר קאָלעגן, געדענק...״

טשאַרלי האָט גוטמוטיק געשמייכלט צו קלמנען. זיין ביסל מוסר האָט אים אויפגעמונטערט און ער האָט זיך דערפילט וואַרעם אין קלמנס געזעל־שאַפט. איצט האָט ער געהאַט אַ גרונט אָנצוהויבן אַן אַלטן פיזמון, וואָס ער פלעגט אלע מאָל האַלטן אין איין חזרן:

„דעם אמת, קלמן, איך האָב דיר ווי אַ נביא פאָרויסגעזאָגט, אז דו וועסט זיין אָלרייט אין דער מדינה, האַ?״ האָט ער זיך באַרימט און מיט אַ פאַרשעריש־קרומען בליק געקוקט צו סאָניען. „איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָב אים געהאָלפן זיך אויסגריינען, שטענדיק געגעבן אַ לעק־ציע ווי מ'באַדינט די קאַפערס. זאָל ער לייקענען צי איך האָב אים ניט גע־מאַכט פאַר אַ מענטשן צווישן די קאַפּער־בורילעס״.

ער האָט אפילו ניט געפילט ווי ער איז אריבער ריידן אין דריטע פּער־זאָן, ווי ער וואָלט עס אַלץ דערציילט סאָניען. סאָניע האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט:

„כ'בין אייך באמת דאַנקבאַר, טשאַרלי, וואָס איר האָט געמאַכט מיין מאַן פאַר אַ מענטש. קען זיין אז מיר וועלן אייך אָפּדאַנקען מיטן געפינען פאַר אייך אַ גוטע שטעלע אין אונדזער נייעם ביזנעס. גענוג זיך וואַלגערן אזוי ווייט פאַרוואָרפן״.

קלמן האָט געוואָלט זיך וואַרפן אויף סאָניען פאַר איר גאָלדענעם איינ־פאַל, און טשאַרלי האָט זיך נאָך מער צעהיצט און געוואָרן אויסער זיך פון שימחה:

„אַ דאַנק, מר״ס טראַי! אַ דאַנק. ס'איז גוט צו האָבן גוטע פריינד, אפילו אויב זיי זיינען דיינע בעלי־בתים...״ ער האָט ניט געוווסט ווי זיך ארויסצודרייען און אָנגעהויבן פּלאָנטערן מיט דער צונג: „ניין, איך האָב

קלמנען ניט געמאַכט פאַר אַ מענטש, ער איז שוין געווען אַ מענטש איידער נאָך כ׳האָב אים געטראָפן. אז די קאַפּערס האָבן דערזען זיינע ידים, האָבן זיי געמיינט ער וועט זיי צעשינדן. זיי האָבן זיך געהיט פאַר אים, אָבער שפּעטער זיינען זיי געווען די כפּרה פאַר אים״.

דעם גאַנצן אָוונט האָבן די צוויי פּאָרלעך און טשאַרלי פאַרבראַכט גע־מיטלעך צוזאַמען. מ׳האָט זיך געוויצלט, געלאַכט און איבערהויפּט האָט מען זיך אַמוזירט פון טשאַרליס מעשיות וועגן די קאַפּערס, ווי ער האָט זיי גערופן, און אויך פון די קאָמישע פּאַסירונגען פון זיינע בעלי־בתים. מ׳האָט שפּעטער מיט אַ קרעכץ אויך דערמאָנט דאָס שטעטל און טשאַרלי האָט דערציילט פון זיינע שמד־שטיק אין דער יוגנט און ווען ער האָט אויסגע־רופן הויך אויף אַ קול זיין „טשיריאָ״, איז שוין געווען היפּשלעך שפּעט.

ווען טשאַרלי האָט צוגעמאַכט די טיר איז געוואָרן מיט איין מאָל שטיל. איצט ערשט האָבן זיך די מענער און די פרויען פאַרקליבן אין צוויי באַ־זונדערע ווינקלען און מ׳האָט געפירט שמועסן. די מענער האָבן געמאַכט פּלענער וועגן די ווייטערדיקע שריט וועגן קויפן די שוכפאַבריק, און אָפּגע־מאַכט אַ דאַטע זיך צו טרעפן אין שטאָט, כדי צו גיין אָנקוקן די פאַבריק און אריינקוקן אין די ביכער. די פרויען וואָס האָבן געוווּסט אז דער מיסחר ווערט געפראַוועט פון די מענער, האָבן גערעדט וועגן קליידער, וועגן קינד־און שפּייז־ענינים און אויך ניט פאַרגעסן צווישן דעם אריינצופלעכטן אַ פּליאָטקעלע צי אַ דערמאָנונג פון די מיידלשע יאָרן.

אויף מאָרגן נאָך פרישטיק האָבן זיך די פּאָרלעך וואַרעם צעזעגנט. אין די ביינער איז נאָך געלעגן די מידקייט פון גיין שלאָפן האַלבע נאַכט, אָבער די פריינדשאַפט האָט זיך נאָך שטאַרקער געפילט. ווען די אַראָנסעס האָבן קלמנען מיט סאָניען ארויסבאַגלייט צום אויטאָמאָביל, האָט מען נאָך געהאַט פולע מיילער רייד, אז צום סוף האָט מען נאָך אויסגענומען זיך טעלעפאָניש קאָמוניקירן וועגן ווייטע אַראַנזשירונגען. דער אויטאָ האָט מיט אַ געזשום אָוועקגערוישט און הענט האָבן זיך באַוועגט אין דער לופט פון די פענצטער־לעך ארויס.

7

אין דער שוך-פֿאַבריק

קלמן האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿרי באַגינען. ער האָט אפֿילו ניט באַמערקט, אַז עס איז נאָך אַ היפּשע פּאָר שעה ביז דער באַשטימטער צייט פֿון באַזוך אין פֿאַבריק. ער האָט זיך האַסטיק אָנגעטאָן, זיך אָפּגעראַזירט און אָפּגעגעסן פֿרישטיק. איצט איז ער געווען גרייט צו גיין, נאָר דזשעק איז נאָך ניט געקומען. אים האָט עס פֿאַרדראָסן און ער האָט אומגעדולדיק געוואַרט, געמאָסטן מיט שנעלע נערוועזע טריט דעם גרויסן זאַל. אים האָט געקיצלט דאָס אָנגענעמע געפֿיל, אַז באַלד וועט ער זיך טרעפֿן מיט דעם פֿאַבריק־דירעקטאָר, קוקן אין ביכער, הערן ציפֿערן און זיך בעל־הבתיש אויסדינגען דעם פּרייז. און שפּעטער, אַז מ׳וועט אַלץ אונטערשרייבן וועט ער אַליין ווערן אַ דירעקטאָר — ער מיט דזשעקן, צוויי

דירעקטאָרן, ווי זיי זיינען פריער געווען צוויי שותפים אין „אַראַנס, טראַי ענד קאָ.“.

ער האָט זיך דערמאָנט, אז דער אַגענט האָט געזאָלט פריער זיך טרעפן מיט זיין שותף, דזשעקן, און נאָך דעם קומען צו אים. פון שטאָט צו דזשעקן איז אַ ווייטער מהלך, מ׳וועט פאַרשפּעטיקן... ער האָט שנעל אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און געזען, אז ס׳איז נאָך גאָר פרי און די פאַבריק איז נאָך אפילו ניט אָפן.

קלמן האָט געשמייכלט פון זיין צעטראָגנקייט, ווי אַ יינגל וואָס דאַרף ארויס צו אַ שפּיל און ער איז זיכער, אז ער וועט געווינען. זיין אומדער־פאַרנקייט האָט אים גאָר ניט געאַרט: מ׳קען זיך אויסלערנען אַלץ אין אפריקע — פון אַ בעל־עגלה קען מען ווערן אַ קצב, אַ קאָפּעריטניק, אַ קרע־מער, און פון אַ קרעמער קען מען ווערן אַ פאַבריקאַנט. די אויפזועער און אויפפּאַסער פון פאַבריק וועלן דאָך בלייבן אַרבעטן אויף זייערע פּאָסטנס און פון זיי וועט מען זיך אויסלערנען. נישקשה, ער וועט ווייזן ראַזין ווי קלמן קען פירן אַ פאַבריק אין אפריקע.

קלמן האָט געפיבערט מיט דעם געדאַנק פון ווערן אַ פאַבריקאַנט. מ׳וועט דאַרפן צו די אַרבעטער זיין גוט און זיי געבן גוטע באַדינגונגען, האָט ער זיך געחזרט. ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער איז אליין געווען אַ חבר אין בונד און געוואָלט, אז די ארבעטער זאָלן צונעמען אַלץ פון די פאַברי־קאַנטן. ער געדענקט נאָך די אַגיטאַציע וואָס יאנקל הושאַק האָט אים אָפּ־געגעבן, ווי ער האָט אָנגעפירט מיט דער באַיוווקע קעגן די ציוניסטן אין בית־מדרש און די נאַכט מיט די פירער פון בונד אין קאַזע. קלמן האָט גע־טראַכט, אז ער וועט זיך חברן מיט די אַרבעטער, ער איז דאָך זיין גאַנץ לעבן אויך געווען אַ האַרעפּאַשניק, אפילו געטראָגן יענעמס פּעקלעך אויף דער באַן, באַדינט פרעמדע מענטשן, גבירים, גראָבע בייכער...

און ער דערפילט אַ ציעניש שוין צו גיין, זען ווי די ארבעטער מאַכן די שיך, אין טאַקע כאַפּן אַ גרונטאָונעם קוק אין דער פאַבריק און ווי עס גייט דאָרט די אַרבעט. פון דער היים געדענקט קלמן, אז פון פריערדיקע צייטן, איידער שלמה דער מלאך איז צוריק געקומען פון אמעריקע און געעפנט זיין אַמעריקאַנסקן וואַרשטאַט, איז עס געווען אַ מלאכה פון אַ שוסטער מיט געזעלן, וואָס האָבן געמאַכט שיך פאַר בעלי־בתישע יידן, אָדער יוכטענע שטיוול פאַר בעלי־עגלות און טרעגערס. און ווען עמעצער

האָט שוין אויסגעטראָגן זיינע אַלטע שיך אַזוי, אַז ס'איז ניט מער געווען ווו אַ לאַטע ארויפצולייגן, האָט מען זיך אַראָפּגעלאָזן צו אַ שוסטער — די גבירים צו אַן אריסטאָקראַטישן בעל־מלאכה, און די אָרעמע־לייט צו אַבי אַ לאַטוטניק. מיט אַ לאַנגן און שמאָלן פּאַס פּאַפּיר פּלעגט דער שוסטער אַראָפּנעמען אַ מאָס פון דער לענג און ברייט פון רעכטן פוס. אויפן פּאַפּיר פלעגט ער איינרייסן אין זייט סימנים, וואָס נאָר ער אליין האָט געוווסט וואָס זיי באַטייטן. נאָך דעם איז געקומען אַ דינגעניש און אז מ'איז שוין מושווה געוואָרן מיטן מקח, האָט מען ערשט געדאַרפט וואַרטן אַ וואָך־צוויי און אַ מאָל מער, ביז די פּאָר שיך זיינען פאַרטיק געוואָרן. און אז דער קונה האָט שוין מיט מזל דערלעבט צו האַלטן זיינע פּאָר שיך אין האַנט, ערשט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעסטעניש. און דאָ האָבן די קונדן אויסגעפונען, אז די שיך זיינען צו גראָם אָדער צו ענג. נאָר זעלטן האָט פּאַסירט, אז די שיך זאָלן טאַקע פּאַסן — דאַן איז עס געווען אַ טראַגעדיע...

* * *

קלמן האָט איצט אפילו פאַרגעסן, אז מיט עטלעכע מינוט צוריק איז ער געווען אַזוי שטאַרק אויפגערעגט און אומגעדולדיק געוואַרט אויף דזשעקן מיטן אַגענט. ער האָט ניט געדענקט איצט צו וואָס ער זיצט דאָ, נאָר דורכן מוח האָבן געיאָגט די בילדער פון שטעטל, די שוסטער דאָרט און זייער אָרעמקייט. און קלמן דערמאָנט זיך אז זיין בעל־הבית, ר' עליע דער בעל־עגלה, האָט אַ מאָל באַשטעלט אַ פּאָר שטיוול ביי אַ שוסטער און זיי זיינען „אַראָפּ פון מאָס". ר' עליע האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָפּנעמען די ענגע שטיוול. קלמן איז דעמאָלט גראָדע מיטגעגאַנגען מיט עליען און ער געדענקט ווי דער אָרעמער שוסטער האָט זיך געבעטן, אז ר' עליע זאָל אים ניט מאַכן אומגליקלעך, ווייל ער מוז האָבן די פּאָר רובל צו באַצאָלן דעם לעדער־קרעמער און דעם שטעפער, אָבער מער פון אַלץ פעלט אים אויס אויף צו מאַכן שבת.

„ווילט איר, ר' עליע, אז כ'זאָל עס מוזן פאַרקויפן פאַר אַ האַלבן פּרייז און האָבן אַ הונגעריקן שבת?" עליע האָט ניט געקענט צוזען דעם צער פון אָרעמען שוסטער און האָט די שטיוול צוגענומען. און אז זיי זיינען ארויס פון דעם חרובן שטיבל האָט עליע אַ זאָג געטאָן צו קלמנען מיט אַ גמרא־ניגון: „קלמנקע, ביסט אַ בר־מזל! דער שוסטער האָט פאַרענגט די שטיוול פאַר דיר... דאָ האָסטו זיי און דערצייל קיינעם ניט. מיר וועלן זיך אויס־

רעכענען״. דאָס זיינען געווען קלמנס ערשטע גוטע שטיוול, טאַקע אַ ביסל צו גרויס פאַר זיין קינדיש פיסל, אָבער דערפאַר ניי און גלאַנציק און אַלע יינגלעך האָבן אים מקנא געווען. מ׳האָט זיך אין שטעטל געוווּנדערט ווי קומט צו אים אזא פאָר פיינע שטיוול, נאָר ער האָט קיינעם גאָר ניט דערציילט...

אַ ביסל פראַקטיק האָט שוין יאָ קלמן זיך דערוואָרבן ביי זיין אָנקל אין קראָם. ווי אנדערש דאָ איז אַלץ און מיט וואָס פאַר אַ ברייטקייט דאָ ווערט געמאַכט אַ מיסחר אפילו פון איין פּאָר שיך. מענער און פרויען גייען אריין אין קראָם און מ׳וואַרפט אָן פאַר זיי גאַנצע בערג מיט שאַכטלען גלאַנציקע שיך, פאַרטיק צו דער מאָס. מען פּאַסט אָן איין פּאָר, אַ צווייטע און אויב ס׳געפעלט לייגט מען די שיך צוריק אריין אין שאַכטל, דער קונה באַצאָלט מיט אַ דאַנק און אַלע זיינען צופרידן. אויף דעם זעלבן אופן האָט מען אויך פאַרקויפט די אַרטיקלען צו שוואַרצע און ווייסע אין קאַנצעשן סטאָר. קלמן האָט אָבער קיין אַנונג ניט געהאַט ווי אזוי די שיך ווערן פּראָדוצירט. טאַקע ווי אזוי? האָט ער זיך געפרעגט אויף אַ קול און דערלאַנגט אַ גיי צו דער טיר. ער האָט דערהערט דעם בלאָז פון אויטאָ־האָרן, האָט ער זיך געכאַפּט, אז דער אַגענט און דזשעק זיינען אָנגעקומען און וואַרטן אויף אים.

אין ביוראָ פון פאַבריק האָט שוין געוואַרט אויף דעם אַגענט מיט זיינע קויפערס די דירעקציע, וואָס איז באַשטאַנען פון בעל־הבית מיט זיין פאַר־וואַלטער. דער שוואַרצער האָט אריינגעבראַכט גלעזער טיי. מ׳האָט גע־מיטלעך געשמועסט, זיך געוויצלט און אַלע זיינען געווען אין אַ גוטער שטי־מונג, ווי מ׳וואָלט געפילט אז פון דער היינטיקער טרעפעניש וועט ארויס־קומען עפּעס.

אין דער פאַבריק איז מען אריינגעקומען אין אַ לאַנגער ריי: צו ערשט איז געגאַנגען דער בעל־הבית, נאָך אים — דער פאַרוואַלטער, דזשעק און קלמן, און הינטער זיי דער אַגענט. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַן אינספּעקציע וואָלט זיך אראָפּגעלאָזן און די אַרבעטער האָבן פלוצלינג פאַרוווּנדערט אַ הייב געטאָן די אויגן פון די מאַשינעס און פון דער אַרבעט, אין וועלכער זיי זיינען געווען אריינגעטאָן. קלמן האָט מיט אַ מאָל דערזען אויף זיך אָנ־געצילט אָן אַ שיעור אויגן, וואָס האָבן ארויסגעקוקט פון פאַרשיידענע פּנימער: שוואַרצע און ברוינע, אינדיער און אפילו עטלעכע ווייסע. די מערסטע זיינען געווען מענער, אָבער ס׳האָבן זיך געמערקט אויך פרויאישע

יונגע און גאַנץ שיינע פּנימער. אויף אַ רגע האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז שטיין געבליבן, נאָר מיט אַ מאָל האָבן איבערן גערויש פון די מאַשינעס זיך דערהערט די הילכיקע באַפעלן פון די אויפזעערס. די אַרבעטער האָבן ווידער אַראָפּגעלאָזט זייערע אויגן צו דער אַרבעט און דאָס קלאַפּן פון די רעדער האָט זיך ווידער צעטראָגן איבערן רוים אַזש פאַרטויבט צו ווערן.

* * *

קלמן איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און האָט אפילו ניט באַמערקט, אַז די מענטשן פאַר אים האָבן זיך שוין אריינגעשניטן צווישן איין ריי מאַשינעס און דער אַנדערער. דער אַגענט האָט מיט רעספּעקט געוואַרט אויף אים. פאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט פון אַרבעטער און מאַשינעס, וואָס האָט מיט איר פאַרביקייט און געבראַזג אים אין גאַנצן צעטומלט. ער וואָלט זיך אין לעבן ניט פאַרגעשטעלט אַז אַזוי זעט אויס אַ פאַבריק. איבער דעם קאָלאָסאַלן שטח פון פאַבריק זיינען געווען צעוואָרפן אַ פאָר הונדערט מענטשן, צוגעשמידט צו מאַשינעס און שטייענדיק ביי טישן, פאַרטאָן אין אַ כסדרדיק־מאָנאָטאָנער איבערחזרונג פון איין אַרבעט. יעדע גרופּע און יעדע מאַשין האָט געמאַכט אַ טייל פון דער אַרבעט. אָט שטייען אַ פאָר מענטשן ביי אַ מאַשין, וואָס שניידט צו פאַרשיידענע פאָרעמס פון די שטויסן הויטן וואָס ליגן פאַר זיי. די לעדער־שטיקער ווערן געדרייט מיט די הענט אַרום עלעקטרישן מעסער, וואָס שניידט צענדליקער פאָרעמס אין אַ גלייכער מאָס, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאָט.

אין דער זייט פון די צושניידער, אַ ביסל אָפּגערוקט, זיצן אַנדערע אַרבעטער ביי שטעפּ־מאַשינעס, וואָס פירן די פריש־צוגעשניטענע לעדער פאָרעמס אונטער דער נאָדל, וואָס וואַרפט אַרויס כאַלאַוועס אין דער פאָרעם פון אַ שוך. אויף אַ גרויסער מאַשין, וואָס שטייט אַ ביסל ווייטער און הייבט זיך אַרויס איבער די אַנדערע, ווערט די כאַלאַוועס אַרויפגעטאָן אויף אַזאַ מין קאָפּול. מיט איין קוועטש פון אַ הענטל ווערט די כאַלאַוועס אונטן און אַרום צוגענאָגלט צו אַן אינעווייניקסטן דינעם אונטערזויל און עס באַקומט שוין די מראה פון אַ שוך. אָבער דערביי וואַרט שוין אויף די ניי־באַשאַפענע שיך נאָך אַ מאַשין, וואָס פּאַסט צו די אייבערשטע זוילן. און כהרף־עין כאַפּט זיי אונטער אַ נייע מאַשין, וואָס פעסטיקט צו די זוילן און נייט זיי אַרום.

אין גאַנצן אָן אַ זייט שטייט אַ באַזונדערע מאַשין, ווי זי וואָלט ניט

וועלן האָבן צו טאָן מיט די אַנדערע. זי מאַכט שבת פֿאַר זיך. איר אויפֿגאַ־בע: צוגרייטן די אָפּצאָסן. און ווידער כאַפּן די שיך אריין אַ מאַשינקע, וואָס נאָגלט צו דעם אָפּצאָס און גיט זיי איבער צו דער לעצטער מאַשין. די מאַ־שין זעט אויס צו זיין די בעל־הביתטע וואָס מאַכט ציכטיק דעם שוך, ריי־ניקט אים ארום פֿון אַלע זייטן און פֿאַרענדיקט דעם גאַנצן פּראָצעס פֿון ארבעט מיט אַ גלאַנץ וואָס זי ציט אריבער איבער אים. ס'איז אַ מאַשין וואָס מיט ווייניק אַרבעט קען זי גלייך באַווייזן אַ חכמה: זעט ווי פֿון נע־בעכל־שוך, וואָס איך האָב ניט לאַנג אריינגענומען אין מיינע רעדלעך, איז ארויסגעקומען אזאַ צאַצקע. קוקט עס נאָר אָן, ממש זיך צו שפּיגלען.

ביי אַ הינטערשטער וואַנט זעט קלמן ווי עס פֿאָרט אָן אויף אַ לייכטן וועגל אַ גאַנצער טורעם מיט קאַרטאָנענע קעסטלעך, אזש ביז צו דעם הייכן באַלקן. ער זעט ווי פֿלינקע הענט פֿון מיידלעך פּאַקן אין די קעסט־לעך די פּאַרטיקע שיך און מ'פֿירט זיי גלייך אָפּ אין אַ דערבייאיקן גרויסן סאָרטיר־צימער. פֿון דאָרט גייען זיי שוין ארויס צו די שטעט און שטעט־לעך, צו אויסלאַנד, צו די קרעמער און צו די קונים... אזוי פֿיל בערג מיט שיך! וווּנדערט זיך קלמן.

„מ״ר טראַי, מיר גייען באַקוקן די פֿאַבריק, דאָרט...״ ווייזט אים דער אַגענט אויף די דריי פֿאָדערשטע וואָס זיינען שוין דורכגעגאַנגען צווישן די רייען מאַשינעס.

קלמן גיט זיך אַ כאַפּ אויף, ווי פֿון אַ חלום אויפֿגעוועקט:

„יאָ, מיר גייען... איך באַקוק די פֿאַבריק... אינטערעסאַנט... אזוי פֿיל שיך...״

דער אַגענט קוקט אויף דעם ברייט־ביינערדיקן קלמנען און וווּנדערט זיך, וואָס באַלאַבאַטשעט ער. ער האָט געהערט, אז מ״ר טראַי איז אַ ניכ־טערער סוחר און דאָ זעט ער גאָר אויס ווי שיכור. דער אַגענט לאָזט אים אליין שטיין צווישן די מאַשינעס און גייט אַוועק צו די אַנדערע.

קלמן שטייט אַ פֿאַרטראַגענער אין אַנדערע וועלטן. ער דערמאָנט זיך דאָס שטעטל, כאַטשען און העטשען, זיין מאַמען. און ער, קלמן בולאַן, וועט עס גאָר ווערן אַ פֿאַבריקאַנט פֿון שיך אין אַפֿריקע. צי האָט יאַנקל הושאַק, ווען ער האָט אים אָפּגעגעבן די אַגיטאַציע פֿאַרן בונד, געקענט זיך אויס־מאָלן, אז קלמן וועט האָבן אונטער זיך אזוי פֿיל אַרבעטער.... ער הערט פֿון וויטן עמעצן רופֿן: מ״ר טראַי! מ״ר טראַי!

נייע פּלענער

אַז קלמן איז צוריק געקומען צו דער גרופּע, האָט דער פּאַרוואַלטער פּאַרענדיקט דערקלערן דעם גאַנצן גאַנג פון דער פאַבריק און דעם פּראָדוקציע־סיסטעם, ווי ער איז איינגעשטעלט לויט די לעצטע טעכנישע מעטאָדן און די נייסטע מאַשינעס. ער האָט זיך צוגעהערט און אויפגעכאַפּט דעם פאַרפּלאָנטערטן ענין פון פּראָדוקציע. ער האָט געפרעגט צי מ׳וואָלט ניט געקענט נאָך מער אויסבעסערן די סיסטעם, כדי צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע. דער פּאַרוואַלטער האָט געענטפערט:

„יעדער בעל־הבית קען איינפירן זיין סיסטעם. אפשר איר, מ״ר טראַי, וועט אויסגעפינען נייע און בעסערע מעטאָדן פון אַרבעט. אָבער ס׳ווענדט זיך אַ סך פון דערפאַרונגען. מיר דוכט אַז איר זייט דאָ אין דער שיך־פּראָדוקציע אַ ׳נאָוואָבראַנעץ׳״. קלמנען איז געפעלן געוואָרן דער פּאַרגלייך און ער האָט מיט זיין שטענדיקן שמייכל געזאָגט: „איך האָב טאַקע געקענט אָנפירן מיט ׳נאָוואָבראַנצעס׳, און מען האָט מיך געפּאָלגט אין פייער און אין וואַסער. כ׳וועל עס דאָ אויך קענען״.

„מ״ר טראַי, אַזאַ מאַן ווי איר, בין איך זיכער, וועט מאַכן אַ סוקסעס״, האָט דער בעל־הבית צוגעוואָרפן אַ קאָמפּלימענט.

מ׳איז געגאַנגען צווישן די רייען מאַשינעס צוריק אין דער ביוראָ. קלמן האָט דאָ און דאָרט צוגעוואָרפן זיין „העלאָ״ צו די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פון די אַרבעטער. קעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן און צוריק באַגריסט, ווי מ׳וואָלט זיך לאַנג געקענט. אין ביוראָ האָט מען גלייך זיך באַשטעלט אויף דעם לעצטן צוזאַמענטרעף, ווי די צדדים וואָלטן איצט נאָך מער געפילט, אַז דאָס געשעפט דאַרף געשלאָסן ווערן און די צייט טאָר ניט גיין לאיבוד. דער פאַרקויפער און די קויפער האָבן אָפּגעשטימט אַ דאַטע, ווען יעדער פון זיי וועט קומען מיט זיין אַדוואָקאַט און בוכהאַלטער.

ווי נאָר דזשעק און קלמן האָבן באַוויזן אַריבערצוטרעטן די שוועל אַהיים, צו די מייקלס אין הויז, האָט דזשעק אַ וואָרף געטאָן אַ פראַגע, וואָס ער האָט אליין פאַרענטפערט:

„נו, קלמן, וואָס איז דיין מיינונג וועגן דער פאַבריק? האַ? גוט! גוט!״

און אַז מ׳האָט זיך געזעצט צום בייטאָגיקן לייכטן צובייסן, האָט ער פאַרמסרט קלמנען:

„איר האָט געדאַרפט זען ווי קלמן איז דאָס אַ ביסל פאַרכאַפּט געוואָרן פון ׳זיין׳ פאַבריק. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף איין אָרט און מיט צוואַנגען האָט מען אים פון דאָרטן ניט געקענט אָפּרייסן. מ׳האָט געזען אַז ער איז מיטן גאַנצן לייב און לעבן ארייַנגעקראָכן אין די שיך. מסתמא שטעקט אין זיין נשמה אַ גילגול פון אַ שוסטער. ער איז געשטאַנען ווי צו־געקאָוועט און פאַראינטערעסירט ווי עס ווערט פון רויע פעלן און לעדער אין געציילטע מינוטן ארויסגעוואָרפן טוצן גלאַנציקע און שיין אויסגעַ־פּאַרטיקטע שיך. הא, קלמן?״

אויף דער פראַגע, ניט ווי אויף דער פריערדיקער, האָט שוין קלמן יאָ געענטפערט:

„עס איז דאָ אַ וויכטיקע סיבה, וואָס האָט מיך אזוי פאַראינטערעסירט, און דאָס איז די פּראָדוקציע, ווי איר רופט עס דאָ. כ׳האָב דערפילט ווי אַ גאַנצע פאַבריק שאַפט, באַוועגט זיך, ווי אַלץ טוט איין גרויסע ארבעט ארויסצוברענגען זאַכן, וואָס פאַר דיינע אויגן ווערן זיי געבוירן. פון רויע שטיקער לעדער ווערן אין געציילטע שעהן אזוי פיל לעבעדיקע זאַכן, ארטיקלען וואָס יעדער מענטש דאַרף עס האָבן, וואָס מ׳קען זיך אָן זיי ניט באַגיין. און ווי נאָר כ׳בין אריבערגעטראָטן די שוועל פון פאַבריק, האָב איך דערפילט: דאָס איז אַ זאַך פאַר מיר! מיר האָט זיך געדוכט אז כ׳בין דאָ פון הימל אַראָפּגעפאַלן, אַ מלאך האָט מיר אַהער געבראַכט און איך האָב גלייך געוווסט: דאָס איז פאַר מיר! צו אזא געשעפט בין איך געבוירן!״

קלמן האָט גערעדט אזוי באַגייסטערט, אז אלע האָבן אים געקוקט אין מויל אריין.

אזא אַרטיקל ווי אַ שוך איז דאָך נייטיק פאַר יעדן מענטשן, פאַר אָרעם און רייך, פאַר דעם ווייסן און דעם שוואַרצן — עס פּאַסט צו יעדן לעבעדיקן פוס. אַ מאָדנע זאַך, מיר דוכט, אז אַ שוך טוטביידע זאַכן: אי זי באַדינט מיט הכנעה, אי זי גרויסט זיך ניט מיט דעם פּנים פון איר טרעגער. צו אַ שוך מוז מען ארונטערלאָזן די אויגן, אָבער זי באַדעקט די נאַקעטקייט פון אַ פוס. אין דעם איז פאַראַן אַ גאַנצע פילאָסאָפיע, אָבער לאָמיר אפשר בעסער ריידן וועגן דער פּראַקטישער זייט״.

„אוודאי ווילן מיר איצט הערן דיין פּראַקטישן צוגאַנג, און פילאָסאָ־

פּיע לאָז איבער צו מיר, קלמן, איך קען עס בעסער...״ האָט זיך דזשעק געוויצלט.

ביסט גערעכט, דזשעק, כ׳וויל באַין אופן ניט ווערן אַ שוסטער־פילאָ־סאָף... נו, האָב איך באַטראַכט די אויסשטאַטונג און איך מיין, אַז אין דעם פאַרשטיי איך ניט צו פיל און מוז נעמען דאָס וואָרט פון בעל־הבית, וואָס זאָגט אַז זי איז די סאַמע מאָדערנסטע. אָבער דאָס איז אַ שפּעטערדיקע זאַך. נאָר וואָס מיר האָט זיך געדוכט איז, אַז די אַטמאָספער אין פאַבריק מוז אויפגעפרישט ווערן, און דורך דעם וואָלט מען געקענט מער אַנטוויקלען דעם גאַנג פון דער אַרבעט און פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון די אַרבעטער.

„ווי נאָר מיר זיינען אריין אין פאַבריק און די אַרבעטער האָבן אונדז דערזען, האָבן זיי אָפּגעשטעלט די אַרבעט. טייל אויפזעערס האָבן זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אפילו אָנגעהויבן יאָגן די אַרבעטער. נאָר אַז כ׳האָב שפּעטער באַטראַכט די אויפזעערס פון די פאַרשיידענע אָפּטיילונ־גען, האָב איך באַמערקט אַז דאָס זיינען אַלטע אָפּגעלעבטע יידן, וואָס דרעמלען אַיין שטייענדיק ביי די מאַשינען. זיי וואָלטן בעסער זיך גע־פּאַסט פאַר אונדזער שטעטלדיקן בית־מדרש, ווו מען מורמלט האַלב־שלאָפנדיק אַ קאַפּיטל תהילים. און כ׳בין איבערצייגט, אַז קוקנדיק אויף זיי פאַרוועלט זיך אויך די אַרבעטער אריינכאַפּן אַ געשמאַקן דרעמל. און כ׳וויל אייך פאַרזיכערן און איר אַלע ווייסט ווער קלמן איז, אַז ער איז ווייט פון זיין אַ שקלאַפן־טרייבער. אָבער אין אַ פאַבריק, ווען זי זאָל ניט געהערן, איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע די פּראָדוקציע — און דאָס קען מען נאָר אַרויס־קריגן מיט אַ געהעריקן צוגאַנג צו די אַרבעטער און מיט אַ ריכטיקן פּראָ־דוקציע־פּלאַן קען מען דאָרטן נאָך אַ סך מער דערגרייכן״. קלמן האָט אַ רגע זיך פאַרטראַכט.

* * *

„איך מיין אָבער ניט צו זאָגן, אַז ווי נאָר מיר וועלן איבערנעמען די פאַבריק וועלן מיר גלייך מאַכן גרויסע ענדערונגען אין פּערסאָנאַל־צוזאַמענשטעל. נאָר צוקוקנדיק זיך איז מיר איינגעפאַלן, אַז ווען מ׳שטעלט אַוועק אויף דעם אָרט פון די אַלטע אָפּגעפּאָרענע אויפזעערס אַזעלכע ספּריטנע יאָטן ווי אַ כאַטשע און העטשע, צי דעם רירעוודיקן אברהמל דעם

פראַטשעשניק, לייג איך מיין קאָפּ דערפאַר, אַז זיי וואָלטן די גאַנצע פאַבריק אויפגעלעבט און פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע".

ראָזי האָט זיך אַ רודער געטאָן און איבערגעריסן קלמנס רייד:

„ס'איז דאָ אַ סך אמת אין קעליס געדאַנקען, און איך ווייס עס פון פּראַקטיק. מיט דער דאָזיקער שוכפאַבריק האַנדל איך שוין זיבעצן יאָר. האָב איך ניט נאָר באַמערקט, אַז וואָס אַ יאָר גייט די פאַבריק אויף אַרונטער, נאָר דער אייגנטימער אליין האָט עס שוין מיר ניט איין מאָל געזאָגט. אליין איז ער שוין אָנגעשטאָפּט מיט געלט, און צוליב דעם וואָס ער איז ניט געזונט פאַר די לעצטע יאָרן האָט ער אין גאַנצן פאַרלוירן דעם אינטערעס. ער אליין זאָגט: זאָל עס גיין ווי עס גייט — איז אַ ביסל וויניקער. איך האָב שוין פאַרזאָרגט קינדס־קינדער. נאָר קעלי האָט עס אויפגעכאַפּט מיט איין בליק דאָרטן. דער גאַנצער גאַנג אין פאַבריק הינקט אונטער אויף אַלע שיך... די דאָזיקע פאַבריק קען זיך מיט אַזעלכע יונגע ענערגישע מענטשן ווי קעלי און מ"ר אַראָנס זיינען אַזוי אַרויפאַרבעטן, אַז מ'קען דאָרטן שופלען גאָלד, ס'קען ווערן אַ גאָלד־מיין".

דזשעק האָט זיך דערלאַנגט אַ דריי צו קלמנען און אַריבער צו זיינע רייד:

„לויט דיין מיינונג, קלמן, קומט דאָך אויס, אַז איבערנעמענדיק די פאַבריק וועט מען דאַרפן אָפּזאָגן עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן אַ לעבן אין דעם דאָזיקן אָרט, פּשוט זיי אַרויסוואַרפן. איך שטעל זיך ניט פאָר, קלמן, אַז דו מיט דיין יושר און ווי אַ געוועזענער בונדיסט, זאָלסט עס טאָן".

קלמן איז געבליבן זיצן, ווי דזשעק וואָלט אים פּלוצלינג אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפל קאַלט וואַסער. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט אויף אים. ער האָט פאַרוווּנדערט אַ רגע אָנגעקוקט דזשעקן, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען וואָס יענער וויל פון אים. מיט אַ מאָל האָט ער באַמערקט סאָניעס רואיק־שטילן בליק און ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט עפּעס, האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט:

„אוודאי ביסטו מיר אומזיסט חושד, מיין ליבער דזשעק. כ'האָב ניט געמיינט אַרויסצוואַרפן די עלטערע אָנגעשטעלטע. כ'ווייס ניט אויב דאָ אין לאַנד זיינען פאַראַן געזעצן וואָס פאַרהיטן די רעכטן פון עלטערע אַרבעטער אין אַן אונטערנעמונג ווי אַ שוכפאַבריק, אָבער אויב זיי זיינען ניטאָ

וועלן מיר זיי אַליין שאַפן — און דאָס איז מיין ענטפער אויף דיין פראַגע. אויף אונדז אליין וועט ליגן אַ חוב און אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די מענטשן, אז זיי זאָלן ניט ארויסגעוואָרפן ווערן אויף דער גאַס, אויף גאָטס באַראָט. כ׳ווייס ניט צי עס עקסיסטירן דאָ פאָנדן פאַר עלטער און פאַר קראַנקייט, נאָר אויב ניט וועלן מיר זיין פון די ערשטע זיי צו שאַפן. ביי אונדז אין פאַבריק וועלן מיר ניט נאָר איינפירן אַ גרעסערע פראָדוקציע, נאָר אויך אַ גרעסערע מאָס פון יושר״.

„בראַוואָ, קלמן!״ האָט סאָניע אַפּלאָדירט קלמנען. זי האָט די גאַנצע צייט זיך ניט ארייננגעמישט אין שמועס, נאָר אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די רייד פון די אַנדערע. איצט האָט זי אויך געהאַט עפּעס צו זאָגן:

„אויף וויפל איך ווייס איז דער באַלאַנס פון דער פאַבריק פאַר די לעצטע יאָרן אַרבעט געשטיגן מיט הויכע פראָפיטן. און כאָטש דער בעל־הבית האָט זיך באַקלאָגט פאַר ראָזין אז ס׳גייט אויף אַראָפּ, דוכט מיר, אז ס׳איז ניטאָ וואָס צו זאָרגן. מ׳קען זיך אפילו באַנוגענען מיט קלענערע רווחים און אָנשטאָט דעם שאַפן מער מענטשלעכע באַדינגונגען — און באַדינגונגען שאַפט אַ בעסערע און גרעסערע פּראָדוקציע. און כ׳מיין דאָס טאַקע, אז אין פאַל פון אָפּזאָגן עלטערע ארבעטער און אַנגעשטעלטע, וועט מען זיי מוזן פארזיכערן מיט אַ חודשלעכע פּענסיע, זיי זאָלן קענען זיך דורכלעבן. און דאָס איז מיר איינגעפאַלן, ווען איך האָב געהערט ווי קלמן האָט דערמאָנט זיינע אָרעמע פריינד פון שטעטל. פאַר וואָס זאָלן מיר טאַקע ניט ארויסראַטעווען פון דעם נאָך־מלחמה פייער עטלעכע משפחות און זיי ברענגען אַהער? דאָס איז דאָך געווען קלמנס גאַנצע אידעע. מען דאַרף ניט זיין אַ פאַבריקאַנט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַנדערע״.

מ״ר מייקל האָט שוין לאַנג געוואָלט ארייננריידן אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע. איצט האָט ער דערפילט אז ער מוז עס טאָן, ווי איינער וואָס באַטראַכט דעם ענין פון דער זייט:

„רבותי, איך הער זיך צו צו אייערע רייד און ס׳באַפאַלט מיך אַ מאָדנע סענטימענטאַליטעט. דאָס איז צוליב דעם טיף מענטשלעכן אופן ווי איר באַהאַנדלט די פראַגע. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, אז מיר קומט עס פאַר מאָדנע: מיר דוכט אז ביז היינט האָט מען גאָר ווייניק געהערט, אז אין דער ביזנעסוועלט זאָל מען זיך אזוי שטאַרק רעכענען מיט דעם מענטשן, מיט אַן אָנגעשטעלטן, ווי איר דאָ. פון מיין אייגענער דערפאַרונג ווייס איך, אז וואָס

גרעסער אַ געשעפט איז און וואָס בעסער עס גייט, אַלץ ערגער און ברוטאַ־לער באַציִען זיך די בעלי־בתּים צו זייערע אַרבעטער. און ווען עס קומט צו געלט, פּראָפיטן, דעמאָלט זעט מען שוין קיין אַנדערע מענטשן בכלל ניט. און דאָ זיצט איר, יונגע מענטשן, און האָט קיין אַנדערע דאגות ניט ווי נאָר פאַרזאָרגן אייערע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין אַ פאַבריק, וואָס גע־הערט אייך נאָך אפילו ניט. עס טוט אייך שוין ווי דער גורל פון מענטשן, וואָס איר קענט נאָך אפילו ניט. בין איך שטאָלץ אויף אייך אַלעמען, אָבער מער פון אַלע אויף מיין אייגענעם פּלימעניק, וואָס גיט דעם טאָן צו דער פיינער מוזיק. דו הערסט, קלמן, איך שטאָלציר מיט דיר, מיט דיין מוט, מיט דיין דערפאָלג און מיט דיין זאָרג פאַר אַנדערע״. ער האָט גערעדט מיט עמאָציע און געפילט, ווי אַ וואַרעמקייט קומט אים אין קעל, אַז אויב ער וועט נאָך ווייטער ריידן צו קלמנען, וועט ער זיך צעוויינען. ער האָט אָפּ־געוואַרט אַ ווײַלע ביז ער האָט זיך דערפילט באַרויִקט און פאַרענדיקט:

„איך וואָלט אייך איצט פאַרגעלייגט, ווי אַן עלטערער און אפשר מער דערפאַרענער, אַז איר זאָלט דעם ענין אָפּלייגן דערווייל ביז דער צייט ווען ס׳וועט ווערן אַקטועל. ווי זאָגן די געבילדעטע: דאָס איז אַלץ טעאָריע אָבער די סאַמע פּראַקטישע זאַך איצט וואָלט געדאַרפט זיין: ניט אָפּלייגן די דינגענישן אין לאַנגן באַנק און צואיילן דעם צוזאַמענטרעף פון אייך מיטן בעל־הבית, די אַדוואָקאַטן און בוכהאַלטאָרן און טאַקע איינצאָלן דעם פאַרלאַנגטן דעפּאָזיט״.

8

די אַלטע אויפטוערס פון פאַבריק

דער פאַרקויפער און די קויפערס האָבן זיך געטראָפן אין איין וואָך אַ פאָר מאָל און באַהאַנדלט טעכנישע ענינים, געקוקט אין ביכער און אָנגעצייכנט די ליניעס פאַר דעם אָפּמאַך. אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט קעגנזייטיקער צושטימונג. און אַז מ׳האָט זיך אויף דער צווייטער וואָך געטראָפן ביי איינעם פון די יאָהאַנעסבורגער פּאָפּולערסטע אַדוואָקאַטן, האָט מען נאָר געדאַרפט דורכפירן די פאָרמאַליטעטן פון דעם שוין אָפּגערעדטן אָפּמאַך. איינער פון די פּונקטן איז געווען, אַז די ערשטע דריי חדשים וועט דער אייגנטימער פון פאַבריק מיט זיין גאַנצער אַדמיניסטראַציע פאַרבלייבן ווי געווען און פירן דאָס געשעפט. די נייע בעלי־בתים, מ״ר טראָי און מ״ר אַראָנס וועלן אָבסערווירן ווי די אַרבעט ווערט געטאָן, אָבער זיי וועלן אין

דעם פּעריאָד ניט קענען אָפּזאָגן קיינעם פון אַלטן פּערסאָנאַל. דער פריער־דיקער בעל־הבית וועט זיין פאַרפליכטעט אונטער דער צייט ווייזן און געבן אַלע נויטיקע ידיעות בשייכות מיט דער פירונג פון פאַבריק. נאָך דעם דאַרף דער פריערדיקער בעל־הבית פאַרלאָזן און די נייע בעלי־בתים נעמען זי איבער ווי אירע אייגנטימער.

די דריי חדשים זיינען אזוי גיך אָפּגעלאָפן, אז די נייע בעלי־בתים האָבן זיך גאָר ניט באַוויזן ארומצוקוקן און די גאַנצע אחריות איז שוין געווען אין זייערע אייגענע הענט. די פאַבריק איז נאָך אַלץ געגאַנגען אויף דעם זעלבן שטייגער. דזשעק און קלמן האָבן געפילט, אז ס'איז נאָך פרי צו טראַכטן וועגן אַ נייעם קער און ווענד. ס'קען מער צעברעכן ווי אויפבויען. נאָך אַלעמען איז דריי חדשים ווייניק צו וויסן ווי איבערציאָגדערשן זאַכן וואָס האָבן שוין זייער לאַנגיאָריקן איינגעשטעלטן גאַנג. קלמן פלעגט אַלץ דזשעקן דערמאָנען, ווי מ"ר מייקל האָט עס געזאָגט: די אינטעליגענטן רופן עס טעאָריע. מיט טעאָריע אליין, האָבן זיי געוווסט, קען מען ניט פירן קיין פאַבריק.

קלמן האָט זיך דערמאָנט וואָס עס איז אים ביים ערשטן באזוך פאַר־געקומען מאָדנע: די אַלטע אויפזעערס. איצט האָט ער זיך נאָך מער באַ־קענט מיט זיי און זיך דערוווסט, אז יעדער פון זיי האָט אַ צונאָמען אין פאַבריק. אין דער פרי, אז קלמן און דזשעק פלעגן קומען עפענען די גרוי־סע פאָדערשטע טירן פון פאַבריק, פלעגן שפּעטער קומען צוקריכן די דריי אויפזעערס. זיי זיינען געווען אַלט און פאַרדאַרט און פלעגן האַלב־שלעפער־דיקע זיך קוים ארויפשלעפן די עטלעכע שטיגן.

קלמן האָט דערפילט ווי אַ ניי לעבן וואָלט אין אים אויפגעוואַכט. ער איז אליין ארומגעלאָפן, נאָכגעקוקט, אזוי אז די אויפזעער האָבן זיך מיט אַ מאָל דערפילט איבעריק. ער האָט עס ניט געטאָן בכוונה, נאָר עס האָט גע־שפרודלט אין אים אַ קוואַל פון איניציאַטיוו. און אז ער פלעגט אַ מאָל אַ רוף טאָן איבער דער פאַבריק זיין אויפזעער: „פליז, מ"ר בערמאַן!" פלעגט יענער גאָר שטיין האַלב־דרימלענדיק אין אַ ווינקל, ביז עמעצער פון די מאַשיניסטן אָדער טיש־ארבעטער פלעגט אים אריינשרייען אין אויער: „אויסגעשפּילטער", דעמאָלט פלעגט מ"ר בערמאַן זיך אַ שאָקל טאָן פון שרעק, ווי אַ ייד ביי שמונה־עשרה און אָנהויבן זשמורען מיט די אויגן, כדי צו דערזען ווו דער בעל־הבית שטייט.

אַלע דריי אויפזועערס האָבן די אַרבעטער גערופן אונטערן שם הכולל „בעטשעלאָרס", אָבער יעדער איינער האָט זיך געהאַט זיין צונאָמען, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו אים און געקלעפּט ווי אַן עטיקעט וואָס מען קלעפּט צו צו שיך־קעסטלעך. די אַרבעטער וואָס האָבן שוין יאָרן געאַרבעט צו־זאַמען מיט די אויפזועערס האָבן זיי גערופןביים צונאָמען, ווי דאָס וואָלט געווען זייער נאָמען. נאָר דער בעל־הבית האָט נאָך צוליב רעספּעקט גע־נוצט דעם פאַמיליע־נאָמען און „מ"ר".

געווען זיינען זיי דריי אַלטע בחורים, וואָס מ'האָט זיי געקרוינט: דער אויסגעשפּילטער, דער רייסעסניק און דער רעזיגנירטער. ביי יעדערן פון זיי איז געווען אַ מעשה, וואָס ניט יעדער אַרבעטער האָט זי געוווּסט פון ווו און פון וואַנען דער צונאָמען נעמט זיך. איז טאַקע כדאי די דריי מעשיות צו דערציילן.

דער אויסגעשפּילטער

זיין נאָמען איז געווען יעקב בערמאַן. נאָר ווען ער איז אָנגעקומען נאָך אַלס יונגער מאַן קיין אַפריקע האָט ער דאָ אומגעדרייט זיין ערשטן נאָמען אויף דזשעק. פאַר יידישע טעאַטער־גייער פון דער אַלטער היים איז שוין דער נאָמען יעקב בערמאַן געווען באַקאַנט און זיי האָבן געוווּסט, אַז אַ פאָרשטעלונג מיט דזשעקי בערמאַן וועט זיין „וואָס צו זען". מ'האָט ליב געהאַט זיין שפּילן און עולם האָט אויסגעפּילט די זאַלן צו זיינע פאָר־שטעלונגען.

צווישן דעם דאָזיקן גרויסן עולם האָט זיך כמעט תמיד געפונען דער יונגער בעל־הבית פון א שוכפאַבריק, מ"ר פריד. די פאַבריק זיינע איז גוט אוועק און ער איז רייך געוואָרן. אָבער מ"ר פריד איז ניט אַוועק צום ענגלישן טעאַטער ווי אַנדערע וואָס האָבן זיך ארויפגעאַרבעט. ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען זען זיין באַליבטן דזשעקי בערמאַן.

בערמאַן איז געקומען גאָר יונג צו דער בינע, נאָך כמעט אַ יינגל. ווען אין זיין שטעטל פלעגן קומען יידישע טרופּעס האָט ער קיין מאָל ניט פאַר־פעלט זיך אריינצוכאַפּן באַצייטנס אין זאַל און ליגן באַהאַלטן ביז דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן נאָכלויפן די אַקטיאָרן, זיי געקענט ביי די נעמען, און אז ער האָט זוכה געווען אז מ'האָט

אים ארייַנגעלאָזט הינטער דער בינע, אָדער ווי מ׳האָט עס גערופן אויפן אַקטיאָרישן לשון „קוליסן״, איז ניט געווען קיין מער גליקלעכער ייִנגל פון אים. ער האָט זיך גלייך אויסגעטויגט: געהאָלפן ציען די צוויי שטריק — איינע צו עפענען דעם פאָרהאַנג, די צווייטע צו פאַרמאַכן. ער האָט עס געטאָן פליסיק און פּינקטלעך. גאָר גיך האָט ער שוין געקענט אויף אויס־ווייניק די טעקסטן און געקענט איבערשפּילן אַלע ראָלן פונקט ווי אַן אמתער שוישפּילער. און איין מאָל ווען מ׳האָט אים צוגעטיילט אַ ראָל פון אַ ייִנגל, וואָס גייט ארויף אויף דער בינע און זאָגט נאָך אַ פּאָר ווערטער, איז שוין גאָר קיין שיעור צו זיין גליק ניט געווען. ביסלעכווייז האָט מען אים אָנגע־הויבן צוטיילן גרעסערע ראָלן און אַזוי איז די בינע געוואָרן זיין הייליקייט. ער פלעגט מיט פּאַטאָס דעקלאַמירן די ראָלן און האָט געקוקט מיט דרך־ארץ אויף די עלטערע אַקטיאָרן. דער רעזשיסאָר איז געווען ביי אים אַ גאָט. ער האָט מיט פליס שטודירט זיין ראָל, זיך פאַרטיפט אין דעם כאַראַקטער, וואָס ער דאַרף פערזאָניפיצירן און ניט געקוקט אויפן דערפאָלג ביי דעם פובליקום, איז ער ניט שטענדיק געווען צופרידן מיט זיינע דערגרייכונגען. בעת הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַגלייט זיינע ארויסטריטן, האָט ער געטראַכט אַז ער האָט זיין ציל נאָך ניט דערגרייכט.

דזשעקי בערמאַן האָט מיט דער צייט אויסגעפונען, אַז זיינע אַלע גרוי־סע דערפאָלגן זיינען אַ ביסל איבערטריבן דורך דעם קריטיקער און רע־צענזענט. דער רעדאַקטאָר פון צייטונג, וואָס איז געווען זיין פריינט, שטעלט אוועק אַלאַרמירנדיקע קעפּ איבער זיינע ארויסטריטן. צום ביישפּיל, אַ קעפּל אין צייטונג „איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען״ איז שוין געווען פון די גאָר געוויינלעכע. אָדער „בערמאַן דער ערשט־קלאַסיקער אַקטיאָר האָט געגעבן אַ כאַראַקטער, וואָס איז אַן אוניקום אפילו אויף דער אייראָ־פּעאישער בינע״, האָט אים שוין אויך ניט איבערראַשט. און אויב אַ צווייי־טער האָט זיך צעלאָזן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער צייטונג און אים געלויבט אין הימל אריין, אַז „בערמאַן האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון קונסט און ער איז דער גרעסטער פון דורות...״, איז ער אויך צו דעם קאַלט געבליבן. מיט זיך איז ער געווען ערלעך: ער האָט טאַקע געוואָלט דערגרייכן די דאָזיקע הויכע מדרגה, נאָר לויט זיין מיינונג איז עס נאָך גע־ווען ווייט פון דעם.

מיט דער צייט האָט ער אָבער אָנגעהויבן אָפּשטיין, ווי אַ פערד וואָס גייט אַ לאַנגן וועג אין שפּאַן און ווערט פאַרמאַטערט. ס׳איז געווען ווי דער טעאַטער־עולם וואָלט אוועק פאַרויס און אים געלאָזן פון הינטן. ביסלעכווייז האָט מען אים אָנגעהויבן פאַרגעסן. ער פלעגט איצט זיך שוין אריינ־שלייכן זייטיק אויף אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג, איידער מען פלעגט אויפציען דעם פאָרהאַנג. זעלטן ווער עס האָט צו אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און נאָך וויניקער האָט מען זיך מיט אים דערפרייט.

דער איינציקער וואָס איז אים געבליבן געטריי און אים ניט פאַרגעסן, איז געווען מ״ר פריד, דער בעל־הבית פון דער שוכפאַבריק. ביידע האָבן זיך דורך די יאָרן געעלטערט. מיט דער זעלבער פאַרערונג ווי אין די אַמאָליקע יאָרן פלעגט מ״ר פריד קוקן דעם אַלטן בערמאַנען אין די אויגן און פרעגן ווי אים גייט. בערמאַנען איז באמת געגאַנגען שלעכט. ער האָט געלעבט אין ענגשאַפט, הונגער און עלנט. ניט איין מאָל האָט ער זיך גע־וואָלט אַ מעשה אָנטאָן, נאָר ס׳האָט אים דער קוראַזש ניט געסטייעט. ער האָט אָבער מיט שטאָלץ געטראָגן זיין פאַרבליבענעם קינסטלער־רום און תמיד געענטפערט אז „ס׳איז גוט״. ער האָט געוווּסט, אז מ״ר פריד איז אַ גרויסער פאַבריקאַנט און פאַרערט אים, און קען אים העלפן.

איין מאָל האָט ער זיך אריינגעשאַרט צו אַ ליבהאָבער־פאָרשטעלונג, ווי זיין שטייגער איז געווען, ביים דריטן „קלונג״, וואָס איז געווען אַ סימן אז די פאָרשטעלונג הויבט זיך אָן. דער מאַן וואָס ווייזט אָן די פלעצער האָט גרינגשעציק אַ בליק געטאָן אויף זיין בילעט און אפילו ניט באַמיט זיך אים צוצופירן צו זיין פלאַץ, נאָר פון וויטן אים אָנגעוויזן אויף אַ ליי־דיקן שטול ערגעץ ביי דער וואַנט אין די סאַמע לעצטע רייען. ער האָט זיך געפילט פאַרשעמט. אין אים האָט געשריען אַ פּראָטעסט קעגן דער באַ־ציאונג צו אים, צו בערמאַנען, וואָס איז געווען אָנערקענט ביי אַלעמען. ער האָט אראָפּגעלאָזן אַן אויג אויף זיין הילוך און שנעל אוועק צו זיין פלאַץ. ער האָט זיך אוועקגעזעצט מיטן שטעקן צווישן די פיס, גאַלאַנט אראָפּגענו־מען די הוט און אָנגעטאָן עס אויפן שטעקן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט שפּילן זיין אייגענע ראָל. נאָך דעם האָט ער אומגעביטן די ברילן זיינע — פון קורצזיכטיקע אויף ווייטזיכטיקע און געוואַרט אז אָט־אָט זאָל זיך עפע־נען דער פאָרהאַנג.

זער האָט געהאַט אַ געפיל, אז ער וואָלט נאָך היינט געקענט שפּילן בע־

סער ווי די נייע אַקטיאָרשטשיקעס, וואָס האַלטן אין „כאַפּן הייסע בולבעס״. די פּאָר מינוט וואָס ס׳איז געווען ליכטיק אין זאַל, האָט ער אויסגעמיטן די בליקן פון די מענטשן ארום. ער האָט ניט געוואָלט אז עמעצער פון זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע זאָל אים דאָ אין זאַל טרעפן און פאַרציען מיט אים אַ שמועס. ער האָט געוווסט אז אזא שמועס ברענגט תמיד ארויף די פאַר־גאַנגענהייט און זיין געוועזענעם רום, און ער האָט עס געוואָלט פאַרמיידן.

* * *

דער היינטיקער טאָג איז געווען פאַר אים אַ פיינלעכער. אין קעשענע האָט ער נאָך געהאַט באַהאַלטן אַ פּאָר פענים, טאָמער וועט ער פאָרט דאַרפן „שפּילן״ די ראָל פון אַ באָהעם און אריינגיין אין באַר בעת דעם אַנטראַקט טרינקען אַ וויסקי. נישקשה, זאָלן מענטשן זען אז ער קען זיך נאָך פאַרגינען און מ׳זאָל אים ניט באַדויערן. ער האָט היינט אַ גאַנצן טאָג געפּירט אַ „הונגער־שטרייק״, כדי אָפּצושפּאָרן אויף דעם בילעט און די פּאָר מטבעות וואָס ער האָט אין קעשענע. מחמת דעם האָט בערמאַן דעם גאַנצן טאָג זיך געוואַלגערט אויף זיין שמוציק בעטל און געמישט דעם אלבום פון צייטונג־אויסשניטן. ער האָט צום הונדערטסטן מאָל געלייענט די רעצענזיעס און געקוקט אויף די שיינע פּאָטאָס, וואָס האָבן אים אין פאַרשיידענע ראָלן און פּאָזעס פאַרגעשטעלט. ער האָט געפילט ווי ס׳ווערט אים אָן אַ שיעור אומעטיק. ער איז גרייט אויסצוטרינקען דעם באַקאַל סם, ווי שעקספּירס אַ העלד, אָבער אפילו קיין סם איז ניטאָ... „צו וואָס צערט־לען דעם אַמאָל — ער וועט זיך שוין מער ניט אומקערן!״ האָט ער צום סוף אַ שליידער געטאָן דעם אַלבום אויף דעם טישל, ארויס פון צימער און זיך געלאָזט צום טעאַטער.

איצט זיצט ער דאָ. דער פאָרהאַנג איז שוין אָפן, נאָר ער זעט גאָר ניט. אַ ביסל שווינדלט אים פאַר די אויגן פון אַ גאַנצן טאָג הונגערן. ער דערמאָנט זיך ווי אַלס ייִנגל איז ער נאָכגעלאָפן די אַקטיאָרן און געהאָפט צו ווערן באַרימט. ווי דורך אַ נעפּל דערמאָנט ער זיך, אז אין זיין קאַריערע האָט זיך אריינגעמישט עפּעס אַ פרוי, וואָס צוליב איר האָט ער געמוזט אין אַפריקע שוין פאַרבלייבן. געמיינט האָט ער, אז אפילו אויף דעם האַרטן באָדן פונעם פרעמדן לאַנד וועט ער וואַקסן, אָבער ס׳איז געווען אַ טעות. ער ווייס ניט צוליב וואָס ער האָט זיך איצט אַ הונגעריקער געשלעפּט צו דער פאָרשטעלונג. די ראָל אין דער זעלבער פּיעסע האָט ער שוין פיל מאָל ניט

נאָר געשפּילט, נאָר אויך אַליין רעזשיסירט. אים איז די שפּיל אַ ביסל נודנע. ניט נאָר וואָס קיין איין נייעם מאָמענט האָט די רעזשי ניט אריינ־געטראָגן, נאָר עס איז נאָך ערגער ווי אַ מאָל. די איינציקע זאַך וואָס די ראַמפּע איז באַשטראַלט מיט אַן אַ שיעור ליכט־רעפלעקטאָרן און די בינע־אויסשטאַטונג איז רייך. צו דעם זיינען נאָך די אַקטיאָרן אָנגעטאָן אין ספּעציעל־געניייטע קאָסטיומען. דאָס אַלץ האָט מען אַ מאָל גערופן רעקווי־זיט. מען האָט עס געדאַרפט צוזאַמענלייען פון פאַרשיידענע מענטשן פון שטעטל.

מיט איין מאָל ווערט ליכטיק אין זאַל, און בערמאַן טוט זיך אַ כאַפּ אויף ווי פון אַ דרימל. אַנטקעגן אים שטייט מ״ר פריד מיט אַ רויט בלימל אין לאַץ און שמייכלט פריינדלעך. פון וואַנען האָט ער זיך איצט געיאַוועט? טראַכט בערמאַן. ער וואָלט וועלן אַנטלויפן, נאָר זיינע פיס זיינען שוואַך. ער קען זיך ניט רירן פון אָרט.

„ס׳דערמאָנען זיך אַמאָליקע צייטן, מאַעסטראָ!״, האַקט דער שוכ־פאַבריקאַנט אריין א גרויסן טיטל פאַר בערמאַנען, ווי מ׳האַקט אריין אין זיין פאַבריק די שטיפטן אין די גלאַטע פאַדעשוועס. „כ׳האָב אייך ניט אין מאָל געזען שפּילן די זעלבע ראָל, אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד! זיי זיינען ניט ווערט די פּעטשערעס ביי אייך צו הייצן, מיסטער בערמאַן!״

בערמאַן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. זיין קאָפּ האָט גענומען שווינדלען. ער האָט געקוקט אויפן בלימל:

„יאָ, געווען אַ מאָל צייטן... געווען...״

„דוכט זיך אז ס׳איז גאָר ניט לאַנג צוריק. ווען האָט איר דאָס לעצטע מאָל געשפּילט?״ האָט מ״ר פריד זיך געפּרוווט דערקונדיקן.

„אַ וואָסערע... אַ וואָסערע צען יאָר צוריק״, האָט זיך בערמאַן געפּרוווט דערמאָנען. „נאָר איצט איז מען שוין אויף דער עלטער, מ׳קען פאַרגעסן וועגן אַ מאָל״.

„ניט צו פאַרזינדיקן מיט אייך נאָך היינט — איר וואָלט נאָך אָפּשפּילן די ראָל ניט ערגער פאַר די נייע יונגע טעאַטער־כוחות״.

„איר פאַרשטייט״, האָט בערמאַן גערעדט שטיל, כמעט געקרעכצט, „היינט, פּונקט ווי אַ מאָל וואַרט מען אויך אויף דער צייטונג, אויף גוטע רע־צענזיעס, כדי די חברה און דער רעזשיסאָר זאָלן קענען אריינקלעפּן אויס־שניטן אין זייערע אַלבומען. פּונקט ווי אַ מאָל... די פּיעסע איז אַלט, די

טעמע איז אַלט, אָבער די חברה אַקטיאָרן זיינען ניי. זוכן זיי נייעס, זיי מיינען אז זיי זיינען מחדש די אַלטע מאָטיוון, אָבער..."

דער פאַבריקאַנט האָט אים איבערגעריסן: „דאָס אליין איז שוין אַ דערגרייכונג".

„ניין, זיי וועלן דאָס אָבער ניט קענען און ניט מאַכן ווי מיר, ניין!..." האָט בערמאַן געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. אין זיין אויג האָט אַ פינקל געטאָן אַ טרער.

„קומט, לאָמיר אריינגיין אין באַר זיך אָפּפרישן מיט אַ וויסקי", האָט מ"ר פריד פאָרגעשלאָגן. ער האָט אים אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און בערמאַן איז אים נאָכגעגאַנגען.

ארום האָט געזשומט ווי אין אַ בינשטאָק. מען האָט זיך געשטופּט דורך די קולוואַרן. מענטשן האָבן גערעדט וועגן דער פאָרשטעלונג. מ'האָט גע־הערט ווערטער פון קריטיק. בערמאַנען איז אפילו אויסגעקומען, אז עמע־צער האָט דערמאָנט זיין נאָמען. ער האָט אַ בלאָנדזשע געטאָן מיט זיין בליק איבער די קעפּ. עמעצער האָט אים אַ ריר געטאָן ביים שולטער. ס'איז געווען אַ צייטונג־קריטיקער פון „יענע" יאָרן, וואָס איז שוין אויך געווען פארעלטערט, נאָר זיין בליק נאָך לעבעדיק:

„נו, מ"ר בערמאַן, גוט צי שלעכט?" האָט ער אַן מחזקות געפרעגט, ווי ער וואָלט אים יעדן טאָג באַגעגנט.

בערמאַן האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. ער האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען, אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, און זיך ווייטער געלאָזט פירן פון פאַבריקאַנט. דער קריטיקער האָט פאַרשטאַנען, אז בערמאַן וויל זיך ארויסדרייען פון אַ קלאָרער תשובה, האָט ער אַ צעיאכמערטער אים גע־פרווט פאַרהאַלטן, נאָר דער עולם האָט זיי פונאַנדערגעטיילט. האָט ער מיט באַגייסטערונג אריבערגעשריען איבער די קעפּ: „און איך האַלט אז ס'איז אויסגעצייכנט". נאָר צו בערמאַנס אויערן זיינען די ווערטער ניט דערגאַנגען.

„פאַר וואָס האָט איר ניט געוואָלט זאָגן אייער מיינונג", האָט דער שוכפאַבריקאַנט געפרעגט, אריבערשרייענדיק דעם טומל.

„איך לאָז איבער די קריטיק צום קריטיקער", האָט בערמאַן צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ און געפילט, אז די פיס שאָקלען זיך אים פון שוואַכקייט. „כ'מוז זיך צוזעצן", האָט בערמאַן געזאָגט רעזיגנירט. „גייט צוריק. איך

וועל שוין אין טעאַטער מער ניט אַריינגיין... קיין וויסקי וויל איך אויך ניט... אַ דאַנק״.

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ באַנק ביי דער וואַנט. מ״ר פריד איז געשטאַנען איבער אים און גערעדט: „מ״ר בערמאַן, איך זע אַז איר פילט זיך שוואַך. כ׳וועל אייך נעמען אהיים. די פאָרשטעלונג האָב איך שוין געזען אַזוי פיל מאָל — וועט זיין מיט איין אַקט ווייניקער...״

בערמאַן האָט אים אָנגעקוקט מיט מאַטע בליקן און ניט געהאַט קיין כוח צו ענטפערן. ביסלעכווייז זיינען אַלע צוריק אַריין אין זאַל. אין באַר זיינען געבליבן בערמאַן און מ״ר פריד. בערמאַן איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי אַ פאַרמישפּעטער. אים האָט שטאַרק געאַרט וואָס ער האָט אַזוי באַמיט דעם פאַבריקאַנט מיטן רויטן בלימל אין לאַץ, וואָס ער קען צוליב אים ניט גיין זען די ווייטערדיקע אַקטן. מ״ר פריד האָט זיך געפּאָרעט אַרום בערמאַנען און אים געהאַלטן אין איין פרעגן, צי ער פילט זיך בעסער.

בערמאַן האָט געפילט, אַז איצט ווערט אים בעסער. ער קען שוין גיין. מ״ר פריד האָט אים אַרויסגעפירט אין דרויסן, ווי פריער, אונטערן אָרעם. מיט אַ מאָל האָט אין קאָרידאָר זיך באַוויזן דער גרויער קאָפּ פון קריטיקער, וואָס האָט פריער בערמאַנען פאַרהאַלטן. ער האָט זיך ערגעץ געאיילט. ער האָט זיך אַ סעקונדע פאַרהאַלטן, אָנגעקוקט בערמאַנס שוואַכן גאַנג און עפּעס אַ זאָג געטאָן, וואָס איצט האָט עס בערמאַן געהערט:

„איר זייט שוין אויף אַן אמת אויסגעשפּילט, מ״ר בערמאַן, אויסגעשפּילט...״

ווי ציינער פון אַ טעמפּער זעג האָבן די ווערטער זיך אַריינגעשניטן אין בערמאַנס לייב. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי אַ פראָסט וואָלט דורך זיינע ביינער. מ״ר פריד האָט אים צוגעדריקט צו זיך און ער האָט דערפילט זיין וואַרעמקייט. אין דרויסן איז בערמאַן שטיין געבליבן. פּלוצלינג האָט מ״ר פריד שאַרף אַ זאָג געטאָן:

„איר האָט זיי אין דער ערד, די קריטיקער, איר זייט נאָך ניט אויסגעשפּילט ביי מיר. איר וועט פון קומענדיקער וואָך ווערן אַן אויפזעער ביי מיר אין פאַבריק און איר וועט שפּילן אַ נייע ראָל...״

בערמאַן האָט מיט אַ מאָל דערפילט ווי ס׳ווערט אים גרינגער. זיין באַגלייטער האָט פּלוצלינג צעליכטיקט זיינע האָפענונגען. ער דאַרף אַזוי

נייטיק אַ שטיקל אָנהאַלט אין לעבן, פּרנסה. ער האָט געוואָלט אויסשרייען פאַר פרייד און באַדאַנקען דעם גוטן מענטשן, נאָר ער האָט עס געטאָן שטיל:

„איך דאַנק אייך פון גאַנצן האַרצן. און כ׳וועל אייך זאָגן ווי אַ ברודער: איך דאַרף עס איצט האָבן. מיר האָט זיך געדוכט אז אַלע האָבן מיך שוין פאַרגעסן, האָט איר זיך איינגעפונען. אין טעאַטער בין איך שוין אויסגעשפּילט, איז גוט וואָס איר וועט מיר לאָזן שפּילן די נייע ראָל ביי אייך, אז כ׳זאָל זיך ניט פילן שוין אין גאַנצן ארויסגעוואָרפן...." און בערמאַן האָט ארויפגעקוקט צו זיין פאַרערער דעם פאַבריקאַנט מיט מידע, פאַרטרערטע אויגן.

„זאָרגט ניט, מ״ר בערמאַן, ביי מיר וועט איר זיך אָפּרוען. דאָ האָט איר שוין אַן אַוואַנס פאַר דער נייער ראָל". און ער האָט אים אריינגעשטופּט אַ גרין פּאַפּירל אין האַנט.

* * *

גראָדע דעם פרימאָרגן, ווען דזשעק בערמאַן איז געקומען אין פאַבריק צו ווערן דער אויפזעער איבער אַ טייל מאַשינעס, איז אָנגעקומען די צייטונג מיט דער רעצענזיע פון קריטיקער, ווו ער האָט דערמאָנט דעם צוזאַמענטרעף מיט דעם גרויסן „בינע־קינסטלער דזשעק בערמאַן" אין די קולוארן פון טעאַטער בעת דער פאַרשטעלונג און ווי ער האָט אַ צי געטאָן מיט די פּלייצעס אויף זיין פראַגע וועגן „די נייע". און ער פאַרענדיקט אז אזוי איז מיט אַ סך גרויסע אַקטיאָרן וואָס ווערן אַלט: „דזשעק בערמאַן איז שוין היינט אַן אויסגעשפּילטער..." און דערביי איז געווען, ווי אויף להכעיס אַ בילד פון יונגן בערמאַן בעת זיין טריאומף־פּעריאָד אין יידישן טעאַטער.

בעת דער טיי־הפסקה אין פאַבריק האָט מען שוין געוווּסט ווער דזשעק איז. מ׳האָט אים גראַטולירט מיט דער נייער ראָל און עמעצער, וואָס האָט אים געקענט פון זיינע גלאַנץ־טעג, האָט אים אונטערגערוקט די צייטונג. בערמאַן האָט געקוקט און געשמייכלט צו זיין בילד, ווו ער איז געווען יונג און עלעגאַנט. נאָך דעם האָט ער צופרידן אַ ברום געטאָן:

„יאָ, געווען צייטן... אָבער היינט בין איך שוין אַן אויסגעשפּילטער".

דער עולם ארום האָט אים באַוווּנדערט מיט וואָס פאַראַ נאַטירלעכקייט ער האָט עס געזאָגט, ווי ער וואָלט נאָר פעסטגעשטעלט אַ פאַקט. — און פון יענעם ערשטן טאָג איז זיין נאָמען געבליבן דער אויסגעשפּילטער.

דער רייסעסניק

לואי בערנשטיין איז שוין לאַנג אין דער שוכפאַבריק. מיט אים האָט ניט פּאַסירט עפּעס אויסערגעוויינלעך, כדי זיך צו פאַרדינען זיין טיטל „דער רייסעסניק". אין שטאָט האָבן אַלע געוווּסט, אַז ער פּטרט אוועק דאָס גאַנצע געלט וואָס ער פאַרדינט אויף די פערדלעך — האָבן אים אַלע זיינע באַקאַנטע גערופן „דער רייסעסניק". און אויב אפילו עס זיינען געווען נאָך אַ היפּש ביסל אַנדערע, וואָס האָבן „געלייגט אויף די פערד", האָט זיך אָבער צו אים גוט צוגעקלעפּט דער נאָמען און מ'האָט אפילו ניט געדאַרפט אים רופן ביי זיין ערשטן נאָמען.

ער איז געווען אַ בחור און קיינעם ניט געהאַט צו פאַרזאָרגן, פלעגט ער שוין מאַנטיק פרי קומען מיט אויסגעליידיקטע קעשענעס און זוכן אַ הלוואה. מיט זיין געהאַלט, וואָס ער פלעגט קריגן פרייטיק פאַרנאַכט, פלעגט ער יעדן שבת פרי אוועקגיין צו די פערד־געיעגן. און שבת פארנאכט פלעגט ער זיך לאָזן אהיים, אין זיין בחורשער דירה, אָן אַ גראָשן. אזוי יעדן שבת. זעלטן ווען ס'פלעגט אים אָפּגליקן.

ווען ער איז געקומען יונג און פול מיט ענערגיע אין דער „שוואַרצער מדינה", ווי ער האָט עס גערופן, איז ער קיין גביר מיט איין מאָל ניט גע־וואָרן. אין עטלעכע יאָר האָט ער זיך אָבער ארויפגעאַרבעט אויף אַ גאַנץ פיי־נעם שטאַנד. די יונגע בלוטן זיינען געווען הייס און אז ס'האָט זיך געלאָזן האָט מען אַ הוליע געטאָן ווי גאָט האָט געבאָטן. ער פלעגט מאַכן אין זיין וווינונג די שענסטע פּאַרטיעס, אויף אַ געהויבענעם אופן און מיט אַ ברייי־טער האַנט. ס'האָבן קיין מאָל ניט געפעלט קיין פלעשער וויין, און ווייבער זיינען דעמאָלט, ניט צו פאַרזינדיקן, געווען גענוג. מ'האָט פארצויגן אַ ליד און ביז שפּעט אין דער נאַכט געזופט פון די פולע באַקאַלן און זיך גע־קאַטשעט אויף די ווייכע מאַטראַצן.

און ווען פון לייבל איז געוואָרן לואי, האָבן אים זיינע לאַנדסלייט אויס־געקליבן פאַר דעם טשערמאַן פון זייער סאָסייטי. דעמאָלט האָבן אים שוין אוודאי ניט געפעלט קיין פריינד און חברים. אלע האָבן אים גערופן „מיס־טער טשערמאַן" און אז אַ לאַנדסמאַן האָט געדאַרפט אַ הלוואה פון דער

גמילות־חסד־קאַסע פון דער סאָסייטי, איז מען געלאָפן צו אים, געבראַכט „סעקיוריטיס״ און זיך ביי אים געבעטן, אז ער זאָל למען השם אונטער־חתמענען, ניט אָפּליגן, ס׳איז אַ נייטיקע הלוואה. איז ער טאַקע געווען געאַכט ביי אייגענע און געהאַט אַ גוטן נאָמען אין שטאָט ביי יידן. אין דער קהילה האָט מען זיך אינטערעסירט מיט זיין מיינונג, זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט, אים פאַרבעטן צו גאַסט אין די שענסטע הייזער.

אין יענע יאָרן האָט עס טאַקע פּאַסירט, ווען זיין „גרינער״ לאַנדסמאַן, דער היינטיקער שוכפאַבריקאַנט מ״ר פריד, האָט געהאַלטן גאָר שמאָל און זיך געניטיקט אין אַ גרעסערער הלוואה, האָט לואי בערנשטיין אים בכבודיק ארויסגעהאָלפן. ער האָט אפילו דעמאָלט ניט געטראַכט, אז איין טאָג וועט ער אליין דארפן ארבעטן ביים זעלבן לאַנדסמאַן און ס׳וועט זיך אים אָפּ־צאָלן. דאָן איז עס געווען אַ טובה פון גאַנצן האַרצן. בכלל האָט ער קיין מאָל קיינעם ניט אָנטזאָגט. ער פלעגט אפילו פון דער אייגענער קעשענע אויסבאָרגן אַ פּאָר פונט, העלפן איינאָרדענען די ביי־געקומענע, קריגן פאַר זיי אַ דירה, אַרבעט, געבן אַן עצה.

פלוצלינג אָבער האָט זיך זיין לעבן אַ דריי געטאָן, פּונקט קאַפּויער, מיטן קאָפּ אַראָפּ. עמעצער האָט אים איין שבת פאַרשלעפּט אויף די „ר״סעס״ אין אַ וויטע פאַרשטאָט פון יאָהאַנעסבורג און פון יענעם טאָג האָט זי אַ קללה אים פאַרפּאָלגט דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער שפּיל. ער ווייס אליין אז דאָס האָט אים געבראַכט צו זיין מצב, צו זיין עלנטקייט. צו דעם דער־נידעריקן זיך און גיין אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך בעטן אַ שטעלע אין דער שוכפאַבריק. דער לאַנדסמאַן וואָס איז רייך געוואָרן פאַר די יאָרן האָט אים טאַקע געדענקט דעם חסד פון יענער הלוואה. ער האָט אים אריינגענומען אין דער פאַבריק, געמאַכט פאַר אַן אויפזעער און געהאַלטן בכבודיק. ער האָט אפילו געפּרוווט ווירקן אז ער זאָל אויפהערן מיט די פערד...

* * *

מיט יעדן יאָר איז עס אָבער געוואָרן אַלץ ערגער. בערנשטיין איז אַלץ אָפטער געגאַנגען צו די פערד־געיעגן, און זיינע אַלטע באַקאַנטע האָבן אַלץ מער פון אים געוויכט, אַנטלאָפן ווי פון אַ פּעסט. איצט, אויף דער עלטער, פילט זיך בערנשטיין אין גאַנצן אַ פאַרשטויסענער, ווי ער וואָלט געווען

אַן איבערריקער אויף דער גרויסער וועלט. אז ער באַגעגנט צופעליק אַ פריינד, מאַכט זיך יענער ווי ער וואָלט אים קיין מאָל ניט געזען, אין בעסטן פאַל גיט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ פון יוצא וועגן. קיין איינער פון די אַמאָ־ליקע, וועמען ער האָט געהאָלפן, וועט זיך אפילו ניט אָפּשטעלן פרעגן וואָס ער מאַכט. און ניט איין מאָל גיבן אים אַ שטאָך די ביטול־בליקן פון יענע וואָס האָבן זיך ארויפגעאַרבעט אויף אַ בעסערן מעמד. וועגן די גבירים איז דאָך שוין אָפּגערעדט. דעריבער פילט ער אַ דאַנקשאַפט צו זיין לאַנדס־מאַן מ״ר פריד, וואָס פרעגט זיך כסדר נאָך אויף זיין געזונט און האַלט אים מיט כבוד.

„איך האָב אויך געקענט זיין ווי זיי...״ טראַכט ער מיט צאָרן וועגן זיין לאַגע אין די שבת נאָכמיטאָגס, ווען ער פאַלט אריין אַן אויסגעשעפּטער אין אויטאָבוס וואָס וואַרט צו פירן אין שטאָט אריין די לעצטע רייסעסני־קעס. אז ער דערטאַפּט נאָך אין קעשענע אַ פּאָר פאַרוואַלגערטע שילינגס דערפילט ער, אז עס איז זיין מזל: ער וועט גאָר אריינגיין אין אַ קינאָ און פאַרגעסן זיינע צרות.

אז ער פלעגט זיך ארויסשטופּן פון דער קינאָ אויף דער גאַס, איז שוין געווען האַלבע נאַכט. דער ארום פלעגט אָנגעפילט ווערן מיט האַרמידער און קולות. די עלטערע און סטאַטעטשנע פאַרלעך פלעגן זיך איילן צו זיי־ערע אויטאָס און דער גערויש פון מאָטאָרן האָט פאַרהילכט די גאַס.

בערנשטיין פלעגט זיך שטעלן אין דער ריי, אין דער ליכטיקער קאָפּע אויפן ווינקל, צו קויפן די פרימאָרגן־צייטונג, וואָס האָט נאָך געשמעקט מיט דרוקפאַרב און גרויסע קעפּ האָבן געקיצלט מיט פּיקאַנטע נייעס. מיט דער צייטונג אונטערן אָרעם איז ער אריין אין זיין אומעטיק־בחורשער וווינונג און אָנגעהויבן נישטערן אין שאַפקע און אין קילשראַנק עפּעס אַ נאַש צו טאָן. ניט געפינענדיק קיין זאַך האָט ער זיך גענומען מכין זיין צום שלאָף.

ווי זיין שטייגער האָט ער אויסגעגלעט דעם געלעגער, אָנגעטאָן די פּידזשאַמעס און אויפגעדרייט דאָס ליכט אויף זיין נאַכטטישל. ער איז אריין אין בעט און גיך אָנגעהויבן מישן די צייטונג, קוקן אויף די ביל־דער פון די האַלב־אָנטבלויזטע פּרויען. פולע בריסט זייגען ארויסגע־האנגען פון די באַלקליידער. יאָ, ער האָט באַמערקט אַ גרויסע איבער־

שריפט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער צייטונג: אַן אָרגיע פון מיליאָ־נערישע זינדלעך — די פרויען באָדן זיך אין שאַמפּאַניער און מילך...

ער האָט זיך דערלאַנגט אַ וואָרף צו די שורות, אָבער אין דער רגע האָבן פרויען־שטימען זיך צעקוויטשעט און ווילד געלאַכט אויפן אייבערשטן שטאָק. באָרוועסע פיס האָבן זיך געיאָגט איבער זיין קאָפּ, געטאַנצט, גע־שפּרונגען, געפּאַלן און זיך דאָרטן געקאַטשעט אויפן דיל, וואָס ביי אים איז עס געווען דער סופיט. ער האָט געטראַכט, אז ווען דער סופיט וואָלט געווען פון גלאָז, וואָלט ער איצט געזען מסתמא די נאַקעטע מענטשן ווי זיי הוליען. דאָס מוז אויך זיין אַן אָרגיע פון ליידנשאַפטן. זיין געדאַנק איז געוואָרן אויפגערייצט. ער האָט זיך געמאָלן בילדער וואָס קומען דאָרט פאָר. ער האָט הנאה געהאַט פון דעם אומגעזעענעם שפּיל. אַ טיר האָט זיך געעפנט און ער האָט געהערט ווי אַ שכן פּראָטעסטירט. ער האָט געקלאַפּט אין דער וואַנט און געשריען איבערן גאַנצן קאָרידאָר, אַז די סקאַנדאַלן זאָלן גלייך אויפהערן, ווייל זיי לאָזן אים ניט שלאָפן. ער וועט רופן פּאָליציי...

קענטיק אַז זיין דראָאונג האָט געווירקט, ווייל מיט איין מאָל איז שטיל געוואָרן. איצט איז בערנשטיין געלעגן אַ בייזער. ער האָט ניט געקענט מוחל זיין יענעם אידיאָט, וואָס האָט איינגעשטילט דעם אזוי רייצנדיקן שפּיל. אין געדאַנק האָט ער איצט געזען ווי די פּאָרלעך ליגן שטיל צוזאַ־מענגעקלאַמערט.

בערנשטיין איז געלעגן וואַך פּאָר שעהן. זיין אַלט און שיטער בלוט האָט זיך אָנגעוואָרעמט. ער האָט אין פאַנטאַזיע זיך געמאָלן די צאַרטע, הייסע פרויען־קערפּערס. ער האָט זיך צוגעהערט צו דער טיפער שטילקייט, געוואָלט כאָטש כאַפּן אַן איינציקן שאָרך, אַ באַוועגונג, נאָר אַלץ איז געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. אַ טויטע פּאַרטיע פון לעבעדיקע לייבער...

ער האָט געוווסט, אַז אין דער וווינונג וווּ די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגע־שפּילט לעבט אַ יונגער בחור, וואָס צו אים קומען כסדר פרויען און חברים און מען האַלט דאָרטן אין איין פלירטעווען. דער בחור איז אַ בלאָנדער, מיט געלאָקטע האָר, מיט לעבעדיק־פריילעכע בלויע אויגן און אַ טענצלדיקן גאַנג, ווי ער וואָלט קיין שום זאָרגן ניט געהאַט.

בערנשטיין האָט אים שוין פיל מאָל געטראָפן אַרויפקומענדיק מיטן ווינדע צו זיך, מיט יונגע צאַפּלדיקע מיידלעך צי ווייבלעך, בלוט־און־מילך... איצט דערמאָנט ער זיך זייער אויסזען. מיט עטלעכע מינוט צוריק האָבן זיי

דאָך אזוי הילכיק געטומלט, איצט מסתמא... מיט אַ מאָל דערהערט ער אַ געזשום פון וואַסער וואָס לויפט פון אַ קראַן דאָרט אויבן. אַ וואַנע... גיט דער געדאַנק אים אַ ברען. ער כאַפּט די צייטונג און לייענט ביז ער שלאָפט איין.

* * *

אז בערנשטיין כאַפּט זיך אויף איז שוין גרויסער טאָג. די זון שטעכט מיט גליאיקע שטראַלן דורך די שויבן. אויפן דיל וואַלגערט זיך די זונטאָג־דיקע צייטונג. ער איז מיד און צעבראָכן. ער גיט אַ שלעפּ די צעקאָדערטע קאָלדרע איבערן קאָפּ, כדי זיך צו פאַרשטעלן פון דער היץ און ליכט. ער וויל שטאַרק ווידער איינשלאָפן, נאָר די מחשבות לאָזן ניט. מ׳האָט אים דאָרט אויף די רייסעס נעכטן גאָר וואַזשנע ארומגעפּוצט. איצט איז ער גע־בליבן אָן אַ פּעני ביי דער נשמה. ער טראַכט ווו מ׳קען שוין היינט מאַכן אַ הלוואה. אָבער מאָרגן איז מאָנטיק, גייט ער אין פאַבריק און גיט זיך שוין ווי ניט איז אַן עצה.

זינט ער האָט אויפגעהערט באַזוכן די מיטינגען פון זיין לאַנדסמאַנ־שאַפט, וואָס קומען פאָר יעדן חודש, איז ער אין גאַנצן אָפּגעשניטן פון מענטשן. צו גאַסט צו קיינעם גייט ער ניט. און אז ער באַגעגנט צופעליק עמעצן און יענער פאַרבעט אים צו זיך, פילט בערנשטיין אז דאָס טוט ער פון רחמנות וועגן און ער גייט ניט אַהין. ער האָט נאָך זיין שטאָלץ אויפ־געהיט.

בערנשטיין דערפילט אונטער דער דעקע די וואַרעמקייט פון דער זון. מיט אַ מאָל דערמאָנט ער זיך די ביינאַכטיקע אָרגיע. די חברה האָבן זיך שוין געמוזט צעגיין. ער דערמאָנט זיך איצט זיינע אייגענע פאַרטיעס. ער דעקט זיך שנעל אָפּ, כאַפּט די צייטונג און פרווט פאַרענדיקן אַן ארטיקל וואָס ער האָט נעכטן ניט פאַרענדיקט. די זון בלענדט אים אין די אויגן און די זאַצן בינדן זיך ניט. פון צייטונג ארויס טאַנצט אַ בילד פון אַ יונגן מאַן מיט אַ פינקלדיקן בליק. ער האַלט אין זיינע אָרעמס אַ האַלב־נאַקעטע פרוי און ווינקט מיט אַן אייגל צו בערנשטיינען. ער גיט זיך אַ טרייסל אָפּ ווי פון אַ בייזן חלום. ער זעט אז אַזאַ בילד אין גאָר אין צייטונג ניטאָ.

ווי אויף אַן עקראַן באַוועגט זיך אין זיין מוח אַ גאַלעריע בילדער פון זיין אייגן לעבן און ער פאַרשפילט זיך מיט די פאַרגאַנגענע טעג. ער זעט איצט אין זיין צימער די גרויסאַרטיקע פאַרטיעס וואָס ער פלעגט מאַכן,

הערט זיך צו צו יענעם פאַרשטילטן טומל... קיינער איז ניט קיין שולדיקער אין מיין לעבן, און מיין עלנטקייט. קיינער האָט מיך ניט געצווונגען גיין אויף פערד־געיעגן. כ׳קען צו קיינעם קיין טענות ניט האָבן. איך אַליין האָב דאָך דערפון הנאה און טו דערמיט קיינעם קיין שלעכטס ניט. ס׳איז אפשר גאָר גוט אזוי. די געדאַנקען יאָגן ווידער שנעל דורך זיין מוח און אין אָנמאַכט דרימלט ער איין.

* * *

מאָנטיק גאָר פרי, ווען די טיר פון ווינדע, וואָס איז אראָפּגעקומען פון דעם אויבערשטן שטאָק, האָט זיך געעפנט און בערנשטיין האָט זיך אַהין לאַנגזאַם אריינגעשאַרט, איז שוין דאָרטן געשטאַנען דער בלאָנדער בחור. ער האָט אונטערגעטענצלט און עפּעס צוגעברומט. די געקרייזלטע האָר האָבן געגלאַנצט ווי גאָלד. אז ער האָט דערזען בערנשטיינען האָט ער אים באַגריסט:

„העלאָ, שכן! איר האָט זיך גאָר ניט באַקלאָגט אויף אונדזער טומל־דיקער פּאַרטיע, און אייך האָבן מיר דאָך געטאַנצט דירעקט אויפן קאָפּ. איר האָט אוודאי געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. פּאַרדאָן!“

דער פריילעכער יונגער מאַן, וואָס בערנשטיינען האָט זיך געדוכט אז ער האָט נאָך פאַרשלאָפענע אויגן פון דער פּאַרטיע, האָט אים העפלעך ארויסגעלאָזן צו ערשט. בערנשטיין איז געבליבן שטיין מיטן יונגן מאַן. ער האָט איצט געטראַכט, אז ער וואָלט שוין היינט געהאַט אזאַ זון ווי ער ווען ער וואָלט געלעבט אַ נאָרמאַל לעבן. און צוליב עפּעס האָט ער דער־פילט אַ באַדערפעניש מודה צו זיין זיך פאַר דעם בחור צו וועמען ער האָט געפילט אַ ליבשאַפט:

„איר ווייסט, יונגער־מאַן, איך האָב אויך אַ מאָל געמאַכט פּאַרטיעס. אפשר ניט אזעלכע ווי אייערע, אָבער היינט בין איך אַליין, אַן עלנטער מענטש. כ׳האָב זיך אריינגעלאָזן אין פערד, אויף די געיעגן, מען רופט מיך טאַקע דער ׳רייסעסניק׳. ווייל איך אייך געבן אַן עצה: מאַכט פּאַרטיעס וויפל און ווי אָפט איר ווילט, אָבער נאָר מיט מענטשן, מיט פרויען, אָבער גאָט זאָל אייך באַהיטן פון האָבן צוזאַמענטרעפן ווי מיינע — מיט פערד..“

„ניין, ניין, ביי מיר קען עס ניט פּאַסירן, מיסטער... מיסטער...“

„בערנשטיין“, האָט אים בערנשטיין ארויסגעהאָלפן.

„מיסטער בערנשטיין, ביי מיר קען עס ניט פּאַסירן, ווייל איך האָב

ליב געיעגן אויף ווייבער — שטעל איך אַלץ אויף זיי... אַדיע, מ״ר בערנ־שטיין״. און ער האָט אַ לוסטיקער אוועקגעטענצלט אין דער פרימאָרגנ־דיקער גאַס.

בערנשטיין איז אריין אין פאַבריק, נאָך דעם ווי דאָס גלעקל האָט שוין געקלונגען און די מאַשינעס האָבן שוין גערוישט. ער איז געווען מיד און אומצופרידן. דער בעל־הבית האָט צו אים אַ ווונק געטאָן און זיי זיינען צוזאַמען אריין אין זיין ביוראָ.

„איך זע אז היינט איז מיט אייך ווידער עפּעס ניט אין אָרדענונג, מ״ר בערנשטיין. פילט איר זיך ניט געזונט?״ האָט ער זיך געוואָלט דער־קונדיקן.

„ניין. געזונט...״ האָט מ״ר בערנשטיין געשטאַמלט. „אָבער היינט מער ווי אלע מאָל זע איך, אז כ׳בין אַ פאַרפאַלענער מענטש. פאַרלוירן אַ לעבן...״

„כ׳ווייס...״ האָט דער בעל־הבית באַשטעטיקט און אים דערלאַנגט אַ פונט. „היינט דאַרפט איר עס, נעמט!״

און אזוי האָט זיך עס כסדר איבערגעחזרט.

דער רעזיגנירטער

בען איז געווען אַ בן־יחיד ביי רייכע עלטערן. טאַטע־מאַמע האָבן אים געקוקט אין די אויגן, וואָס פאַר אַ מינע ער מאַכט און ניט געלאָזן אויף אים אַ שטויבעלע פאַלן. זיי האָבן זיך געטראַכט און צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אז פאַר אים, טאָקע פאַר זייער איינציקן זונעלע האָרעווען זיי אַ גאַנץ לעבן, טאָ זאָל ער זיך לעבן גרינג אַלע זיינע שפּעטערדיקע יאָרן.

מיט אַ תכלית האָבן זיי אים שוין פאַרזאָרגט — דאָס איז די גרויסע ירושה וואָס זיי וועלן אים איבערלאָזן. זאָל ער זיין גליקלעך. האָט זיך בען געהאָדעוועט אין גוטס, מיט אַלעם גרייטן, ווי אַ פרייער פויגל. ער האָט גענאָסן פון לעבן מיט פולע זשמעניעס און אַלץ וואָס האָט זיך אים פאַר־גלוסט האָט ער זיך געקענט פאַרגינען. ער איז געווען אַ גוטער חבר אויף טאַטע־מאַמעס חשבון און שוין יינגלווייז איז ער געווען אַ „ספּאָרט״. ער האָט זיך ארומגעשלעפּט אין די בעסטע שפּילפּלעצער, געצאָלט פאַר חברה

און ער האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן ווען אין דער קעשענע איז ענג געוואָרן. וועגן מאָרגן האָט ער ניט געטראַכט — יעדן טאָג איז ער געווען שיכור פון ווילטאָג. און אַז טאַטע־מאַמע האָבן זיך ארומגעזען, אַז ער איז שוין פאַרפאָרן צו ווייט און זיי האָבן זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו כאַפּן אַ שטיקל שמועס מיט זייער זון וועגן אַ תכלית אין לעבן, און די מאַמע האָט מיט ווייכקייט, כמעט זיך בעטנדיק אַ זאָג געטאָן:

„פאַר וואָס, מיין זונעלע, טאַקע ניט אַ טראַכט טאָן וועגן חתונה האָבן, בויען אַ היים. שוין צייט זיך ארומזען, ביסט דאָך שוין ווייט אין די צוואַנ־ציקער". האָט זיך בען אויסגעלאַכט פון דער מאַמעס רייד. מיט צע־פּיעסטשעטער צופרידנקייט האָט ער אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג:

„צו וואָס חתונה האָבן? און וואָס פעלט מיר אַז כ'בין אַ בחור. מוז איך מיין ביסל פרייהייט אוועקשענקען עפּעס אַ פרעמדער מויד. און ווי־דער, מאַמעלע", האָט ער אַ גלעט געטאָן מיט אַ צאַרט וואָרט דער מאַמען, „חתונה האָבן פאַרשפּעטיקט מען ניט — איך האָב נאָך געזונג צייט..." האָט ער ווילי־ונגעריש געגעבן אָנצוהערן זיין חכמה. און מער האָבן טאַטע־מאַמע מיט אים ניט גערעדט.

יאָרן שפּעטער פלעגט ער זיך ניט איין מאָל דערמאָנען אָט דעם קורצן דיאַלאָג און פאַרשטאַנען ווי גערעכט זיין מאַמע איז דעמאָלט געווען.

אויב ער האָט אין יאָרן ארום פון אַ סך זאַכן זיך געמוזט אָפּזאָגן, איז אים אָבער אָנגעקומען ווי קריעת ים־סוף דאָס אויפשטיין אין די פרימאָרגנס. די געוווינהייט פון שלאָפן ביז אין טיפן טאָג אריין נאָכן הוליען דורך די נעכט האָט ער ניט געקענט אזוי לייכט אויפגעבן. און אַז ער האָט געקראָגן די שטעלע, דורך אַ סך פּראָטעקציע, צו ווערן אַן אויפזעער אין אַ שוכ־פאַבריק, האָט מען אים געדאַרפט בגוואַלד ארויסרייסן פון שלאָף. ווען דער אַלאַרם־זייגער פלעגט זיך הילכיק אויסקלינגען פלעגט ער נאָך ווייי־טער שלאָפן. ווען ער האָט געקראָגן שטרענגע וואָרענונגען פון בעל־הבית, האָט ער אָפּגעמאַכט מיט דעם שוואַרצן וואָס פלעגט אויפרוימען זיין צימער, אַז ער זאָל אים פּשוט ארויסשלעפּן אין דער פרי פון בעט. דער שוואַרצער איז געשטאַנען די ערשטע טעג לעבן זיין בעט און אונטערטעניק גערעדט אונטער דער וואָנצע: „באָס, באָס, ס'איז שוין צייט אויפצושטיין, באָס!" בען האָט מער ניט געקענט פאַרליידן און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אים פּשוט מיט גוואַלד אַראָפּשלעפּן פון בעט.

בעך פלעגט קומען אין פאַבריק, זיך דרייען צווישן די מאַשינעס און ס׳פלעגט אים ציִען צום שלאָף. ער פלעגט צומאַכן די אויגן און דרימלען שטייענדיק און עס האָט ניט איין מאָל פּאַסירט, אז ער האָט געקענט גע־ניזוקט ווערן פון אַ מאַשין.

מיט אומגעדולד פלעגט בעך דערוואַרטן דעם זונטיק. אין פאַבריק דאַרף מען ניט גייך, וועט ער קענען אריינשלאָפן ביז אַ שטיק אין טאָג אריין. אָבער גראָדע זונטיק פלעגט זיך בעך אליין אויפוועקן, ווי עמעצער וואָלט אים אַ צו־להכעיס אָפּגעטאָן און אים אויפגעריסן פון שלאָף. ער פלעגט ליגן אויף זיין בעטל, זיך באַמיען ווידער אַנטשלאָפן ווערן, אָבער דער שלאָף איז בשום אופן ניט געקומען. בעך פלעגט בלייבן ליגן מיט אָפענע אויגן און זיינע מחשבותן פלעגן זיך נעמען יאָגן צו די אַמאָליקע יאָרן ווען ער האָט נאָך איינגעלייגט אַ וועלט: —

אָט דערמאָנט ער זיך די שבת־צונאַכטיקע קאָרטן־פּאַרטיעס, ווי מען פלעגט פראַוון מיט ברייטקייט און טאַקע לכבוד אים. דער טיש האָט זיך געבראָכן מיט פאַרשיידענע פלעשער — גרויסע און פּינקלדיקע — בראַנ־דיס, וויסקיס, וויינען און ליקערן און אלערליי מינעראַל־וואַסער. און אזוי פלעגט ער זיך דערמאָנען די אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען אין זיין שיין־מעבלירטן בחורשן צימער פלעגן חברה קומען ווי צו זיך אַ היים און פלעגן זיך לאָזן ווויל גיין וויפל זייער האַרץ גלוסט, פון דאָס שענסטע און בעסטע.

ער דערמאָנט זיך ווי ביים קאָרטן־שפּיל פלעגט ער זיך לאָזן שטאַרק ווולגיין מיט גאַנצע טיי־גלעזער וויסקי און חברה האָבן זיך גוט אמו־זירט צוקוקנדיק ווי בעך זשליאָקעט דאָס וויסקי און וואַרפט זיך ארום מיט פּאַפּירענע באַנקנאָטן, שוין גאַר אָן אַ חשבון. עס פלעגט טרעפן אַ מאָל אַ שבת־אָוונטיקע „גיים" ערגעץ־ווו ביי אַ חבר, פלעגט ער זיך אזוי אָנ־שיכורן אז ער פלעגט ניט געדענקען אויף וואָסער וועלט ער איז. און נאָך דעם פלעגט ער קיין מאָל ניט געדענקען ווער און ווי אזוי מען האָט אים געבראַכט צו זיין צימער.

ער פלעגט זיך שפּעטער אויפכאַפּן פון אַ ניט גוטקייט אין מויל. צו ערשט פלעגט ער אויסשווענקען גוט דאָס מויל מיט קאַלט וואַסער און גלייך נאָך דעם ארונטערדרוקן זיין קאָפּ אונטערן זעלבן קראַן און פאַר עט־לעכע מינוט עס שטאַרק איינרייבן, ביז ער פלעגט זיך דערפילן אָפּ־געפרישט. דעמאָלט פלעגט זיך אים דוכטן אז ס׳איז אים נאָך געבליבן

אַ ביסל געלט פון קאָרטן־שפּיל, פלעגט ער אָנהייבן שאָקלען די קעשענעס אָבער זיי זיינען געווען ליידיק.

ס׳פלעגט אויך טרעפן אז אַ גוטער ברודער, וואָס האָט אים געבראַכט אהיים האָט אים אונטערגערוקט אַ פּאָר גרינע פונטלעך פאַרן אַוועקגיין. פלעגט בעז זיצן אַ האַלב שלאָפנדיקער און חשבונען וויפל געלט ער האָט פאַרשפּילט און בשום אופן ניט קענען קלוג ווערן, ווי ס׳קומען צו אים די „געוווּנענע״ פּאָר פונט.

נאָך אזא „אומבאַלאַנסירטער בוכהאַלטעריע״ פון זיין קאַפּיטאַל, פלעגט בעז צו זיך אליין קלוג שמייכלען און טראַכטן: מיינע אָרעמע פּראָצענטער! דאָך עפּעס אָפּגעשפּאָרט — גוטברודערשאַפט! מילא, אין קאָרטן קען מען נאָך איבערשפּילן און מ׳קען קיין מאָל ניט וויסן ווער דער קרבן איז — היינט איך, מאָרגן — דו, איבערמאָרגן — אַ דריטער. דאָס איז אַ צופאַל, אזוי ווי דאָס גאַנצע לעבן. אָבער גוטברודערשאַפט איז ניט קיין צופאַל. אז מ׳קויפט זיך עס איין איין מאָל האָט מען עס אַ גאַנץ לעבן... ער האָט שנעל אַנגעטאָן די פּידזשאַמעס און פאַרזונקען אין שלאָף ביז אין מיטן טאָג.

עס האָט געדויערט לאַנגע יאָרן ביז בעז האָט זיך איינגעוווינט צו פירן זיין בחורשן לעבן מיט דער איינטאָניקייט וואָס חזרט זיך איבער טאָג איין טאָג אויס. ווען טאַטע־מאַמע זיינען אין אַ קורצער צייט איינער נאָך דעם אַנ־דערן געשטאָרבן, האָט ער גלייך איבערגענומען די געשעפטן און זיך אריינ־געוואָרפן אין ביזנעס. ער איז אָבער ניט געווען באַקאַנט מיט דעם גאַנג פון די געשעפטן, ווו ער האָט פאַרן לעבן פון זיינע עלטערן קיין מאָל ניט אריינגעשמעקט. ער איז אזוי ניט געווען פעאיק אויפצוכאַפּן און אָנווענדן די סיסטעם, וואָס זיין פאָטער האָט איינגעפירט און ער האָט זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין פינאַנציעלע שוועריקייטן, אזוי אז ער האָט עס געמוזט פאַר־קויפן בחצי חינם.

נאָכן פאַרתכלעווען דעם טאַטנס ביזנעס, האָט ער זיך גענומען זוכן לייכטערע פרנסות, אָבער אַלץ איז אים געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. האָט ער זיך גענומען צו דער „גרינגסטער פרנסה״, וואָס איז אים אויך שטאַרק צום האַרצן געווען: זיצן אין די נאַכטקלובן און שפּילן אין קאָרטן. נאָך מיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן זיין „אַרבעטטאָג״. ער פלעגט אויפשטיין, מאַכן זיך אַ באָד אין דער עלעגאַנטער דירה, זיך ראַזירן און איינוואַשן מיט אָדעקאָלאָן און זיך ארויסלאָזן אויף זיין אָוונט־שפּאַציר. „צופּעליק״

פלעגט שוין זיך אונטערדרייען אַ „באַקאַנטע". צוזאַמען פלעגט מען אריינ־גיין אין אַ רעסטאָראַן „האָבן דינער מיט אַ גוטן דרינק" און זיך נאָך דעם ארויפכאַפּן פאַר אַ ווײַלע צו אים אין וווינונג. די „ווײַלע" פלעגט דויערן ביז שפּעט אין אָונט... נאָך דעם פלעגט ער זיך „אַריבערכאַפּן" אין אַ נאַכט־לאָקאַל „פאַר אַ גיים".

„דאָס איז דער בעסטער און שענסטער ספּאָרט פאַר אַ מאַן!" פלעגט ער זיך באַרימען פאַר זײַנע פריינד און באַקאַנטע. „ווער רעדט נאָך, אַז מ'גייט ארויס דורך דער פאָדערטיר אין מיטן דער נאַכט און דײַנע קעשענעס זײַנען אָנגעשטאָפּט מיט אַ דריי־פיר פּעקלעך פּיוועדס, פונטלעך, און אַ מאָל אפילו אויך מיט עטלעכע טענערס. אוי, ברודערקע, איז עס גוט צו פילן. קיין גרעסערן פאַרגעניגן דאַרף מען גאָר ניט אין לעבן! און מ'קען פראַווען אַ גאַלאַ־דינער מיט אַ שיין דאַמעלע יעדן אָונט..." און בעז גיט ממזריש אַ קוועטש צו אַן אייגל.

אָבער בעז איז ניט אַזוי אויפגעלייגט־האָפּערדיק יעדן טאָג, ווײַל ניסים פון פולע קעשענעס מיט געלט פּאַסירן ניט אַזוי אָפט. מוז ער טאַקע אַלע ווײַלע אַ קראַץ טאָן אַ היפּשע סומע פון זײַן באַנק־חשבון, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט נאָכן פאַרקויפן זײַן טאַטעס געשעפט. זעלטן ווערט דער באַלאַנס אַ ביסל אויפגעפרישט מיט די פּיוועדס וואָס ער געווינט פון צײַט צו צײַט.

פון אָנהויב, ווען ער פלעגט זיך נאָכפרעגן ווי ס'האַלט מיט זײַן באַלאַנס, האָט ער געזען אַז די ציפערן ווערן קלענער און קלענער. באַטראַכטנדיק דעם אונטערשייד פון איין מאָל ביזן צווייטן, פלעגט אים פאַרכאַפּן דער אָטעם און ער האָט אויפגעהערט זיך נאָכפרעגן. פון גרויס פאַרדרוס האָט ער זיך ארײַנגעכאַפּט אין באַר „פאַרטרינקען די צרות". האָט ער גלײַך אויסגעפונען אַז דאָס איז אַ גוט מיטל און ס'העלפט אים צו פאַרגעסן אַלץ און אַלעמען. ער האָט אפילו אוועקגעוואָרפן די „ביוטיס" מיט די „דינערס" און אָנגעהויבן אין די אָונטן לויפן צום באַר. דאָרט איז ער געזעסן מיט נײַע חברים און פריינד, מ'האָט געטרונקען און זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, און ווידער געטרונקען און זיך ווידער אַראָפּגערעדט פון האַרצן. קיין געלט צו גיין אין די נאַכט־לאָקאַלן שפּילן אין קאָרטן איז שוין אויך מער ניט געווען.

איין טאָג האָט ער באַקומען אַ בריוו — און דאָס איז געווען אַן אומ־

געוויינלעכע זאַך — האָט ער אים שנעל איפגעריסן און שוין געוווסט: דאָ איז דער סוף... דער באַנק־דירעקטאָר האָט אים געמאָלדן, אז זיין באַלאַנס איז נול און אויב ער וויל ארויסגעבן טשעקס דאַרף ער אריינטראָגן געלט אין באַנק... ער איז געשטאַנען מיטן בריוול אין האַנט און אין קאָפּ האָט זיך אים געמישט: דאָס איז דער לעצטער גזר. ער האָט צו זיך געמורמלט: בען איז אויס... אויס מיט דעם גרויסן „שפּענדער" בען... אין גאַנצן אויס...

* * *

ביסלעכוויז, און אוודאי אָן זיין ווילן איז בען אַראָפּ פון זיין גדולה. דער פאַרהאַנג איבער דער אַוואַנטוריסטישער אַרענע פון נאַכט־קלובן, פרויען און קאָרטן־פּאַרטיעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. און מיט דער זעלבער שנעלקייט האָט זיך אויך דער עלטער אומבאַמערקטערהייט אָנגערוקט אויף בענען, ווי עס וואָלט פון ערגעץ אַ שפּרונג געטאָן אויף זיין קאָפּ און זיינע פּלייצעס — דער קאָפּ איז געוואָרן מאָכיק־ווייס און פליכעוואַטע, און די פּלייצעס — איינגעהויקערט.

אין אַ פינטל מיטן אויג זיינען די נעכט געוואָרן ווי בלעטלעך וואָס מ׳האָט אָפּגעריסן פון אַן אַלטן קאַלענדאַר. זיין קאָנטאָ אין באַנק איז שוין לאַנג געווען געשלאָסן. און ניט נאָר באַזוכט ער שוין ניט מער דעם נאַכטקלוב, נאָר ער גייט מיילן ארום, כדי זיך ניט צו דערמאָנען זיינע טעג פון גלאַנץ וואָס זעען אים אויס אזוי ווייט און מוטנע, ווי זיי וואָלטן גאָר ניט געווען זיינע טעג.

פון דער פּרעכטיקער דירה מיט די באַצירטע ווענט און אַלע באַקוועמלעכקייטן האָט ער זיך אריבערגעצויגן אין אַ קליין און דושנעם צימערל ערגעץ אין אַן אָרעמער געגנט, ווו אין די נעכט איז אַ סכנה ארויסצוגיין אויף דער גאַס צוליב די שוואַרצע מעסערשטעכער און קאָלירטע שיכורים. אים אַרט עס אָבער גאָר ניט, ווייל חוץ זיין אַלטן גוף איז אים קיין זאַך ניט געבליבן פון וואָס זיי קענען אים באַרויבן. וויל זיך בעני ניט ווייזן אין אַזאַ לאַגע פאַר זיינע אַלטע חברים און פריינד, וויל ניט גיין צו זיי בעטן טובות און איז צופרידן אז מ׳פאַרגעסט אָן אים. איצט שפּאַרט ער בלויז די לעצטע גראָשנס צו קענען זיצן אַ גאַנצן טאָג אין באַר, וואָס איז דער איינציקער אָרט וווהין ער קען קומען און קיינער זעט אים ניט, און דאָרטן, ביי די טישלעך, זיצט ער אין אָוונט מיט זיינע באַר־חברים און מ׳איז פאַרנומען מיט

מאַכן אַ קערטל — מע געווינט אָדער מ׳פאַרשפּילט פּעניס און אַ מאָל טוט מען עס אויף באָרג, נאָר כדי צו פּטרן צייט.

בען קוקט אריין אין מוטנעם גלעזל ביר און דערמאָנט זיך ווי דורך אַ חלום דער מאַמעס רייד וועגן חתונה האָבן... אַ שאָד וואָס ער האָט ניט גע־פאָלגט. זי איז גערעכט געווען. ער וויל זיך דערמאָנען ווי די מאַמע האָט אויסגעזען דעמאָלט און קען ניט אויסמאָלן איר בילד אין זיכרון. זי איז אָבער געווען יונג, נאָך ייִנגער ווי ער איז היינט. ער איז אָבער געווען אַזוי יונג און נאַריש, און ער האָט אפילו ניט געוואָלט טראַכטן וועגן חתונה האָבן.

שפּעטער, ווען ס׳פלעגן שוין קומען צו אים מחשבות וועגן פירן אַן אָנשטענדיקן לעבן, האָט קיינער ניט געטראַכט וועגן אים. און די מאַ־מע איז שוין לאַנג ניט געווען. ער פילט ווי זיינע אַלטע אויגן פילן זיך אָן מיט אַ פייכטקייט. אין גלאָז ביר קייקלט זיך עפּעס אַראָפּ פון זיין אויג. ער באַדויערט זיך און רעדט צו זיך אליין: שלאָג זיך ארויס פון קאָפּ די נאַ־רישע געדאַנקען, אַלטער עבור־בטל! אָנהויבן דאָס לעבן פון דאָס ניי איז שוין פאַר דיר צו שפּעט, אָבער כאָטש אָפּגעוווינען זיך פון ביטערן טראָפּן קענסטו זיך, אויף דעם איז דאָך אַלע מאָל צייט... גראָדע אין דעם מאָמענט, ווען אין האַרצן נאָיעט אים אזא פאַרדרוס, קען ער זיך ניט פאָרשטעלן ווי אזוי מענטשן קענען לעבן אָן דעם ביטערן טראָפּן.

„אויס! אויס! אַן עק זאָל עס נעמען!" שרייט ער כמעט אויס אין דעם פוסטן באַר און לויפט ארויס אין דרויסן. אין האַרצן גריזשעט אַ וואָרעם. ער זעט קיינעם ניט. נאָר ער פילט מיט אַ מאָל ווי אַ האַנט האַלט אים פעסט ביים אָרעם: „בען, בען! וואָס איז מיט דיר? זעסט דאָך אויס ווי דו וואָלסט געווען געריררט..."

בען דערקענט אים. זיין בעסטער חבר. ער נעמט אים אריין אין אַ רעסטאָראַן. זיי עסן. זיי ריידן פאַר שעהען. בען וויינט. ער דערציילט פון זיין לעבן. יענער ווייס שוין אַלץ. יאָ, ער מוז אים שווערן אז ער וועט אים פאָלגן. אַלץ מוז זיך פון היינט אָן ענדערן. ער מוז ארבעטן, ניט טרינקען אזוי פיל. ער וועט אים באַזאָרגן מיט אַ גרינגער אַרבעט, לויט זיין על־טער. יאָ, זיינער אַ גוטער פריינד, אַ שוכפאַבריקאַנט, זוכט עפּעס אַן אויפזעער... בען האָט צוגעזאָגט הייליק אז ער גייט בייטן זיין לעבן. גראָדע איז אים איצט געקומען זיין מאַמע אין געדאַנק. ער קומט אָפּ אַ שטראָף וואָס ער האָט איר ניט געפאָלגט... היינט וועט ער פאָלגן...

* * *

אז בעת האָט אָפּגענומען זיין לוין פאַר דער ערשטער וואָך אין דער שוכפאַבריק, האָט ער גלייך געקויפט אַ פלאַש וויסקי. ער האָט באַשלאָסן אז ער מוז פייערן, אויב אפילו פאַר זיך אליין, די ענדערונג וואָס ער האָט אויף זיך גענומען צו מאַכן אין זיין לעבן. און אז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט זונטיק אין מיטן טאָג, איז ער אַראָפּ פון בעט אין זיינע אַלטע פּידזשאַמעס, און מיט ציטערדיקע פינגער געעפנט די פלאַש. ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז, געזעסן אריבערגעבויגן איבער דעם גאָלדיק־רייציקן געטראַנק און גע־טראַכט: איז דאָס דאָס בעסטע צו וואָס איך האָב זיך געקענט דערשלאָגן? ווערן אַן אויפזעער איבער ארבעטער און מאַשינעס אין אַ שוכפאַבריק... און ער האָט זיך ניט געקענט דערטראַכטן צו עפּעס בעסערס, וואָס האָט געקענט מיט אים פּאַסירן אין דער לאַגע. אַ לאַנגע צייט האָט ער געהאַלטן די גלאָז אין זיין טרייסלענדיקער האַנט, ווי ער וואָלט זיך ניט געקענט באַ־שליסן צי ער דאַרף פייערן די דאָזיקע ענדערונג אין זיין לעבן.

מאָנטיק פרי, אז ער האָט אויפגעוואַכט און דערזען אז אַ היפּש ביסל פון דער פלאַש איז געווען ליידיק, האָט ער מיט באַדויער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אָנגעגאָסן אַ האַלבע גלאָז: סיי ווי איז מיין לעבן פאַר־פאַלן, גאָר ניט ווערט... האָט ער געברומט אונטערן נאָז.

און צו דער טיי־הפסקה אין פאַבריק, האָט ער געזאָגט צו די טיש־שכנים מיט אַ האַלב־שיכורן קול: „איך האָב פולקום רעזיגנירט פון מיין פריערדיקן לעבן!... כ'וויל עס מער ניט געדענקען!"

און פונקט ווי מיטן „אויסגעשפּילטן" האָט מען עס אויפגעכאַפּט און אים אַ נאָמען געגעבן „דער רעזיגנירטער".

9

נייע פּלענער פֿאַר דער פֿאַבריק

קלמן האָט גלייך געזען, אַז די דריי אַלטע אויפזעערס דרייען זיך אַרום אין פֿאַבריק ווי אויף אַ פֿרעמדער וועלט. ניט זיי אינטערעסירט דער גאַנג פֿון דער פּראָדוקציע, ניט זיי ווייסן וואָס עס קומט דאָ פֿאָר. די אויגן זיינען שוין ביי זיי שוואַך און זיי זעען אפילו ניט נאָענט אַרום זיך. האָט ער פֿעסט באַשלאָסן ביי זיך אַז די דריי אויפזעערס מוז מען פֿאַרבייטן. ער האָט באַמערקט אַז זיי זיינען איבעריק און פּלאָנטערן זיך אונטער די פֿיס. זיי טוען ניט קיין וויכטיקע אַרבעט און שטערן נאָך, און די אַרבעטער האָבן צו זיין קיין רעספּעקט ניט.

אין זיין מוח האָט דורכגעבליצט אַ דערמאָנונג אָן כאַטשען און העטשען און אברהמל דעם פּראַטשעשניק — דריי ענערגישע און ארבעטזאַמע מענטשן וואָס וואָלטן געקענט פאַרבייטן דעם „אויסגעשפּילטן", דעם „ריי־סעסניק" און דעם „רעזיגנירטן". ער האָט אין זיך געשמייכלט, טראַכטנדיק וועגן די מאָדנע דריי „טיטלען", וואָס קיינער וויל זיי גאָר אַנדערש ניט רופן.

דזשעק און קלמן האָבן זיך גוט אָריענטירט אין גאַנצן גאַנג פון פאַב־ריק און מען האָט זיך גענומען מאַכן פּלענער. איין פרימאָרגן האָט קלמן אַ זאָג געטאָן:

„ווייסט, דזשעק, מיר דוכט אז ביי דעם פריערדיקן בעל־הבית, מ"ר פריד, איז די פאַבריק די לעצטע פאַר יאָר געשטאַנען אויף איין אָרט. און דאָס איז שלעכט, ווייל אויב אַ געשעפט שטעלט זיך אָפּ, איז אַ סימן אז ער וועט באַלד זיך אָנהויבן קייקלען באַרג אַראָפּ, ס'וועט אָנהויבן אַ זינקעניש. מוזן מיר איצט געבן צוריק אַ שטופּ באַרג ארויף. און אויב מיר ווילן אז די פאַבריק זאָל פּראָגרעסירן, מוזן מיר אַ טראַכט טאָן וועגן נייע אויפטוען, וועגן פאַרגרעסערן און אויסברייטערן די אַרבעט".

דזשעק האָט געקוקט צו דער זייט פון געוועזענעם בעל־הבית, וואָס האָט נאָך זיי צוגעוויזן און געהאָלפן, ווי ס'איז געווען אָפּגעמאַכט, און האָט געזוכט אַ זכות פאַר אים.

„אפשר איז עס געגאַנגען באַרג אַראָפּ צוליב דעם וואָס מ"ר פריד איז קראַנק. זעסט דאָך אז ער גייט קוים ארום. און קיין יונגיטשקער איז ער דאָך שוין ניט, און רייך איז ער געוואָרן פון פאַבריק, נו, האָט ער שוין גענוג און זאָרגט ניט".

„אָבער מיר דאַרפן זאָרגן!" האָט קלמן אונטערגעכאַפּט דזשעקס רייד. „און דעריבער טאָרן מיר זיך ניט אָפּשטעלן, ווו מ"ר פריד האָט אונדז אי־בערגעלאָזן. מ'דאַרף אויף אַן אָרט אָנהויבן רעאַליזירן נייע פּלענער אויף צו אנטוויקלען די פאַבריק און זי פאַרגרעסערן. די ערשטע זאַך איז מיין פאָרשלאַג: אריבערברענגען עטלעכע פעאיקע און יונגע מענטשן פון אונד־זער שטעטל. כ'האָב דיר שוין דערציילט וועגן די אַלטע „טראָיקע" אויפ־זעערס וואָס כ'וויל אומבייטן. נישקשה, אז מיין „טראָיקע" האָט זיך אַן עצה געגעבן מיט פערד און מיט בראָנפן, וועט זי וויסן ווי אכטונג צו געבן אין פאַבריק. חוץ דער מיצווה פון ראַטעווען אייגענע ברידער פון פאַרוועלקט ווערן אין אָרעמקייט, וועלן מיר זיי געבן פּרנסה און צו זיי ניט צולייגן".

אין אַ פּאָר וואָכן ארום האָט שוין קלמן געוווסט דעם גאַנצן פּראָצעס, ווי אזוי אַ שוך ווערט געמאַכט — פון צעשניידן די לעדערנע פּלאַכטעס ביז עס ווערט אריינגעקלאַפּט דאָס לעצטע שטיפטל. ער איז שוין געווען מיט אַלע אַרבעטער — פרויען און מענער, אינדיער, ברוינע און שוואַרצע — באַפריינדעט. האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן, אַ קוק געטאָן, אריינגעוואָרפן אַ וואָרט און אפילו זיי גערופן ביי די נעמען.

איין מאָל בעת אזא „עקסקורסיע" צווישן די אַרבעטער, איז ער צוגע־קומען צו דזשעקן און זיך באַרימט, אז ער קען שוין די נעמען פון אַלע אַרבעטער, אפילו די פאַרדרייטע נעמען פון די שוואַרצע. דזשעק האָט גע־צויגן מיט די פּלייצעס.

„וואָס, גלויבסט אפשר ניט?" האָט זיך קלמן כמעט ווי באַליידיקט. „ווילסט אפשר אַ געוועט?" האָט ער אַ זיכערער אין זיין פאַרשלאָג געזאָגט.

„דאַוואַי", האָט דזשעק געוואָלט ווייזן אַז ער איז אַ ספּאָרט.

און קלמן האָט טאַקע גלייך אויף אַן אָרט אויסגערעכנט יעדן לויט דער ריי און אָנגערופן ביים נאָמען יעדן אַרבעטער, אז דזשעק איז געבליבן אַ געפּלעפּטער.

„פאַרשפּילט..." האָט דזשעק צוגעגעבן זיין דורכפאַל. „איך באַוווּנדער, קלמן, דיין פאָטאָגראַפישן זיכרון — מיט דעם קען מען ווייט גיין".

אין אָוונט ווען גערטי און דזשעק זיינען געקומען צו גאַסט ביי די מייקלס, ווו מ'פלעגט לעצטנס זיך אָפט טרעפן, האָט דזשעק דערציילט מיט באַגייסטערונג וועגן זייער געוועט און ווי גוט קלמן האָט געדענקט די נע־מען. די משפחה האָט גראַטולירט קלמנען און מ'האָט אויסגעטרונקען אַ לחיים לכבוד דעם. אַלע האָבן זיך אמוזירט און דזשעק האָט מודה געווען, אז קיין געוועט מיט קלמנען וועט ער מער קיין מאָל ניט אָננעמען: „כ'וועל ניט איינשטעלן קיין פּעני מיט קלמנען, ווייל אויף אים קען מען אַלץ גלויבן..."

דאָ האָט ראָזי אויך געפונען אַ געלעגנהייט צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן אים:

„אז קלמן זאָגט עפּעס איז עס מיט דער גאַנצער זיכערקייט. ער ווייסט וואָס ער רעדט".

„ווען ער וואָלט נאָך געהאַט די מעגלעכקייט, ווי די היגע קינדער, צו לערנען אין אַ שול אָדער אַ גימנאַזיע, וואָלט ער מיט זיינע פעאיקייטן

דערקראָכן ביז צום פּרעמיער־שטול אפילו..." האָט דזשעק האַלב ערנסט און האַלב וויציק גערעדט.

„און ווען ער נעמט זיך גאָר צו דער גמרא, וואָלט פון אים ארויסגע־קומען אַ גאון..." האָט זיך סאָניע געחכמעט.

„ווייניקער פון אַ גאון ווילסטו ניט?" האָט קלמן זיך אַ דריי געטאָן צו סאָניען, „מאָל דיך אַז אפילו קיין פּראָסטער רבֿ וויל איך ניט ווערן. צו דעם בין איך ניט צוגעפּאַסט. אָבער נאָך היינט פיל איך ניט איין מאָל, אַז עס פעלט מיר אַ שול. ס'וואָלט מיר גאָר ניט געשאַדט. וואָלט איך געווען אַ ביסל ייִנגער, וואָלט איך גענומען אַ פּעקל ביכער און זיך דורכגעגאַנגען אין מאָדערנעם חדר..."

„וואָלסטו געווען אין די יונגע יאָרן אין דער מדינה, וואָלסטו געהאַט פרייע בילדונג, ווי אַלע קינדער".

„איך וואָלט עס גוט פאַרדייט!" האָט קלמן זיך אַ ווענד געטאָן צו סאָניען.

„וואָס איז דאָ פיל צו ריידן וואָס עס וואָלט געווען..." האָט זיך דער אָנקל אריינגעמישט. „ווען איך האָב אַ געלעגנהייט אַלס קינד זיך צו לערנען, וואָלט איך דען געוואָרן אַ שוסטער? אָבער אַזוי איז שוין געווען דער גורל פון אונדזערע ייִדישע קינדער אין דער היים", האָט מ"ר מייקל פילאָסאָפירט. „אויף צו לערנען האָט מען געדאַרפט צאָלן שכר־לימוד — און דאָס האָבן אָרעמע טאַטעס ניט געהאַט. נו, האָט מען די קינדער פאַרדונגען צו אַ בעל־מלאכה און מ'האָט נאָך געדאַרפט אָפטמאָל צוצאָלן אויך פאַר דעם. איז ווערן, למשל, אַ זייגער־מאַכער, איז דאָך געווען די גרעסטע גדולה אין אַ משפחה. אַ שלאָסער און אַ סטאָלער זיינען אויך געווען לייטישע מלאכות. אָבער ווערן אַ שוסטער, אַ שניידער, צי גאָר אַ בעל־עגלה אָדער, באַהיט זאָל מען ווערן, אַ פערדהענדלער — דאָס איז געווען גאָר דאָס נידעריק־סטע".

„אָנקל, דאָס זיינען אַלטע מעשיות. היינט איז שוין אפילו אין שטעטל אַן אנדער באַציאונג צו אַ בעל־מלאכה. די צייט האָט אויסגעלערנט, אַז יעדע מלאכה איז בכבודיק און נוציק. אָט, ווייסט איר מיט וואָס פאַר אַ „פאַטשאָט" מען באַציט זיך צו הערצל דעם שוסטער. ער איז די אייבערשטע פון שטויסל אין בית־מדרש, דער גבאי פון חברא קדישא און אפילו דער רבֿ האַלט זיך מיט אים אַן עצה".

ס׳איז שטיל געוואָרן מיט אַ מאָל, ווי אַלע וואָלטן זיך פאַרטראַכט אויף קלמנס רייד.

„יאָ, קלמן איז גערעכט״, האָט דזשעק באַשטעטיקט. „היינט קוקט מען שוין ניט אויף יענעמס ייחוס. מ׳דאַרף האָבן אַ גוטן שוסטער אַזוי ווי אַ גוטן דאָקטאָר. אָט האָבן מיר אָנגעהויבן מיט דער פאַבריק, איז אויב מיר זאָלן דאָרט איבערלאָזן די אַלטע אָפּגעלעבטע אויפזעערס, וועט די פאַבריק אָנהייבן גיין באַרג אַראָפּ, ווי קלמן זאָגט. יעדע אַרבעט דאַרף האָבן אירע פּאַסיקע מענטשן״.

„דעריבער ווילן מיר טאַקע די עלטערע מענטשן אומבייטן אויף פּאַסיקערע״, האָט זיך קלמן אָנגעכאַפּט אָן דזשעקס ווערטער. „מיר וועלן זיי חלילה סתם פון דער ארבעט ניט ארויסוואַרפן. מיר וועלן טאָן פאַר זיי עפּעס...״ האָט ער געזוכט אַ באַרעכטיקונג פאַר דעם, ווי ס׳וואָלט דאָ געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן.

„אוודאי דאַרף מען עס טאָן ווי דו זאָגסט״, האָט סאָניע צוגעגעבן קלמנען אַ ביסל קוראַזש. „אויב מ׳זאָל די פאַבריק פאַרגרעסערן לויט קלמנס פּלענער, איז נאָך דאָרטן פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר נייע ארבעטסהענט״.

קלמן האָט איצט געפונען די געלעגנהייט צו מאַכן אַ דערקלערונג, וואָס איז געווען קלאָר און ווי אַ באַשלוס פאַר אַ פאַרזאַמלונג:

„מיר וועלן אריבערברענגען אַהער כאַטשען, העטשען און אברהמל דעם פּראַטשעשניק — כ׳האָב שוין היינט עס איבערגעשמועסט מיט דזשעקן און ער איז ניט דאַקעגן!״

„איך האָב שוין מיט דיר צו פיל דערפאַרונג און וויס, אז וואָס דו וועסט טאָן וועט זיין גוט, נאָך בעסער ווי גוט!״ האָט דזשעק צוגעשטימט צו קלמנס פאָרשלאָג.

„קלמן האָט מיר אזוי פיל אָנדערציילט וועגן די דריי פריינד זיינע, אז איך פאַרשטיי, אז זיי וואָלטן די שוכפאַבריק אַוועקגעטראָגן ווי אויף פליגלען״, האָט סאָניע ארויסגעזאָגט דעם געדאַנק אירן מיט אַ פראַזע וואָס איז קלמנען געפעלן.

„בראַוואָ, סאָניעטשקע!״ האָט קלמן איר געליבט אין אלעמענס אויגן. „מיינע געדאַנקען האָסטו ארויסגעלייענט. אָט דאָס טראַכט איך טאַקע: זיי וועלן די פאַבריק אויפהייבן אויף פליגלען. לעצטנס זיינען מיינע אַלע גע־

דאַנקען נאָר וועגן פאַבריק. איך וויל מאַכן אַ גרויסע זאַך דערפון און העלפן אַנדערע״.

סאָניע האָט אויפגענומען קלמנס לויב מיט דאַנקשאַפט און גערעדט אַ פאַרקלערטע:

„ביסט גערעכט, קלמן״, האָט זי גערעדט ווי נאָר זיי ביידע וואָלטן דאָ געווען. „מ׳דאַרף העלפן אַנדערע. און יידן ווערט אַלץ ערגער אומעטום, טאָ ווי קען דאָ אונדז פריילעך זיין דאָס געדענקענדיק. ווי קען מען זיך דאָ קוויקן אין דער פרייהייט און די גוטסקייטן וואָס מיר געניסן אין דעם לאַנד, אז דאָרטן ליידן דיינע נאָענטסטע פריינד, דיין משפחה, דיינע ברידער. ביסט גערעכט, קלמן. און מיר דאַרפן זיך צואײלן, ווייל אמעריקע האָט שוין גע־מאַכט אזא זאַך וואָס זי רופט קוואָטע און מ׳באַגרענעצט שוין די אימיגראַ־ציע און ווי באַקאַנט טרעפט דאָס אין דער ערשטער ריי די יידן, די אָרעמע יידן וואָס לויפן וווּ די אויגן טראָגן זיי. איצט לויפט מען אין ארגענטינע, קובאַ און וווּ די וועלט האָט נאָר אַן עק״.

„דערווייל איז דאָך נאָך אפריקע אָפן און קיינער פרעגט ניט ווער און פון וואַנען מען קומט״, האָט זיך דער אַנקל אריינגעמישט און געוואָלט געבן אויך זיין באַשטעטיקונג צו קלמנס פלאַן. „יאָ, קלמן, ברענג זיי טאַקע גלייך אריבער!״

אז מ׳האָט זיך צעזעגנט שפעט אין אָוונט, איז עס געווען ווי באַשלאָסן אז מען וועט אריבערברענגען אין פאַבריק די דריי פריינד וואָס קלמן רע־קאָמענדירט.

ווען סאָניע מיט קלמנען זיינען געבליבן אליין האָט קלמן געזאָגט:

„איי, ווי די חברה יאָטן וועלן צוניץ קומען אין דער פאַבריק און ווי גליקלעך זיי וועלן זיין. ווי נאָר מ׳וועט זיי אריינקריגן, וועט די פאַבריק אַוועק ווי אויף רעדלעך״.

„ווי אויף פליגלען...״ האָט אים סאָניע דערמאָנט.

„ווי אויף פליגלען — דאָס איז בעסער!״ האָט קלמן איבערגעחזרט, אָבער אין די אויגן ביי אים איז געווען אַ מאַטקייט פון אומעט.

„וואָס איז מיט דיר, קלמן? ביסט נאָך אַלץ ניט צופרידן? דיין פנים זעט מיר אויס פאַרענדערט״.

„מסתמא איז עס פון דער בענקשאַפט, וואָס דער היינטיקער שמועס האָט אין מיר אויפגעוועקט. ס׳האָט מיר דערמאָנט אָן דער היים, אָן מיינע

יונגע טעג. און כ׳ווייס ווי כאַטשע און העטשע און מסתמא אויך אברהמל דער פּראַטשעשניק מאַטערן זיך אין די היינטיקע טעג צו פאַרדינען זייער אָרעם שטיקל ברויט. אָט האָב איך געלייענט אין דער יידישער צייטונג אַ בריוו פון פוילן, אז די יידן וואָס פאַרדינען אַ ביסל בעסער אויף זייער חיונה, נעמט עס די פּוילישע רעגירונג צו פון זיי מיט שטייערן. און טאָמער וויל עמעצער זיך ארויסדרייען פון די הויכע סומעס וואָס מ׳לייגט אויף זיי ארויף, נעמט עס די רעגירונג צו בגוואַלד: מ׳שרייבט אָפּ אַלע בעבעכעס פון שטוב און מ׳פאַרקויפט עס אויף ליציטאַציע. עפּעס האָט זיך דאָרט געיאַוועט אַן אַנטיסעמיטישער מיניסטער, אַ צורר ישראל, אַ גראַבסקי ימח שמו, וואָס דערגייט די יידן די יאָרן. און דער דלות וואַקסט. מיר מוזן ראַטעווען פון יענעם גראַבסקין כאָטש די דריי פריינד מיינע!״ האָט זיך קלמן ווי געבעטן ביי סאָניען.

סאָניע האָט דערפילט זיין טרויער און האָט אים וואַרעם ארומגענומען. זי האָט מיט ליבשאַפט אים געפליסטערט אין אויער:

„זאָרג ניט, קלמן, דיין ווונטש וועט מקוים ווערן — דיינע פריינד וועלן קומען״.

די נייע בעלי־בתים און די אַרבעטער

קלמן האָט געהאַט פּלענער אויף פּלענער. די נאַכט נאָך דעם צוזאַמענטרעף, ווו ער האָט דערקלערט, אז ער וועט אריבערברענגען זיינע דריי לאַנדסלייט, האָט ער שוין ניט געקענט איינשלאָפן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ער האָט איינגעדרעמלט און ווידער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ נייעם פּלאַן, וואָס איז אים געקומען אין חלום, אין שלאָף. יעדן מאָל האָט ער פאַרבעסערט דעם פריערדיקן פּלאַן, אים אויסגעביטן אויף אַן אַנדערן. אַלץ האָט זיך געדרייט ווי צו פאַרגרעסערן די פאַבריק, מאָדערניזירן די ארבעט־סיסטעם, אָפּפרישן די אַלטע כוחות וואָס פירן אָן מיט דער אַרבעט. דער אָ לעצטער פּונקט איז געווען פאַרבונדן מיט זיין פאָרשלאַג וועגן אריינגעמען די דריי אמאָליקע פריינד כאַטשען, העטשען און אברהמל דעם פּראַטשעשניק. ער האָט געוואָלט הערן פון דזשעקן, אז ער גיט זיין צושטימונג מיט אַ פול מויל צו דעם.

אויף מאָרגן איז שוין קלמן געווען דער ערשטער אין פאַבריק. מיט אומגעדולד האָט ער דערוואַרט דזשעקן. און אז די ארבעט האָט זיך שוין באַוועגט אין דעם טעמפּאָ, ווי קלמן האָט עס די לעצטע וואָכן איינגעשטעלט, זיינעןביידע שותפים אריין אין ביוראָ. אויפן גרויסן שרייבטיש האָבן שוין געפּאַרעט צוויי גלעזער טיי, וואָס דער דינער האָט אריינגעטראָגן ווען ער האָט זיי געזען אָנקומען.

קלמן האָט איצט פאַר דזשעקן ארויסגעלייגט זיינע אַלע פּלענער, וואָס ער האָט זיי גוט דורכגעטראַכט און קלאָר אויסגעלייגט. איבערהויפּט אָבער האָט ער אונטערגעשטראָכן זיין נעכטיקן פאָרשלאָג פון אריבערברענגען זיינע לאַנדסלייט. דזשעק האָט צו אַלע קלמנס פאָרשלאָגן פּרינציפּעל מסכים געווען, נאָר ער האָט געצווייפלט צי אַלץ איז שוין מעגלעך דורכצופירן. און אין אַ געמיטלעכן טאָן האָט ער געזאָגט:

„דיינע פּלענער, קלמן, זיינען טאַקע געוואַגט, ניי און גרויסאַרטיק און ווען זיי זאָלן דורכגעפירט ווערן וועט עס זיין אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג. אָבער איך ווייס ניט צי מיר קענען שוין גלייך ביים אָנהייב אָנציען אזוי שטאַרק די סטרונע. ס׳איז אַ גרויסע ריזיקע, ווייל אונדזערע פינאַנציעלע אָנשטרענגונגען זיינען שוין אזוי אויך גענוג איבער דער נאָרמע. וועגן אריבערברענגען דיינע פריינד, בין איך מיטן גאַנצן האַרצן פאַר דעם, ווייל זיי וועלן זייער שטעטל באַשטיין. דיין רעקאָמענדאַציע, קלמן, איז פאַר מיר די בעסטע גוט־צייגעניש״.

קלמן האָט ווי זיין שטייגער געוואָלט אַ שפּרונג טאָן פאַר פרייד, נאָר ער האָט זיך גלייך דערמאָנט אז ער איז איצט עפּעס דאָרט ניט קיין ייִנגעלע, נאָר אַ פאַבריקאַנט. האָט ער דערפילט מיט איין מאָל, אז זיין שטימונג האָט זיך געהויבן, ווי אין אַ טערמאָמעטער גיט זיך אַ הויב דער קוועקזילבער קעגן דער אויפגייענדיקער זון. און ווי נאָר דזשעק איז ארויס פון פאַבריק האָט קלמן טעלעפאָנירט סאָניען און איר איבערגעגעבן, אז דזשעק איז מיטן גאַנצן האַרצן פאַר ברענגען די דריי לאַנדסלייט. סאָניע האָט זיך דערפרייט מיט די רעזולטאַטן פון זייער שמועס און האָט קלמנען פאַרזיכערט, אז אָט־גלייך זעצט זי זיך שרייבן אַ בריוו צו אברהמל דעם פּראַטשעשניק וועגן זייער אריבערקומען. זאָל ער עס פאַרלייענען פאַר כאַטשען און העטשען. „און כ׳שיק עס נאָך היינט אָפּ!!״

„ביסט אַ טייער ווייבעלע, סאַניטשקע, ביסט ווערט אַ קוש! פאַר־שפּאָרסט מיר אַ סך אַרבעט!" האָט קלמן אַריינגעשריען אין טרייבל פון טעלעפאָן.

איצט האָט ער שוין זיין גוטע שטימונג מער ניט געקענט באַהאַלטן. ניט נאָר די אויפזעערס האָט ער דערציילט וועגן די פּלענער צו פאַרגרעסערן די פאַבריק, נאָר אפילו מיט די אַרבעטער האָט ער זיך פאַרטרוילעך און פריינדלעך אונטערהאַלטן אין דער מיטאָג־שעה. די אויפזעערס האָט ער דערציילט אַז ער גייט אַריבערברענגען זיינע נאָענטסטע פריינד פון דער היים, אָבער ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז זיי וועט מען די שכירות ניט שניידן אויב אפילו די עלטערע וועלן דאַרפן אַריבערגיין אויף לייכטערע אַרבעט. און אויב זיי וועלן ניט קענען מער בלייבן אַרבעטן, האָט ער אפילו אַ פּלאַן פון אַ פאַרזיכערונג אין פאַל פון קראַנקייט און עלטער.

די אויפזעערס און די אַרבעטער זיינען געווען באַגייסטערט פון זיינע רייד, ווי ער וואָלט געווען זייער גלייכן און ער וואָלט דאָ גאָר געהאַלטן אַן אַגיטאַציע־רעדע.

* * *

„דער אויסגעשפּילטער" האָט זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט, ווי ס'וואָלט אים באַפאַלן בינע־פיבער און האָט מיט אַ דראַמאַטישן קול און ברייטע זשעסטן קאָמפּלימענטירט קלמנען פאַר זיינע נאָבעלע אידעען. ער האָט געזאָגט, אַז איצט איז די פּאַסיקע געלעגנהייט צו באַגריסן די נייע בעלי־בתים און זיי ווינטשן הצלחה. דער אַלטער אויסגעשפּילטער אַקטיאָר האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי ער וואָלט אַ פּעקל מיט יאָרן אַראָפּגעוואָרפן פון זיינע פּלייצעס, זיין שטים האָט געקלונגען פעסט און אויף אַ שעקספּירישן שטייגער האָט ער פייערלעך דעקלאַמירט:

„לייטזעליקער הער טראַי און אייער גרויסער פריינד מ"ר אַראָנס! די אויפזעערס און די אַרבעטער אין פאַבריק זיינען העכסט צופרידן מיט דער נייער דירעקציע. מיר זעען אין די וואָלהאָבענדע בעלי־בתים מענטשן מיט גרויסע כאַראַקטערן, פאַר וועמען מיר האָבן אומבאַגרענעצטן רעספּעקט. האָך און הוראַ פאַר די דירעקטאָרן!"

די אַרבעטער האָבן אויסגערופן הוראַ און געווען צענומען פון די רייד פון „דעם אויסגעשפּילטן". אין אזא העלדן־פּאָזע אין פאַבריק האָבן זיי אים

נאָך ניט געזען, כאָטש ניט אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט האָבן אַלע פאַר־שטאַנען.

אין די רייד איז אָבער געווען פיל אמת, ווייל ניט געקוקט אויף דער פשוטער און חברישער באַציאונג צו די אַרבעטער, האָבן די אַרבעטער פון זייער זייט דאָך זיך באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט צו די נייע בעלי־בתים. דעם דאָזיקן רעספּעקט האָבן די בעלי־בתים נאַטירלעך צו זיך ארויסגערופן. אַלע אַרבעטער האָבן געפילט אַ וואַרעמקייט צו די צוויי—מ״ר קעלי טראַי און דזשעק אַראַנס, — און דער צוטרוי צו זיי איז מיט יעדן טאָג געוואַקסן. אי־בערהויפּט אָבער האָבן עס געפילט די שוואַרצע ארבעטער, וואָס האָבן שוין אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אז דער נייער מאַקולי באַס האָט אזא האַרץ פון גאָלד, וואָס קיין אַנדער ווייסער פאַרמאָגט עס ניט.

די שוואַרצע, ברוינע און די אינדיער פלעגן זיך אויסזעצן מיטאָג־צייט אין באַזונדערע גרופּעס. עס זיינען שוין געווען טראַדיציאָנעלע ער־טער ניט נאָר פאַר די באַזונדערע קאָלירן, וואָס האָבן זיך ניט ליב געהאַט צו מישן איינס מיטן אַנדערן, נאָר אפילו יעדער אַרבעטער האָט זיך שוין געהאַט זיין אייגענעם פלאַץ ווו ער האָט זיך געפילט באַקוועם. מ׳פלעגט ריידן אין דער מיטאָג־שעה וועגן פאַרשיידענע פּאַסירונגען אויפן קראַאַל און סתם נייעס, נאָר זינט דעם איבערבייט פון די אייגנטימער איז די איינ־ציקע טעמע געוואָרן די נייע בעלי־בתים. מען האָט צווישן זיך שטאַרק באַ־וואונדערט ווי אזוי דער מאַקולו־באַס רעדט זייער זולו־לשון און ווי אזוי ער קנאַקט ריכטיק אויס מיט דער צונג יעדע אקצענטירונג, ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן צווישן זיי. און איינער האָט איבערדערציילט אַ וויץ, וואָס דער מאַקולו באַס האָט אים דערציילט און די שוואַרצע האָבן אויסגעגע־שטשירעט צוויי רייען בליצווייסע ציינער און זיך פאַרגאַנגען אין אַ גע־לעכטער. איינער פון די יינגערע האָט דערמאָנט, אז ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען דעם גרויסן און שטאַרקן באַס, זיינען אים איינגעפאַלן די דמים. פון אזא אז מ׳קריגט אַ טערעבענץ אין אחור וועט קיין גראָז ניט וואַקסן. האָט ער זיך געהיט, ער זאָל אים נאָר ניט שטיין אין וועג.

„איך האָב געמיינט אז ער איז ווי אַלע ווייסע באַסעס, וואָס גיבן די שוואַרצע שמעקן פעפער, אז מ׳זעט די עלטער־באַבען. איז ער אָבער מיר איין מאָל אָנגעגאַנגען אנטקעגן מיט אַ שמייכלדיקן פּנים און פריינדלעך גע־פרעגט ווי רופט מען מיך. האָב איך אים געזאָגט מיין נאָמען און זיך פונאַנ־

דערגעלאַכט. איצט, ווי נאָר ער דערזעט פון ווייטן אז כ׳קום אָן, גיט ער צו מיר אַ הייב מיט דער האַנט און אַ געשריי: „האלאָ, אייפּריל! און איך לאָך זיך ווידער פונאַנדער״.

אַ צווייטער, אַן עלטערער, האָט דערציילט:

„ווען איך האָב איין טאָג אָנגעטראָפן אין קאָרידאָר דעם באָס, האָב איך, ווי דער שטייגער איז, טיף זיך פאַרנייגט און אים באַגריסט. האָט ער מיר מיט אַ שמייכל און אויף אונדזער לשון געזאָגט: איין מענטש דאַרף זיך ניט בייגן פאַר אַ צווייטן מענטשן. האָב איך גלייך געזען אז דער מאַקולו־באָס איז אַ גוטער מענטש, וואָס אזא זעט מען גאָר ניט צווישן די ווייסע״.

אַלע האָבן צוגעקנאַקט צו די רייד מיט דער צונג. מ׳איז אריינגעפאַלן אין התפעלות, און מ׳האָט אפילו אָנגעהויבן וועבן פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן דעם מ״ר טראַי. מען האָט דערציילט ניסים ונפלאות פון זיינע טו־אונגען און הילף פאַר אָרעמע שוואַרצע. אויך דעם צווייטן באָס, מיסטער אַראָנס האָט מען ניט געזשאַלעוועט קיין תהילות ותשבחות, אָבער דאָס איז געווען אָן דער ענטוזיאַסטישער פאַרכלינעטקייט מיט וועלכער מ׳האָט גע־רעדט פון קלמנען.

* * *

די ענדערונגען אין פאַבריק האָבן זיך געלאָזט מערקן זייער שטאַרק. ניט נאָר איז די פּראָדוקציע געוואַקסן, נאָר די אַרבעטער האָבן איצט געאַר־בעט מיט מער לוסט. די פריינדלעכע אַטמאָספער האָט געווירקט, אז די אַר־בעט איז געוואָרן אַ סך גרינגער ווי בעת דער אַלטער בעל־הבית איז געווען און האָט זיך אַ רעכט ביסל פאַרלאָזן אויף זיינע אויפזעערס. ער אליין האָט טאַקע ניט געשלאָגן און געשטויסן די שוואַרצע אַרבעטער, אָבער זיינע אויפ־זעערס זיינען געווען נערוועז און אומגעדולדיק און פלעגן ניט איין מאָל דערלאַנגען אַ בריק מיטן פוס אין „ריכטיקן אָרט״, אז עס פלעגט זיי פאַר־גיין אונטערן האַרצן. און אויב מען איז זיך געגאַנגען קלאָגן, האָבן זיי שוין געפונען מיטלען ווי צו דערגיין אזא איינעם די יאָרן. איצט, אז די בעלי־בתים אליין דרייען זיך ארום כמעט אַ גאַנצן טאָג אין פאַבריק צווישן די מאַ־שינעס, האָבן אויפגעהערט די געשרייען און יאָגענישן און מ׳לויפט צו די מאַשינעס און צו די טישן ווי נאָר דער גלאָק זאָגט אָן אז די אַרבעט הייבט

זיך אָן. פריער פלעגט מען דאַרפן יעדן טרייבן, אפילו זוכן, ווייל מ׳האָט פיינט געהאַט די אויפזעערס און זייער שלעכטע באַציאונג. ווי דורך אַ כּי־שוף האָט זיך געביטן די גאַנצע סיסטעם פון באַציאונגען אין פאַבריק. די נייע בעלי־בתים זיינען געווען גוט, די אויפזעערס זיינען געוואָרן גוט, און די אַרבעטער האָבן מיטן אייגענעם ווילן זיך אָנגעשטרענגט, אַז די אַרבעט זאָל זיין בעסער און מ׳זאָל מער פּראָדוצירן.

נאָך דעם ארבעטסטאָג פלעגט קלמן ארויסגיין פון פאַבריק א צופרי־דענער מיט די נייע אויפטוען. איין וואָך פלעגט ער קומען דער ערשטער און אוועקגיין דער לעצטער — עפענען און פאַרמאַכן די פאַבריק, די צווייטע וואָך פלעגט עס טאָן דזשעק. איין טאָג, ווען ער איז שפּעטלעך אַראָפּ צו זיין גאַראַזש ביי דער פאַבריק און געוואָלט ארויספאָרן דורכן טויער, האָט אים מיט אויפגעהייבענע הענט פאַרהאַלטן מינאַ — איינע פון זיינע שוואַרצע אַרבעטערינס, וואָס איז געווען באַשעפטיקט ביי איינער פון די רייניקונג־מאַשינעס. זי האָט זיך פאַרנויגט טיף ביז צו דער ערד און קלמן האָט שנעל אַראָפּגעדרייט דאָס פענצטער זי אויסצוהערן.

„זאָל דער באָס ניט זיין בייז, וואָס איך האָב אים אָפּגעוואַרט דאָ. איך האָב ניט געפונען קיין אנדער עצה“.

„מיט וואָס קען איך דיר העלפן?“ האָט קלמן פריינדלעך געפרעגט.

„דער באָס קען מיר העלפן אויב ער וועט מיר געבן א ביסל צייט און אויסהערן“.

„כ׳וועל דיר געבן אַ פולע צייט, פאַרשטייט זיך! האָט קלמן מיט אַ שמייכל אויפגעעפנט דאָס טירל פון זיין אויטאָמאָביל און אריינגעבעטן מינאַן. „זעץ זיך און דערצייל וואָס עס האָט פּאַסירט און וואָס איז דיין בקשה“.

מינאַ האָט אַן אומזיכערע און מיט קווענקלעניש אָנגענומען דעם פּאַר־שלאַג אריינצוזעצן זיך אין אויטאָ. זי איז געזעסן איינגעקוועטשט נאָענט צו דער טיר און קלמן האָט זיך דערמאָנט אָן שוואַרצן יינגל בעת זיי זיינען געפאָרן צו דער חתונה אין קראַאַל. מינאַ איז דאָך געווען אַ שטאָטישע און אַ ביסל דרייסטער. זי איז צו ערשט געזעסן שווייגעוודיק און טרערן האָבן געגלאַנצט אין אירע אויגן, ביז זי האָט זיך פונאַנדערגעכליפּעט אויפן קול.

„נו, גוט, באַרואיק זיך, מינאַ. כ׳וועל דיר נעמען צו דיין אויטאָבוס וואָס פירט צום לאָקיישן און אויפן וועג וועסטו מיר אַלץ דערציילן“.

„ס'איז מיר שווער צו דערציילן, מיין גוטער באָס. ס'איז די גאַנצע געשיכטע פון מיין לעבן. כ'בין געגאַנגען אין אַ שול און לייען נאָך איצט אַ סך ביכער — און מיין געשיכטע, קומט מיר פאָר, לייענט זיך אויך ווי אַ בוך"...
דעריבער, איז איידער מיר וועלן קומען צו דער עיקר בקשה פון מינאַן, איז כדאַי צו באַקענען דעם לייענער מיט דער לעבנס־געשיכטע פון די צוויי שוואַרצע אַרבעטערס פון פאַבריק מינאַ און סמיילי.

10

מינאַ און סמײַלי

מינאַ איז נאָך געווען כמעט אַ קינד, ווען זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אַ ווייסער משפּחה אין יאָהאַנעסבורג. צוליב איר גוטער נאַטור האָבן איר אַלע פון הויז גערן געהאַט, אָבער איבערהויפּט די בעל־הביתטע. כאָטש אויף מינאַס פּנים האָט מען זעלטן געזען אַ שמייכל, איז זי אָבער געווען אַ גוטהאַרציקע און זי האָט קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט צו טאָן עפּעס, אויב אפילו ס'איז איר שווער אָנגעקומען. זי האָט ניט, ווי אַנדערע שטובמיידלעך, כסדר געקוקט אויפן זייגער, נאָר אויף אַ באַפרידיקנדיקן אופן אויסגעפירט איר אַרבעט און מיט אַ גוטמוטיקער אונטערטעניקייט שטענדיק גרייט געווען יעדנס ווונטש צו דערפילן. זי איז תמיד געווען אומעטיק און שווייגעוודיק, אַזוי אַז קיינער האָט מיט איר זיך ניט אונטערהאַלטן, אָבער זי איז געווען פאַרשטענדיק און שנעל זיך אויסגעלערנט איר אַרבעט. זי פלעגט טאָן יעדע זאַך מיט אַ טיפן ערנסט און אַז מ'האָט זי באַדאַנקט אָדער

אפילו געלויבט איר אַרבעט, האָט זעלטן ווען אַ שמייכל אַ שיין געטאָן אויף איר פּנים. און דווקא ווייל זי איז געווען אזוי יונג, האָט איר פּנים בשום אופן ניט געפּאַסט צו איר פיגור.

מינאַס קערפּער איז געווען מאַסיוו און שווערוואַגיק. און ווייל דאָס רוב פאַרמאָגן אזעלכע שווער־לייביקע פרויען גוט־שמייכלענדיקע פּנימער, האָט עס אויסגעזען ווי מינאַס פאַרזאָרגט פּנים וואָלט ניט זיצן אויף דעם ריכטיקן אָרט.

צוליב וואָס איר שמייכל איז אזוי יונג אָפּגעטויט געוואָרן האָט קיינער ניט געוווסט, נאָר ס׳איז געווען זיכער, אז אין איר קינדהייט האָט זי איבער־געלעבט עפּעס אזוינס וואָס האָט איר גאַנצן וועזן צעטרייסלט. אַ פּסיכאָלאָג וואָלט אפשר גיך דערגאַנגען די סיבה, נאָר קיינער אין דער משפחה איז אין דעם ניט געווען פאַראינטערעסירט. זי איז געווען אַ גוטע, אָרנטלעכע און איבערגעגעבענע דינסט און דאָס איז גענוג געווען, אז מ׳זאָל זי פיין באַהאַנדלען.

מינאַ האָט געהאַט אַ פּאָר ברייטע ארויסגערוקטע היפטן, וואָס פלעגן זיך וויגן ביים גיין, און דאָס איז געווען די אַטראַקציע פון איר דערפּאָלג — ס׳האָט צוגעצויגן די בליקן פון די יונגע שוואַרצע בחורים. אָבער דער כישוף איז געווען נאָך שטאַרקער, ווען זי פלעגט זיך אויסדרייען. דאָ פלעגט מען שוין גאָר ניט קוקן אויף איר פאַרכמורעט פּנים, נאָר דאָס ערשטע פלעגט זיך וואַרפן אין די אויגן איר היפּשער, גרויסאַרטיקער בוזעם. דאָס איז געווען ווי אַ מאַגנעט, וואָס האָט געצויגן, צעהיצט די בלוטן. מ׳האָט זיך אזש געוואָלט וואַרפן אויף איר און איר גלייך נעמען ווי זי שטייט און גייט.

מינאַ איז אָבער ניט געווען פאַראינטערעסירט אין די יונגען, וואָס זעען נאָר דעם בוזעם און ווילן מער קיין זאַך ניט. זיי זיינען איר נאָכגעלאָפן און זי איז אַנטלאָפן פון זיי. זי פלעגט אויך אָפּזידלען און בייז ווערן, ווען אזא איינער איז צוגעשטאַנען צו איר, און ס׳האָט אפילו געטראָפן אז זי האָט זיך מיט איינעם, וואָס איז איר באַפאַלן, געראַנגלט און אים גוט צעדראַפּעט ביז בלוט.

* * *

מינאַס גורל האָט זיך מיט איין מאָל געביטן, ווען זי איז געוואָרן פון אַ דינסטמיידל אַ פאַבריק־אַרבעטערין. דאָס איז געווען אַ פּאָר יאָר נאָך דעם ווי מ״ר פריד האָט אויפגעשטעלט זיין שוכפאַבריק, האָט אין איינעם פון די

סאַמע ברענענדיקסטע סעזאָנען אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע אין לאָקיישן. יעדן טאָג האָט געפעלט איינער אָדער צוויי אַרבעטער און אין אַ וואָך צייט זיינען געבליבן קוים אַ פּאָר. מ״ר פריד איז אַוועק צו זיין ווייב און געזאָגט, אַז די פאַבריק וועט לאַנג אַזוי ניט קענען אָנהאַלטן, אויב די שוואַרצע אַר־בעטער וועלן ניט צוריקקומען גלייך צו דער אַרבעט. בשעת־מעשה האָט ער איר געזאָגט, אַז ער מוז אַוועקנעמען דערוויל מינאַן פון קיך כדי צו האָבן אַ „האַנט״ אין פאַבריק. זיין ווייב איז גאָר ניט צופרידן געווען פון פאַרלירן אפילו אויף אַ ווייל אַזא הילף, אָבער זעענדיק ווי פאַרצווייפלט איר מאַן איז, האָט זי איינגעשטימט.

מינאַ האָט זיך אויסגעטויגט אין פאַבריק ניט ערגער ווי אין קיך. אירע הענט האָבן פלינק און געשיקט געמאַכט די אַרבעט מיט דער זעלבער ערנסטקייט ווי די שטובאַרבעט. קיינער האָט איר ניט באַוויזן נאָכצוהאַלטן און מ״ר פריד האָט זיך ניט געקענט אָפּוווּנדערן ווי אַזוי זי „כאַפּט דעם שניט״. אַנדערע האָט מען פאַר חדשים געלערנט און געוויזן און זי, ווי זי וואָלט געבוירן געוואָרן ביי דעם. און ווען די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען צו דער ארבעט, האָט מ״ר פריד באַשלאָסן צו איבערלאָזן מינאַן אין פאַבריק.

ווען זיין ווייב האָט געזען אין צייטונג, אַז די עפּידעמיע איז אריבער און אין יאָהאַנעסבורג קומען צוריק די „נייטיווס״ צו דער אַרבעט, האָט זי געבעטן איר מאַן ער זאָל ברענגען מינאַן אין שטוב, ווו זי פלעגט קומען נעכטיקן. מ״ר פרידן איז געווען אַ שאָד צו פאַרלירן מינאַן, וואָס מיט איר פלינקייט יאָגט זי אריבער די אַנדערע אַרבעטער, איז ער געפאַלן אויף אַ פּלאַן: ער וועט קריגן פאַר איר אַ דערלויבעניש צו ארבעטן אין פאַבריק ווי אַ פאַבריק־מיידל און זאָל זי גיין לעבן אין לאָקיישן.

מינאַ איז געווען גליקלעך, ווען דער בעל־הבית האָט איר דערקלערט זיין פּלאַן. ווען זי איז געקומען נאָך דער ארבעט צו איר בעל־הביתטע און געזאָגט, אַז זי איז געקומען נעמען אירע זאַכן ווייל זי גייט צוריק אין לאָ־קיישן, מחמת אין איר משפחה האָט פּאַסירט אַ גרויס אַומגליק, האָט מר״ס פריד קוים אויסגעהאַלטן דעם פאַרדרוס. זי האָט איר געמוזט צוזאָגן, אַז זי וועט די נאָענטסטע צייט צוריק קומען. דער פּלאַן האָט „געאַרבעט״, נאָר מ״ר פריד האָט געהאַט אויסצושטיין פון זיין ווייב קאַלט און וואַרעם וואָס ער האָט מינאַן לכתחילה צוגענומען אין פאַבריק אריין.

צוזאַמען מיט די אַנדערע צוריקגעקומענע נאָך דער „מגיפה", איז אויך געווען פּיטרוס. אַזוי איז ער געווען פאַרשריבן אין פּאַס, נאָר אין פאַבריק האָבן אים אַלע געקענט מיטן נאָמען „סמיילי". דער נאָמען האָט זיך צוגע־קלעפּט צו אים מער ווי זיין אייגענער נאָמען, ווייל די נאַטור האָט אים גע־בענטשט מיט אַ ליכטיקן שמייכל, וואָס ער טראָגט אַרום אויף זיין פּנים סיי אין גוטע און סיי אין שלעכטע צייטן. און ווייל ס'קומט יעדערן פּאָר, אַז אים טראָגט ער עס דעם שמייכל אַנטקעגן, האָט אים יעדער ליב און מען העלפט אים מיט אַלץ.

סמיילי איז געווען אַ דאַרינקער, פון נידעריקן וווקס. ווען ער איז נאָך געווען אַ פּיצל קינד איז ער שוין אַרומגעגאַנגען אין דער נאָענטסטער פאַר־שטאָט פון דעם לאָקיישן זוכן אַרבעט. געזאָגט האָט ער אַז ער קען טאָן אַלץ: שלאָסעריי און סטאָלעריי, גערטנעריי און פאַרבעריי, און וואָס ניט. מענטשן פלעגן זיך פון אים אויסלאַכן און אים שענקען אַ קופּערנע פּעני. סמיילי האָט אָבער געוווסט, אַז מיט אַ פּעני קען מען קיין סך ניט קויפן, האָט ער געהאַט פאַרדרוס וואָס ער איז אַזוי קליין. ער האָט איין מאָל אפילו אַ בעל־הביתטע געפונען, וואָס האָט אים אַריינגענומען אין קיך טאָן די אַרבעט פון שטוב.

איין טאָג האָט ער זי איבערראַשט און אויסגעקאָכט אַזעלכע געשמאַקע מאכלים, אַז זי האָט זיך געוווּנדערט ווי דאָס קומט צו אים. ער איז פאַר־בליבן אין הויז און ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט שוין פון דאָרט ניט אַוועק. ווען די בעלי־בתים האָבן געמוזט אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט און זיי האָבן געוואָלט אים מיטנעמען, האָט סמיילי ניט געוואָלט אַוועקגיין ווייט פון זיין לאָקיישן. שפּעטער האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַרבעטן אין דער שוכ־פאַבריק, וווּ מ'איז פון אים געווען זייער צופרידן.

איין טאָג האָבן זיך באַגעגנט סמיילי'ס שמייכלענדיקע אויגן מיט מינאַס זויערן פּנים און פון ערשטן אויגנבליק זיינען זיי זיך איינע די אַנדערע גע־פעלן געוואָרן. די צוויי היפּוכים האָבן זיך ווי אַ מאַגנעט צוגעצויגן: סמיי־לין איז אַ פּנים שטאַרק געפעלן געוואָרן מינאַס פעסט געבויטער קערפּער און איר טורעמדיקער בוזעם, און אויף מינאַן האָט שטאַרק געווירקט דאָס שמייכלענדיק פּנים פון סמיילין. פון סאַמע ערשטן קוק איז מען געווען פאַרליבט און פאַרכאַפּט איינס פון אַנדערן, הגם קיין ליבע־דערקלערונג האָט סמיילי איר ניט געמאַכט...

מינאַ, ווי איר געוווינהייט, האָט ניט גערעדט. אָבער דערפאַר האָט סמיילי שוין געהאַט מיט איר אַ גאַנצן געשפּרעך און צום סוף געוווּסט ווו זי וווינט אין לאָקיישן, אַז זי האָט דאָרט אַ פּיטשינק צימערל ביי צוויי עלנטע עלטערע מענטשן, וואָס האַלטן זי ווי אַן אייגן קינד. וועגן איר אָפּשטאַם און פון וואַנען זי קומט האָט זי אויך איצט ניט דערמאָנט, ווי זי וואָלט ווייטער באַהאַלטן איר סוד.

דעם זעלבן אָוונט, ווי נאָר סמיילי האָט געכאַפּט שנעל עפּעס אין מויל און זיך אַ ביסל אויסגעפּוצט, איז ער אוועקגעלאָפן צו מינאַן. זי האָט זיך דערפרייט מיט אים. און אַזוי האָט ער אָנגעהויבן אריינקומען יעדן אָוונט צו איר. די עלטערע מענטשן האָבן סמיילין ליב באַקומען און זיי פלעגן זיך שוין נאָכפרעגן אויף אים, טאָמער האָט ער אַ טאָג פאַרשפּעטיקט אָדער אין גאַנצן ניט געקומען. זיי האָבן מסכים געווען אויף דעם אומאָפיציעלן שידוך, ווען סמיילי איז איין מאָל געבליבן ביי מינאַן אַ גאַנצע נאַכט. זיי האָבן שפּעטער אויך זיך ניט געמאַכט זען אַז מען ליבט זיך, און סמיילי איז אָפּטער פאַרבליבן נעכטיקן אין מינאַס צימער, ביז איין טאָג איז ער געקומען ווינען צוזאַמען מיט מינאַן.

* * *

מינאַ און סמיילי זיינען שוין צוזאַמען געגאַנגען צו דער אַרבעט, און צוריק פון דער פאַבריק צו זייער צימערל. אין די טעג האָט מען געאַרבעט און אין די נעכט זיך געפרייט, זיך געהאַלדזט און געקושט. די אַלטע מענטשן האָבן הנאה געהאַט פון דער ליבע פון די קינדער. ביידע זיינען געווען גוט צו זיי — סמיילי מיט זיין שמייכל, און מינאַ מיט איר אומעטיק פּנים. נאָך מער איז זיי גוט געווען וואָס די „קינדער", ווי זיי האָבן זיי גערופן, האָבן זיי באַזאָרגט מיט אַלץ.

עס זיינען געגאַנגען טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן. איין פרייטיק באַגינען, ווען סמיילי איז אַ צופרידענער ארויסגעשפּרונגען פון בעט, האָט ער אויף זיך באַמערקט דעם בליק פון מינאַן וואָס איז געווען נאָך ווייטיקדיקער ווי תמיד. ער האָט זיך דערשראָקן פון איר קוק און געפרעגט וואָס איר איז. זי האָט אים געזאָגט אַז זי פילט זיך ניט גוט, די ביינער ברעכן איר און זי וואָלט וועלן בלייבן אין דער היים. זי האָט אים געבעטן אָפּנעמען אירע שכירות.

די נייע בעלי־בתּים וואָס האָבן דאָ ניט לאַנג צוריק געהאַט איבערגע־נומען די פאַבריק, האָבן אויך געוווּסט, אַז מינאַ און סמיילי לעבן צוזאַמען און זיינען פון די בעסטע אַרבעטער. ווען מינאַ איז דעם פרייטיק ניט גע־קומען צו דער אַרבעט, האָבן פיל זיך נאָכגעפרעגט ביי סמיילין וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר. אַפילו מ״ר טראַי האָט זיך אויף איר געפרעגט. סמיילי האָט פאַרנאַכט אָפּגענומען די שׂכירות פאַר זיך און פאַר מינאַן און ער האָט זיך געאײַלט צום אויטאָבוס.

מינאַ איז געשטאַנען אין טיר פון איר צימערל און געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויף איר סמיילין. די ווייטיקן האָבן שפּעט אין פרימאָרגן אָפּגעלאָזן, האָט זי אויסגענוצט דעם פרייען טאָג און געקאָכט גוטע מאכלים. באַלד וועלן זיי זיין צוזאַמען, האָט זי גערעדט צו זיך, און זיי וועלן עסן די געשמאַקע זאַכן, וואָס זי האָט צוגעגרייט. זי איז געווען שטאַרק צופרידן פון דעם דאָזיקן געדאַנק.

ס׳איז געוואָרן שפּעט און שפּעטער. מסתּמא האָט עפּעס פּאַסירט מיטן אויטאָבוס, האָט זי געזאָגט צו די אַלטע לייט וואָס האָבן צוזאַמען מיט איר געוואַרט, און האָט זיי געשיקט שלאָפן. ס׳איז שוין געוואָרן גאָר שפּעט און מינאַ האָט געפילט, אַז עפּעס אַן אומגליק האָט פּאַסירט. פאַרשיידענע פאַר־שטעלונגען האָט זי געהאַט, אָבער זי איז געזעסן שטיל און אַלץ געהאָפט, אַז אָט וועט זיך סמיילי באַווייזן.

אַ גאַנצע נאַכט איז זי שוין ניט געשלאָפן. זי האָט געקוקט דורך אַ שפּאַלט פון דער טיר. ווי אַ חיה האָט זי מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיך צו־געהערט צו יעדן שאָרך אין דער נאַכט־שטילקייט. זי האָט זיך אויפגע־טרייסלט מיט דערוואַרטונג ביים אָפּהילך פון טריט אין דער ווייטקייט, יע־דער פאַרביישוועבנדיקער שאָטן איז איר פאַרגעקומען ווי פון סמיילין.

אַז זי האָט איינגעדרימלט מיטן בלאַסק אויף באַגינען, האָט זי „געזען״ אַז איר סמיילי איז פאַרשפּאַרט הינטער גראַטעס און פּאָליציאַנטן מאַ־טערן אים ער זאָל אויסזאָגן פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזוי פיל געלט...

מינאַ כאַפּט זיך אויף און דערפילט אַן איבל, אַזוי ווי זי האָט עס גע־פילט היינט באַגינען. זי איז אָבער אַזוי מיד, אַז זי קען ניט אַרונטערגיין נעמען אַ זופּ וואַסער. זי פילט אויך ווי דער הונגער דרייט זיך אין אירע געדערעם. און דאָ איז ווידער סמיילי, דער קליינינקער און שוואַכינקער ווי

אַ קינד. נאָר אָט האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אזא קראַפט אויף די פּאַליציאַנטן, ווי אין דעם וואָלט גאָר קיין סכנה ניט געווען. ער איז זיי גובר און זיין שמייכל אויפן פּנים ווערט ברייטער, ער האָט קיין מורא ניט. אז די פּאַליציאַנטן ליגן שוין צעהרגעטע אויף דער ערד, גיט ער אַ טריט נענטער צו איר, צו מינאַן, און הייבט אָן שרייען מיט גוואַלדיקע קולות —

מינאַ כאַפּט זיך אויף אַ דערשראָקענע. פון ווייטן דערטראָגט זיך דאָס געוויין פון אַ קינד. די זון שפּילט שוין מיט גאָלד אויף די פּיטשינקע שייבע־לעך. די אַלטע ליגן נאָך פאַרזונקען אין שלאָף. זי פילט ווידער די ניט גוטקייט און זי גייט אויף די שפּיץ פינגער צו דער וואַסער־כלי.

* * *

איצט זיצט מינאַ אין אויטאָ מיט איר בעל־הבית מ״ר טראַי. די שטענ־דיק שוויגעוודיקע מינאַ דערציילט מיט אַ כליפּענדיק קול, אז איר סמיילי איז ניט געקומען פון דער ארבעט פרייטיק אָוונט.

„און וואָס האָט ווייטער פּאַסירט?״ פרעגט קלמן.

„איך האָב שבת און זונטיק ארומגעזוכט אים איבער אַלע פּאָליציי־סטאַנציעס, און נאָך דעם טעלעפאָנירט צו אַלע שפּיטאָלן פאַר אַפריקער אין יאָהאַנעסבורג, אָבער אין ערגעץ האָט מען ניט געוווסט פון אַ פּיטרוס מאַ־קאָבאַ. כ׳האָב איבערגעלאָזן דעם טעלעפאָן־נומער פון פאַבריק, אז טאָמער געפינט מען עפּעס אויס, זאָל מען טעלעפאָנירן אין אָפיס פון פאַבריק״.

„נו?״ האָט זיך מ״ר טראַי דערלאַנגט אַ רודער ביים רעדל. „האָט עמעצער טעלעפאָנירט?״

„יאָ״, האָט מינאַ געענטפערט און איר ברייטער בוזעם האָט זיך גע־טרייסלט פון אויפרעקונג, „פון באַראַגוואַנאַט שפּיטאָל האָט מען מיר היינט טעלעפאָנירט אין אָפיס, אז אַ פּיטרוס מאקאָבאַ געפינט זיך דאָרטן אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד״.

„באַרואיק דיך!״ האָט קלמן כמעט ווי באַפוילן. „זע ווי דו זעסט אויס, מינאַ. אָט גייען מיר גלייך אין באַראַגוואַנאַט שפּיטאָל און מיר וועלן זען סמיילין״, האָט קלמן געזאָגט און אוועקגעדרייט דאָס רעדל אין אַ זייטיקער גאַס.

מינאַ האָט אים געוואָלט צופאַלן קושן, דעם גוטן באַס, נאָר זי האָט ניט געהאַט קיין מוט זיך אַ ריר טאָן פון אָרט. זי איז געווען הכנעהדיק, פול מיט

דאַנק צום בעל־הבית און טרערן האָבן זיך איר געגאָסן פון די אויגן. דורך איר פאַרטרערטן בליק האָט זי געזען דעם קאָנצענטרירטן אויסדרוק אויף דעם פנים פון איר בעל־הבית, וואָס האָט געיאָגט מיט איר דורך די אויסן־שטאָטישע פוסטע וועגן צום שפּיטאָל. זי וואָלט איצט פאַר אים איר לעבן אוועקגעגעבן.

* * *

ביים אריינגאַנג האָט זיך קלמן נאָכגעפרעגט ווו פּיטרוס מאַקאָבאַ געפינט זיך. ער איז געגאַנגען הינטער מינאַן. ווען זיי זיינען צוגעגאַנגען צום בעט און מינאַ האָט דערזען סמיילין, ארומגעבונדן דאָס גאַנצע געזיכט מיט באַנדאַזשן, איז איר געווען שווער אים צו דערקענען. זי האָט אָנגעהויבן קוויטשען פאַר שרעק:

„פּיטרוס, וואָך אויף, דאָס בין איך, מינאַ. איך בין דאָס!..״ זי האָט אפילו פאַרגעסן, אז דער בעל־הבית, מ״ר טראַי, שטייט הינטער איר.

סמיילי איז געלעגן אומבאַוועגלעך. זיין אָטעמען איז געווען אַזוי שוואַך, ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין צייכן פון לעבן אין זיין לייב. מינאַ איז געשטאַנען איבער זיין בעט, איינגעגראָבן אירע אומעטיקע אויגן אין זיין באַנדאַזשן־פאַרוויקלטן פנים און האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן. מ״ר טראַי איז געשטאַנען הינטער איר שטיל. ער האָט געטראַכט, אז ס׳איז גוט זי זאָל זיך אויסוויינען, וועט איר לייכטער ווערן. אָן אַ שיעור טענות האָבן אויפגעברויזט אין דער וויינענדיקער מינאַן: טענות צו דער וועלט, וואָס זעט צו איר ביטערן מזל און שיקט ניט קיין הילף, טענות צו די שלעכטע רוצחים, וואָס האָבן איר סמיילין אַזוי צעמזיקט.

קלמן האָט זיך העפלעך באַגריסט מיטן ווייסן יונגן דאָקטאָר, וואָס איז אריינגעקומען מיט אַ גרופּע שוואַרצע קראַנקן־שוועסטערס. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט און קורץ אים דערציילט די געשיכטע פון מינאַן, וואָס אַרבעט ביי אים אין פאַבריק. דער ווייסער דאָקטאָר האָט מיט אַ וואַרעמען טאָן פאַרזיכערט:

„פּיטרוס וועט געזונט ווערן. לאָזט איבער אייער אַדרעס פון דער פאַבריק אין ביוראָ פון שפּיטאָל. מ׳וועט אייך לאָזן וויסן ווען איר קענט אים קומען ארויסנעמען. אפשר גאָר גיך וועט ער אייך שוין אליין שרייבן. ער וועט זיין געזונט״.

אַרויס פון שפּיטאָל איז זי אַ רואיקע, אָבער אויפן וועג האָט זי זיך ווי־דער צעוויינט. זי האָט געוואָלט צוליב טאָן דעם גוטן בעל־הבית, וואָס האָט איר אַזוי פיין געבעטן זיך באַרואיקן און געטרייסט, אָבער זי האָט זיך ניט געקענט באַהערשן. זי איז געזעסן מיטן פּנים איינגעגראָבן אין שויס און האָט ביטער געוויינט, ווי דער טרויער וואָס איז געווען פאַר אַלע יאָרן איינ־געשלאָסן אין איר האַרצן וואָלט מיט איין מאָל אַרויסגעשפּאַרט. פון אויפ־רודערונג האָט זי אַפילו ניט געקענט רעכט זאָגן אַ דאַנק איר בעל־הבית, וואָס האָט איר אַריינגעפירט אין לאָקיישן. אַפילו מיט די אַלטע מענטשן פון הויז, וועמען זי האָט באמת ליב געהאַט, האָט זי ניט געקענט ריידן. מיט אַ פייכט טיכל האָט זי דערלאַנגט אַ וויש דאָס פאַרוויינטע געזיכט. נאָך דעם איז זי אַרויפגעפאַלן אויף איר געלעגער אין דעם פינצטערן צימערל, איינ־גענורעט דעם קאָפּ אין שטרויזאַק און אירע אַקסלען האָבן פאַר שעהן ניט אויפגעהערט ציטערן פון געוויין.

יעדן טאָג האָט זי אָפּגעוואַרט דעם בריוו־טרעגער וואָס קומט מיטאָג־צייט. אינעם טומלדיקסטן טאָג אין פאַבריק, פרייטיק, ווען מ׳ענדיקט אַרויס די וואָך אַרבעט און מ׳צאָלט אויס די אַרבעטער, האָט זי באַקומען דעם אויסגעוואַרטן בריוו, טאַקע געשריבן פון פּיטרוסן אַליין, ווי דער דאָק־טאָר וואָלט עס פאָרויס געוווסט. דער בריוו איז אָנגעקומען אַ פאַרשפּע־טיקטער און דאָס האָט מינאַן פאַרדראָסן. זי האָט געלייענט: „ליבע מינאַ: איך געדענק ניט וואָס מיט מיר איז געווען. ווען איך האָב געעפנט די אויגן האָב איך געזען, אַז איך געפין זיך אין אַ שפּיטאָל. איך האָב געהערט די קראַנקע אין די בעטלעך אַרום מיר וויינען און קרעכצן. ביי מיין בעט איז געשטאַנען אַ קראַנקן־שוועסטער, האָט געקוקט אויף מיר און געשמייכלט. זי האָט מיר דערציילט, אַז שוין אַ פּאָר טעג בין איך געלעגן ווי אין אַ טיפן שלאָף און ערשט איצט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט מיר אויך דער־ציילט, אַז אַ גרויסער ווייסער באַס און דו זייט געווען מיר באַזוכן. אַז דו האָסט ניט אויפגעהערט וויינען. טוט מיר ווי מיין האַרץ פאַר דיר, מינאַ. איך ליב דיך, מינאַ. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז פרייטיק וועל איך שוין קענען גיין צו דיר, אַהיים. וואַרט איך שוין מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג. איך ווייס אַז פרייטיק אַרבעט מען אין פאַבריק, וועל איך אַליין קומען אַהיים. וואַרט אויף מיר, מינאַ, כ׳וועל קומען צו דיר. איך וועל שוין זיין געזונט. אַזוי זאָגן זיי דאָ. איך וועל דיר אַרומנעמען און קושן, אַ סך קושן. פּיטרוס״.

מינאַ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז איצט איז שוין שפּעט צו פֿאָרן אַהין, צום שפּיטאָל. ער האָט שוין לאַנג געמוזט פֿאַרלאָזן דעם שפּיטאָל און איז שוין מסתּמא אויפֿן וועג אהיים. האָט זי זיך געאײַלט צו קומען וואָס פֿריִער אהיים.

אַז מינאַ איז אַרײַנגעפֿאַלן אין איר צימער, אָן אָטעם פֿון לויפֿן, איז סמיילי געזעסן אויסגעמאַטערט אויפֿן בעט. ער האָט זיך דערלאַנגט אַ שטעל אויף, זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און מ׳האָט זיך געקושט. צום ערשטן מאָל אפשר אין איר לעבן האָט מינאַ געשמייכלט, אַ סימן אַז זי איז געווען איבער־גליקלעך, און אירע אומעטיקע אויגן האָבן איצט געשײַנט מיט פֿרייד. אונ־טער זײַן גוטמוטיקן שמייכל האָט זי איצט באַמערקט זײַן מידן בליק.

„ווי ביסטו געקומען?" האָט זי געפֿרעגט מיט באַדויער. „שוין געווען שפּעט ווען איך האָב היינט באַקומען דײַן בריוו, ווען איך ווייס פֿריִער..."

זאָרג זיך ניט. זעסט דאָך אַז איך בין דערגאַנגען. איך האָב געמוזט גיין צו פֿוס דעם לאַנגן וועג פֿון שפּיטאָל", האָט ער געמאַכט אַ לוסטיקע מינע צו איר.

„פֿון שפּיטאָל?!" האָט זי איבערגעפֿרעגט איבערראַשט. „ס׳איז דאָך אַזאַ לאַנגער וועג! עס האָט דיר געמוזט נעמען אַ האַלבן טאָג". זי איז גע־ווען בלייך פֿון אויפֿרעקונג. ערשט איצט האָט זי באַמערקט, אַז ער איז באָרוועס און אָן אַ רעקל. „ווו זײַנען דײַנע זאַכן? פּיטרוס!" האָט זי צו אים געשריִען.

סמיילי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מינאַ קלײַבט זיך אין גאַנצן ניט פֿונאַנדער אין דעם וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען און ער האָט איר דערציילט וועגן יענעם פּרייטיק זֹוונט. מינאַ איז געזעסן אַ בלייכע, אויסגעהערט די שרעקלעכע געשיכטע און געשווידערט. זי האָט זיך געוווּנדערט ווי אַזוי ער קען עס דערציילן מיט אַזאַ צעשמייכלטן פּנים.

פּאַסירט האָט עס ווען ער איז אַראָפּ פֿון אויטאָבוס, ניט ווײַט פֿון לאָ־קיישן. גייענדיק אַ צופֿרידענער אַהיים, מיט זײַנע און אירע שׂכירות, האָבן אים באַגעגנט, כלומרשט צופֿעליק, דרײַ יונגע מענטשן וואָס האָבן זיך פֿאָר־געשטעלט פֿאַר זײַנע פֿרײַנד. ער האָט זיי אפשר אַ מאָל געזען, אָבער ער האָט ניט געדענקט און ניט פֿאַרדעכטיקט זיי אין שלעכטס. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי האָבן דאָ אין גראָבן באַהאַלטן אַ בייסיקל, וואָס ער קען קריגן פֿאַר ממש קליינגעלט, אַ ווילדע מציאה. ער האָט טאַקע פֿון ווײַטן געזען אַ גלאַנציקן בייסיקל, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פֿון גראָבן. ער האָט

ניט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז בכיוון געמאַכט נאָר צו פאַרנאַרן אים, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט נעמען ביי זיי דעם בייסיקל, ער האָט גראָדע אָפּגע־נומען היינט די שכירות. אָבער ווי נאָר ער איז צוגעקומען צום אָרט ווו דאָס בייסיקל איז געשטאַנען, זיינען די דריי באַנדיטן אים באַפאַלן און וואָס עס האָט פּאַסירט שפּעטער געדענקט ער ניט. זיין רעקל, זיינע שיך און די שכירות פוןביידן מיט אַלץ וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט האָבן זיי ביי אים צוגערויבט...

זיין פּנים האָט איצט מער ניט געשמייכלט. מינאַ האָט אויף אים גע־קוקט און דערפילט אַז זי דאַרף אים עפּעס זאָגן. האָט זי גענומען זיין האַנט אין אירע:

„אבי דו ביסט ווידער צוריקגעקומען אַ געזונטער!" זי האָט אים ארומגענומען און סמיילי איז פאַרזונקען אין איר ברייטן בוזעם.

מיטן פּוטער אַראָפּ

פון יענעם טאָג האָט סמיילין אָנגעהויבן גיין מיטן פּוטער אַראָפּ. יעדער מאָל האָט עפּעס פּאַסירט אַ נייע זאַך, וואָס האָט געבראַכט פרישע צרות פאַר מינאַן און סמיילין. שלעכטע גייסטער האָבן זיך אויף אונדז אָנגעזעצט, האָט מינאַ געטראַכט אַ קורצע צייט שפּעטער, ווען זי האָט ווידער געוואַרט אין אַנגסטן אַ גאַנצע נאַכט אויף פּיטרוסן. ווידער האָט זי זיך אין פרימאָרגן געפילט ניט גוט און געבליבן אַהיים און ווידער איז פּיטרוס ניט געקומען.

אויף מאָרגן איז זי שוין ווידער געשטאַנען אין ביוראָ פון פאַבריק און מ״ר טראַי האָט טעלעפאָנירט אין אַלע פּאָליציי־באַצירקן פון יאָהאַנעסבורג, ביז ער האָט אויסגעפונען, אַז בעת אַ רעוויזיע נעכטן אָוונט ביים אויטאָבוס, האָט מען אים ארעסטירט, ווייל לויט זיין פּאַס האָט ער שוין עטלעכע חדשים ניט געצאָלט קיין קאָפּשטייער. און מ״ר טראַי אַליין, דער גוטער באָס, איז אוועק אין דער פּאָליציי און באַצאָלט די שטייערן און האָט סמיילין אויס־געלייזט פון תפיסה.

איין וואָך שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ פּאָליציי־זוכונג אין לאָקיישן, ווו מ׳האָט געזוכט באַנדיטן וואָס האָבן דערשטאָכן אַן אַפריקער און אים באַרויבט. מען האָט געפונען פּיטרוסן ביי מינאַן אין צימער און אים ארעס־טירט פאַר בלייבן דאָרט אָן אַ דערלויבעניש. ווידער איז מינאַ געלאָפן צום

גוטן באָס נאָך הילף, און מ׳האָט סמיילין באַפרייט מיט מ״ר טראָיס עדות זאָגן, אַז פּיטרוס מאַקאָבאַ איז אַן אָרנטלעכער אַרבעטער אוןביידע — ער און מינאַ ארבעטן אין פאַבריק און וווינען צוזאַמען. דעם זעלבן אָוונט איז סמיילי געזעסן און זיך אָראָפּגערעדט פון האַרצן:

„ווען ניט אונדזער מאַסטער, מ״ר טראָי, וואָס האָט פאַר מיר באַצאָלט די שטייערן, וואָלט איך זיך נאָך איצט געוואַלגערט אין טורמע מיט אַלע פאַרברעכערס״...

„קיין איין ווייסער באָס וואָלט זיך ניט איינשטעלן צו טאָן פאַר אונד־זערן אַן אַרבעטער, אַזוי ווי דער מאַסטער טראָי טוט פאַר אונדז״, האָט אים מינאַ איבערגעריסן.

„זייער שווער צו לעבן אויף דער וועלט פאַר אַ שוואַרצן מענטשן...״ האָט סמיילי געזיפצט, ווי ער וואָלט איצט דערפילט די שווערקייט.

„אָבער אַז דער מאַסטער גיט אַ שמייכל צו דיר, ווערט עס לייכטער״, האָט מינאַ געזאָגט. „און אַלץ וואָס ער טוט פאַר אונדז איז מיט אַ שמייכל״.

„ער זאָגט שטענדיק אַז איך בין אַ גוטער יונג. נאָר אַז מ׳גייט ארויס פון פאַבריק שטויסט מען זיך אָן אויף אַן אַנדער וועלט, אַ שלעכטע, אַ וועלט פון אייגענע מעסער־שטעכער און פּאָליציי״.

„מיר דאַרפן זיין צופרידן מיט אונדזער גורל, ווייל מסתמא וויל דאָך גאָט אַזוי. אנדערש וואָלט ער דאָך אַלע מענטשן באַשאַפן מיט איין קאָליר״, האָט מינאַ געזאָגט.

„ניין״, האָט פּיטרוס פּראָטעסטירט. „גאָט האָט באַשאַפן ווייסע און שוואַרצע, כדי דער ווייסער זאָל הנאה האָבן פון לעבן און פייניקן דעם שוואַרצן״.

„אָט זיינען דאָך אָבער פאַראַן גוטע ווייסע אויך, וואָס לויפן און זאָרגן פאַר אונדז, ווי אונדזער מאַסטער מ״ר טראָי״, האָט מינא גערעדט מיט כעס, אַזוי ווי פּיטרוס וואָלט איר פּערזענלעך באַליידיקט.

„וועגן מ״ר טראָי קען טאַקע קיינער קיין שלעכט וואָרט ניט זאָגן. ווען ס׳ווענדט זיך נאָר אָן אים, וואָלט מען אויף אונדז ניט ארויפגעלייגט אזעלכע שווערע לאַסטן און אונדז צורו געלאָזט. און אַז מ׳וואָלט מיך געפרעגט, ווער זאָל זיין דיין טשיף, וואָלט איך אויסגעקליבן אונדזער באָס. ער איז בעסער ווי די אייגענע״.

„אַט האָט ער אין דער פּאָליציי באַצאָלט אויסלייז געלט ווען מ׳האָט דיך געפונען אין אונדזער צימער, האָב איך געמיינט, אַז ער האָט עס אויסגעליען און לעצטן פרייטיק האָב איך אים געוואָלט באַצאָלן פון מיינע שכירות, האָט ער ניט גענומען".

סמיילי האָט אַ שפּרונג געטאָן פון שימחה: „ער איז אַ גוטער, אַ גור־טער, אַ גאָט..."

„ער האָט מיר געזאָגט", האָט מינאַ אים דערציילט די גוטע נייעס, „אַז פון איצט קענסטו דאָ שלאָפן אָן מורא פאַר דער פּאָליציי, ווייל ער האָט דיר רעגיסטרירט אויף דעם זעלבן אַדרעס. און נאָך האָט מ״ר טראַי גע־זאָגט, אַז ער וועט העכערן אונדזערע שכירות".

סמיילי האָט שיעור ניט דורכגעהאַקט מיטן קאָפּ דעם נידעריקן שמור־ציקן סופיט, אַזאַ מין שפּרונג האָט ער דערלאַנגט. ער האָט מיט זיינע קור־צע הענט אַרומגענומען מינאַן און איר געפּליסטערט אין אויער: „איך וועל דיר קויפן אַ שנור רויטע קאָרעלן אַ מתנה, עס וועט דיר קליידן צום פּנים".

מינאַ איז געווען אויסער זיך פון סמייליס גוטסקייט. זי האָט שוין טאָקע לאַנג געוואָלט אַ קרענצל רויטע קאָרעלן. איר בליק האָט איצט געשמייכלט צו אים און סמיילי האָט געטראַכט, אַז לעצטנס הייבט מינאַ אָן שמייכלען, זי ווערט אַן אַנדער מענטש. דאָס האָט אים הנאה געטאָן, און ער האָט איר געזאָגט:

„אַז דו וועסט האָבן רויטע קאָרעלן, זאָלסטו זיין צופרידן און אַלע מאָל לאַכן".

זי האָט אים גלייך אין די אויגן געקוקט און געזאָגט:

„ביסט קלוג, פּיטרוס, אַז כ׳וועל טראָגן דיינע קאָרעלן, וועל איך תמיד לאַכן".

* * *

מינאַ איז ווידער איין טאָג ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט. זי האָט זיך געפילט ניט גוט און ס׳האָט איר געאיבלט. עפּעס וואָס איז איר איינגעפאַלן. אָבער זי האָט סמיילין גאָר ניט געזאָגט.

איצט פלעגט שוין סמיילי זיך היטן און גיין מיט דער גרויסער מאַסע שוואַרצע, אַז קיינער זאָל אים ניט וואָגן צו באַפאַלן. איבערהויפּט האָט ער זיך געהיט פרייטיק פאַרנאַכט, ווען ער פלעגט טראָגן זיין פּעקל געהאַלט. איינמאָל האָט אים מ״ר טראַי אַריינגערופן אין אָפיס און געזאָגט: „דאָס איז

אַ מתנה פאַר דיר, פּיטרוס. מיר זיינען צופרידן פון דיין אַרבעט און פון היינטיקער וואָך וועסטו און מינאַ קריגן אַ העכערונג. זי איז היינט ניט געקומען, זע איך. און די מתנה פאַר דיר — אַן אַנצוג — שענקט דיר מ״ר אַראָנס״.

ווי נאָר סמיילי איז אריין אין שטוב האָט ער ארויסגעפּלאַצט מיט דער גוטער בשורה. ער האָט גלייך אויסגעפּאַקט דעם גאַרניטער, וואָס מ״ר טראַי האָט אים געגעבן און געבליבן מיט אַן אָפן מויל: אזא שיינעם און גוטן גאַרניטער האָט ער נאָך ניט געזען ביי אַ שוואַרצן. אויך ניט אַלע ווייסע טראָגן אזעלכע גוטע קליידער. אז ער איז אַ ביסל געקומען צו זיך פון איבערראַשונג, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו מינאַן:

„חוץ די קאַרעלן קויף איך פאַר דיר נאָך אַ מתנה קומענדיקן פרייטיק: אַ געבלימט קליידל. זאָלן אַלע אין פאַבריק דיך באַוווּנדערן״.

מינאַ האָט לייכט געשמייכלט, אָבער אויף סמייליס פּנים האָט זיך דער שמייכל צעגאָסן ביז איבער די אויערן. ער האָט אראָפּגעוואָרפן די אַרבעט־קליידער און איז ארויס אויף דער גאַס זיך וואַשן מיט שמעקעדיקן זייף, וואָס ער האָט געקויפט פאר אַ יום־טוב. ער איז צוריק אריין און אָנגעמאָסטן דעם נייעם אַנצוג און זיך געשפּיגלט אין אים. מינאַ האָט געגלעט די סחורה, באַטראַכט פון אַלע זייטן און אין אירע אויגן האָט געבליצלט אַ שמייכל.

„ווייסט, פּיטרוס, עס איז פאַר דיר צו גרויס, ווי דו וואָלסט אָנגעטאָן אַ זאַק. אָבער זאָרג ניט. איך וועל נעמען אַ נאָדל און פאָדעם מיט אַ שערל און אין אַ פּאָר טעג וועל איך עס צורעכט מאַכן, ווי אויף דיין מאָס. כ׳ווייס ווי מען מאַכט עס. כ׳האָב פאַר מיין בעל־הביתטע ניט איין מאָל צורעכט געמאַכט זאַכן״.

ווען מינאַ האָט זונטיק שפּעט נאָך מיטאָג פאַרענדיקט פּראָוון דעם אַנצוג און סמיילי האָט עס אָנגעטאָן, איז עס געלעגן אויף אים ווי אויסגע־געגאָסן. ביידע זיינען געווען גליקלעך. סמיילי האָט ארומגענומען מינאַן און איר באַדאַנקט.

„ווייסטו גאָר וואָס, מינאַ, כ׳האָב זיך באַטראַכט אז פרייטיק, ווען מיר וועלן אָפּנעמען די שכירות, וועלן מיר גאָר גיין אין אַ קינאָ״.

„קינאָ?״, האָט מינאַ אויסגערופן פאַרוווּנדערט. „איך בין נאָך דאָרט קיין מאָל ניט געווען. אַנדערע, וואָס זיינען דאָרטן געווען, דערציילן זיך אָן די ווונדער פון דאָרטן פאַר וואָכן. כ׳וואָלט עס טאַקע געוואָלט זען

מיט מיינע אויגן, נאָר מ׳זאָגט אז עס איז טייער. ס׳איז אַ שאָד אויסצוגעבן אזוי פיל געלט!״

„מינאַ, נאָר איין מאָל וועלן מיר גיין. מיר וועלן קויפן ביליקע בילעטן און גיין צופוס אהין און צוריק, וועלן מיר שוין סייווי עפּעס איינשפּאָרן. ס׳וועט נעמען אַ שעה צי מער דאָס גיין, אָבער מיר וועלן זען דאָס ווונדער״.

מינאַ האָט געשוויגן אַ צופרידענע פון סמיילים פאָרשלאַג. די גאַנצע וואָך האָט מען פאַרבראַכט אין דערוואַרטונג אויף דער גרויסער געשעעניש. זיי האָבן אפילו זייערע פריינד אין פאַבריק ניט דערציילט וועגן זייער גרויסן סוד.

פרייטיק, אין דער מיטאָג־שעה, איז סמיילי פאַרשוווּנדן. ווען זיי זיי־נען געגאַנגען אהיים האָט ער מיט זיך געהאַט אַ פּעקעלע. ווי נאָר זיי זיינען אריבערגעטראָטן די שוועל, האָט ער עס איר דערלאַנגט:

„שנעל, מינאַ, דאָס איז דיין מתנה. טו זיך איבער, מיר גייען אין בייסקאָפּ״.

מינאַ האָט אויפגעעפנט דאָס פּעקל און ס׳האָט אַ בליץ געטאָן אַ ווייס קלייד מיט רויטע גרויסע בלומען, ווי אין אַ גאָרטן. זי האָט מיט אַ מאָל זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיקן און קלינגעדיקן געלעכטער, אז סמיילי האָט זיך אַזש דערשראָקן. טרערן פון פרייד האָבן איר געשטיקט אין האַלדז. ווען זי האָט אָנגעמאָסטן דאָס קלייד, האָט זי איבערראַשט ארויסגערעדט:

„סמיילי, טייערער, מיין פּיטרוס, אַ דאַנק!״

ער האָט איר אָנגעקוקט מיט גליקלעכע אויגן און געפילט, אז ער דאַרף צוגיין צו איר, זי ארומנעמען.ביידע זיינען זיי געשטאַנען ארומגעקלאַמערט. די צוויי אַלטע לייט זיינען געשטאַנען אין טיר און האָבן אָנגעקוואָלן.

„פון וואַנען האָסטו אזוי גוט געוווּסט מיין מאָס?״ האָט זי געפרעגט.

„איך האָב געבעטן די גרעסטע מאָס וואָס איז פאַראַן — און אָט פּאַסט עס״.

אלע האָבן געלאַכט. זי האָט דערציילט די אַלטע מענטשן, אז זיי גייען היינט אין קינאָ. זיי מוזן ארויסגיין גלייך, ווייל ס׳איז אַ לאַנגער וועג. די אַלטע מענטשן האָבן זיי ארויסבאַגלייט.

אין קינאָ זיינען זיי געזעסן צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן און גע־קוקט פאַרגאַפט אויפן עקראַן, ווו מענטשן, רייטנדיק אויף שיינע פערד, מיט רעוואָלווערן אין די הענט, האָבן זיך געיאָגט און געשאָסן איינער אויף דעם

אנדערן. מינאַ האָט ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון בלאָנדן מיידל, ווי זי האָט נאָכגעהאַלטן די מאַנצבילן אין גאַלאָפּ אויף אַ ווייסן פערד און זי האָט אויך געשאָסן פון אַ רעוואָלווער. סמיילי האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט זיך עס דאָרט געיאָגט אויף די פערד.

ווען זיי זיינען געקומען אַהיים איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. די אַלטע לייט זיינען שוין געשלאָפן. שטילערהייט האָבן זיי זיך אריינגע־שאַרט אין זייער פינצטערן צימערל און ניט אָנצינדנדיק קיין ליכט זיך גע־לייגט אין בעט. מינאַ האָט גענומען פּיטרוס קליינע האַנט און ארויפגע־לייגט אויף איר נאַקעטן בויך. פּיטרוס האָט דערפילט אַ צאַפּל, ווי עפּעס וואָלט אַ שפּרונג געטאָן אונטער זיין האַנט. ער האָט אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט פון איר בויך. זי האָט געזאָגט שעפּטשענדיק:

„דאָס איז אונדזער קינד...“

* * *

מאָנטיק פרי איז סמיילי געלאָפן צו דער אַרבעט אַ פריילעכער. מינאַ איז געבליבן אַהיים און זי איז אים דעם גאַנצן טאָג פון געדאַנק ניט ארויס. ער האָט נאָך איצט געפילט דעם לעבעדיקן צאַפּל אונטער זיין האַנט. גראָדע זיינען היינט די שעהן געקראָכן אזוי שווער און פאַמעלעך. יעדע ווילע האָט ער געפרעגט ווי שפּעט עס איז. ער איז אָפט געלאָפן אַ קוק טאָן אויף דעם זייגער, אויף וועלכן מען קלאַפּט אָפּ די צייט אויף די לוין־קאַרטן. ער איז היינט געווען אין אַ זייער אויפגעלייגטער שטימונג.

נאָך מיטאָג האָט מען אָנגעהויבן ארויפציען רושטאָוואַניעס פאַרביי די פענצטער פון פאַבריק. אונטן, אויפן טראָטואַר, איז געשטאַנען דער הויפּט־אויפזעער און געגעבן פאַראָרדענונגען ווי צו פאַרהענגען די הילצערנע בעלקעס. מען האָט זיך געקליבן צו פאַרבן די גרויסע זעקס שטאָקיקע גע־ביידע. סמיילי איז געשטאַנען ביים פענצטער אין פאַבריק, און געהערט ווי דער מייסטער אונטן שרייט ארויף זיינע באַפעלן. די אַפּריקער האָבן געאַרבעט פלינק, געקראָכן ווי קעץ אויפן לייטער, געהאַנגען ווי די מאַלפּעס אויף די סלופּעס. אַ שטריק אויף אַ רעדל וואָס איז געהאַנגען אויף אַ סלופּ האָט זיך כסדר געדרייט. מען האָט ארויפגעבראַכט געהילץ, אייזנס, שטאַנ־גען. אַ שוואַרצער האָט עס אָפּגעטשעפּעט פון האָקן און ס'איז איבערגע־גאַנגען פון האַנט צו האַנט, אַלץ העכער. די רושטאָוואַניעס זיינען שנעל אויפגעשטעלט געוואָרן. אָט זיינען שוין די אַרבעטער געשטאַנען אנטקעגן

פענצטער ווו סמיילי איז געווען, אינעווייניק. ער האָט צו זיי געשמייכלט, ווי זיין שטייגער.

ער איז געשטאַנען ביי אַ מאַשין, וואָס האָט צוגעקלעפּט די אונטער־פּוטער צו דעם לעדער. די אַרבעט איז געגאַנגען שנעל. איין אַרבעטער האָט אים דערלאַנגט אַ כאַלאַווקע, ער האָט אַ שמיר געטאָן און די מאַשין האָט עס גלייך צוגעפּעסטיקט. ער האָט מער ניט געקוקט אין פענצטער. די אַרבעטער אין דרויסן זיינען שוין געווען אויפן העכסטן פונקט. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט שרעקלעכע געשרייען פון דער הייך. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן פון מאַשין און אויפגעריסן אַ פענצטער. דער אַרבעטער ביים רעדל, וואָס האָט צוגענומען דאָס ארויסגעצויגענע געהילץ, האָט גע־האָט זיין האַנט אריינגעדרייט אין רעדל. פאַר ווייטיק האָט ער געמאַכט גוואַלדיקע קולות. די גאַס אונטן איז געוואָרן פול מיט מענטשן.

מיט איין שפּרונג איז סמיילי געווען אויף דעם געפלעכט־רושטאָוואַ־ניע און געקראָכן ארויף. פון אונטן האָט ווי אַ כוואַליע ארויפגעשלאָגן אַ ליאַרעם. ער האָט אַראָפּגעקוקט און געזען ווי די מענטשן קוקן אויס גאָר קליין. מיט אַ מאָל האָט דאָס רעדל באַפרייט די האַנט פון אַפּרי־קער און ער האָט אויפגעהערט שרייען. איצט האָט ער מער ניט ווי גע־קרעכצט און זיך געהאַלטן מיט איין האַנט.

סמיילי, וואָס איז געשטאַנען אונטער דעם פאַרלעצטן אַפּריקער, האָט צו אים ארויפגעשריען: „קען איך דיר מיט עפּעס העלפן?"

„מיינע אַלע פינגער זיינען צעקוועטשט", האָט יענער אַראָפּגעווייגט.

„מ'וועט באַלד קומען מיך אַראָפּנעמען... היט זיך... אוי־אוי־אוי..."

סמיילי האָט אַראָפּגעקוקט אויף דער גאַס און געזען ווי די געדיכטע מענטשן־מאַסע צעקריכט אין דינע פעדעם. ער האָט געזען די אויטאָס, קליין ווי קעסטעלעך, שאַרן זיך איבער די גאַסן. די גאַנצע גרויסע שטאָט איז פאַר זיין בליק געלעגן אויסגעשפּרייט. אָט דאָרט, ווייט, גאָר ווייט איז דאָס הייזל ווו מינאַ איז איצט. זי וואַרט אויף אים. ווען ער איז אַ פויגל וואָלט ער איצט געקענט גלייך אוועקפליען צו איר. דאָ אין דער הייך איז מען ווי אַ פויגל. אָט שוועבן די ווייסע וואָלקנס איבער זיין קאָפּ. נאָר אַ שטרעק אויס אַ האַנט און ער וועט זיי אָנרירן. ער פאַרגעסט זיך אין גאַנצן ווו ער איז. די געביידע, דוכט זיך אים, וויגט זיך. ווען ער פאַרמאָגט פליגלען, וואָלט ער איצט אַ פלי געטאָן צו זיין מינאַן. ער פילט ווי אַ צאַפּל אונטער

זיין האַנט און דערמאָנט זיך ווו ער איז. מ׳דאַרף ארויסענדיקן די אַרבעט און שנעלער לויפן אַהיים! פאר וואָס האָט ער מיט אַ מאָל פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך. דאָס פענצטער איז אזוי נאָענט און אין פענצטער שטייט ווי אין אַ ראַם מ״ר טראַי און שרייט צו אים:

„סמיילי, פאַרזיכטיק, שטעל ניט אַראָפּ דעם פוס. די בעלקע אונטערן ברעט...״

ער האָט ניט געהערט וואָס דער גוטער בעל־הבית האָט געשריען, נאָר ער איז געווען גליקלעך וואָס ער זאָרגט פאַר אים. ער האָט אַ צעשמייכל־טער אַראָפּגעשטעלט זיין פוס. ער האָט געזען ווי מ״ר טראַי דרייט זיך איבער אין פענצטער און אליין פליט ער... די הימלען האָבן זיך צוזאַמענ־געצויגן אין איין שוואַרצן פינטל, וואָס האָט איינגעשלונגען דעם בעל־הבית.

* * *

מ״ר טראַי איז געשטאַנען אויף די קני לעבן סמיילין, וואָס איז געלעגן ווי אַ בלוטיקע שמאַטע אויפן טראָטואַר. ער האָט אים געקוקט אין פּנים, געפּרווט אויפמאַכן אַן אויג און געזוכט אַ צייכן פון לעבן. זיין פּנים איז געווען פאַרגליווערט מיט אַ שמייכל, ווי אַ שוואַרצע מאַסקע פון גרויל.

דער שאָפער, וואָס איז אָנגעקומען מיטן אַמבולאַנס, האָט געטאַפּט זיין פולס און געמאַכט אַ פאַרצווייפלטע מינע. ער האָט אים געגעבן אַן איינשפּריצונג און געזאָגט: „נאָר די ווייטיקן צו שטילן, ער גוססט״.

קלמן האָט זיך אָנגעבויגן צו סמיילין און געזוכט אַ זשיפּעלע פון לעבן:

„דאָס בין איך, מ״ר טראַי! סמיילי... סמיילי...״ האָט ער זיך געבעטן.

אויף סמיילים פּנים האָט אַ צוק געטאָן אַ מוסקול, ווי ער וואָלט מיט דעם געגעבן אַן ענטפער דעם בעל־הבית.

די אַמבולאַנס־פירער האָבן זיך אָנגעהויבן עוסקן מיט אַ ספּעציעל טראָג־בעטל, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן נאָענט פון דעם פאַרבלו־טיקטן קערפּער, וואָס איז מיט עטלעכע מינוט צוריק געווען דער שמייכל־דיקער סמיילי.

אז מ׳האָט אים ארויפגעלייגט אויפן בעטל און אָנגעהויבן אויפהייבן, האָט קלמן באַמערקט ווי סמייליס האַנט צאַפּלט מיט אזא לעבעדיקייט, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט זאָגן. קלמן האָט זיך אַ קער געטאָן צום אמבו־לאַנס־פירער:

„זעט, זיין האַנט, ער לעבט דאָך, ער בעט עפּעס...“

„ניין, מיין פריינד, ער בעט שוין גאָר ניט. דאָס זיינען נאָר רעפלעקסן פון לעבן — ניט דאָס לעבן“.

„איך בין געשטאַנען אין פענצטער. כ׳האָב אים געוואָרנט...“ האָט מ״ר טראַי דערציילט.

ביים אריינשטופּן סמיילין אין אַמבולאַנס האָט ווידער זיין האַנט געצאַפּלט, ווי ער וואָלט זיך געזעגנט מיט דער וועלט...

11

קלמן שיקט אַ רעגיסטרירטן בריוו

קלמן איז אַ פּאָר טעג ארומגעגאַנגען א צענומענער פון דער טראַגישער געשעעניש מיט סמיילין. אַן אומרו איז אים געלעגן אין די ביינער. ער האָט געדענקט ווי ער האָט ארויפגעשטעלט זיין פוס אויפן ברעט, וואָס פון אונטער אים האָט זיך די בעלקע ארויסגעגליטשט און אין אַ סעקונדע האָט ער אַ פלי־געטאָן...

אז ער איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער זיך דערמאָנט אָן לעצטן געשפרעך מיט דער פאַמיליע, און שפּעטער מיט דזשעקן אין אָפיס, וועגן די אויפזעערס וואָס דאַרפן פאַרביטן ווערן מיט יינגערע. און אַלע האָבן איינגעשטימט מיט אים, אז די דריי פריינד זיינע וועלן זיין פעאיק פאַר דער אויפגאַבע. קלמן האָט געפילט, אז ניט געקוקט אויף דעם וואָס סאָניע האָט

דעם זעלבן טאָג זיי געשיקט אַ בריוו, איז איצט די העכסטע צייט אַז ער אַליין זאָל שרייבן צו כּאַטשען, העטשען און אַברהמל דעם פּראַטשעשניק, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן דאָס שטעטל און זיך אַריבערשיפן קיין אַפריקע. ער אַליין מוז זיי מאַכן דעם פאַרלייג.

ער האָט ווידער געהאַט אַ שמועס וועגן דעם מיט סאַניען, נאָך דעם מיטן אָנקל און ראָזין און ס'איז ענדגילטיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז דעם בריוו מוז תּיכּף קלמן שרייבן. ער זאָל זיי באַריכות אויסשרייבן ווי ער שטעלט זיך פאָר דאָס אַריבערקומען אַהער און וואָס פאַר אַ צוקונפט זיי דערוואַרט אין דעם לאַנד. קלמן האָט שוין רוען ניט געקענט. ער האָט געטראַכט וועגן אינהאַלט פון בריוו, וואָס און ווי אַזוי צו שרייבן אַז עס זאָל דאַרטן מאַכן אַן איינדרוק און זיי זאָלן זיך אָנכאַפּן אָן זיין פאָרשלאָג און עס ניט פאַר־שלעפּן אין לאַנגן באַנק.

ער האָט געטראַכט וועגן זיינע פריינד און זייערע פאַמיליעס און זיך פאַרגעשטעלט די באַגעגענישן מיט זיי אויף דער ערד פון אַפריקע. ווי אַזוי ער וועט זיי העלפן זיך איינאָרדענען דאָ און וועגן זייער אַלעמענס לעבן דאָ.

אין די אָוונטן האָט ער צום ווילפטן מאָל גערעדט וועגן דעם מיט סאַ־ניען, מיט די שענסטע פאַרבן געמאָלן בילדער וועגן זייער צוקונפט ווי איין גרויסע פאַמיליע. און יעדער מאָל האָט סאַניע מיט אים מסכּים געווען און אים צוגעאיילט:

„פון ריידן וועט גאָר ניט ווערן. נעם זיך שוין צום שרייבן דעם בריוו״.

„ביסט גערעכט, סאַניטשקע!״ פלעגט ער צופאַלן צו איר און אויס־קושן איר אַלע גלידער. ווען קלמן האָט זיך גענומען שרייבן דעם בריוו און אויסלייגן זיינע פּלענער, האָט ער באַמערקט אַז ס'איז גאָר ניט אַזוי שווער ווי ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. ווי נאָר ער האָט גענומען די פּען אין האַנט, זיינען די געדאַנקען זיינע קלאָר געוואָרן און גענומען יאָגן איינער דעם אַנדערן. קלמן האָט אין זיין בריוו ניט איבערטריבן, נאָר דערציילט דעם פּשוטן אמת ווי אים איז געגאַנגען אין דער מדינה, ווי ער האָט זיך אַרויפ־געאַרבעט און דערגרייכט אַ היבש סאָציאַלן מעמד אין לעבן. פריער איז ער געווען אַ שותּף צו אַ גרויסן געשעפט, איצט איז ער מיט די זעלבע מענטשן אַ שותּף אין אַ שוכפאַבריק. און ווי אַ דירעקטאָר פון דער גרויסער שוכפאַבריק, האָט ער געלאָזט וויסן זיינע דריי פריינד, אַז ער האָט שוין אָנ־געגרייט שטעלעס פאַר יעדן פון זיי און ס'וועט זיי קיין זאַך ניט פעלן. ער

האָט אויך געשריבן ווי ליב און טייער זיי זיינען אים און אז אברהמל דעם פּראַטשעשניק פאַררעכנט ער ווי אַן אייגענעם טאַטן.

ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו פאַר זיך, האָט ער געטראַכט אז אַן אמתער שרייבער וואָלט עס בעסער ניט אָנגעשריבן. ער האָט נאָך צוגעלייגט צום בריוו די פאָטאָגראַפיעס פון דער חתונה, ווי ער שטייט מיט סאָניען — ער אין שוואַרצן אָוונטאַנצוג מיטן הייכן, גלאַנציקן צילינדער אויפן קאָפּ, וואָס מאַכט אים אויסזען העכער ווי ער איז, האַלטנדיק אין אָרעם זיין סאָניטשקען, נאָך וועלכער ער האָט אַ גאַנץ לעבן געבענקט. און זי — אין אַ ווייס־זיידענער חופּה־קלייד מיט אַ לאַנגער שלעפּע און אַ גרויסן קראַנץ בלומען אין די הענט, וואָס זיינען אָנגעטאָן אין לאַנגע ווייסע הענטש־קעס. פאַרזיכטיק און מיט ציטער האָט ער איבערגעגעבן דעם פּאָסט־באַ־אַמטן דעם בריוו און געבעטן אים אָפּשיקן רעגיסטרירט, כדי עס זאָל ניט פאַרפאַלן גיין. די קוויטאַנציע האָט ער באַהאַלטן ווי אַן אוצר.

מען לייענט קלמנס בריוו

ווען דער בריווטרעגער האָט אריינגעבראַכט צו כאַטשען אין הויז דעם רעגיסטרירטן בריוו, פאַר וועלכן כאַטשעס טאָכטער, וואָס לערנט זיך אין דער יידישער שול, האָט זיך אונטערגעשריבן, זיינען אַלע שטוביקע געבליבן שטיין מיט איינגעהאַלטענע און פאַרכאַפּטע אָטעמס. כאַטשע האָט זיך גע־נומען עפענען דעם קאָנווערט און אַלע האָבן אומגעדולדיק געוואַרט צו זען און הערן וואָס און פון וועמען אזא דיקער בריוו קומט. דאָס סאַמע ערשטע וואָס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין אויג, איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס כאַטשעס פינגער האָבן ארויסגעקאַלופּעט פון קאָנווערט. כאַטשעס ווייב האָט גלייך פאַרבראָכן די הענט, ווי זי וואָלט זיך ניט געקענט באַשליסן צי זי דאַרף זיך פרייען אָדער, חלילה, וויינען:

„ווי איז מיר, ווער איז דאָס דער פריץ מיט דער פריצטע אויף דער קאַרטע?"

אַלעמענס אויגן האָבן זיך מיט נייגיר איינגעגראָבן אין דער פאָטאָגראַ־פיע, ביז כאַטשע האָט איבערגעריסן די שטילקייט, ווי ס'וואָלט פּאַסירט ס'גרעסטע וואונדער:

„אַ בראָך איז מיר ניט געשען, דאָס איז דאָך קלמן, קלמנקע בולאַן! ווי איך בין אַ ייד — קלמן בולאַן אין אַ צילינדער! איי, פאַרברענט זאָל ער דאָרט ווערן! שאַ, און ווער איז דאָס מויד? אוודאי זיין כלה, נאָך וועמען ער האָט זיך אזוי פיל יאָרן געריסן און ממש געקראָכן פון דער פעל".

העטשע האָט ארויסגענומען פון כאַטשעס האַנט די פאָטאָגראַפיע און אַ געשריי געטאָן:

„איי, אַ כוואַראָבע אויף אים, דאָס איז ער דאָך טאַקע, קלמן בולאַן מיט די ביינער! און זעט נאָר אַ צילינדער, ווי פון אַ קאַזיאָנעם ראַבינער, האַ? און גיט נאָר אַ קוק אויפן זייגער מיט דער קייט, וואָס דער בולאַן פאַרגינט זיך צו טראָגן אויף דער קאַמיזעלקע. נו, וואָס זאָגט איר אויפן בולאַן?!" האָט ער מיט דער פאָטאָגראַפיע געפאָכעט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ פאָן. „האַ, וואָס האָב איך געזאָגט? דער בולאַן וועט נאָך ווערן אַ לייט צו להכעיס מענדל מעקיניק. פון זיין פריערדיקן בריוו האָב איך ארויסגעלייענט, אז ער האָט זיך דאָרטן אויסגעלערנט די תורה פון בלאָפן, ווי זיי רופן עס אין אַמעריקע. איצט זע איך אז ס'איז אַן אמת, ער מוז דאָרטן אין דער אַפריקע, ווו מען טוט אוודאי די זעלבע אַרבעט פון בלאָפן, זיין גאָר רייך. דער שוואַרץ יאָר ווייס אים צי ער האָט דאָרטן אַ מאָל ניט באַגנבעט אַ קלויסטער. אויף דעם בולאַן איז אַלץ צו גלויבן, האַ?"

„העטשע, פאַרמאַך נאָר דיין פיאַנע, וועסט נאָך חלילה פאַרקילן די נאָטן..." האָט העטשעס ווייב זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר מאַן מיט אַנצוהערעניש, אז ער רעדט ניט צו דער זאַך. „דו ווייסט אליין אז קלמנקע איז תמיד געווען אַן אָרנטלעך יינגל, און אויב ער איז דאָרט איצט געוואָרן אַ רייכער מאַן, איז עס אוודאי פון אייגענער פראַצע. דו מעגסט אים פאַרגינען, און איך זאָל אזוי פיל פאַרמאָגן וויפל כ'וואָלט קלמנען געטרויט. איז ווי פאַלט דיר גאָר איין, אז ער האָט אַ קלויסטער באגנבעט? קלמן האָט קיין מאָל ניט פאַרנומען יענעמס אַ גראָשן, און אזוי פיל גוטע יאָרן זאָלן מיר אַלע האָבן, וויפל דער בולאַן האָט זיך תמיד געלאָזט קאָסטן פאַר יענעם. איז אנדערש פאַסט דיר ניט, מיין מאַן..."

„אַ סוף זאָל עס נעמען!" האָט כאַטשע איבערגעריסן דעם מענה-לשון פון העטשעס ווייב. „קלמן דאַרף דאָ ניט קיין אַדוואָקאַטן. מיר אַלע קענען גוט קלמנען און ס'איז ניטאָ איבער וואָס זיך איבערצוריידן. לאָמיר בעסער פריער הערן וואָס קלמן אליין האָט צו זאָגן. פריידקע!", האָט ער אַ גע

שריי געטאָן צו זיין טאָכטער אויף דער העכסטער אָקטאַווע, „לייען אָקאָרשט דעם בריוו און מיר וועלן הערן. אַ קשיא אויף דעם בולאַן, אַ מאָל קען גאָר זיין אַז ער שרייבט דעם בריוו מיט דער אייגענער האַנט. און הערט מיינע ווערטער: ס׳וועט נאָך פון אים, דאָרטן אין דער אפריקע, ארויסקומען אַ גאַנצער לייט. געדענקט: אז כאַטשע דער נאַר האָט עס געזאָגט...״

„פון דיין מויל אין גאָטס אויערן!״ האָט כאַטשעס ווייב פּאָטאַקעוועט מיט אַ ברכה. „ווער עס פאַרגינט אים ניט זאָל אליין ניט פאַרמאָגן!״ האָט זי עס פאַרמישט מיט אַ קללה. „אַ האַרץ האָט ער געהאַט אַ גאָלדנס, אָן אַ גאַל געווען״.

„פאַר יענעם אַ טובה — אין פייער און אין וואַסער״. האָט העטשעס ווייב צוגעהאָלפן מיט נאָך אַ פּאָר גוטע ווערטער.

„ווידער רעדסטו!״ האָט העטשע אַ רעווע געטאָן. „גענוג מאַכן הספּדים אויף קלמן בולאַן, ער לעבט דאָך נאָך גאָט צו דאַנקען!״

„נו, אַן עק! לאָמיר שוין הערן וואָס מען שרייבט דאָרט. פריידקע, לייען״.

נאָך דער דאָזיקער קאָמאַנדע פון כאַטשען איז געוואָרן שאַ־שטיל. אלע זיינען געזעסן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און פריידקע האָט געלייענט דעם בריוו.

„מיינע גוטע און טייערע ברידער, כאַטשע און העטשע מיט אייערע ליבע משפחות, אויך צו מיין ליבן פריינד אברהמל מיט זיין פרוי. איך בין זיכער אז ווען איר וועט לייענען מיין בריוו, וועט איר מסתמא אייערע אייגענע אויגן ניט גלויבן. דאָס שרייבט צו אייך אייער אמאָליקער פריינד קלמן טראַיעוויצקי, אָדער ווי דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיך גערופן, קלמן בולאַן. טאַקע דער זעלבער קלמן וואָס האָט ניט געקענט קיין צורת אלף און אָנ־שרייבן אַ שורה איז פאַר אים דאָך שווערער געווען ווי ארויסשלעפּן אַן אַבאָז מיט פולע וועגענער פון בלאָטע. אָבער איין זאַך ווייסט איר אַלע: אז איך בין קיין מאָל קיין ליגנער ניט געווען. דעריבער מעגט איר מיר גלויבן, אז איטלעך וואָרט וואָס איך שרייב דאָ איז כולו אמת, און אלע צוזאָגן אין מיינע וויטערדיקע שורות זיינען געמיינט מיטן גאַנצן האַרצן.

„איך פיל אַ הייליקן חוב אויף זיך, מיינע טייערע ברידער, אייך אָפּ־צוצאָלן ווי איר האָט עס פאַרדינט. איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן וואָס איר ביידע, כאַטשע און העטשע, מיט אייערע גוטע פרויען, האָבן פאַר

מיר געטאָן נאָך אַלס קליין יינגל, ווען איך בין געווען פאַרלאָזט פון יעדן אין שטעטל און קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט. דעמאָלט זייט איר געקומען און האָט מיר געגעבן אַ וואַרעמע היים מיט אַ שטיקל ברויט אָפּ־צועסן צו דער זאַט, פונקט ווי פאַר אייערע אייגענע קינדער.

„איצט, אַ דאַנק גאָט, בין איך אויפגעריכט געוואָרן. איך האָב געאַרבעט ניט צו גרינג די ערשטע צייט פון מיין אריבערקומען אין דעם לאַנד, אָבער עס האָט מיך אָפּגעגליקט. איך האָב געהאַט צוויי ליבע מענטשן, וואָס האָבן גאָר אַ סך פאַרלייכטערט מיינע שווערע טעג און איינזאַמע נעכט — דאָס זיינען געווען מיין ליבער פעטער מ״ר מייקל און מיין טייערע פרוי סאָניע. שפּעטער האָב איך אין די טעג געאַרבעט און אין די נעכט געלערנט. איצט קען איך שוין פריי ריידן און שרייבן ענגליש. ס׳פעלט מיר נאָך מסתמא גאָר אַ סך צו ווערן אַ פּראָפעסאָר, אָבער צו זיין א גוטער סוחר איז עס איבערגענוג.

„מיין אָנקל איז געווען צו מיר גוט, ווי אַן אייגענער טאַטע, און מיט זיין הילף און מיט מיין פּראַצע, בין איך איצט געוואָרן אַ שותף אין איינער פון די גרעסטע שוכפאַבריקן. איך בין איינער פון צוויי דירעקטאָרן. עס שטייען ביי אונדז צענדליקער מאַשינעס, אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער און די פאַבריק „וואַרפט ארויס״ טויזנטער פאָר שיך יעדן טאָג. מ׳וואָלט אונדזער גאַנץ שטעטל געקענט אין איין טאָג אָנטאָן אין נייע שיך...

„מען קען די פּראָדוקציע נאָך מער פאַרגרעסערן, נאָר דערצו דאַרף מען האָבן אַ היפּל איבערגעגעבענע און אייגענע מענטשן, וואָס זאָלן אר־בעטן מיטן גאַנצן האַרצן. איך ווייס און כ׳קען אייך אַלעמען — איר דריי, כאַטשע, העטשע און אברהמל, זייט פּעאיקע און אָרנטלעכע מענטשן, איז וואָלטן מיר אייך דריי ווען האָבן ווי אויפזעערס ביי אונדז אין פאַבריק. ביי מיר איז קיין צווייפל ניט, אז איר וועט קענען אויפטאָן אַ סך פאַר דער פאַבריק, אָבער די פאַבריק וועט אויך קענען אויפטאָן, און אפשר נאָך מער, פאַר אייך. ווען כ׳האָב מיין שותף דערציילט וואָס פאַר אַ סאָרט מענטשן איר זייט, האָבן מיר ביידע באַשלאָסן אייך פאַרצולייגן אריבערצוקומען אין דער מדינה און איר זאָלט ארבעטן אין אונדזער פאַבריק. פאַר אייערע רייזע־הוצאות וועלן מיר שוין זאָרגן און איך פאַרזיכער אייך, אז מען וועט אייך ניט קריוודען.

„זינט מיר האָבן אָנגעהויבן קריגן די יידישע צייטונגען פון פוילן, גייט מיר דאָס לעבן ניט איין, אויסגעפּינענדיק אין וועלכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען איך קומט אויס צו לעבן אונטער די נייע בעלי־בתּים, די פּאָליאַקן, אַ מיתה־משונה זאָלן זיי איינגעמען. מיר לייענען ווי זיי מאַכן אייך ביטער און פינצטער דאָס לעבן, ווי די האַלערטשיקעס שניידן יידישע בערד און אנדערע צרות וואָס זיי טוען אייך אָן. דעריבער פילן מיר, מיין פרוי און איך, אַז אונדזער חוב איז אייך ארויסצופירן פון דער פּיין און אָרעמקייט און אריבערנעמען אייך אַהער, ווו איר וועט לעבן אָנשטענדיק און צופרידן, אָן זאָרג און דאגות; ווו מ׳וועט אויף אייך קוקן ווי אויף מענטשן און אייך באַהאַנדלען ווי גלייכע און דאָ וועט איר ניט הערן אויף יעדן שריט און טריט דאָס זידלוואָרט „זשיד פּאַרכאַטי״.

„זעצט זיך אַלע דריי אוועק און באַהאַנדלט מיט אַ רואיקן קאָפּ אונדזער פּאָרשלאָג וועגן אריבערקומען ארבעטן אין אונדזער שוכפאַבריק. איך וויל נאָך אַ מאָל באַטאָנען, אַז איך האָב גערעדט צו אייך ווי צו אייגענע ברידער און ס׳איז ניטאָ קיין פאַלשקייט אין אונדזער ווילן אייך צו באַזאָרגן מיט אַלץ. מיר דאָ וועלן פאַר אייך אַלץ דערליידיקן און איר וועט קומען אויף פאַרטיקע שטעלעס. די פאַבריק איז פאַר אייך אָפן און וואַרט אויף אייך און קלמן בולאַן וועט עס ווערן אייער ׳שטרענגער בעל־הבית׳.

„יאָ, מיין האַרץ טוט מיר וויי וואָס מיין אָרעמע מאַמע האָט עס אַלץ ניט דערלעבט. איר איז ניט באַשערט געווען צו האָבן אַ קליין ביסעלע נחת פון איר קלמנקען. און ווי זי האָט עס געוואָלט, אַז איך זאָל חתונה האָבן און איך פלעג ווערן אין כעס אויף איר. אזא טייערע מאַמע איז איצט געוויס אין גן־עדן און האָט נחת פון מיר אויף יענער וועלט...

„און נאָך אַ בקשה האָב איך צו אייך. שרייבט מיר אויס אַלץ וועגן געצל שמושטשיכעס. ער ליגט מיר ווי אַ שטיין אויפן האַרצן. איז ער געקומען צוריק פון מלחמה און ווי איז אים געגאַנגען? גריסט אים פון מיר, ווי פון אַן אייגענעם ברודער, און זאָגט אים אַז אויך ער איז אַ קאַנדידאַט צו קומען אין אונדזער פאַבריק. אויב ער וויל נאָר, קען ער זיך צושעפּען צו אייער ׳טראַיקע׳ און מיר וועלן פאַר אייך אַלעמען טאָן דאָס בעסטע.

„זאָל איך אָנהויבן מיט גרוסן פאַר אַלע שטעטלשע, דאַרף איך דאָך אויסשרייבן אַ לאַנגע ליסטע מיט נעמען, אַז ס׳וועט ווערן אַ צו לאַנגער בריוו. נאָר אזעלכע יידן ווי הערצל דער שוסטער, ווי קען איך פאַרגעסן?

פון אים האָב איך דאָך אָפּגענומען דעם ערשטן גרוס פון אפריקע און ער האָט מיך געהאָלפן מיט זיינע בריוו. און ר׳ עליע, מיין טייערער בעל־הבית, וואָס האָט מיר געלערנט מיין נאָמען אויפשרייבן. און סתם אַלע בעלי־עגלהס און שמייסערס ביי טרוסן אין קרעטשמע — איך בין זיכער אז זיי אַלע געדענקען נאָך דעם קלמן בולאַן, ווי ער פלעגט אונטערשטעלן אַ פּלייצע און אַ שווערן וואָגן העלפן ארויסהייבן פון אַ זומפּיקער בלאָטע.

„און געדענקט: דאָ איז אַ גאָלדענע לאַנד, ניט ווייל גאָלד וואַלגערט זיך אויף די גאַסן, דאָס גראָדע ניט! אָבער דאָ איז פאַראַן אַ שטיקל ברויט צו פאַרדינען בכבוד און דאָ איז דאָ די אמתע פרייהייט פאַר אַלעמען — אויך פאַר יידן — און יעדער קען טאָן וואָס ער וויל און זיך באַשעפטיקן מיט יעדער זאַך אומגעשטערט, אויב עס איז נאָר ניט קעגן דאָס געזעץ פון לאַנד.

„מיין בריוו איז שוין געוואָרן אַ גאַנצע מגילה און איר וועט עס דאַרפן לייענען צו לאַנג. טאָ וועל איך איצט פאַרענדיקן און בלייבן וואַרטן אויף אייער תשובה — און איך האָף, אז מיר וועלן זיך באַלד זען אין אַ גוטער שעה.

„נאָך אַ מאָל — זייט געזונט אַלע, ווי עס ווינטשט אייך אייער אַמאָליקער קלמן בולאַן און איצטיקער קעלי טראַי (ווי מ׳רופט מיך דאָ — מיט אַ ׳דאַבּאַווקע׳ — מיסטער). גרוסן פון מיין פרוי״.

נאָכן איבערלייענען דעם בריוו

ווען פריידקע האָט געלייענט זיינען אַלע געזעסן אָנגעשטרענגט און זיך צוגעהערט מיט אָפענע מיילער, ווי זי וואָלט דערציילט אַ געשיכטע פון אַן אומבאַקאַנטן ווייטן וואונדערלאַנד. ארום האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ טיפע שטילקייט און איר הילכיקע שטימעלע האָט אָפּגעקלונגען אין יעדערנס האַרץ, ווי איטלעך וואָרט וואָלט זי ארויסגעזונגען פון אַ כישופדיקן ליד. יעדערער האָט געפילט אז מיט דעם היינטיקן בריוו האָט זיך עפּעס געביטן אין זיין לעבן, ווי אַ בת־קול וואָלט אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה די אָרעם־פאַרחושכטע משפחות פון די פערד־הענדלער כאַטשע און העטשע.

און ווען פריידקע האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו, האָט די שטיל־

קייט נאָך אַנגעהאַלטן אַ קורצע צייט. צוערשט האָבן זיך די ווייבער קוים געטרויט אָפּצווישן אַ טרער פון אויג מיטן פאַרטעך, אָבער גלייך האָט העטשעס ווייב ארויסגעפּלאַצט מיט אַ שלוכץ און נאָך איינע האָט מיטגע־האָלפן ביז ס׳איז געוואָרן אַ כאָר פון פּישטשענדיקער געוויינעריי. איינע האָט אפילו אַ שנייץ געטאָן די נאָז, וואָס האָט זיך אויך אַנגעהערט ווי אַ געוויין.

כאַטשע איז אויך געווען באַהערשט פון דער שטימונג. כאָטש ס׳האָט זיך אים געוואָלט אַ געשריי טאָן אויף די ווייבער זיי זאָלן אַנטשטומט ווערן, ווייל עס איז ניט קיין לוויה און מ׳דאַרף קלמנען ניט באַוויינען, האָט ער אָבער דאָס מאָל מיט אַ פייערלעכן טאָן, גאָר ניט ווי זיין געוווינהייט אַ פרעג געטאָן:

„האַ? איז וואָס־זשע זאָגט איר דערצו?" ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם, ווי עס וואָלט אים שווער געווען דאָס ריידן. „נו, דערלעבט יאָרן! איז ווי געפעלט אייך אזא מין צעשרייבן זיך פון אונדזער געוועזענעם קוואַר־טיראַנט? יאָ, ער איז טאַקע אַ געוועזענער שמייסער, אָבער פאַרט דער זעלבער קלמנקע, האַ? יאָ, אזוי פיל האַרציקייט איז פאַראַן אין זיינע ווער־טער, אז מיר אליין ווילט זיך פשוט וויינען, וויינען פאַר פרייד..."

און כאַטשע האָט דערפילט, אז נאָך אַ רגע וועט ער זיך טאַקע צעפלאַנ־כענען, האָט ער זיך אומגעדרייט צו דער וואַנט און פאַרשטעלט זיינע פייכ־טע אויגן. ער איז אפילו מער ניט געווען בייז אויף די ווייבער, וואָס אונ־טער זיינע רייד האָבן זיי זיך נאָך מער צעיאָמערט.

העטשע האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין פּאַטילניצע, ווי ער וואָלט גע־וואָלט אוועקקראַצן מיט דעם זיין אייגענע שטימונג, און האָט מיט אַ נאָך שטילערן קול פון כאַטשען צוגעפּסקנט: „ניין, אין מיין לעבן וואָלט איך זיך ניט געריכט, אז דער קלמנקע בולאַן זאָל אזוי שיין קענען שרייבן, פּונקט ווי ער וואָלט געלערנט אין די שקאָלעס. אָט דאָס הייסט אַ כוח פון אַ מענטשן: געוואָרן אַ פאַבריקאַנט!"

כיענקע, כאַטשעס ווייב, האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און סודותדיק געעצהט:

„איך וואָלט געזאָגט, אז מ׳דאַרף גלייך אריבערגיין מיטן בריוו צו אברהמל דעם פּראַטשעשניק. ערשטנס איז דער בריוו דאָך אויך צו אים, צווייטנס, איז ער אַ מענטש מיט אַ קלוגן קאָפּ אויף די פּלייצעס און איר וועט הערן וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן דער גאַנצער זאַך".

העטשעס ווייב האָט זיך ארייגעמישט: „ווען ס׳וועגדט זיך אָן מיר, וואָלט מען באַדאַרפט אויך אָפּגעבן די גרוסן צו די וועמען קלמן דערמאָנט. וואָלט מען גלייך נאָך אברהמלען געמעגט זיך אריבערכאַפּן צו הערצל דעם שוסטער. ער איז אַ קלוגער ייד און אַ וועלטמענטש און איז דאָך אליין געווען דאָרטן, אין אפריקע, ווייס ער דאָך ווו איין און ווו אויס אין יענעם לאַנד. אין ער קען דאָך די שטאָט ווו קלמן האָט זיין פאַבריק, וועט ער שוין געבן די ריכטיקע עצה".

„מ׳עט שוין גיין אומעטום", האָט כאַטשע אָפּגעשניטן די ווייבערשע רייד. „מ׳עט שוין זיין ביי אברהמלען, מ׳עט שוין זיין ביי הערצלען, אומע־טום... ביסטו עפּעס אַ מבין אויף אזא בריוו? אירט געהערט וואָס ער האָט געשריבן? ער איז דאָך דאָרטן געוואָרן אַ דירעקטאָר! קלמן בולאַן אַ די־רעקטאָר פון אַ פאַבריק! אזא זאַך דאַרף מען דאָך שרייבן אין די גאַזעטן, צעפּויקן איבער דער גאַנצער מדינה: קלמן בולאַן אַ דירעקטאָר! אזא זאַך איז דאָך ניט געהערט געוואָרן אין דער גאַנצענער וועלט".

און כאַטשע מיט העטשען האָבן זיך מיטן בריוו אוועקגעלאָזט צו אברהמל דעם פּראַטשעשניק.

ביי אברהמל דעם פּראַטשעשניק

אז כאַטשע און העטשע האָבן ארויסגעלייגט קלמנס בריוו מיט די מאַר־קעס פון מלך פון ענגלאַנד און די פּאָסט־שטעמפּלען פון יאָהאַנעסבורג, איז אברהמל געוואָרן מלא שמחה און זיי גלייך געמאָלדן:

„אזא גוואַלדאָוונעם גרוס פון קלמנען איז ווערט צו ׳באַנעצן׳. אָט פאַררוף איך די מינוט מיינע אַלע יידישע קונדן, וואָס געפינען זיך גראָדע אין שענק, איך וועל זיי פאָרלייענען קלמנס בריוו און זאָל מען צעטראָגן אין שטעטל זיין גדולה. נישקשה, קלמן האָט זיך עס פאַרדינט".

אין אַ פּאָר מינוט האָבן שוין אַלע שטעטלשע קונדן אין רעסטאָראַן גע־ווּוסט, אז אין „קדשי־קדשים" קומט פּאָר אַ „פונדאָוועקע" פון בעל־הבית אליין לכבוד אן אומגעריכטע בשורה וואָס ער האָט געקראָגן. קיינער האָט נאָך ניט געוווּסט וואָס דאָס איז פּאָר אַ צענעמעניש אין אַ מיטן וואָכיקן טאָג, אָבער מ׳האָט זיך שוין זייטיק ארייגעשאַרט אין צימער פּאָר ספּעציעלע

געלעגנהייטן און פּאַר געהייבענע געסט. דאָס ערשטע וואָס יעדן איז גע־קומען אויפן געדאַנק: מסתמא א גרויסע ירושה, צי גאָר טאַקע דאָס גרויסע געווינס. מען האָט זיך געסודעט פון מויל צו אויער.

אברהמל האָט אָבער לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן, און גלייך נאָכן באַ־זעצן דעם לעצטן גאַסט האָט ער אָנגעטאָן זיינע שפּאַקולן און געמאָלדן, אז ער וועט פאָרלייענען אַ בריוו וואָס איז אָקערשט אָנגעקומען פון קלמן בור־לאַן פון אפריקע. „אין דעם ׳קדשי־קדשים׳ האָט קלמן געפראַוועט זיינע יוגנט־הוליאַנקעס, דאָ האָט ער זיך כמעט אויפגעהאָדעוועט, איז עס אַ כבוד פאַר אונדז דאָ צו לייענען אַ גרוס פון אים״.

אַלעמענס אויגן זיינען געבליבן אָנגעשפּיצט אויף אברהמלען, ווי מ׳וואָלט ניט דערוואַרט די דאָזיקע גרויסע נייעס פּליצלינג. ס׳האָט אויס־געזען ווי אַלעמענס בליקן וואָלטן אים אריינקוקן אין מויל, פון וואַנען ער וועט באַלד אָנהייבן ארויסציען פאַרביקע סטענגעס, ווי דער כישופמאַכער וואָס קומט יעדן יאָר צום יאריד.

אברהמל האָט פונאַנדערגעוויקלט דעם גרויסן בריוו, ווי אַ מגילה, און די שטילקייט איז געוואָרן אזוי טיף אז אַ פאַרע פון מויל וואָלט מען געקענט הערן. אַלע אויגן האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג, ווען ס׳איז געקומען צו דעם, אז קלמן קען שוין לייענען, ריידן און שרייבן ענגליש. דאָס איז געווען אַ וווּנדער, ווי עמעצער וואָלט געזאָגט אז אַ מלאך שטייט אויפן שפּיץ דאַך פון שענק. און ווען אברהמל איז געקומען צום אָרט, אז קלמן האָט זיך ארויפגעאַרבעט אויף אַ גרויסן גביר און האָט געקענט אָפּ־קויפן אַ גאַנצע פאַבריק און איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ דירעקטאָר, האָט יע־דער גענומען מאַכן דעם אייגענעם פירוש אויף קלמנס עשירות.

„ניסים ונפלאות!״ האָט זיך איינער אָפּגערופן. „אזא זאַך איז דאָך נאָך ניט געהערט געוואָרן, אז אַזאַ גראָבער יונג, אַ נאַסילסטשיק, אַ שמיי־סער ביי בעלי־עגלות, זאָל מיט אַ מאָל ווערן אזא גרויסער יאַ־טעבע־דאָם, עפּעס אזעלכער און אזוינס... וואָס זאָגט איר דערויף?״

„אז כ׳וועל ניט גלויבן וועל איך אויך לעבן בלייבן. ווייס איך ווער מען דער בולאַן וויל פירן אין באָד אריין — מיר ניט! און ווייל ער רעדט אזוי שיין און פלוידערט ניט, קען זיך דוכטן אז אַלץ איז אמת...״

„און אויב אפילו ס׳איז אמת וואָס ער שרייבט, אז ער איז דאָרט גע־וואָרן אזא... ווי רופט ער דאָס? דירעקטאָר, איז עס ערשט ביי מיר גאָר

קיין כשרער ענין ניט... אפשר האָט ער גאָר דאָרטן ביי עמעצן אריינגע־כאַפּט אַ מאַטניאַ...״ מ׳האָט געפּילט אז שיכרות מיט קינאה ריידן צוזאַמען. צום סוף האָט יענער ארויסגעטראָגן אַ פסק: „הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, ער וועט נאָך אָפּענדיקן מיטן קוטשעמענט״.

כאַטשע האָט אונטערגעכאַפּט די ווערטער און ער האָט זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן. אַ צעפלאַמטער האָט ער זיך אויפגעשטעלט, ארויס־געכאַפּט די קורצע בייטש, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרשטעקט אונטערן גאַרטל און זיך אַ לאָז געטאָן מיט רציחה:

„דו, נישקע מיט דיין טריפהנער קישקע, פאַרמאַך דיין חזיר־שטאַל! פאַסקודניאַק דו, שמאַרעוואַז! זיך איינגעפונען וועמער עס רעדט אויף קלמנען, האַ? איך בייט ניט אַ נאָגל פון קלמנען אויף דיר אין גאַנצן און אויף אזעלכע לאַכודרעס ווי דו״.

„פאַרכוואַטער הונט איינער!״ האָט העטשע זיך אַ ריס געטאָן, ווי ער וואָלט וועלן העלפן זיין ברודער. „דו זאָלסט ניט סמייען ריידן אַ שלעכט וואָרט אויף אונדזער קלמנען. נאָך איין וואָרט און איך פאַרפאַר דיר אין פאָרטרעט, אז דו וועסט זיך באַגיסן מיט רויטע יויך״. ער האָט מיט רוגזה אַ כאַפּ געטאָן אַ ליידיקע פלאַש פון טיש און אַ פאָך געטאָן מיט איר אין דער לופט. „הער נאָר ווער עס רעדט מיט אזא חוזק וועגן קלמן בולאַן דעם פאַבריקאַנט, דעם דירעקטאָר״, האָט ער געשריען.

אין אברהמלס „קדשי־קדשים״ איז דער טומל געוואַקסן. עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן, כדי צו פארשטעלן דעם וועג פון די צעהיצטע ברידער. אז אברהמל האָט געזען ווי ס׳גייט זיך פאַרקאָכן אַ קאַשע, האָט ער מיט איין געשריי אלעמען איינגעשטילט. ער איז שוין געווען געניט אין דעם געמיט פון האַלב־שיכורע געסט און געוווּסט ווי מען מאַכט זיי רואיק. ער האָט זיך דערלאַנגט אַ קער צו כאַטשען און העטשען, און מיט אַ טאָן גע־מישט מיט מוסר און געבעט האָט ער צו זיי גערעדט:

„היי, איר צוויי ברידער, וואָס טוט זיך דאָ מיט אייך? וואָס האָט איר זיך אזוי ארויפגעוואָרפן אויף אַ מענטשן, וואָס האָט געפּרוווט מאַכן אַ ביסל שפּאַס. קענט איר ניט נישקע דעם לץ? דאָס איז דאָך זיין שוואַכקייט: מאַכן פון אַלץ און פון אַלעמען חוזק. און איר ווייסט דאָך, אז ניט ער ווייס און ניט ער מיינט וואָס ער זאָגט, בפרט אז ער האָט שוין פריער אריינגע־וואָרפן אַ פּאָר שנעפּסלעך, איז די צונג שוין לויז. שעמען זאָלט איר זיך

אַלע — גרויסע דערוואַקסענע מענטשן און מאַכן זיך נאַריש ווי קליינע יינגלעך".

אברהמל האָט זיך גענומען צום עולם, וואָס האָט זיך אָן איינגעשטילטער גענומען אַראָפּלאָזן אויף די ערטער:

„איך פאַרזיכער אייך, אַז יעדער וואָרט וואָס איז געשריבן אין בריוו, איז קדוש וטהור, ווי די תורה אליין. איך קען קלמנען בעסער פון אייך אַלעמען, ווייל אונטער ד' פיר ווענט האָט ער זיך געהאָדעוועט און איך זאָג אייך בהן שלי, אַז אזא אָרנטלעכן און יושרדיקן מענטשן ווי קלמן בולאַן איז דאַרף מען ווייט זוכן, ניט נאָר אין דער ווילדער אפריקע, נאָר אפילו צווישן אונדזערע יידן זיינען אזעלכע ניטאָ. און אַז קלמן האָט זיך געקענט ארויפּ־אַרבעטן אזוי הויך, דאַרף זיין ביי אונדז א גרויסע שמחה. און טאַקע לכבוד דעם שטעל איך היינט משקה מיט צובייסן און מיר וועלן טרינקען פאַרן געזונט פון קלמן בולאַן, וואָס איז געוואָרן אַ דירעקטאָר פון אַ שוכפאַבריק. אָבער קודם לאָזט פאַרענדיקן און לאָמיר הערן דעם סוף".

ווידער איז געווען שטיל. אברהמל האָט פאַרגעזעצט מיטן לייענען און אַלע האָבן געהערט, אַז קלמן וויל אריבערנעמען צו אים אין פאַבריק כאַ־טשען מיט העטשען און אברהמל דעם פראַטשעשניק. און מ'האָט נאָך גע־הערט דעם גרוס צו געצל שמושטשיכעס און מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט ער דערמאָנט דאָס שטעטל, און ווי נאָר אברהמל האָט פאַרענדיקט לייענען דעם בריוו איז געוואָרן אַ בראַוואָ־פּאַטשערײַ און אַ הורא־געשריי פאַר קלמנען.

פלעשער בראנפן מיט צובייסן זיינען צעשטעלט געוואָרן אויף די טישן, ווי אויף אַ חתונה. מ'האָט געזען אַז אברהמל איז דאָס מאָל מכבד זיינע געסט מיט אַ פולער האַנט און פון גאַנצן האַרצן. ער אליין האָט זיך אָנ־געגאָסן אַ גלעזל, ניט ווי זיין שטייגער צו טרינקען אַ פולע גלאָז ווי אַ שיכור, האָט אַ פּאַטש געטאָן אין טיש, ווי דער שמש אין שולחן בעת אַ מגיד הייבט אָן זיין דרשה, און געזאָגט:

„ברידער, לאָמיר היינט טרינקען פאַרן געזונט פון קלמן בולאַן, וואָס איז פון אַ שמייסער־יינגל און פון אַ נאַסילשטשיק צווישן גויים אויפן וואָק־זאַל, געוואָרן אַ גביר אין אַפריקע. צו ווערן פון אַ קאָזלע־זיצער אַ דירעק־טאָר פון אַ שוכפאַבריק וואָס וואַרפט ארויס טויזנטער פּאָר שיך אַ טאָג, איז ניט קיין קלענערער מהלך ווי פון אונדזער שטעטל ביז אפריקע. לחיים

פאַר קלמן דעם פאַבריקאַנט, אויף אַלע אונדזערע גוטע פריינד געזאָגט געוואָרן!"

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט לכבוד קלמנען און אויסגערופן אין אַ כאָר לחיים! מען האָט געגעסן און געטרונקען און געלויבט קלמנען צוזאַ־מען מיט אברהמלען. אין „קדשי־קדשים" ביי אברהמל דעם פּראַטשעשניק האָט מען געקלאַפּט כסדר גלעזלעך מיט בראַנפן, מ׳האָט פאַרביסן מיט שטיקלעך הון, מיט ווורשט און אוגערקעס, מיט הערינג און ציבעלע. ס׳איז געווען פון אַלץ און אויך דער טומל איז געווען אַ היימיש־קרובישער. מיט אַ מאָל האָט זיך אברהמל אויפגעשטעלט, די אויגן האָבן אים פריילעך געגלאַנצט, ווי ביי אַ יינגל אַ שטיפער.

איצט קומט דאָס שענסטע — האָט מען זיך צוגעוווּנקען איבער די טישן, ווען מ׳האָט באַמערקט ווי אברהמל איז זיך ווידער מכין עפּעס צו זאָגן.

„רבותי", האָט אברהמל אָנגעהויבן מיטן ניגון פון אַ מגיד, „ווי איך האָב פון פריערדיקן טומל באַמערקט, בעתן לייענען קלמנס בריוו, זיינען פאַראַן צווישן אייך אַזעלכע וואָס ספקן אין דער אמתדיקייט פון קלמנס שרייבן, איז אָבער צוזאַמען מיטן בריוו אויך אָנגעקומען אַן עדות, אַזוי צו זאָגן, אַזש פון אפריקע וואָס קען באַשטעטיקן קלמנס רייד וואָרט ביי וואָרט..."

די מענטשן ביי די טישן האָבן זיך איבערגעקוקט צעטומלט. וואָס מיינט ער עס מיט אַן עדות פון אפריקע? און כמעט אַלע זיינען געווען זיכער, אַז אברהמל האָט שוין איבערגעכאַפּט די מאָס און רעדט שוין פון וועג. איינער האָט ניט דרייסט אפילו אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער אויפן קאָפּ, וואָס האָט געמיינט אַז דער בראַנפן האָט אים שוין ארויפגעשאָסן אין די געהירן. און נאָך מער פאַרדעכטיקט איז עס דעם עולם געוואָרן, ווען אברהמל האָט צוגעגעבן: „און דער עדות איז ניט קיין אַנדערער טאַקע, נאָר קלמנס יונג און שיין ווייבל וואָס האָט געקאָנטשעט ביי פּאָניען נאָך אַ רוסישע גימענאַזיע און זי איז איצט אַ גרויסע געלערנטע..."

איצט זיינען שוין אַלע געווען זיכער, אַז אברהמל טרייבט מיט זיי חוזק. מ׳האָט זיך אינסטינקטיוו ארומגעקוקט אין צימער, אַ קשיא אויף אַ מעשה: אפשר האָט אברהמל פאַר זיי צוגעגרייט אַ שפּיצל, טאַקע ווי דער כישוף־מאַכער אויפן יאַריד. און אברהמל האָט אויסגערופן: „אָט האָב איך טאַקע קלמנס ווייבל, ביי מיר אין קעשענע..." און די וואָס האָבן זיך ניט געכאַפּט

אויפֿן שפּיצל האָבן ארויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. דערווייל אָבער האָט שוין אברהמל געהאַלטן אין האַנט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס איז געווען אָנגעקלעפּט אויף האַרטן פּאַפּיר.

„אָט האָט איר די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם פֿאַבריקאַנט קלמן בולאַן מיט זיין ווייב, וואָס איז אָנגעקומען צוזאַמען מיטן בריוו. זאָל זיך אויסשטעלן אַן אָטשערעד און יעדער וועט קענען צוגיין און זיך איינקוקן אין דער קאַרטע, אָבער קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן אָנרירן די פֿאָטאָגראַפֿיע מיט פֿאַרבלאָטיקטע הענט. איר וועט זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פֿון קלמנס רייד. קוקט זיך גוט צו", האָט ער גערעדט צום עולם וואָס האָט זיך געשפּאַרט ווי אַ גערדיכטע מאַסע צום טישל, „און זאָגט אַליין, וועט אזא מאַן אין אַ צילינדער מיט אזא גאָלדענעם זייגער מיט א קייט, אייך נאַרן? איז עס ניט א בילבול אויסצוטראַכטן, אז די מעשה איז אַ ליגן. די פֿאָטאָגראַפֿיע מיטן ווייב איז דאָך דער בעסטער עדות, אז קלמן איז אַ גביר אדיר, אַ פֿאַבריקאַנט און אַ דירעקטאָר.

„און איר דאַרט, ביידע ברידער", האָט ער דערלאַנגט פֿון דער וויטן אַ טייטל מיטן פֿינגער צו כאַטשען און העטשען וואָס האָבן זיך ניט גע־שטופּט צום טישל, „וועט דאָך שוין גאָר אין גיכן זיין אליין אפֿריקאַנצעס — טאָ גיט זיך די הענט מיט דעם נישקע, וואָס איר האָט זיך פֿריער אויף אים געוואָרפֿן און אים געוואָלט מכבד זיין פֿאַר גאָר ניט, און לאָמיר איצט אַלע צוזאַמען ווידער טרינקען אַ לחיים!"

נישקע האָט אַ צופֿרידענער אויסגעשטרעקט זיין האַנט פֿון געזעמל ארויס און צוויי פּאָר הענט האָבן זיך געשאָקלט מיט „מוחל, מוחל, נישקע" און „פּאַרט געזונטערהייט, כאַטשע! פּאָרט געזונטערהייט, העטשע!"

הענט האָבן זיך געשטעקט צו זיי פֿון אַלע זייטן מיט אלערליי ברכות:

„זאָל זיין מיט גליק, העטשע! זאָל זיין מיט הצלחה, כאַטשע!"

„אַ גוטן שליטוועג!..." האָט אַ לץ אריינגעוואָרפֿן און אַלע האָבן גע־לאַכט.

„און אז גאָט וועט העלפֿן וועל איך אויך מסתמא זיין אן אפֿריקאַניעץ!" האָט אברהמל אריינגעשריען אין טומל. „טאָ נאָך אַ מאָל לחיים פֿאַרן נייעם אפֿריקאַניעץ!"

12

ס׳ווערט לעבעדיק אין שטעטל

מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן קלמנס בריוו. איבערן שטעטל האָט מען ווי אויף טעלערלעך צעטראָגן די ניסים וואָס האָבן פּאַסירט מיט קלמן בולאַן און דערביי ניט געזשאַלעוועט צו דערלייגן וואָס מער גוזמאות. איינער האָט דערציילט, אַז דער בולאַן גרייט זיך בויען זיינע אַן אייגענע שול, בלויז פאַר די שטעטלשע יידן. אַ צווייטער איז געקומען און געזאָגט, אַז קלמן, וואָס איז געוואָרן דער מיליאָנער קעלי טראַי, קלייבט זיך אריבערנעמען דאָס גאַנצע שטעטל צו זיך קיין אפריקע און וועט יעדערן באַזאָרגן מיט אַ גוט־באַצאָלטע שטעלע. ס׳איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז חברה ליידיקגייער האָבן שוין געטראַכט וועגן פּאַקן די פּעקלעך און זיך לאָזן על־חשבון הגביר קיין אפריקע. דאָרטן וועלן זיי זיין פאַרזאָרגט מיט אַלעם גוטן.

אין דער בעל־עגלהשער קרעטשמע האָט זיך געטומלט, ווי ערב אַ יאַ־ריד. מען האָט ניט אויפגעהערטריידן וועגן דעם קלמן בולאַן, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון צעך, און די וואָס זיינען געווען מיט אים גוטע ברי־דער האָבן זיך איבערגענומען מיטן ייחוס פון זייער קרובהשאַפט. ביי עליע דעם בעל־עגלה זיינען אפילו געשטאַנען טרערן פון שמחה אין די אויגן, ווען ער האָט גערעדט וועגן קלמנען. ער האָט אויפגעגראָבן פון זיין האַרצן אזוי פיל דעראינערונגען פון די טעג ווען קלמן איז געווען אַ שמייסער ביי אים. ווי ער האָט דאַן געהיט ווי די אויגן אין קאָפּ זיינע צוויי פערד, דעם קאַשטאַן און דעם בולאַן, ווי אזוי ער פלעגט ריידן צו זיי ווי צו זיינס אַ גלייכן און די פערד האָבן אים פאַרשטאַנען. „אפילו פערד דערפילן די גוטסקייט פון אַ מענטשן״, האָט עליע דערקלערט, „און קלמן איז געווען אַ בעל־רחמים״.

נאָך האָט מען דערציילט און איבערדערציילט עפּיזאָדן פון יענע יאָרן, ווען קלמן פלעגט פירן דעם אָבאָז. און ווען קלמן איז געוועזן פון פאָרנט, האָבן אין די הינטערשטע בוידן אלע געקענט רואיק שלאָפן. עליע האָט זיך ווידער אריינגעמישט, ווי ער וואָלט געהאַט די קאַראַבקע ביי די בעלי־עגלות אויף קלמנען. צום וויפלטן מאָל האָט ער איבערדערציילט די מעשה פון געשלעג מיטן פאַן מיכאל און מיקאָליי ריזשי. אָבער וויפל מאָל עליע האָט ניט איבערגעחזרט די געשיכטע, איז דער אינטערעס פון די אריבערגעבוי־גענע יידן מיט די בייטשן אין די הענט, אַלץ מער געוואַקסן, ווי זיי וואָלטן זיך ניט געקענט אָפּוונדערן גענוג פון דער גבורה פון בולאַן.

ווען קלמנס גרוס איז דערגאַנגען צו געצל שמושטשיכעס, האָט ער זיך אויך אראָפּגעכאַפּט אין קרעטשמע הערן אַ ביסל מער נייעס פון די, מיט וועמען קלמן איז געווען אַ נאַש־בראַט. ער האָט געטראָפן דאָרט די בעלי־עגלות און שמייסערס אין אַ רעדל ארום עליען און יענער דערציילט קלמנס גבורות און אַלע באַלעקן זיך פון דעם.

געצל האָט זיך ניט געקענט מער איינהאַלטן און געמוזט דערציילן מיט אַלע פּיטשעווקעס די מעשה, ווי מ׳האָט זיך געגרייט צום פּאַראַד אין דראַגו־נער פּאָלק. ווי אזוי זיין קאָבילע, די כאָלעריע האָט איר געמעגט נעמען, האָט זיך אין מיטן מאַרש אוועקגעשטעלט דיבאָם און ניט גערירט זיך פון אָרט, כאָטש גיט איר אַ קרענק. ווי מאַזורקאַ, דער זוואָדנער מיטן רויטן גע־

שטופּלטן פּנים, האָט אים, געצלען, געפּאַטשט אויף רעכטס און לינקס און געשריען מיט ווילדע קולות, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! און ווי אַזוי קלמן איז אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד און פאַרפּאָרן דעם פּאַסקודנעם דבר־אחר איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז יענער איז געבליבן אויסגעצויגן פאַרן גאַנצן זוואָד אין די אויגן ווי אַ בר־מינן.

נאָך אַלע מעשיות האָט מען פאַרענדיקט מיט משקה און צובייסן אויפן חשבון פון עליען. ר׳ עליע אַליין האָט געהאַלטן אַ דרשה לכבוד קלמנען און מ׳האָט געטרונקען פאַר זיין געזונט. עליע האָט דערמאָנט וואָס פאַר אַ גרויסער מיליאָנער קלמן איז געוואָרן אין אַפריקע, אַז ער וויל אַריבערנעמען אַ האַלב שטעטל יידן און דער געצל שמושטשיכעס איז פון די ערשטע קאַנדידאַטן, חוץ כאַטשען און העטשען, אויף דער ליסטע. פאַראיינס האָבן שוין אַלע צוגעוווּנטשן געצלען אַ „פאָר געזונט!" נאָך דעם האָט מען אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע — ר׳ עליען און געצלען — וואָס זאָלן גיין צו כאַטשען און העטשען אַנטלייען די שיפס־קאַרטע און עס ברענגען ווייזן אין קרעטשמע.

* * *

שבת נאָך הבדלה, ווען בעלי־בתים קלייבן זיך צונויף ביי הערצל דעם שוסטער, וועלכער איז פאַר די לעצטע יאָרן געווען גבאי פון בית־מדרש, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אברהמל דער פּראַטשעשניק און כאַטשע מיטן בריוו אין האַנט, אָפּצוגעבן אַ גרוס פון קלמנען. האָט מען שוין דעם שבת־צו־נאַכט ניט אַרומגערעדט די שטאָטישע ענינים, ווי תמיד, נאָר אָנשטאָט דעם האָט אברהמל בקול רם פאָרגעלייענט קלמנס בריוו. די בעלי־בתים זיינען געזעסן בהרחבה ביי אַ גלעזל טיי און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. אָבער ווען אברהמל איז געקומען צו דעם אָרט ווי קלמן ווערט אַ פאַבריקאַנט און אַ דירעקטאָר, האָט מען זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכעלע, ווי איינער וואָס זאָגט: צי קענען מיר, חשובע בעלי־בתים, גלויבן אין די אַלע מעשיות וואָס מיר זעען ניט מיט די אייגענע אויגן. אַנדערע האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

דער ערשטער האָט איבערגעריסן די שטילקייט מענדל מעקיניק. ווי נאָר אברהמל האָט געענדיקט לייענען האָט ער אויף זיין קוויטשיקן בייקול זיך צעשריען:

„ווייסאיך וואָס? איך גלויב ניט אַ וואָרט וואָס שטייט געשריבן אין

בריוו. ווייסיך וואָס דער בולאַן האָט דאָרט צוזאַמענגעפּלאָנטערט. מסתמא זיך אָנגעשיכורט און געבעטן עמעצן אָנקאַטשקען אַ בריוו, כדי צו מאַכן חוזק פון גאַנצן שטעטל. מען וועט דאָך לאַכן פון אונדז אין די הויפנס. אז סך־הכול איז ער דאָרטן, אין דער ווילדער אפריקע, עטלעכע יאָר, און האָט שוין פּאַספּייעט צו ווערן אַ דירעקטאָר, אַ פאַבריקאַנט, אַ גאַנצער מיל־יאָנסטשיק, מיינע שונאים. אז מיר וועלן ניט גלויבן די חד־גדיא וועלן מיר אויך לעבן בלייבן!״

מענדל מעקיניק האָט זיך געקאַכט און כאַטשען האָט יעדער וואָרט גע־ברענט. פאַר אָט אַזעלכע ווערטער האָט ער דאָך געוואָלט נישקען דורס זיין ביי אברהמלען אין קדשי־קדשים. כאַטשע האָט געפילט ווי די יוכע וואָלט אים אריין אין די שפּיץ פינגער, ער וואָלט דעם מענדלען איצט אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל און געמאַכט פון אים אַ בר־מינן. אָבער אברהמל דער פּראַט־שעשניק האָט געהאַלטן זיינע ביידע עינים אָנגעשטעלט אויף כאַטשען, ווי אַ פּאָר גאַראַדאָוואָיעץ וואָס היטן אַן ארעסטאַנט. כאַטשע האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון אברהמלס קוקערס. ער האָט פאַרביסן די ליפּן פאַר כעס און זיך אָפּגעקערט, ניט געוואָלט קוקן מענדלען גלייך אין פנים.

„וואָס רעדט איר, ר׳ מענדל?״ האָט אברהמל זיך גענומען צו זיין סטראַטעגיע, וואָס ער האָט געוווסט, אז מיט דעם פּטרט ער מיט איין קלאַפּ אַלע מענדלס ארגומענטן. פון אַ סך פּאַפּירן האָט ער ארויסגעוויקלט די באַרימטע פאָטאָגראַפיע פון קלמנען און זיין פרוי. „קוקט זיך נאָר גוט איין. נאַט, זאָלן אַלע זען. קיינער קען דאָך ניט אָפּלייקענען אז די קאָרטע איז ניט פון קלמנען מיט זיין שיין ווייבל״.

פון מעקיניקן איז די פאָטאָגראַפיע איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און מיט רעספּעקט איבערגעגעבן געוואָרן הערצלען דעם גבאי. הערצל האָט גענומען די פאָטאָגראַפיע אין האַנט אריין און זי גוט באַטראַכט, ווי אַ ייד וואָס פאַרטיפט זיך אין אַ לומדי׳שן ענין. נאָך דעם האָט ער זיך אויפגע־שטעלט, טאַקע ווי פאַר אַ חשובן ענין, און ווי אַ גרויסער דעקלאַמאַטאָר האָט ער געציילט די ווערטער, כדי זיי צו געבן וואָס מער וואָג און זיי זאָלן מאַכן דעם אמתן איינדרוק.

„רבותי, איך האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום בריוו, און איצט, קוקנדיק אויף דער פאָטאָגראַפיע, דערמאָן איך זיך קלמנען ווי ער שטייט און

גייט. איך וויל אײַך זאָגן, אַז איך גלויב אין יעדער וואָרט וואָס מיר האָבן דאָ געהערט. דאָס זײַנען אמתע ווערטער און געשריבן פון קלמנס טיפן האַרצן. אַזעלכע זאַכן וואָס קלמן באַשרײַבט קענען ניט טרעפן ביי אונדז אין שטעטל, אָבער אין אַפריקע, און נאָך אין יאָהאַנעסבורג דערצו, טרעפן אַזעלכע זאַכן כמעט יעדן טאָג. און עס איז מיר גאָר ניט קיין וווּנדער אַז דאָס האָט פּאַסירט מיט קלמנען, ווײַל קלמן, ווי איך געדענק אים, איז געווען אַן ערנסט־לעכער, אַ האָרעפּאַשנער און ניט קיין פוילער חברהמאַן — און פאַר אַזעלכע ווי ער איז אַפריקע ווי אָנגעמאָסטן".

הערצל האָט איצט גערעדט מיט פּאַטאָס, ווי ער וואָלט פאַרטיידיקט אַ באַליידיקטן פרײַנד.

מענדל מעקיניק איז געזעסן אײַנגעקאָרטשעט, ווי הערצלס רייד וואָלטן אים געטראָפן און ער וויל זיך פון זיי אויסבאַהאַלטן. הערצלס אויג האָט אויפגעכאַפּט מעקיניקס פּאָזיציע און ער איז געווען צופרידן. ער האָט גוט געדענקט דעם סקאַנדאַל בעת קלמן האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר די נאָוואָ־בראַנצעס און פון דעמאָלט אָן איז אים דער מעקיניק געבליבן אַ דם־שונא.

„און נאָך אַ סימן האָט איר אַז קלמן שרײַבט אויס אַלץ אָרנטלעך, איז וואָס ער דערמאָנט די הילף פון זײַן אָנקל און נעמט ניט אַלץ אויף זיך. איר דאַרפט וויסן אַז זײַן אָנקל איז נאָך פאַר מײַן צייט, ווען איך בין געווען אין אַפריקע, שוין דאַן געווען אַ ייִד אַן עושר. ער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט געלט, כאָטש דעם אמת האָט ער קיינעם קיין פּעני ניט געגעבן — ניט אויף צדקה און אפילו זיך אַליין ניט פאַרגונען, אפילו דאָס עסן..."

הערצל האָט אַ ביסל אויפגעהייבן דעם טאָן: „הײַנט, אַז דער סעם מייקל, זײַן אָנקל, האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן און געהאָלפן קלמנען קויפן אַ פאַבריק, איז עס מסתמא קלמן ווערט. קלמן האָט עס אוודאי פאַרדינט, אַז אויך מיר, די ייִדן פון שטעטל, זאָלן אים טראָגן אויף די הענט און אָפּגעבן כבוד, ווײַל אַ דאַנק אים קומט דאָך די הילף פאַר אַלע אונדזערע אַנשטאַלטן אין שטעטל. ער און זײַן ווײַב האָבן דאָך די ערשטע געשריבן צו אונדז נאָך דער מלחמה און אַזוי פיל געהאָלפן אויפצובויען אַ ייִדישע שול פאַר קינדער, אַ גמילות־חסד, אַ מושב־זקנים און וואָס ניט! און ער איז דאָך דאָרטן דער פאָרזיצער פון די לאַנדסלײַט פון שטעטל. הײַנט אויב זיי פאַרלאָזן זיך אויף אים, איז ער דאָך ביי זיי אַן אָנגענומענער

מענטש. און אויב ער פאַרדינט זייער צוטרוי, מעגן מיר אים דאָך אוודאי גלויבן".

הערצל האָט אַ הייב געטאָן איבער אַלעמענס קעפּ די פאָטאָגראַפיע, ווי ער וואָלט אויפגעהויבן די ספר־תורה פאַר אַן עדה יידן.

„יאָ, מיינע פריינד, דאָס איז אונדזער קלמן, דער מאַן וואָס מיר האָבן רעכט צו זיין שטאָלץ מיט אים. ער איז דער פאָרזיצער פון אונדזער שטעטלשן קאָמיטעט אין יאָהאַנעסבורג. ער איז מער ניט קלמן בולאַן, ווי מיר האָבן אים דאָ גערופן, נאָר דאָרט באַציט מען זיך צו אים מיט רעספּעקט און מ'רופט אים מ"ר קעלי טראַי, און אויף אַ מיטינג רופט מען אים מ"ר טשערמאַן — און דאָס קען נאָר טרעפן אין יאָהאַנעסבורג! ווייל וואָלט ער געווען דאָ, וואָלט ער אפשר נאָך היינט פאַרבליבן אַ בעל־עגלה און אַ וויס־טער קבצן".

הערצל האָט זיך אויסגעדרייט צו אברהמלען און כאַטשען:

„אייך, ר' אברהם און ר' כאַצקל, גיב איך מיין פריינדלעכע עצה, און איך האָב עס פון מיין דערפאַרונג געלערנט און איר וועט עס געוויס אָנ־נעמען. פאָרט מיט מזל קיין אפריקע! דאָרטן איז אַ פרייע מדינה און איר וועט אַ ניי לעבן אָנהייבן, אַ לעבן פאַר זיך און פאַר אייערע קינדער פון וועלכן איר קענט דאָ אפילו ניט חלומען. זאָל אייך זיין מיט גליק און גע־דענקט: קלמן איז אייער בעסטער פריינד, אפשר גאָר דער מלאך המושיע!"
האָט ער פאַרענדיקט זיין דרשה אויף אַ הויכער נאָטע און אַלע האָבן אים אַפּלאָדירט, חוץ מענדל מעקיניק.

אברהמל מיט כאַטשען האָבן זייער פיין און וואַרעם באַדאַנקט ר' הערצ־לען פאַר זיין עצה און זיינע ברכות. כאַטשע איז גרייט אפילו שוין באַלד צו פאָרן אַהין, אין דער ווייטער אפריקע, האָט ער פאַרזיכערט הערצלען ביים געזעגענען זיך. ביים זאָגן אַ גוטע נאַכט צו אַלעמען, האָבן זיך באַגעגנט צוויי פּאָר אויגן — כאַטשעס און מענדל מעקיניקס — און מענדלען זיינען שיעור ניט איינגעפאַלן די דמים פון כאַטשעס ברענענדיקן קוק.

ווי נאָר זיי האָבן פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך האָט כאַטשע ארויס־געפּלאַצט:

„ר' אברהמל, איר ווייסט, ווען ניט איר וואָלט איך אים צעטרייבערט ווי אַ טריפהנעם עקסל, אָט דעם מיאוסן מעקיניק. וואָס פאַר אַ ווערדע האָט ער ביי מיר?"

כאַטשעס מאָגנעדיקע רייד האָבן ארויסגעבראַכט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויף אברהמלס וואָנצע: „בעסער אזוי, כאַטשע. די רייד פון הערצלען האָבן אים מער ווי געטאָן ווי דו וואָלסט עס געקענט טאָן מיט דיינע געזונטע ידיים".

כאַטשע — קלמנס ערשטער גאַסט

ס'האָט לאַנג ניט גענומען און אַ בריוו איז אָנגעקומען צו קלמנען. דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף זיין בריוו און געשריבן איז עס געווען דורך פריידקען, כאַטשעס טאָכטער, אין נאָמען פון דער גאַנצער משפחה.

פריידקע האָט מיט אַלע פרטים אויסגעשריבן וואָס פאַר אַ גוואַלדיקן איינדרוק קלמנס בריוו האָט געמאַכט, און איבערהויפּט די פאָטאָגראַפיע פון אים און זיין ווייב. זי האָט געשריבן אז דאָס שטעטל איז געגאַנגען כאַדראָם און מ'האַלט נאָך אַלץ אין איין ריידן וועגן אים, קלמנען און וועגן זיין ווייבל, די קראַסאַוויצע און יעדער האָט געוואָלט זען די קאַרטע, אזוי, אז מ'איז גע־שטאַנען אין אַן אָטשערעד. „דער פרינץ און די פרינצעסין אליין וואָלטן ניט געקענט דערוואַרטן אַ גרעסערן כבוד ווי מ'האָט אייך אָפּגעגעבן. אז ס'איז גאָר דאָס אַלץ ניט מעגלעך צו באַשרייבן מיט ווערטער", האָט פרייד־קע זיך צעגאָסן מיט באַגייסטערונג.

„דאָס גאַנצע שטעטל איז מקנא דעם טאַטן מיטן פעטער און אברהמל דעם פּראַטשעשניק און געצלען, וואָס זיי וועלן אין גיכן פאָרן קיין אפריקע. דערווייל אָבער, האָט די משפחה באַשלאָסן, אז ניט אַלע זאָלן פאָרן אויף איין מאָל — דער ערשטער זאָל פאָרן דער טאַטע און ער זאָל פון דאָרט אָנשרייבן ווי אזוי עס גייט אים. און אז ער וועט זיין צופרידן, וועלן דער פעטער און די אַנדערע צוויי — אברהמל און געצל — גלייך נאָכקומען".

קלמן האָט קיין מינוט ניט פאַרלאָרן און גלייך אוועק צו זיין לאָיער און געבעטן צוגרייטן און אוועקשיקן אַלע נייטיקע פּאַפּירן. און טאַקע דעם זעלבן טאָג האָט ער זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו כאַטשען און אַלץ אים דערקלערט.

ראשית, האָט ער אים געבעטן, אז ער זאָל זיך גלייך אוועקזעצן לערנען ווי אונטערצושרייבן זיין נאָמען. נישקשה, פריידקע וועט עס אים צווייזן

און ס׳איז ניט קיין גרויסע תורה. ווייל ביים אַראָפּגיין פון שיף מוז מען כאַטש קענען זיך חתמנען, און ס׳מעג אפילו זיין אויף יידיש.

קלמן האָט ביי אַ רייזע־ביוראָ גלייך באַשטעלט אַ שיפסקאַרטע און גע־בעטן ארויסשיקן דעם בילעט צו כאַטשען. ער האָט נאָך צום בריוו צוגע־שריבן, היות ווי ער וועט אַלץ קריגן פּאַרטיק, זאָל ער אליין זיך אויך גלייך מכין זיין צו דער רייזע. ניטאָ וואָס מורא צו האָבן אויב מ׳קען מיט די גויים זיך ניט צוזאַמענריידן. נישקשה, ס׳פאַרן געגוג אַנדערע יידן וואָס קענען אויך ניט קיין אַנדער לשון ווי בלויז יידיש.

ער האָט אים נאָך געוואָרנט, אז ער זאָל למען השם קיינע מלבושים מיט זיך ניט מיטנעמען, ווייל די אַלע בגדים וואָס מ׳טראָגט אין שטעטל טויגן ניט פאַר דער מדינה און ער וועט זיך שעמען ארויסצוגיין אין גאַס אזוי אָנגע־טאָן. חוץ דעם זאָל ער ניט טריקענען קיין סוכאַרעס, ניט איינהאַנדלען קיין קנאָבל און ניט קיין וורשטן צי אַנדערע שמאַכטעס, וואָס יידן זיינען זיך נוהג מיטצונעמען אויף דער שיף מ׳זאָל קענען אָפּכאַפּן דאָס האַרץ. דאָס זיינען אַלץ קליינשטעטלשע נאַרישקייטן און איינריידענישן, ווייל עסנ־וואַרג אויף דער שיף איז פאַראַן כיד המלך. און קלמן האָט פאַרענדיקט זיין בריוו:

„ס׳איז פּשוט, ברודער כאַטשע, נעם דיין טשעמאָדאַנטשיק, הייב זיך אויף און זעץ זיך אויף דער שיף, וואָס די קאָמפּאַניע פון דער שיפסקאַרטע וועט דיר שרייבן פון וועלכן האַפן און ווען זי גייט אָפּ. מאַך קיין שהיות ניט און וואָס גיכער אַלץ בעסער פאַר דיר און דער גאַנצער משפחה. אי־בערהויפּט אָבער בעט איך דיר, לאָז וויסן ווען און מיט וועלכער שיף דו פאָרסט ארויס אזוי, אז כ׳זאָל וויסן ווען דיך אָפּצוואַרטן ביי אונדז״.

נאָכן אָפּשיקן דעם בריוו האָט קלמן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף כאַטשעס ענטפער. אונטער דער צייט האָט ער גענומען מאַכן צוגרייטונגען אויפצונעמען זיין גאַסט. ער האָט צוגעגרייט אַ שיינעם צימער ביי זיך אין הויז און אריינגעשטעלט אַהין אַלץ וואָס נייטיק, כדי אים צו מאַכן וואָס באַקוועמער. קלמן האָט אומגעדולדיק געציילט די טעג. איין טאָג איז אָנ־געקומען אַ בריוו פון כאַטשען און עטלעכע טעג שפּעטער אַ מעלדונג פון דער שיף־געזעלשאַפט ווען די שיף קומט אָן.

קלמנס צוזאַמענטרעף מיט כאַטשען

אַלץ איז געשען גיכער ווי קלמן האָט עס דערוואַרט. אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי ס׳איז אָנגעקומען דער ענטפער אויף קלמנס בריוו, איז געקומען אַ ידיעה פון כאַטשעס טאָכטער, אַז דער טאַטע איז שוין ארויסגעפאָרן. זי האָט מיט געדרוקטע לאַטיינישע אותיות געשריבן דעם נאָמען פון שיף, די דאַטע ווען זי פאַרלאָזט דעם פּאָרט אין ענגלאַנד און ווען זי קומט אָן קיין קייפּטאָן.

קלמן איז פון דער פּלוצלינגדיקער מעלדונג געוואָרן אזוי צעשרויפט, אַז ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך פון אומגעדולדיקייט. די צייט איז אים צו לאַנגזאַם געקראָכן און ער האָט געאַרבעט פיל שעהן. ער האָט אפילו באפרייט דזשעקן פון זיין וואָך קומען עפּענען און פאַרשליסן די פאַבריק. ער האָט אַלץ אליין געטאָן, כדי ניט צו מערקן ווי די צייט פויזשעט אזוי פאַמעלעך, ווי אַ ראַק. ער האָט געציילט די וואָכן, די טעג, אפילו די שעהן ביז כאַטשעס אָנקום אין קייפּטאָן און ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז זיי ווערן גאָר ניט ווייניקער. איין טאָג איז ער אריינגעפאַלן אין ביוראָ פון דער שיף־געזעלשאַפט און נאָך אַ מאָל קאָנטראָלירט די דאַטע, אפשר אַ טעות געוועזן. אָבער אַלץ האָט געשטימט.

אז די צייט איז געוואָרן גאָר קורץ, האָט ער שוין געמיינט אז ער שפּרינגט ארויס פון הויט. דזשעק און זיין אייגענע סאַניע האָבן געמערקט זיין אומגעדולד און האָבן אים געראַטן, אַז ער זאָל גאָר צופאָרן קיין קייפּטאָן און וועט אויף דער שיף כאַטשען מאַכן א סורפּריז־באַגעגעניש. קלמן האָט זיי ניט דערציילט, אַז ער אליין טראָגט זיך שוין ארום מיט דער אידעע אַ פּאָר וואָכן און זיי האָבן אים פּשוט ארויסגעהאָלפן מיט זייער עצה. ס׳איז סיינוי געווען זיין באשלוס עס צו טאָן.

און דער טאָג איז געקומען. אָט שטייט ער שוין ביים האַפן, אין קייפּטאָן. די שיף איז צוגעשוואומען אין סאַמע באַגינען צום ברעג. קלמן האָט באַטראַכט די גראַמאַדנע שיף און ס׳האָט אים פריידיק אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן: אויף דער שיף געפינט זיך כאַטשע! ער האָט זיך אין יאָהאַנעסבורג געהאַט באַזאָרגט מיט אַ רעקאָמענדאַציע־פּאַפּיר פון דער שיף־געזעלשאַפט ארויפצוגיין אויף דער שיף און אָפּנעמען כאַטשען. קלמן האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן געזעמל יידן, וואָס זיינען געקומען אָפּוואַרטן

משפּחה און קרובים, און מ׳האָט אים דערלויבט ארויפצוגיין אויף דער שיף. אַלע האָבן אים מקנא געווען און געווען זיכער, אז ער איז עפּעס אַ וויכטי־קע פּערזאָן.

קלמן איז שוין אויפן דעק. די גאַנצע פּאַרענטשע פון פּאַרנט איז ענג מיט מענטשן, וואָס קוקן זיך אויס די אויגן צו דער מאַסע אונטן, טאָמער וועט מען דערזען אַ קרוב צי אַ פריינד. קלמנס אויגן נישטערן צווישן די אָנגעלענטע מענטשן אויף דער פּאַרענטשע, אפשר איז וואו פון זיי כאַטשע. כאַטשע האָט שוין פון סאַמע פּאַרטאָג פאַרנומען אַן אויבן אָן פּלאַץ, פון וועלכן ער זאָל קענען ארויסקוקן אויפן האַפן. איצט קוקט ער מיט נייגער ווי ס׳לעשן זיך די לעצטע ליכט־פונקען און פייערלעך פון די בערג ארום קייפּטאָן. באַגינען האָט אים די גאַנצע שטאָט אויסגעזען פון דער ווייטנס ווי איינגעטונקט אין ליכט. איצט הייבט די זון אָן ארויסקריכן פון הינטער די בערג און ס׳ווערן אַלץ מער קענטיקער די פּנימער פון די מענטשן אויפן ברעג.

כאַטשען וואָלט קיין מאָל ניט איינגעפאַלן, אז דער אויסגעפּוצטער, הויכער און ברייטפּלייציקער מאַן, וועלכן ער האָט ערשט געזען ארויפגיין אויף דער שיף, איז גאָר קלמן. לכתחילה האָט ער גאָר ניט דערוואַרט אז קלמן זאָל אים קומען באַגעגענען אין קייפּטאָן. ער האָט אפילו געצווייפלט צי קלמן וועט האָבן צייט אים צו קומען באַגעגענען אויפן וואָקזאַל אין יאָ־האַנעסבורג, ווערדליק ער איז אזוי פאַרנומען אין זיין פאַבריק. האָט ער דערוואַרט אז קלמן זאָל שיקן זיין ווייבל אָדער עמעצן אַנדערש אים אָפּנע־מען פון דער באַן און אריבערברענגען צו זיך אהיים.

* * *

ווען כאַטשע האָט געזען ווי דער גרויסער מאַן וואָס איז ערשט ארויף אויף דער שיף שטייט פון דער ווייטנס און קוקט אים אָן מיט אַ פּאָר דורכ־דרינגלעכע אויגן, האָט אים מיט איין מאָל אַ פּיק געטאָן אין מאַרך אַן אָפּ־שיין פון קלמן בולאַנס פּאָסטאַטשע. עפּעס אַן ענלעכער פּנים, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און ניט געקענט גלויבן אז דער מאַן, אָנגעטאָן ווי דער גרעסטער פּריץ אין דער היים, זאָל עס זיין דער אייגענער קלמן בולאַן. ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, ווען ער האָט געהערט ווי דער מאַן שרייט אריבער צו אים אין טומל: מיסטער כאַטשע שמידזאַק! איין מאָל און נאָך אַ מאָל.

כאַטשע האָט דערקענט קלמנס שטימע. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פאַרענטשע און צוגעלאָפן צו אים. איבערראַשט און צעטומלט איז ער שטיין געבליבן אַנטקעגן דעם ברייט־ביינערדיקן אין שיינעם גאַרניטער אויסגע־פוצטן מאַן. ער האָט באַקוקט ווי אַ צעשראָקן קינד זיין ווייסע מאַנישקע מיטן שיינעם שניפס און די גרויסאַרטיקע שליאַפע און זיך ניט געוואַגט אים אָנצורופן ביים נאָמען.

„כאַטשע!" האָט קלמן ניט ווי מיט זיין שטים אויסגערופן, צוגעלאָפן צו אים און אים ארומגעכאַפּט און איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, אַז כאַטשעס ביינער האָבן געגנומען קנאַקן, און אים באַפאַלן קושן אויף בײדע באַקן: „כאַטשע, וואָס מאַכסטו? דאַנקען גאָט, אַז מ'האָט דערלעבט זיך צו זען".

כאַטשע, שוין זיכער אַז דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי דער אַמאָלי־קער קלמן, וואָס ער האָט עס דערפילט פון זיינע שטאַרקע ידיים, האָט נאָך אָבער אַלץ ניט געהאַט די דרייסטקייט אים צוריק צו קושן. ער האָט די ערשטע רגעס זיך געהאַלטן ווי פון דער ווייטן, ווי אַ מחיצה וואָלט צווישן זיי געשטאַנען. נאָר אין דער רגע ווען ער האָט אין קלמנס אויגן באַמערקט די קינדישע בלישטשענדיקע טרערן, איז מיט איין מאָל די מחיצה פאַר־שוווּנדן און ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן מער און פונאַנדערגע־וויינט. זיי זיינען בײדע געשטאַנען ארומגענומען ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט און דער עולם ארום האָט באַוווּנדערט מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט די צוויי מענטשן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. קלמן האָט געגלעט כאַטשעס פלייצע, אים באַרואיקנדיק:

„נו, גענוג, כאַטשע, גענוג וויינען. אַז דו ביסט שוין דאָ וועט אַלץ זיין גוט. באַלד וועלן אויך די אַנדערע קומען. אָט גאָר אין גיכן וועלן מיר דאָ אָפּוואַרטן דיין כיענקען, העטשען מיט אייערע קינדער".

„יאָ, קלמן, יאָ", האָט כאַטשע ניט געקענט ארויסברענגען מער ווי די צוויי ווערטער פון אויפרעקונג און אין האַלדז האָבן נאָך אַלץ געשטיקט טרערן.

איילּיק האָט קלמן דערליידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן אין עמיגראַציע־אָפיס. אַ באַאַמטער האָט כאַטשען אַראָפּגעפירט פון שיף אין קאַנטין און אַ שעה שפּעטער איז מען שוין געפאָרן צוזאַמען אין אַ טאַקסי און פאָרפאָרן צו איינעם פון די בעסטע האָטעלן אין קייפּטאָון.

קלמן האָט כאַטשען אַריינגעפירט אין עסזאַל. כאַטשע האָט זיך ניט געטרויט צו שטעלן אַ טריט אויף דעם רויטן פּוכיקן טעפּיך. ס׳איז געווען שפּעטלעך און אַלע געסט האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט זייער פרישטיק, איז קלמן געזעסן אנטקעגן כאַטשען און אים געגעבן אַ לעקציע אין די מאָדערנע דינים פון אכילה. ווי אַ קינד וואָס פאַנגט אָן צו עסן האָט ער אים געלערנט: „ערשטנס, דאָס מעסער האַלט אין דער רעכטער האַנט און דעם גאָפּל אין דער לינקער. און איצט קוק אויף מיר — וואָס דו זאָלסט ניט האָבן אין טעלער, פּיינקוכן, אַ לאַטקע, סטייק, דאָס איז אזא מין פלייש, אַלץ שנייד אָפּ אַ קליין שטיקל און נעם עס מיטן גאָפּל אין מויל אריין, און דער עיקר — קיי מיט אַ פאַרמאַכט מויל, ווייל די מענטשן דאָ האָבן ניט ליב אריינצוקוקן ביי יענעם אין מאָגן אריין. איך פאַרזיכער דיר, כאַטשע, אז די תורה וועסטו זיך גיך אויסלערנען און וועסט ווערן אויס גרינער נאָך גיכער ווי דו מיינסט. די הויפּזאַך איז אז דאָ, אין דער מדינה, וועסטו תמיד מוזן בלייבן אַ ווייסער. דאָס איז דער בעסטער קאָליר אין דעם שוואַרצן לאַנד...״

כאַטשע איז געזעסן אַנטקעגן קלמנען און קיין וואָרט ניט געהערט וואָס ער לערנט אים ווי אזוי צום עסן. ער האָט זיך ניט געקענט אָפּקוקן פון אים און זיין פריצישער אַנטועכץ. ער האָט זיינע אייגענע אויגן ניט געגלויבט און האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „אָט דאָס ביסטו טאַקע, קלמן, דו?״

קלמן האָט געזען ווי ער באַוואונדערט אים און ער האָט אים קלאָר געמאַכט:

„יאָ, דאָס בין איך, קלמן בולאַן! דער אַמאָליקער קלמנקע, וואָס איז געווען אַ שמייסער ביי עליע דעם בעל־עגלה, און שפּעטער אַ נאַסילשטשיק אויפן וואָקזאַל. און אויב דו גלויבסט מיר ניט, וועל איך דיר געבן אַ סימן: איך האָב זיך געוואַלגערט ביי דיר אויפן צעבראָכענעם טאַפּטשאַן, געדענקסט, כאַטשע? איז פאַרוואָס דערציילסטו קיין זאַך ניט פון דער היים? וואָס הערט זיך דאָרט? וואָס מאַכט ר׳ עליע און וואָס מאַכן אַלע באַקאַנטע פון דער בעל־עגלהשער קרעטשמע, האַ? וואָס מאַכט אברהמל דער פּראַטשעשניק מיט זיין שענק? ווי איז עס היינט אין זיין ׳קדשי־קדשים׳? ווער קומט דאָרט, אז איך בין ניטאָ? און ווי אזוי האָט איר דורכגעלעבט די פאַרשאָלטענע מלחמה? און וואָס איז מיט העטשען? דוכט זיך ער איז גע־

װען אַ קריגס־געפאַנגענער ביי די דייטשן. דערציייל, גוטער ברודער, דער־צייל!" אזוי האָט קלמן באַשאָטן כּאַטשען מיט אַן אַ שיעור פראַגעס און פאַרלאַנגט ער זאָל אים אויף אַלץ ענטפערן.

כּאַטשע האָט זיך געקראַצט אין דער פּאַטילניצע. ווי אַמאָליקע יאָרן בעת ער איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט וועגן קויפן אַ קאָבילע ביי אַ ציגיינער.

„ברודער קלמן", האָט ער כמעט וויינענדיק און שטיל גערעדט, „איך בין אזוי צעטומלט און מיין קאָפּ איז מיר אזוי באַרוישט, ווי איך וואָלט אַראָפּגעזופּט אַ צענדליק סאָטקעס אויפן ניכטערן מאָגן. ס'איז מיר איצט שווער צו דערציילן אזוי פיל זאַכן וועגן וואָס דו פרעגסט. לאָז מיך פריער זיך אָפּכאַפּן, קומען צו זיך. מיר דוכט אז אלץ איז אַ חלום. לאָז מיר נאָר אַ ביסל זיך צוגעוווינען צו דיר, צום ארום, צו די מענטשן".

„אמת, כּאַטשע, ס'איז ניט צו גלויבן. וואָלסטו זיך גאָר אַ מאָל געקענט פאָרשטעלן, אז קלמן וועט דיר און דיין גאַנצע משפחה אריבערפעקלען קיין אפריקע".

„ווען דיין בריוו איז צו אונדז אָנגעקומען", האָט אים כּאַטשע איבערגע־שלאָגן, „האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אז דו גייסט אריבערפעקלען אַהער דאָס גאַנצע שטעטל, אָבער איצט דוכט זיך מיר אליין אויס אז די גאַנצע געשיכטע איז אַ חלום, אַ שיינער חלום. ווען מיר האָבן געזען דיין קאַרטע, וווּ דו שטייסט 'סנימייעט' אין צילינדער, האָבן מיר דאָך קיינער ניט גע־וואָלט גלויבן, אז דאָס ביסטו. אפילו איך, וואָס האָב שטענדיק געקענט שווערן פאַר דיין אָרנטלעכקייט, האָב אין דער ערשטער מינוט אויך גע־צווייפלט: ווי קען עס גאָר געמאָלט זיין אזא מין זאַך? עפּעס זעט ער מיר אויס ווי אַ פאַרשטעלטער. אָבער איצט זע איך דאָך מיט מיינע אייגענע אויגן, אז אַלץ איז אמת. און אז גאָט האָט דיך אזוי אויפגעריכט און דער־הויבן, מסתמא קומט עס דיר".

אז קלמן האָט געהערט ווי כּאַטשע לויבט אים, האָט ער איבערגעדרייט דעם שמועס:

„ווייסטו גאָר וואָס, כּאַטשע, מיר וועלן דיינע אַלע מעשיות איבערלאָזן ביז מיר וועלן אָנקומען אהיים. איצט וועלן מיר גיין אַלץ צוגרייטן צו פאָרן צוריק קיין יאָהאַנעסבורג. היינט שפּעט נאָך מיטאָג פאַרלאָזט די באַן קייפּ־טאָן, וועלן מיר נאָך קענען אריינכאַפּן אַ גוטן 'לאַנטש'. און בילעטן האָב

איך שוין אָנגעגרייט, איז דאָך שוין גאָר ניטאָ וואָס צו זאָרגן. איין זאַך אָבער מערק איך, אז דו ביסט זייער שטאַרק פאַרמאַטערט. מסתמא ניט געקענט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. איצט, צווישן פרישטיק און מיטאָג איז די בעסטע צייט זיך אויסצורוען. איך האָב אויך אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט קיין אויג צומאַכן, ווייל די באַן האָט געוואָרפן ווי אין אַ קדחת. ווערסטו זיך צולייגן און כאַפּן אַ דרימל און איך אויך. קום, לאָמיר ארויפגיין צו אונדזער צימער. איי, כאַטשע, כאַטשע, ס'וועט זיין גוט, ברודערקע!"

קלמן האָט אָנגענומען כאַטשען ווי אַ יינגערן ברודער און אים ארייני געפירט אין שיינעם, ליכטיקן האָטעל־צימער.

13

צוזאַמען מיט באַטשען

לאַנג שלאָפן האָבן ביידע ניט געקענט, ווייל דער טאָג איז געווען הייס און שטיקנדיק. כאָטש ס׳איז געווען אין מיטן חודש סעפּטעמבער, האָט די זון באַוויזן וואָס זי קען. זי האָט אראָפּגעפּלאַקערט פון מיטן הימל און אַ חמימה האָט געשפּאַרט פון אַלע זייטן. און אַז די פייכטקייט פון ים האָט זיך דורכגעמישט מיט דער צעהיצטער לופט, איז עס געוואָרן אומדערטרעגלעך און ס׳איז שווער געווען צו אָטעמען. פלאַנצונגען זיינען געהאַנגען פאַרשמאַכט און הינט זיינען געלעגן מיט ארויסגעשטעקטע צינגער, שנאָפּענדיק די דושנע לופט.

„דאָס איז קייפּטאָן, ברודער כאַטשע. אָבער שרעק זיך ניט, אין יאָ־האַנעסבורג איז אזא סאָרט היץ ניט פאראַן. און אז עס טרעפן זייער הייסע טעג זיינען זיי אָן דער ווילדער פייכטקייט, זיי זיינען טרוקענע". האָט קלמן גערעדט צו כאַטשען פון זיין דיוואַן, אָנטוענדיק די שיך. ער איז צוגעגאַנגען צו כאַטשעס בעטל.

„און איצט, גוטער ברודער, וועלן מיר ארויס פון פאַרשטיקטן צימער, נעמען אַ דראָזשקע און זיך דורכפאָרן זען קייפּטאָן. גלויב מיר, ס'איז כדאי, און אויף נאָך אזא געלעגנהייט וועסטו שוין דאַרפן וואַרטן ביז דו וועסט האָבן אַ האָלידיי".

„כאָטש כ'ווייס ניט וואָס אזוינס אַן האָלודריי איז, בין איך אָבער איצ־טער ביי דיר אין די הענט און כ'וועל טאָן וואָס דו הייסט. פון היינט אָן ביסטו דאָך מיין בעל־הבית און אָן דיר ווייס איך ניט ווי זיך אַ ריר צו טאָן".

„טאָ לאָמיר זאָגן, אז היינט איז דיין טאָג פון האָלידיי און ניט האָלדריי. דאָס מיינט דאַטשע, דו האָסט פריי — און אין אזעלכע טעג זוכן מענטשן ניט נאָר זיך אָפּצורוען, נאָר אַלערליי פאַרגעניגנס — טאָ לאָמיר עס אויך האָבן..."

אזא טאָג פון פאַרגעניגן האָט נאָך כאַטשע אין זיין לעבן ניט געהאַט. דער קוטשער איז געווען אַ געניטער גוי און האָט זיי ארומגעפירט איבער דער שטאָט און געוויזן די שענסטע ערטער וואָס קייפּטאָן פאַרמאָגט. כאַטשע איז געזעסן אין דער ווייך־אויסגעבעטער דראָזשקע און זיך געוווּנדערט ווי אזוי קלמן רעדט מיט דעם בעל־עגלה פריי און פליסיק די ענגלישע שפּראַך. ער זעט ווי דער קוטשער ווייזט אים מיטן פינגער דאָ און דאָרט, לייגט אים פּאָר פלעצער און קלמן איז ניט אַלע מאָל מסכים מיט אים. און אז מ'קומט צו אַ ניי אָרט, שטעלט מען זיך אָפּ און קלמן טראַקטירט כאַטשען און דעם קוטשער מיט אַ קאַלט גלאָז ביר אָדער סתם עפּעס זיך צו דערפרישן. קלמן שליסט באַקאַנטשאַפט מיט די אַנדערע געסט, פרעגט גלייך דעם נאָמען און שטעלט אַפילו פאָר כאַטשן ווי זיין פריינד. ער הערט דאָך ווי קלמן זאָגט „מיי פריענד מ"ר שמידזאַק". פון דעם האָט כאַטשע הנאה. ער פאַר־שטייט אז קלמן דערציילט איצט אַ וויץ אויף ענגליש, ווייל ער זעט ווי אַלע לאַכן. אָבער איבערהויפּט וווּנדערט כאַטשען, וואָס קלמן איז אזוי לייכט אויפן גראַשן, וואָס ער וואַרפט זיך מיט גאַנצע פאַפּירענע אַסיגנאַציעס. ער פונדעוועט אפילו ווילד־פרעמדע מענטשן און לאָזט איבער גרויסע זילבער־

נע מטבעות אויף דעם זילבערנעם טאַץ פון די לאַקייען. דאָס איז ווי אין דער היים בירגעלט אָדער נאַטשיי. און אַלע דאַנקען אים אזוי העפלעך און אונטערטעניק.

אזוי האָט כאַטשע פאַרבראַכט עטלעכע שעה אין דער געזעלשאַפט פון קלמנען, ביז דער קוטשער האָט געגומען זיי מיט זייערע פעקלעך צו דער באַן. קלמן האָט נאָך אפילו באַוויזן פון דער סטאַנציע אָפּצושיקן אַ טעלע־גראַמע אהיים, ווען זיי קומען.

אַ קאָנדוקטאָר האָט אריינגעפירט קלמנען מיט כאַטשען אין אַ לײדיקן וואַגאָן. קלמן האָט אים עפּעס דערלאַנגט און דער קאָנדוקטאָר איז ארויס צופרידן.

„איצט וועלן מיר האָבן אַ קופּע פאַר זיך אליין", האָט קלמן אַ ווונק גע־טאָן צו כאַטשען. „מ'דאַרף ניט זיין קיין יאָלד... איצט בין איך בעל־הבית..." האָט קלמן געזאָגט.

כאַטשע האָט פאַרשטאַנען דעם מיין און געפרייט זיך פון דעם וואָס קלמן פאַרשטייט זיך אומצוגיין אפילו מיט די היגע נאַטשאַלסטווע. נו, יאָ, אז מען שמירט פאָרט מען!

אויף כאַטשען האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק די חידושים אויף דער באַן און ער איז געווען מלא התפעלות. אין אָוונט האָט ער געהערט אַ גלעקל קלינגען און קלמן האָט אים געפירט עסן וועטשערע. דער עס־וואַגאָן איז געווען ליכטיק אזוי ווי אין אַ זאַל און דינער האָבן סערווירט פליישן מיט זופּן, קאָמפּאָטן מיט אנדערע מאכלים. קלמן האָט באַשטעלט פאַר זיך אַ וויסקי און פאַר כאַטשען אַ ביר. שפּעטער איז אריין אַ דינער און זיי אויסגעבעט בעטן צום שלאָפן — דאָס האָט כאַטשע זיך גאָר ניט גע־קענט פאָרשטעלן. אין דער פרי האָט מען אריינגעבראַכט אין וואַגאָן טיי אין זילבערנע כלים. און אזוי האָט די באַן זיי געבראַכט קיין יאָהאַנעסבורג.

כאַטשע קומט אָן אין קלמנס הויז

קלמן האָט אראָפּגעפירט כאַטשען פון די טרעפּלעך פון באַן אונטערן אָרעם, אזוי ווי אַ מאַן פירט זיין געליבטע אונטער דער חופּה.

„דאָס איז מיין חבר און ברודער כאַטשע!" האָט קלמן אים פאַרגע־

שטעלט פאַר זיינע היימישע, וואָס זיינען זיי געקומען באַגעגענען. דאַן האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו כאַטשען: „און דאָס איז מיין טייערע סאָניעטשקע, נאָך וועמען איך האָב אַ לעבן לאַנג געגאַרט. און די זיינען מיין אָנקל און טאַנטע, וועמען איך באַטראַכט ווי מיינע געפונענע טאַטע־מאַמע אין דעם לאַנד. דאָס איז מיין גאַנצע פאַמיליע און מיר ליבן איינע די אַנדערע", האָט קלמן מאַניפעסטירט פאַר כאַטשען. און כדי זיינע רייד צו באַשטעטיקן בפועל ממש, האָט ער זיך צעקושט מיט יעדן לויט דערריי ווי ער האָט זיי פאָרגעשטעלט.

קלמן האָט באַזעצט אין אויטאָ זיינע פאַסאַזשירן. הינטן זיינען געזעסן די צוויי פרויען און זיין אָנקל. פאָרנט — דער שאָפער, וואָס האָט געבראַכט דעם אויטאָ און כאַטשע — ביי דער זייט פון קלמנען וואָס האָט זיך געזעצט ביים רעדל. קלמן איז געווען אין זיבעטן הימל — ער וועט ווייזן כאַטשען זיין בקיאות אין פירן אַן אויטאָמאָביל. ער האָט זיך איצט דערמאָנט ווי עליעס צוויי פערד האָבן זיך צעיאָגט און אים שיעור געניזוקט, ווען זיי האָבן דערזען דעם ערשטן אויטאָ.

„זעסטו, כאַטשע ברודער, ניט נאָר ר׳ עליעס קאַשטאַן מיטן בולאַן האָב איך געקענט האַלטן אין צוים, נאָר איך קען אפילו טרייבן אַ וואָגן אין גאַנצן אָן פערד..."

„אַ טייערער וואָגן! און ס׳איז אַזוי ווייך און געשמאַק צו זיצן". האָט כאַטשע געלויבט קלמנס אויטאָ און געפילט אונטער זיך די אָנגענעמע ווייכקייט.

קלמן האָט אַ דריי געטאָן אַ שליסעלע און ס׳האָט אַ זשום געטאָן און כאַטשע האָט געפילט ווי דער אויטאָ רירט זיך. ער האָט מיט חידוש גע־קוקט ווי קלמן האַלט אַזוי לייכט דאָס גלאַנציקע רעדל אין איין האַנט און מיט דער אַנדערער שטעלט ער איבער אַזאַ מעכאַניזם, ווי ער דריקט אויף פעדאַלן און קירעוועט צווישן די רייען אויטאָס, וועלכע באַוועגן זיך לאַנג־זאַם אויף די גלאַטע גאַסן פון שטאָט. ער האָט געקוקט אין אַלע זייטן מיט נייגער און שרעק. אָט דוכט זיך אים גאָר, אַז קלמנס אויטאָ „צעקושט" זיך מיט דעם אויטאָ פאַר אים און ס׳גיט אים אַ שטילער צאַפּל אין האַרצן. ער באַמיט זיך צו באַהאַלטן זיין מורא, ניט אַרויסווייזן אַז ער, וואָס איז געוווינט מיט די ווילדסטע פערד און ציגיינערשע שטוקעס, האָט גאָר מורא פאַר עפּעס אַ „טויטער" מאַשין. ער פילט אַז הינטער אים זיצן דריי קלמנס פאַ־

מיליע־מענטשן, וואָס קוקן אויף אים, נאָר ער זיצט שטייף און טרויט זיך ניט אומצוקוקן. איבערהויפּט האָט זיך אים איינגעשניטן אין זכרון סאָניע, קלמנס ווייב, מיט איר שיינעם מאַטאָוון פּנים און די שמייכלענדיקע חן־גריבעלעך אין אירע באַקן. אַ מאכל צו קוקן אויף איר, טראַכט כאַטשע.

מיט אַ מאָל פילט כאַטשע אַ לייכטן ריר ביים אַקסל. ער דרייט שנעל אום דעם קאָפּ און באגעגנט זיך מיטן שמייכל פון סאָניען.

„איר וועט מיר אנטשולדיקן מ״ר שמידזאַק, ס׳איז מיר אינטערעסאנט צי איר האָט דערקענט קלמנען נאָך אזוי פיל יאָרן? ער האָט זיך דאָך מסתמא געענדערט״.

„יאָ דערקענט און ניט דערקענט״, האָט כאַטשע ניט דרייסט און שטיל געמורמלט זיין ענטפער צו קלמנס ווייב, וואָס רופט אים אזוי שיין ביים פאַמיליע־נאָמען. „ווער האָט זיך עס געקענט ריכטן, אז דער מאַן, אָנגעטאָן ווי אַ היימישער פּריץ און מיט אזא שליאַפּע פאַרפּוצט, זאָל זיין דער אמאָ־ליקער קלמן. האָט עס מיר טאַקע גענומען אַ לאַנגע פּאָר מינוטן ביז כ׳האָב זיך צוגעוווינט צו דעם, אז דאָס איז טאַקע אונדזער קלמן. אזוי פאַמעלעך האָבן זיך גענומען אויסטיילן אַלע זיינע שטריכן, די בלויע אויגן און דאָס פּנים מיטן שטענדיקן שמייכל, איז מיר ביסלעכווייז קלאָר געוואָרן אז פאַר מיר שטייט קלמן, דער אַמאָליקער קלמן. און איך האָב שוין קלמנען געזאָגט, אז כ׳האָב געמיינט אז דאָס אַלץ איז אַ חלום — און איצט מיין איך דאָס אויך. ס׳איז מיר נאָך אַלץ אזוי מאָדנע...״

„איר רעדט אזוי שיין וועגן דעם, מ״ר שמידזאַק״, האָט סאָניע אים גע־מאַכט אַ קאָמפּלימענט. „קלמן רעדט אויך אַנדערע מאָל אזוי״, האָט זי אים פאַרגליכן מיט קלמנען.

קלמן איז געווען צופרידן וואָס סאָניע לויבט זיין פריינד, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויסגערופן: „אַ דאַנק סאָניע, וואָס דו פאַרגלייכסט מיר מיט כאַטשען — ס׳איז אַ קאָמפּלימענט!״

כאַטשען האָט אויך צעטומלט דער געדאַנק, ניט וויסנדיק ווי צו רופן קלמנס ווייב. קלמן האָט גלייך געמערקט כאַטשעס פאַרלעגנהייט און גע־מעלדעט:

„כאַטשע, מיר זיינען דאָ ווי איין פאַמיליע, טאָ לאָמיר ניט פּראַווען קיין לאָרדישע שטיק. דו רוף מיין ווייב סאָניע און זי וועט דיך רופן פּשוט, כאַטשע, ווי מ׳האָט אונדז אַלעמען גערופן אין דער היים״.

„אמת, אמת, קלמן!" איז סאָניע געווען צופרידן פון איינפאַל.

„און אז דיין כיענקע מיט דיין פריידקען וועלן אַראָפּקומען, און העטשע מיט זיין פאַמיליע, וועלן זיי דיר, ברודער, אויך ניט דערקענען. דאָ ענדערט מען זיך גיך. און אפשר וועסטו שוין זיצן ביי אַ רעדל פון אַן אויטאָ, ווי איך, און ניט טאָרן אַראָפּנעמען די אויגן פון די אויטאָס וואָס קריכן דאָ אויף די גאַסן".

„ניין, דאָס וועט נאָך לאַנג דויערן..." האָט כאַטשע כמעט פּראָטעסטירט.

„דאָס וועלן מיר זען, כאַטשע!" האָט קלמן אים באַרואיקט. „איצט קוק אָן יאָהאַנעסבורג. ס'איז ניט קלעצק אָדער דער מיר, אפילו ניט קייפּטאָן, וואָס מיר האָבן נעכטן באַקוקט. יאָהאַנעסבורג איז אַ כרך ווו מען מוז זיך צופּאַסן צו אַלץ דאָ — צום אָרט, צו די גאַסן, צום טומל און צום היגן אַרט לעבן. דאָ ווערט מען אריינגעדרייט ווי אין אַ מאַשין, וואָס קוועטשט אויס אַ יאָהאַנעסבורגער, ווי אין אַ פורעם. איך קען זיי שוין דערקענען".

דער אָנקל, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט, האָט געמאַכט זיין פּירוש:

„ווי פלעגט פאָניע זאָגן: אויף וואָס פאַר אַ וואָגן מען זיצט אזא ניגון זינגט מען".

ווען קלמן האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ ביי דער ווױנונג פון די מייקלס, האָט כאַטשע זיך ארומגעקוקט אַ צעטומלטער, ווי קלמן וואָלט דאָ געמאַכט אַ טעות. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין ווו אַהין קלמן האָט אים דאָ פאַר־פירט. איז עס מעגלעך אז זיי לעבן אין דעם פּאַלאַץ? אפילו דעם פּאַלאַץ פון קניאז, וואָס האָט געלעבט ניט ווייט פון שטעטל, האָט דאָך אויסגעזען חושך אנטקעגן דעם צעזוניקטן הויז. איז עס גאָר מעגלעך אז דאָ זאָלן וווי־נען יידן, מיט קלמנען בתוכם?

„דאָס איז דאָס הויז ווו מיר לעבן!" האָט קלמן פאַרזיכערט כאַטשען, זעענדיק זיין צעטראָגנקייט.

דער שאָפער איז ארויסגעשפּרונגען דער ערשטער, פלינק פונאַנדער־געעפנט די טירן פון אויטאָ און אַלע האָבן זיך גענומען ארויסקלייבן. קלמן האָט ארומגענומען כאַטשען און אים געפירט דורך דעם גאָרטן צווישן דיביימער.

„מיינסטו מיר צו זאָגן, אז אין אָט דעם פּאַלאַץ לעבסטו?" איז כאַטשע שטיין געבליבן אנטקעגנאיבער דעם הויז און זיך ניט געטרויט צו רירן

פון אָרט. „און ביי אייך דאָ רופט מען עס אַ הויז. דאָס איז דאָך אַ צויבער־פּאַלאַץ, ווי שמר באַשרייבט עס אין זיינע ביכלעך. אפילו אונדזער קניאז האָט דאָך אזא פּאַלאַץ אין חלום ניט געזען".

קלמן האָט אריינגעפירט כאַטשען אין גרויסן זאַל, ווו זיינע פיס זיינען ווייך געזונקען אין רויט־געבלימטן טעפּיך. כאַטשע האָט מורא געהאַט צו שטעלן אַ טראָט.

„דאָ וווינען ניט קיין פּוילישע פּריצים און ניט קיין רוסישע קניאזן. דאָ לעבט אַ ייד וואָס זיין נאָמען איז קלמן, און כאַטשע איז היינט זיין גאַסט — טאָ פאַר וועמען שרעקסטו זיך דאָ? דאָס איז מיין אָנקלס הויז און מיר בלייבן דאָ צוזאַמען מיט דעם אָנקל און דער טאַנטען און פאַר דיר, כאַטשע, האָבן מיר דערווייל צוגעגרייט אַ גרויסן צימער, וואָס שטייט תמיד פריי פאַר געסט. דו ביסט היינט דער גרעסטער גאַסט ביי אונדז. טאָ גיב מיר דיין וואַליזקעלע און כ׳וועל דיר אריינפירן אין דיין צימער. ער געהערט אין גאַנצן צו דיר!"

כאַטשע איז געבליבן שטיין ווי אַ שטומער ביי דער טיר פון צימער און ניט געוווסט צי ער זאָל מאַכן אַ טריט ווייטער. מיט אַן אָפן מויל און אויסגעלופּעטע אויגן פון פאַרוווּנדערונג האָט ער באַטראַכט דעם צימער, דעם גרויסן פענצטער מיט די ווייסע, פיינע און דורכזיכטיקע גאַרדינען, וואָס די זון האָט זיי צעשטאָכן מיט גילדענע נאָדלען. ער האָט זיך ניט גע־קענט גלויבן, אז אזא צימער איז טאַקע פאַר אים.

„קום אריין, כאַטשע, מ׳וועט דיך ניט אויפפרעסן דאָ". האָט קלמן שפּאַ־סיק געזאָגט און אים אריינגעפירט אינעווייניק. „אז איך בין דאָ געקומען איז עס מיר אויך געווען מאָדנע. קום אריין און האָב הנאה ווי ביי זיך אין דער היים".

כאַטשע האָט געקוקט אויף די געשניצטע רייכע מעבל. דאָס בעט איז געווען באַצויגן מיט שניי־ווייסע אויסגעפּרעסטע בעטציייג. ער האָט אַ האַרטן פויסט אריינגעשטופּט אין אָנגעצויגענעם מאַטראַץ און די ספּרוזשי־נעס האָבן נאָכגעגעבן, זיך אַ וויג געטאָן. ווי גוט עס דאַרף זיין צו שלאָפן אויף דעם! מיט אַ שטומען בליק האָט ער געקוקט אויף קלמנען, ווי ער וואָלט זיך געבעטן אַן ענטפער: מיינסט עס טאַקע אויף אַן אמת? איז דאָס צימער אין גאַנצן פאַר מיר אליין? מיך וועסטו דאָ אריינזעצן? כאַטשען דעם קאַניוך וועסטו אין דעם בעט לייגן שלאָפן?

אָבער קלמן האָט אים צו פיל ניט געלאָזט טראַכטן און באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן:

„כאַטשע, וואַרף אַראָפּ די פאַרשטויבטע זאַכן און קום אריין אין באָד־צימער. וועסט זיך ארומוואַשן און פילן פרישער, ווי אַ מענטש, און נאָך דעם וועלן מיר גיין צום טיש. הונגעריק מוסטו דאָך זיין געווען אזוי פיל זיך האָצקען אויף דער באַן. נו, ברודערקע, טו זיך אויס. אַ האַנטעך און זייף איז אויך דאָ".

קלמן האָט אים אריינגעפירט אין באָד־צימער און געוויזן ווי מ׳באַנוצט זיך מיט ביידע קראַנען, כדי צו האָבן הייס און קאַלט וואַסער צוזאַמען.

כאַטשע האָט שוין מער ניט געקענט זיך איינהאַלטן פון קלמנס גוטס־קייט. ער האָט אים ארומגעכאַפּט, אים געדריקט צו זיך און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער קוים געשעפּטשעט: „איז דאָס אַלץ אמת, קלמן? איז דאָס ניט קיין חלום? קלמן!"

כאַטשע אין זיין נייער היים

ביים טיש אין עסצימער איז כאַטשע געזעסן אַ צעטומלטער. ער האָט ניט געדענקט די תורה פון גאָפּל־מעסער, וואָס קלמן האָט אים געלערנט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אין קייפּטאָון. אָבער די פריינדלעכע באַמערקונגען און רייד פון אַלע ארומיקע האָבן אים צוגעגעבן אַ ביסל דרייסטקייט און גע־מאַכט פילן היימישער. ער האָט אָבער זיין בליק ניט געקענט אָפּרייסן פון שוואַרצן לאַקיי, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין גאַנצן אין ווייסן. דער געפּרעסטער גאַרניטער האָט נאָך געהאַט איבער דער פּלייצע אַ ברייטן רויטן גלאַנציקן באַנד, ווי די לאַמפּאַסן פון אַ גענעראַל אויף די הויזן. אָבער דער דאָזיקער שוואַרצער איז נאָר געווען אַ באַדינער, וואָס האָט געטראָגן געריכטן הין און צוריק און הכנעהדיק זיך געבויגן פאַר יעדערן.

נאָכן לעצטן לעפל פון געשמאַקן קאָמפּאָט, האָט מען זיך אויפגעהייבן און אריבער אין זאַל. מ׳איז געגאַנגען אין אַ ריי: צו ערשט די טאַנטע און סאָניע, נאָך זיי — דער גאַסט, דער אָנקל און קלמן. דאָ האָט מען זיך צע־זעצט אויף די ווייכע פאָטעלן, מסובינדיק, ווי פּסח צום סדר, און דער זעל־בער לאַקיי האָט געבראַכט צו פירן אַ גאַנצן „וואָגן" מיט זילבערנע כלים און קליינע טעסעלעך, אין וועלכע ראָזי האָט פונאַנדערגעגאָסן פּאַרעדיק־שמע־קעדיקן קאַווע. כאַטשע האָט באַמערקט ווי ראָזי גיסט צו עטלעכע טראָפּנס

הייסן מילך צו יעדן טעפּעלע קאַווע און עס איז אים געווען מאָדנע: נאָך אזא פלײשיקע װעטשערע פאַרטרינקט מען מיט אַ מילכיקן קאַווע? האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט, אפשר קען ער האָבן זיין קאַווע אָן מילך.

„אָ, שוואַרצע קאַווע, מ״ר שמידזאַק, יו וועלקאָם!" האָט ראָזי גע־זאָגט. קלמן האָט פאַרשטאַנען פאַר וואָס כאַטשע וויל ניט טרינקען די קאַווע מיט מילך. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו כאַטשען און אויף אַן איידעלן אופן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אז דאָ אין אפריקע איז מען ניט מקפּיד אויף אזעלכע קלייניקייטן. דאָ רופט מען עס „נאָנסענס", דאָס הייסט: נאַרישקייטן.

„און דיין פאַרוואַקסן בערדל וועסטו אפשר מיט דער צייט אויך דאַרפן אַראָפּנעמען. מ׳קען נאָך מיינען, אז דו ביסט אַ רב, אָדער אַ „ראַביי". טראָג אַ צוגעפּוצט זכר לבערדל, נאָר אויף דער גאָמבע. דאָ קען מען זיין אַ ייד אפילו אָן אַ באָרד".

מ״ר מייקל האָט אַ זופּ געטאָן פון זיין טעפּעלע קאַווע און זיך געווענדעט צו כאַטשען:

„נו, מ״ר שמידזאַק, דערציילט עפּעס וואָס הערט זיך אין דער וועלט. און טאַקע פאַר וואָס עפּעס ניט אַ ביסל פרישע נייעס פון אונדזער שטעטל. וואָס מאַכן די פאָר סטראַזשניקעס? דער אוראַדניק, טאַרלאַקאַ? און טאַקע בכבודו ועצמו דער פּריסטאַוו אַרטעמיעוו? פאַר מיין צייט זיינען זיי נאָך געווען יונגע שקצים. איצט מוזן זיי שוין זיין אַלט... יאָ, און די וויכטיקסטע נייעס: צי האָט איר באַקומען גאָר דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אייך צוגע־שיקט פון אונדזער קאָמיטעט? איר ווייסט ווען מען דאָס שטעטל דאַרף דאַנ־קען פאַר דער שטיצע וואָס איר באַקומט? טאַקע אים, קלמנען, וואָס איז אייער בעסטער פריינד, ער האָט עס אַלץ אויפגעטאָן!" האָט ער מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף קלמנען.

„און אונדזער טייערע סאָניעטשקען האָט איר פאַרגעסן? אויך זי, און טאַקע ראָזי, אונדזער ליבע טאַנטע, און אפילו דער אָנקל — מיר אַלע האָבן אַ חלק אין אָרגאַניזירן די הילף פאַרן שטעטל. פון אונדזער הויז איז די איניציאַטיוו געקומען", האָט קלמן פייערלעך דערקלערט.

כאַטשע האָט ניט געענטפערט אויף דעם בינטל פראַגעס פון מ״ר מייקל. ער איז געווען אין פאַרלעגנהייט. פון וואָס זאָל ער אָנהייבן און וואָס זאָל

ער דערציילן? צום גליק איז ראַזי אים געקומען צו הילף אין דער ריכטי־קער צייט און געראַטעוועט די לאַגע:

„איך גלויב אז היינט איז נאָך צו פרי צו בעטן מ״ר שמידזאַקן אויסצו־דערציילן די נייעס פון דער היים. און וואָס דאָרט טוט זיך וויסן מיר דאָך פון בריוו וואָס מיר קריגן פון דאָרטיקן קאָמיטעט. לאָמיר פריער אים לאָזן זיך אויסרוען, קומען אַ ביסל צו זיך פון זיך טרייסלען אויפן ים אַזוי פיל וואָכן, און נאָך דעם וועלן מיר הערן נייעס. נישקשה, מ״ר כאַטשע בלייבט אַ היגער און די נייעס וועט ניט אַנטלויפן...״

כאַטשע איז דאַנקבאַר געווען ראָזין, וואָס זי רופט אים ביים יידישן נאָמען, אויב אפילו זי שטוקעוועט צו דעם טיטל מיסטער. אויך פּאָליאַקן מיט וועמען ער האָט געהאַנדלט, פלעגן אים אַזוי היימיש רופן „פּאַן כאַטשע״, כאָטש ביי זיי פלעגט דער כאַטשע ארויסקומען אַ ביסל צעדרייט, ניט יידיש־לעך. אָבער נאָך מער צופרידן איז ער געווען, וואָס אַ דאַנק איר אריינמישן זיך וועט ער היינט ניט דאַרפן דערציילן נייעס און ענטפערן אויף פראַגעס פון מ״ר מייקל.

„אמת, אמת!״ האָבן אלע מסכים געווען מיט ראָזין. „זאָל כאַטשע זיך אָפּרוען״. האָבן אלע גערעדט און כאַטשע האָט געשוויגן, זיך צוגעהערט און געטראַכט אז דאָ גייט אַלץ אנדערש, אפילו דער שמועס אין דער משפחה. מ׳רעדט יום־טובדיק — אפשר איז עס צוליב אים. ער האָט דערפילט אַ מידקייט אין אלע גלידער, און קלמן האָט מיט זיין געניט בליק אויפגעכאַפּט אַ באַהאַלטענעם געניץ.

„קום, כאַטשע. גענוג זיך אָנגעהערט דאָס באַלאַבאָטשען. ביסט מיד און דאַרפסט זיך אויסשלאָפן״, האָט קלמן זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט. „זאָג אלעמען אַ גוטע נאַכט, אָדער גוד נייט, ווי דו ווילסט און היידאַ!״

„אַ גוטע נאַכט און אַ דאַנק אייך פון גאַנצן האַרצן!״ האָט כאַטשע גע־זאָגט צו אלעמען אין זאַל און זיך געלאָזט פירן פון קלמנען.

ווידער איז ער געווען אין זיין צימער, ווו אַלץ איז געווען באַלויכטן מיט עלעקטרישן ליכט ווי אין מיטן טאָג. אויפן בעט איז געלעגן אַ פּאָר געשטרייפטע בלוי־ווייסע פּידזשאַמעס. קלמן האָט אָנגעצונדן אַ לעמ־פּעלע ביים בעט און אויסגעלאָשן דאָס גרויסע ליכט. „דאָס זיינען פּידזשאַ־מעס וואָס מ׳טוט דאָס אָן צום שלאָפן. אז דו וועסט זיך איבערטאָן און ארייננ־

קריכן אין בעט, מעגסטו אויסלעשן דאָס ליכט. אַ גוטע נאַכט, כאַטשע, שלאָף געזונטערהייט און האָב גוטע חלומות!"

קלמן האָט באַמערקט כאַטשעס באַוועגונג אַז ער וויל אים ווידער ארומ־כאַפּן, איז ער מיט שנעלע טריט ארויס פון צימער.

שלאָפן האָט ער ניט געקענט. אין צימער האָט געשמעקט מיט פריש־קייט און דאָס בעטגעוואַנט איז געווען קיל און אָנגענעם. אין קאָפּ האָט ער דערפילט א זיסן קאָשמאַר פון די איבערלעבענישן אין די פּאָר טעג, זינט דער באַגעגעניש מיט קלמנען. ווי קען דאָס גאָר געמאָלט זיין אזוינס וואָס ער האָט געזען און דאָס וואָס ער האָט דאָ דורכגעלעבט. קיינער אין שטעטל וואָלט עס אים ניט געגלויבט.

ב״ז אין די פריע שעהן פון פרימאָרגן האָט ער זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אָבער די רעיונות האָבן זיך ניט אויפגעהערט פּלאָנטערן אין מוח. ערשט אַ שפּראָץ אויף באַגינען איז ער אנטשלאָפן גע־וואָרן. ווען ער איז ענדלעך פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, זעט ער מיט אַ מאָל, אז כיענקע און פריידקע קומען אריין אין זאַל, פאַרפּוצטע אין מלכות־דיקע קליידער. ער וויל זיך אויפהויבן און גיין זיי אַנטקעגן, נאָר די פיס זיינען שטייף. דער לאָקיי האַלט אין איין דערלאַנגען קאַווע, פאַרשיי־דענע טאָרטן און געבעקס, שאָקאָלאַד און צוקערלעך, אז דאָס צימער איז שוין באַלד פול. נאָר ווו צו זעצן זיך איז ניטאָ. מ״ר מייקל אליין זיצט זיך אזוי בהרחבה אויף אַ ווייכן פאָטעל. ער טוט א ווונק צו זיין כיענקען און זעצט איר אָוועק ביי זיך אויף די קני׳, האַלט זי ארומגענומען און קושט איר. כאַטשע פאַרשטייט ניט פאַר וואָס אים הייבט עס ניט אָן צו אַרן, פאַר־קערט גאָר: ער איז צופרידן וואָס אזא רייכער מאַן ווי מ״ר מייקל פריינדלט זיך מיט זיין וויב... ער וועט כיענקען געבן זיין אָרט, ער מוז זיך אויפהייבן, טראַכט ער און גיט זיך אַ רודער...

ווען ער עפנט די אויגן זעט ער, אז אין דרויסן איז שוין גרויסער טאָג. ער האָט זיך פאַרשעמט פון זיין נאַרישן חלום, וואָס ער האָט געדענקט מיט אַלע פּיטשעווקעס, און נאָך מער האָט עס אים פאַרדראָסן וואָס ער איז אזוי פאַרשלאָפן. וואָס וועט קלמן זאָגן? כאַטשע זאָל פאַרשלאָפן? אין דער היים פלעגט ער אויפשטיין אַ בליאַסק אויף טאָג און דאָ, אין דער פרעמד, זיך גאָר פאַרפּאָפּט. א חרפה פאַר די מענטשן דאָ... ער האָט זיך שנעל גענומען אָנטאָן, אז קיינער זאָל ניט הערן, אָבער קלמנס אָנגעשפּיצטער אויער האָט

שוין דערהערט אַ שאַרך ביי כאַטשען, איז ער אריין צו אים און אים באַ־גריסט מיט אַ ברייטן בעל־הבתישן גוט־מאָרגן.

סאָניע דערציילט קלמנען איר סוד

קלמן איז שפּעט אין אָוונט אַוועק צו זיך אין שלאָפצימער אַ צופרידע־נער, דערפאַר וואָס כאַטשע איז שוין מיט אים אונטער איין דאַך. איצט האָט ער געטראַכט, ווי אַלס קליין יינגל האָט מען אים אריינגענומען אין דער אָרעמער היים פון כאַטשען און ווי ער האָט זיך דאָרט אויפגעהאָדעוועט. עס האָט אים הנאה געטאָן וואָס ער קען איצט אָפּצאָלן מיט גוטסקייט כאַטשען און זיין פאַמיליע.

אריינקומענדיק אין שלאָפצימער איז שוין סאָניע געשטאַנען אין ראָזן נאַכטהעמד און איר וואַרעמקייט האָט אַ פּלייץ געטאָן אויף אים. ווי תמיד איז ער געוואָרן ־ווי פאַרשיכורט פון איר לייב און זי ארומגענומען, אַ קוש גע־טאָן און ווי זיין געוווינהייט געוואָלט זי אַ הייב טאָן אויף זיינע אָרעמס און אריינלייגן אין בעט. נאָר דאָס מאָל איז זי געהאַנגען אזוי לייכט אויף זיין האַלדז, זיך געלאַשטשעט צו אים ווי אַ יונג קעצעלע און געמרוקעט אים אין אויער אריין מיט אזא פאַרגעניגן, אז קלמנען איז פאַרגאַנגען דאָס האַרץ. ער האָט געפילט איר וואַרעמען אָטעם אויף זיין האַלדז און עפּעס געהערט אזעלכע שטילע, זיסע ווערטער, ווי אַ חלום וואָלט עס אַלץ געווען. ער איז געשטאַנען מיט איר און זי האָט אים אריינגעשושקעט אז זי האָט פאַר אים אַ סורפּריז. דער קאָפּ האָט אים אַ שווינדל געטאָן, און ווי פון איר היס לייב וואָלט אַ צאַפּל איבערגעגאַנגען צו אים אין די פינגער. ער האָט זיך אראָפּ־געזעצט אויפן בעט מיט איר אויף זיין שויס.

„אַ סורפּריז, סאָניעטשקע? מיין האַרץ צאַפּלט. מסתמא אַן אָנגענעמער סורפּריז..."

„ווי מיר דוכט דאַרף עס זיין אָנגענעם. און איך האַלט עס פאַר זייער וויכטיקע נייעס, וואָס איך וויל דיר איצט דערציילן".

„דו מאַכסט מיר נייגעריק, סאָניעטשקע. זאָג מיר שוין גיכער די גרוי־סע נייעס".

זיין האַנט האָט איידל געגלעט דעם סאַמעט פון איר וואַרעמען קער־

פער און איז געבליבן ליגן אויף דער גלאַטקייט פון איר לייכט־אויסגע־בערגלטן בויך.

„אַט האָסטו עס...” האָט סאָניע אַ צאַפּל געטאָן אונטער זיין באַריר. זי האָט שטיל אים ארייננגעשעפּטשעט אין אויער: „קלמן, ווערסט אַ טאַטע...”

קלמן איז אויפגעשפּרונגען און זי אַ הייב געטאָן אין דער הויך, ווי זי וואָלט געווען לייכטער פון פוך. ער האָט זי צוריק אראָפּגעלאָזט צו זיך אויפן שויס און געזאָגט אַ גליקלעכער: „און דו ווערסט אַ מאַמע”... סאָ־ניעטשקע אַ מאַמעלע... אַ נו, זאָג עס נאָך אַ מאָל, וואָס דו האָסט מיר ערשט געזאָגט אין אויער. ביסטו זיכער אין דעם, האַ?” האָט ער געלאַכט. „זאָג עס נאָך אַ מאָל, כ׳וויל עס הערן”.

„זיכער, קלמן, מעגסט מיר גלויבן...” האָט זיך סאָניע אויך געוויצלט און איז אריבער אויף אַ פּראַקטישן טאָן. „כ׳בין אפילו שוין געווען ביי אונד־זער דאָקטאָר, האָט ער מיר געזאָגט, אז אלץ איז נאָרמאַל און אין בעסטער אָרדענונג”.

„האָלסטו דערוויילע דעם סוד באַהאַלטן דאָ...” האָט קלמן מיט אַ שפּיץ פינגער איר אַ דריק געטאָן ביים נאָפּל. פון פרייד האָט זיך אים געדרייט דער קאָפּ נאָך מער, האָט ער זיך גענומען דרייען מיט איר איבערן צימער, און ווו נאָר זיינע ליפּן האָבן געגרייכט איר לייב האָט ער זי געקושט: „מאַ־מע, מאַמעלע...” האָט ער גערעדט ווי צעמישט פון גליק. „איז דערווייל נאָר דער סוד אונדזער ביידנס?”

סאָניע האָט געענטפערט ווי אַ פאַרשעמט מיידעלע: „מער ווייס קיי־נער ניט”.

„ניט ריכטיק, סאָניע. דאַרפסט גלייך זאָגן דעם אָנקל, דער טאַנטע. די משפחה דאַרף עס וויסן. וואָס איז זיך דאָ פאַראַן צו באַהאַלטן?” האָט ער גערעדט צאַרט.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט גליקלעכע אויגן און געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ניט געוווסט וואָס אזוינס פון איר גרויסן גליק זי קען איצט אויסדריקן אין פשוטע ווערטער. אין דעם מאָמענט האָט זי געפילט אַן אָנגענעמע וואַ־רעמקייט אין איר לייב און אירע אויגן זיינען פאַרצויגן געוואָרן ווי פון אַ טוי, ווי זי וואָלט איינגעהילט געוואָרן אין אַ חלום.

קלמנס שווערע האַנט איז געלעגן אויף איר בויך און איצט איז זי גע־

ווען אזוי לייכט. בײדע האָבן געשוויגן, זיך צוגעהערט צו עפּעס און גע־שוויגן...

קלמן האָט איר פּאַרזיכטיק אוועקגעלייגט אויפן בעט, ווי אַ פּאָרצעלייַ־ענע ליאַלקע.

קלמן האָט געקוקט אויף איר און זי אויף קלמנען. ער האָט זיך צוגע־בויגן צו איר און גערעדט: „ווייסט ניט, סאָניעטשקע, ווי גליקלעך איך בין. מיר דוכט זיך, אז קיין מער גליקלעכער מענטש איז איצט אויף דער וועלט ניט פאַראַן. אָבער מיר מוזן זיך טיילן מיט אונדזער גליק אויך מיט דעם אָנקל און דיין שוועסטער, דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן ווי צופרי־דן זיי וועלן זיין. קיין קינדער האָבן זיי דאָך ניט, און כ׳ווייס אז ביים אָנקל וועט עס פאַררעכנט זיין ווי זיין אייגן אייניקל״.

זי איז געלעגן באַוועגלאָז, ווי זי וואָלט געוואָלט איינזאַפּן אין זיך די רייד זיינע. קלמן האָט זיך אַלץ ניט געקענט באַרואיקן, ווי מיט יעדע מינוט וואָלט אין אים אָנגעקוואָלן אַ נייע כוואַליע פון צופרידענע רייד:

„סאָניעטשקע, טייערע, עס גלויבט זיך מיר קוים, ס׳איז ווי אַ חלום... וואָס האָסטו ביז איצט געשוויגן? מסתמא ווייסטו עס שוין פאַר עטלעכע טעג און האָסט דעם סוד געהאַלטן נאָר פאַר זיך אליין. ניט פאַרגונען מיר גלייך צו דערציילן, האַ? געשוויגן, געשוויגן, טייערע...״ ער האָט איר אריינגעביסן דינע קושעלעך אין די ליפּן. זי איז געלעגן און געשמייכלט:

„נאַריש יינגל! ווען דו ביסט אָנהייב וואָך געפאָרן קיין קייפּטאַן, האָב איך עס דעמאָלט באַמערקט. בלויז אַ פּאָר טעג...״

„אַ פּאָר טעג און געשוויגן, וועל איך דיר דערפאַר אויך ניט שווייגן... אָט וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען, ווי דיר קומט...״ און ער האָט זי ווידער איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס און גענומען אויסקושן איר יעדן גליד אָנהויבנדיק פון די אויגן, דעם שטערן, די באַקן און ווו נאָר ער האָט געכאַפּט. „נאַ, אָט האָסטו פאַר אויסבאַהאַלטן פון מיר אזעלכע גרויסע סו־דות! הערט נאָר, מענטשן״, האָט קלמן גערעדט סתם אין דער וועלט אריין, „זעט נאָר, מענטשן, מיין סאָניעטשקע ווערט אַ מאַמעלע, אַ קליין מאַמעלע... אָבער ווייסט, סאָניעטשקע״, האָט ער זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט, „דו מוזט איצט זיין זייער פאָרזיכטיק. איך וועל אכטונג געבן!״

„פאַרשפּאָרסט זיך עס״. האָט סאָניע געלאַכט. „וואָס מיינסטו, כ׳לעב אין דער באָבעס צייטן? דער דאָקטאָר האָט מיר שוין געגעבן אַ גאַנצע ליס־

טע פון וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט — ווייס איך שוין אַלץ. קענסט זיך פאַרלאָזן, אז איך וועל דיר ברענגען אַ שיינע מתנה גאָר אין גיכן..."

„איך ווער משוגע פון גליק, סאָניעטשקע!" האָט קלמן אויסגעשריען.

„שריי ניט, מ'וועט זיך דאָך אין מיטן נאַכט דערוויסן פון סוד..."

„און דאָס וויל איך, סאָניעטשקע, זאָלן אַלע וויסן, די גאַנצע וועלט!"

„געַנוג, קלמן! איך האָב געוווסט אז דו וועסט זיך פרייען מיטן סור־פריז, אָבער כ'וויל ניט אז אלע זאָלן זיך מיט איין מאָל דערוויסן. לאָז האַלטן אַ ווײַלע דעם סוד נאָר פאַר אונדז ביידן. נאָר אַ ווײַלינקע..." האָט זי זיך ווי געבעטן, און צוגעמאַכט די אויגן.

קלמן האָט געקוקט אויף אירע פאַרמאַכטע אויגן און זיך ניט דערלויבט צו אָטעמען אפילו, כדי איר ניט צו שטערן. זי איז געלעגן אזוי אַ רעכטע ווײַלע, און ווען זי האָט זיי צוריק געעפנט האָט זי זיך ווי דערמאָנט:

„דו האָסט דאָך מסתמא ניט ווי געהעריק זיך אויסגעשלאָפן אויף דער באַן די לעצטע צוויי נעכט, טאָ זאָל שוין זיין גענוג אויף היינט. און איך בין אויך אַ ביסל מיד פון די לעצטע געשעענישן, פון דיין פריינד כאַטשעס קו־מען און אַלע רייד און טועונישן ארום דעם. מאָרגן איז אויך אַ טאָג. טאָ לאָמיר גיין שלאָפן..."

קלמן האָט צוגעשטימט. שוין געווען שפעט אין דער נאַכט, ווען קלמן איז אַ צופרידענער איינגעשלאָפן.

14

קלמן ווערט אַ דעלעגאַט

אויף דער פאַרזאַמלונג פון קאָמיטעט, נאָך אײדער קלמן איז געפאָרן קיין קײפּטאָן באַגעגענען כאַטשען, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ פאָרשטײער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט צום באָרד אָוו דעפּיוטיס. אײנ־שטימיק איז אויסגעקליבן געוואָרן מ״ר קעלי טראַי, דער פאָרזיצער פון דער סאָסײטי, איר צו פאָרטרעטן אויף די רעגולערע חודש־מיטינגען פון „באָרד״.

קומענדיק מיט כאַטשען פון קײפּטאָן האָט שוין קלמן געפונען אַן אָפי־ציעלע פאַרבעטונג פון „באָרד״ צו דעם מאָנאַטלעכן מיטינג, וואָס וועט פאָר־קומען דעם קומענדיקן זונטיק. מ״ר קעלי טראַי ווערט באַשטעטיקט ווי דער פאָרשטײער פון זײן לאַנדסמאַנשאַפט און ער ווערט העלפעך אײנגעלאַדן. דערבײ איז געווען בײגעלײגט דער סדר־היום. קלמן האָט שנעל דורכגע־

בליקט און באַמערקט אַ פּונקט וועגן וועלכן ער האָט וואָס צו זאָגן, ווייל יעדער פון די אויסגעוויילטע מיטגלידער ווערט געבעטן ארויסצוזאָגן זיין מיינונג וועגן די באַהאַנדלטע ענינים.

אַ צופרידענער האָט ער די איינלאַדונג געוויזן כאַטשען און פאַר איינס אים שוין אויך אויפגעקלערט וואָס אזוינס עס שטעלט מיט זיך פאַר דער באָרד אָוו דעפּיוטיס:

„אין דער היים האָט יעדע שול, יעדער בית־מדרש און קלויז געהאַט זיין גבאי, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דאָזיקע אַנשטאַלטן. דאָ איז עס אויך אזוי, מיטן צוגאָב וואָס יעדע לאַנדסמאַנשאַפט האָט איר פאָרזיצער, אָדער ווי מען רופט אים דאָ — טשערמאַן. און די דאָזיקע אַלע מענטשן, וואָס טראָגן די גבאות פון די אַלע מוסדות זיינען אליין, אָדער גע־קליבענע פון זייער אנשטאַלט, די דעלעגאַטן צו די מיטינגען פון ‚באָרד' און זיי פאָרמירן עס די דאָזיקע פאַראייניקטע צענטראַלע קערפּערשאַפט, וואָס פירט אָן מיטן יידישן אָרגאַניזירטן לעבן און רעדט אין נאָמען פון גאַנצן יידנטום אין דרום אפריקע".

און כדי כאַטשע זאָל זיך בעסער פונאַנדערקלייבן אין גאַנצן פּלאָנטער האָט ער עס אים געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ משל: „עס איז דאָס זעלבע ווי ס'איז איצט, נאָך דער מלחמה, פאָרגעקומען אין פּוילן און אין די קרעסן, ווו ס'האָבן זיך געגרינדעט יידישע קהילות".

„נו, יאָ", האָט זיך איצט כאַטשע געכאַפּט, „דאָס איז דאָס זעלבע ווי ביי אונדז אין שטעטל. די וואַלן ווו מען קלייבט אויס דאָזאָרן צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג. ביי אונדז אין שטעטל", האָט זיך כאַטשע דערמאָנט, „זיינען פאָרגעקומען לעצטן מאָל ניט נאָר קאַמפן, נאָר אויך געשלעגן צווישן בונ־דיסטן און ציוניסטן. און די אגודת ישראל האָט געקערט מעשים אויף ביידן, אויף די אפּיקורסים. ס'האָט זיך געטאָן חושך".

„פאַר מיינע צייטן איז עס שוין געווען", האָט אים קלמן אונטערגעכאַפּט. דו געדענקסט אוודאי דעם גרויסן געשלעג אין בית־מדרש, ווען איך האָב אָנגעפירט מיט דער בונדישער באַיוווקע. אָבער דאָ איז עס גאָר אויף אַן אָנשטענדיקן אופן. דאָ קריגט מען זיך ניט, חוץ אַן ארגומענט, ווי מ'רופט עס, און וועגן שלאָגן זיך קען גאָר קיין רייד ניט זיין. דאָ, פאַרשטייסטו", האָט אים קלמן נאָך אַ מאָל צעקייט דעם ענין, „איז די גאַנצע יידישע שטאָט איינגעטיילט אין קאָנגרעגיישנס — דאָס זיינען די רעליגיעזע אַנשטאַלטן

פון די שטאַט־באַצירקן. נאָך דעם קומען לאַנדסמאַנשאַפטן פון אימיגראַנטן, פּאַרטייען א״א געזעלשאַפטן פון הילף און צדקה, וואָס יעדע שיקט איר פאָרשטייער צו דעם ׳באָרד׳ און אלע צוזאַמען זיינען פאַרטראַטן אין דער ׳באָרד׳־אינסטיטוציע. און די דאָזיקע דעפּוטאַטן ווערט עס אָנגעטרויט אָנ־צופירן מיטן גאַנצן יידישן לעבן. פארשטייסט? האָט דאָס אונדזער הילפס־סאָסייטי מיך אויסגעקליבן פאַר איר פאָרשטייער און דאָס איז די איינלאַדונג צום ערשטן מיטינג. וועלן מיר זיך דעם זונטיק טאָקע אריבערכאַפּן און זען ווי עס פירט זיך דאָרטן״.

„וואָס עפּעס מיר? וואָס האָב איך צו טאָן מיט דעם אַלעם? ס׳איז נאָר דיין זאַך!״ האָט זיך כאַטשע געפּרוווט אָפּבעטן ביי קלמנען פון זיין א ׳שותף׳ מיט אים.

קלמן האָט אָבער ניט נאָכגעלאָזן: „אַ מענטש, כאַטשע, דאַרף אַלץ זען און וויסן. עס קומט צו ניץ אין לעבן. מ׳טרעפט זיך מיט מענטשן, מ׳הערט אַ קלוג וואָרט פון יענעם און מ׳זאָגט אליין אַ מאָל ארויס אַן אינטערעסאַנטן געדאַנק״.

„אָבער וואָס האָב איך צו טאָן, איך קען דאָך דאָרטן גאָר ניט זאָגן... אגב, קען איך דאָך קיין אין ענגליש וואָרט ניט — ניט ריידן און ניט פאַרשטיין״, האָט כאַטשע איבערגעריסן קלמנען און זיך געפּרוווט ארויס־קריגן פון שפּיל.

„טאָ ווילסטו גאָר ניט זען, כאַטשע, ווי איך וועל דאָרטן אויפטרעטן. און אפשר וועל איך נאָך ריידן אין יידיש און דו וועסט פאַרשטיין. איך האָף, אז איך וועל זיך דאָרטן ניט פאַרלירן, און דאָרטן ווערן מענטשן באמת פּאָפּולער. פון דעם ׳באָרד׳ זיינען שוין ארויסגעוואַקסן אַ סך מנהיגים אין דער מדינה. וועסטו אַ בליק טאָן אויף די היגע פירער, און טאָקע זען אויך דיין קלמן בולאַן וואָס ער קען. געדענקסט דעם זאָג, כאַטשע: ׳נאָ קאָניע און פּאָד קאָניאָם׳. כ׳בין שוין געווען גענוג אונטערן פערד, טאָ לאָ־מיר אויך זיין א ביסל פון אויבן, אויפן פערד...״

„מ׳קען זיך אויף דיר פאַרלאָזן, קלמן, דו וועסט תמיד ארויס פון אויבן. נאָך די פּאָר טעג מיט דיר צוזאַמען, זע איך שוין ווי דו אַרודעוועסט, לייגסט איין ממש וועלטן, אַלץ ווייסטו און פאַרשטייסט. ניט צו באַוווּנדערן אז דו ביסט געוואָרן אַ פאַבריקאַנט. כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת: איצט וואָלט איך דיר אָנגעטרויט מיין אייגן לעבן. קלמן, ביסט אַ כוואַט!״ איז כאַטשע זיך

פֿאַרגאַנגען אין לויב פֿון גאַנצן האַרצן. קלמן האָט אים געקוקט אין די אויגן און געפֿילט אין זיי אַ ליבשאַפֿט צו אים.

מיט אַ מאָל האָט זיך כאַטשע דערמאָנט: „און אַ ווייבעלע האָסטו אַריינ־געקראָגן, איינע אין אַ מדינה! וואָלט עמעצער גאָר געגלייבט אין דער היים, אַז אַזאַ שיין, געבילדעט און בעל־הבתיש מיידל וועט גאָר אַ קוק טאָן אויף אַזאַ ווי דו. אַזאַ זאַך האָט דאָרט קיין מאָל ניט געקענט טרעפֿן".

„דו פֿאַרשטייסט, כאַטשע, דאָ איז ניט די היים און ס׳איז ניטאָ דער ייחוס ווי דאָרט איז עס געווען. חוץ דעם איז סאָניע פֿון דעם מין אינטעלי־גענטע מיידלעך, וואָס דווקא נאָכן ענדיקן אַ גימנאַזיע קוקן זיי אויפֿן לעבן אין גאַנצן אַנדערש, נאַטירלעך. אָבער דער עיקר מיט סאָניען, ווי זי זאָגט אַליין איז, אַז זי האָט נאָך ביי אונדז אויפֿן וואָקזאַל, ווען איך האָב געטראָגן אירע טשעמאָדאַנעס, דערקענט אין מיר דעם ניט פֿאָלירטן דימענט... און ווי מ׳זאָגט: ס׳איז געווען ליבע אויפֿן ערשטן קוק".

„און איצט דאַרף מען זען, אַז ס׳זאָל עפּעס אַרויסקומען פֿון דער ליבע..." האָט כאַטשע חבריש און צווייִדייטיק אָנגעוווּנקען צו קלמנען.

קלמן האָט געוואָלט אַ שפּרונג טאָן און אים אָנזאָגן די בשורה, אַז „עפּעס" איז שוין אַרויסגעקומען, נאָר ער האָט מיט אַלע כּוחות געצוימט זיין ווילן איידער די אייגענע משפּחה ווייס נאָך דערפֿון. איז ער געבליבן אַ שווייגעוודיקער זיצן.

„נו, יאָ", איז כאַטשען געוואָרן אומבאַקוועם, ווי ער וואָלט ניט פֿאַר־שטאַנען פֿאַר וואָס קלמן שווייגט. צי האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען זיין אָנצו־הערעניש? האָט ער געפּרוווט אַריבערגיין אויף עפּעס אַנדערש: „ווען פֿירסטו מיך שוין אַריבער אין דיין פֿאַבריק צו דער אַרבעט. מיר זיינען די פּאָר טעג אַרומגיין ליידיק שוין דערעסן געוואָרן. ווייסט דאָך אַז אַ נאָש בראָט איז אַ גאַנץ לעבן געווינט צו האָרעווען, קומסטו אין מיטן דערינען און ווילסט מיר מאַכן פֿאַר אַן אינטעליגענטן ליידיק־גייער. אויסגעפּוצט האָסטו מיך ווי אַ מויד צו דער חופּה, אַז כ׳האָב פּשוט מורא זיך אַ דריי צו טאָן אין די נייע בגדים. דערצו האָסטו מיר נאָך איבערגערעדט כ׳זאָל אָפּשערן דאָס בערדל און אויסזען ווי אַ מענטש — האָב איך דיר געפֿאָלגט. און אַז איך וואַרף אַ בליק אין שפּיגל דערקען איך זיך אַליין ניט. שטעל איך זיך שוין פֿאָר ווען מיין כיענקע דערזעט מיך אין מיין איצטיקן הילוך און נאָך אַן

אַ באָרד! זי וואָלט געחלשט אויף אַן אָרט, ווי איך בין אַ ייד. היינט שטעל זיך נאָך פאָר דאָס בילד, ווען כ׳פאָר אריין איצט מיט עליעס בויד אין שטעטל. מ׳וואָלט מיר דאָך נאָכגעלאָפן ווי אַ משוגענעם. כאַטשע אָן אַ באָרד!״

„פאַרגעס אויף אַ ווייל דאָס שטעטל און זאָרג ניט, כאַטשע! ניט נאָר וועסטו אַהין צוריק ניט פאָרן, נאָר אזוי גיך זאָל משיח קומען ווי גיך דיין כיענקע, דיין פריידקע, העטשע מיט זיין משפחה און אויך אברהמל דער פראטשעשניק מיט זיין ווייב, און געצל — אַלע וועלן דאָ זיין. זעסטו, ברו־דער כאַטשע, קעגן געצלען פלאָגט מיר נאָך אַלץ מיין געוויסן, און איך פיל זיך נאָך אַלץ שולדיק, ווייל כ׳קען ניט פאַרגעסן ווי כ׳האָב אים איבערגע־לאָזט אויף הפקר איינעם אליין אין די הענט פון חזירשן זוואָדנעם מאַזור־קאָ און איך בין אַנטלאָפן. איך שטעל זיך פאָר ווי ער האָט זיך דאָרט גע־בעך שפעטער אָנגעליטן. און דעריבער מוז איך עפעס טאָן פאַר אים, אז מיין געוויסן זאָל זיין ריין״.

קלמן רעדט אויף דעם מיטינג פון „באָרד״

זונטיק פרי האָט זיך קלמן אויסגעפוצט לויט דעם אָנגענומענעם שטיי־גער פון אַ דעלעגאַט אויף אַ מיטינג פון באָארד אָוו דעפיוטיס. סאָניע האָט שוין אַכטונג געגעבן, אז ער זאָל אָנטאָן דעם פאַסיקן אָנצוג, אַ ווייסע העמד און אַ שניפס וואָס זאָל זיין צוגעפאַסט צום אָנצוג. קלמן האָט מיטגענומען מיט זיך זיין גאַסט, כאַטשען.

מיט דעם אויטאָ האָט עס ניט לאַנג געדויערט. זיי זיינען געקומען אין דער צייט און קלמן האָט אוועקגעזעצט כאַטשען צווישן די געסט, און אליין פאַרנומען אַ פּלאַץ צווישן די דעפּוטאַטן. קלמנס אימפּאָזאַנטע פיגור האָט זיך ארויסגעהויבן פון צווישן די אַנדערע דעלעגאַטן און האָט צוגעצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט. ווען דער פאָרזיצער האָט געעפנט דעם מיטינג, האָט ער צום ערשטן באַגריסט דעם נייעם דעפּוטאַט, מ״ר קעלי טראַי, וואָס איז דער טשערמאַן פון דער הילפס־סאָסייטי וועלכע האָט אים דעלעגירט. די דעפּוטאַטן האָבן מיט צושטימונג אַפּלאָדירט דעם פאָרזיצערס רייד. קלמן

האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך פאַרנויגט צום פאָרזיצער און צו די דעפּוטאַטן, וואָס איז געווען אַן עלעגאַנטער צייכן פון זיין דאַנק־אויסדרוק צו זייער אָנערקענונג פאַר אים.

דער מיטינג האָט זיך געפירט לויט די אָנגענומענע כּללים, ווי עס פּאַסט פאַר די יידישע פאָרשטייער פון דער גרויסער יאָהאַנעסבורג. דער פאָרזיצער האָט מודיע געווען דעם סדר־היום. פאַרשיידענע דעפּוטאַטן האָבן זיך פאַר־שריבן צו ריידן וועגן די וויכטיקע ענינים. דער גענעראַל־סעקרעטאַר האָט רעפערירט די פראַגעס פון טאָג־אָרדענונג, און קלמן האָט זיך פאַרשריבן צו ריידן וועגן דעם לעצטן פּונקט: הילף פאַר די רואינירטע מוסדות אין די אַלטע היימען.

כאַטשע איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל. אים איז דאָס פאָרגעקומען ווי אין פּוילישן סיים. כאָטש ער איז דאָרטן קיין מאָל ניט געווען, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אז די זעלבע צערעמאָניעס פראַוועט מען מסתּמא אויך דאָרטן. ער האָט קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען פון דעם וואָס מ׳רעדט דאָ, נאָר ער האָט ממש אויפגעלעבט ווען ער האָט פּלוצלינג געהערט ווי אַ פאָרשטייער האָט גענומען ריידן אין אַ קלאָרן, שיינעם און ריינעם יידיש: „אין נאָמען פון ליטעראַרישן פאַראיין, וועמען איך פאַרטרעט דאָ, האָב איך ארויפגעשטעלט אויפן סדר־היום דעם פּונקט וועגן הילף פאַר די פאַראָרעמטע ברידער אונדזערע אין איראָפּע, ווי אַ רעזולטאַט פון דער וועלט־מלחמה. איך ווייס אז פון דעם פאָרום דאַרף מען קיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר אזא פאָרשלאָג ניט מאַכן און אלע דעפּוטאַטן וועלן זיך באַציען פּאָזיטיוו און זאַכלעך צו אַ הילפספאָנד, וואָס זאָל אויפגעשטעלט ווערן ביים באָרד אָוו דעפּיוטיס. איך זע אויך, אז דער נייער דעפּוטאַט, מ״ר קעלי טראַי, האָט זיך פאַרשריבן אויף דעם פּונקט צו ריידן, און אזוי ווי ער איז אויך אַ פאָרזיצער פון אַ הילפּס־סאָסייטי און האָט אַ סך דערפאַרונג אין דער אַרבעט, וויל איך פאַר־קירצן מיינע רייד לטובת אים, אז ער זאָל זיך קענען ברייטער ארויסזאָגן וועגן דער פראַגע״.

די דעפּוטאַטן זיינען געבליבן זיצן שטיל און מיט אינטערעס אָנגע־שפּיצט זייער געהער צו דעם וואָס דער נייער דעפּוטאַט, מ״ר קעלי טראַי, האָט צו זאָגן.

„אין דער אמתן האָב איך זיך מיט האַרצקלאַפּעניש צוגעגרייט צו ריידן עטלעכע ווערטער אויף מיין אויסגעלערנטן ענגליש, אָבער אז כ׳האָב גע־

הערט, אז דאָ רעדט מען אזא היימישן און געשמאַקן יידיש, פאַרשטיי איך דאָך — און זע לויט די פּנימער — אז מאמע־לשון איז דאָ קיינעם ניט פרעמד, דעריבער איז עס פאַר מיר אַ פרייד צו ריידן אין לשון, וואָס מיין פריינד, דער פריערדיקער רעדנער האָט גערעדט.

„וועגן אָט דער פראַגע איז פאַראַן אַ סך צו זאָגן, אָבער נאָך מער צו טאָן". קלמן האָט גערעדט מיט טעמפּעראַמענט און זיין שטים האָט גע־קלונגען שטאַרק און מיט איבערצייגונג. ער האָט גערעדט וועגן די פיל האַרצרייסנדיקע בריוו, וואָס זיינען אָנגעקומען פון זייער שטעטל גלייך ביים סוף פון דער מלחמה. ווי דער רב, גבאים און בעלי־בתים האָבן געשריבן און געבעטן שטיצע פאַר די חרוב־געוואָרענע מוסדות און ווי ער, קלמן, איז געווען אינסטרומענטאַל פאַראַנטוואָרטלעך ביים אויפשטעלן זייער הילפס־קאָמיטעט, וואָס האָט ביי זיין גרינדונג זיך געשטעלט אַלס הויפט־ציל: אַ דרינגענדיקן געלט־פאָנד פאַר אַלע שטעטלשע הצטרכותן.

„היר, היר!" („זייער ריכטיק"), האָבן זיך געהערט שטימען פון באוווּנ־דערונג און באַגייסטערונג פון די דעפּוטאַטן פאַר קלמנס אויפטוען. קלמן האָט זיך צופרידן ארומגעקוקט און ווייטער דערציילט, אז זיי האָבן שוין באַוויזן צו זאַמלען היפּשע געלטסומעס און אָפּגעשיקט צום שטעטלשן קאָ־מיטעט, פאַר וועלכע זיי האָבן געקראָגן וואַרעמע דאַנקבריוו און באַריכטן, ווי מ'האָט פּשוט זיי געראַטעוועט, אי דעם כלל און אי יחידים. חוץ וואָס מ'האָט די חרובע אינסטיטוציעס אויף דאָס ניי אויפגעבויט, האָט מען דאָרט אויפגעשטעלט אַ נייע יידישע פאָלקשול, ווו ס'לערנען אונדזערע קינדער. די ניט פאַרמעגלעכע יינגלעך און מיידלעך לערנען אומזיסט און די פּעאיקע ווערן אפילו געשטיצט. און קלמן האָט אַ וויז געטאָן מיט אַ פינגער צו דעם אָרט, ווו כאַטשע איז געזעסן. כאַטשע האָט זיך איינגעקאָרטשעט, ווי קלמן וואָלט זיך געגרייט צו שיסן אין אים מיטן פינגער...

„אָט האָב איך דאָ אַהער געבראַכט ווי אַ גאַסט מיין פריינד מ"ר שמיד־זאַק, וועלכער איז מיט אייניקע טעג צוריק געקומען פון דער היים. כאַטשע האָט מיט וואַקלדיקע קני זיך אויפגעשטעלט, אָט אזוי ווי קלמן האָט עס פריער געמאַכט. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אראָפּגעבויגן, כדי אויסצו־מיידן די צענדליקער פּאָר אויגן וואָס זיינען געווען געצילט אויף אים מיט נייגיר. דער עולם האָט כאַטשען אַפּלאָדירט.

„דער מאַן, וואָס איך האָב אריבערגעבראַכט אהער, איז געזעסן אַ גאַנצן

אָוונט ביז אַ שטיק פאַרטאָג און דערציילט ווי זיי האָבן דורכגעלעבט די מלחמה־יאָרן, דעם הונגער און די נויט, די שיקאַנעס און פּייניקונגען מיט די בילבולים פון קאַזאַקן און באַנדיטן און פאָגראָמשטשיקעס, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען. ווי אַזוי דאָס שטעטל זיינע איז אַריבער פון האַנט צו האַנט צו פאַרשיידענע מיליטער־אָפּטיילונגען, און יעדע פון זיי האָט געראַובט יידיש פאַרמעגן, פאַרגוואַלדיקט יידישע טעכטער, געשניטן גאָרגלען און בערד.

„און אַז ס׳איז אָנגעקומען די נייע מאַכט פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך ווי פרייהייט־ברענגער פּראָקלאַמירט, האָבן זיי גאָר דערקלערט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פאַר לופטמענטשן און, פאַרשטייט זיך, ווי אַזעלכע זיי אויסגעטיילט מחוץ למחנה. דאָס הייסט, אַז זיי האָבן מיט איין מאָל פאַרלוירן זייער רעכט אויף אַרבעט און ברויט, ווייל זיי האָבן געבראַכט די לאָזונג: ווער עס אַרבעט ניט דער עסט ניט... דאָס אַלץ האָט דערציילט אונדזער גאַסט מ״ר שמידזאַק. דעריבער וויל איך פון גאַנצן האַרצן אונ־טערשטיצן דעם פאָרשלאַג פון פריערדיקן רעדנער פון ליטעראַרישן פאַר־איין, אַז דער ׳באָרד׳ זאָל שאַפן אַ הילפסקאַמפּיין פאַר די אייראָפּעאישע יידן.

„ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען דעם גרויסן מאַסן־מיטינג אַ לאַנגע צייט צוריק, ווו דער באַקאַנטער רעדנער פּיוול פּאַדערסקי האָט אַפּעלירט צו אַ פיל הונדערט קעפּיקן עולם, אַז מ׳זאָל זיךביישטייערן פאַר די פאַראָרעמטע יידן אין רוסלאַנד. אויף יענעם מיטינג איז געשאַפן גע־וואָרן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט, אָבער זינט דעמאָלט איז גאָר ניט געטאָן געוואָרן. און ס׳ליגט אַ הייליקער חוב אויף דעם ׳באָרד אָוו דעפּיוטיס׳ צו זען, אַז די שטיצע זאָל אָנגעהאַלטן ווערן אַזוי לאַנג ביז די יידן דאָרטן וועלן זיך שטעלן אויף זייערע אייגענע פיס״.

קלמנס רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און איז אַפּלאָדירט געוואָרן. די דעבאַטעס זיינען געווען קורצע און די הסכמה איז געווען אַ פולע. דער פאָרשלאַג איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, און אין דער קאַמפּיין־קאָמיסיע איז קלמן פון די ערשטע אויסגעקליבן געוואָרן.

אויף דער ערשטער זיצונג פון דער קאָמיסיע איז שוין קלמן געקומען מיט דער אָנגעזאַמלטער דערפאַרונג פון דער אַרבעט אין הילפס־קאָמיטעט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. ער האָט גלייך אָנגעוואָרפן אַ סכעמע פון אַן אַר־בעטספּלאַן פאַר דער קאָמיסיע, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט אנער־

קענונג. די קאָמיסיע האָט אויך אָנגענומען קלמנס פאָרשלאָג צו דער עקזע־קוטיווע פון „באָרד״, אז די קאָמיסיע רעקאָמענדירט אָנצושטעלן פייוול פאַ־דערסקין אַלס אַ שטענדיקן פראָפּאַגאַנדיסט פאַר דעם הילפסקאַמפּיין.

פייוול קומט צו גאַסט

ווען קלמן האָט באַקומען די איינלאַדונג פון דער „באָרד״־עקזעקוטיווע, ער זאָל קומען רעפערירן זיין פאָרשלאָג וועגן אָנשטעלן פייוול פאַדערסקין ווי דעם פראָפּאַגאַנדיסט פון קאַמפּיין, האָט ער געפרעגט כאַטשען צי ער וואָלט מיט אים מיטגעגאַנגען, כדי ער זאָל זיי דערציילן אַלץ וואָס ער ווייס וועגן די ליידן פון יידן אונטער די באָלשעוויקעס און פאָליאַקן. כאַטשע האָט קלמנען אָנגעקוקט, ווי איינעם וואָס איז עפּעס ניט מיט אַלעמען...

„דו ווייסט כאַטש וואָס דו רעדסט, קלמן? ווער בין איך און וואָס בין איך? איך צווישן אזעלכע גרויסע מענטשן? וואָס קען איך זיי זאָגן? דו, פאַרשטיי איך, האָסט זיך דאָך געלערנט, ווי דו האָסט מיר דערציילט: דיין ווייב, דיינע שותפים גערטי און דזשעק האָבן דיר געלערנט, און אַ מאָל אין בונד, געדענק איך, פלעגסטו אויך לויפן אין די אָוונטן זיך לערנען, און אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס האָסטו און אין קאָפּ איז נאָך פאַראַן שכל אויך, האָט דיר שוין גאָר ניט געפעלט צו ווערן אַ גרויסער מענטש, אַ סאַמע אינטעליגענט. אָבער איך, כאַטשע דער פערדהענדלער, דער קאַניוך, וואָס האָב קיין מאָל קיין צורת אות ניט געקענט און אַ היי האָב איך געזען אין קאָרעטע, ניט אין סידור, טאָ ווילסטו אז איך זאָל קומען ריידן צווישן די גרעסטע דעפּוטאַטן פון אייער ׳באָרד׳, ניט שלעכט, האַ? וואָלט איך נאָך געהאַט מיין אייגענע באָרד וואָלט עס געווען מעשה־מענטש, איצט פיל איך זיך דאָך גאָר ווי אַ צוציק. איז שוין בעסער אז איך וועל בלייבן אין דער היים און פּרווון צוטראַכטן נייע פּלענער, ווי אזוי מיינע טישן זאָלן ארויס־געבן מער אַרבעט״.

„יאָ, טראַכט עפּעס צו אַ גוטן פּלאַן ווי מ׳זאָל מער פאַרדינען...״ האָט קלמן זיך געוויצלט און אוועק אליין צום מיטינג.

אויף דער זיצונג פון דער עקזעקוטיוו האָט דער פאָרזיצער באַגריסט קלמנס אָפּרוף צו קומען רעפערירן וועגן זיין פאָרשלאָג. ער האָט אים גע־

בעטן דערציילן וואָס ער ווייס וועגן מ״ר פּאַדערסקין, זיינע פעאיקייטן און ווי ווייט זיין הילף קען אויפטאָן פאַר דער זאַך.

ביי קלמנען האָט זיך אויפגעעפנט אַ קוואַל פון רייד. ער האָט גערעדט וועגן מ״ר פּאַדערסקין ווי וועגן איינעם פון די גרעסטע אָראַטאָרן פון אונד־זער צייט, וועגן זיין וויסן און אינטעליגענץ. ער איז אַ מענטש וואָס איז קלאָר אין תלמוד און אויסגעוויקט אין דער אַלגעמיינער און יידישער ליטע־ראַטור. ער האָט אין דער היים געענדיקט עטלעכע פאַקולטעטן און היינט נאָך זיצט ער און שטודירט. נאָך אַזעלכע רעקאָמענדאַציעס זיינען די דע־באַטן געווען קורץ און מ׳האָט באַשטעטיקט, אַז מ״ר טראַי ווערט באַפול־מעכטיקט פון דער עקזעקוטיווו זיך צו טרעפן מיט מ״ר פּאַדערסקין און ריידן מיט אים וועגן די באַדינגונגען. אויף דעם קומענדיקן חודש־מיטינג פון „באָרד״ זאָל מ״ר טראַי באַריכטן וועגן די רעזולטאַטן פון די אונטער־האַנדלונגען.

* * *

פּיוול האָט זיך שטאַרק דערפרייט ווען ער האָט דערהערט קלמנס שטי־מע דורכן טעלעפאָן. מ׳האָט אַ וויילע געשמועסט און זיך איבערגעגעבן גרוסן, נאָך דעם האָט פּיוול אָנגענומען קלמנס איינלאַדונג צו קומען מיט זיין ווייבל צוגאַסט, כדי אָפּצונעמען אַ לעבעדיקן גרוס פון אַ מענטשן, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון דער היים. אגב, האָט קלמן אים געזאָגט, אַז ער האָט פאַר אים אַ פאָרשלאָג וועגן אָננעמען די שטעלע פון אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע וואָס איז אויפגעשטעלט ביים „באָרד״ פאַר די יידן פון רוסלאַנד און פּוילן. די זעלבע אַרבעט וואָס ער האָט שוין פריער געטאָן, גלייך נאָך דער מלחמה, ווען זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל נאָך זייער אָנקום אין קייפּטאָן ווידער געטראָפן. און ער, קלמן, איז עס באַפולמעכטיקט פון „באָרד״ צו פירן מיט אים אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם ענין.

* * *

סיי ביי די טראַיס און סיי ביי די פּאַדערסקיס האָט מען זיך מיט אומ־געדולד געגרייט און דערוואַרט דעם אָוונט, ווען מ׳וועט נאָך אַזוי לאַנגע צייט זיך ווידער זען. לכבוד פּיוולען האָט שוין קלמן פאַרבעטן זיין שותף דזשעקן מיטן ווייבל און עס איז געווען אַ זייער אינטערעסאַנטער אָוונט. מ״ר מייקל און ראָזי האָבן זיך געפילט ווי הויפּט־מחותנים. איבערהויפּט האָט אַ סך פרייד אריינגעבראַכט די נייעס וועגן סאָניעס שוואַנגערשאַפט

און ראָזי האָט געפּילט, אַז ס׳איז אַ גוטע געלעגנהייט פֿאַר אַן אומאָפּיציעלער פּאַרטיע און זי האָט כּסדר מכבד געווען די געסט מיט זיסיקייטן.

סאָניע איז געזעסן אויבן־אָן אין איר ספּעציעל ברייטן קלייד פֿאַר שוואַנגערע פֿרויען. מ׳האָט שוין אויף איר געקענט מערקן די ענדערונג: אירע ברוסטן און די היפּטן זיינען פֿולער געוואָרן, און איר פּנים איז געווען רונד און אויסגעשטאָפּט ווי ביי אַ ליאַלקע, אַזוי אַז ביים שמייכלען האָבן זיך מער די חן־גריבעלעך ניט באַוויזן. זי האָט מיט פֿרויאישער ווירדע געשוויגן.

פּיוול האָט זיך צוגעכאַפּט צו כאַטשען, ווי ער וואָלט אַנטדעקט אַ קוואַל פֿאַר נייע ידיעות. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אויספֿרעגן אַלע פּרטים וועגן די יידישע צרות און ליידן בעת דער מלחמה און דער רעוואָלוציע. איצט איז כאַטשע געוואָרן ניט ווילנדיק דער ראש המדברים. אויף אַ פּשוטן אופֿן האָט ער איבערדערציילט צום וויפֿלטן מאָל די טרויעריקע פּאַסירונגען מיט אַלע איינצלהייטן.

פּיוול האָט די רייד און אַלע אַנדערע עפּיזאָדן פֿאַרנאָטירט אין אַ קליין ביכעלע.

„דאָס וועט מיר שטאַרק צונוץ קומען״, האָט ער געזאָגט. „איך וועל עס אויסנוצן אין אַן אַרטיקל פֿאַר די יידישע צייטונגען, ווו איך בין אַ קאָרעספּאָנדענט. חוץ דעם קען עס אויך צונוץ קומען אין אַ רעדע אויף אַ מיטינג. דער עולם וויל שטענדיק האָבן פֿאַקטן, איבערהויפּט אַז מען גיט אָן דעם אויטענטישן מקור מיט די ריכטיקע נעמען פֿון די מענטשן אין די פּאַסירונגען. אייערע רייד, מ״ר שמידזאַק, זיינען ווערט אַן אייגנס. איר קענט עס גאָר ניט אָפּשאַצן. דאַרף מען דען האָבן אַ בעסערן גרוס, ווי פֿון אַ מענטשן וואָס האָט עס אַלץ אַליין דורכגעלעבט״. ער האָט כאַטשען געדריקט די האַנט מיט דאַנק פֿאַר דער דאָזיקער אינפֿאָרמאַציע.

„יאָ, פּיוול, וועגן דעם ענין האָב איך דיר טאַקע איינגעלאַדן היינט צו פֿאַרברענגען מיט אונדז. וועלן אונדזערע פֿריינד אונדז אַנטשולדיקן, אַז מיר וועלן פֿאַר אַ ווײַלע אַריינגיין אין צווייטן צימער — זיך דורכשמועסן וועגן ביזנעס״.

„מיטן גרעסטן כּבוד!״ האָט זיך לאה פּאַדערסקי אָפּגערופֿן. „איצט וועלן מיר אויך האָבן אַ געלעגנהייט צו שטעלן פֿראַגעס דעם גאַסט און פֿאַרברענגען מיט אים״.

פּיוולס נייער פּאָסטן

פּיוול און קלמן האָבן זיך באַזעצט אין קלײנעם סטודיע־צימער פון מ״ר מייקל און קלמן האָט גלייך איבערגעגעבן פּיוולען בקיצור די גאַנצע היס־טאָריע: ווי אַזוי ער איז דערוויילט געוואָרן פון זיין לאַנדסמאַנשאַפט ווי אַ דעלעגאַט צום באָרד אָוו דעפּיוטיס און איז גלייך אויף דעם ערשטן מיטינג אויסגעקליבן געוואָרן אין אַ קאָמיסיע פון הילפס־קאָמיטעט מיטן צוועק צו זאַמלען פאָנדן פאַר די געליטענע יידן פון דער מלחמה. ווי אַזוי מ׳האָט באַשטעטיקט זיין פאָרשלאַג וועגן אָנשטעלן אַ באַצאָלטן פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר דעם צוועק פון ארומפאָרן איבער דער מדינה, כדי צו באַקענען די היגע יידן מיט די יידישע נויטן אין איראָפּע. „און די עקזעקוטיווע פון ׳באָרד׳ האָט עס טאַקע מיך באַפולמעכטיקט צו אונטערהאַנדלען מיט דיר, פּיוול, וועגן אָננעמען דעם פּאָסטן. איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז קיין פּאַסיקערן מענטשן צו זיין אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר דעם צוועק, צווייפל איך צי ס׳איז נאָך פאַראַן חוץ דיר, אין דרום־אפריקע. איז לאָמיר, גוטער ברודער, טאַקע גלייך צוטרעטן צום ענין און די זאַך ניט פאַרציען״.

פּיוול איז געווען העכסט צופרידן פון דער פּראָפּאָזיציע:

„איך וועל גערן אָננעמען דעם פּאָסטן, קלמן, נאָר דו ווייסט דאָך, מיין ווייב האָט אויך אַ שטיקל דעה און כ׳מוז זיך מיט איר דורכריידן, אפילו נאָך דעם ווי איך האָב שוין באַשלאָסן אויף יאָ...״ ער האָט קלמנען אויך אָנגע־מערקט דעם מינימום לוין, וואָס ער וויל האָבן.

„כ׳בין זיכער אַז דיין ווייבל וועט ניט האָבן קעגן דיין באשלוס — זי מוז דאָך צושטימען...״ האָט קלמן צוריקגעשלאָגן מיט אַ וויץ. „דער פּאָסטן איז פאַר דיר ווי אָנגעמאָסטן און דער געהאַלט איז אויך צוגעגלעדך, אַזוי אַז איך גלויב, אַז קיין שוועריקייטן ביים באַשטעטיקן עס וועלן ניט אויפ־קומען. איצט וועל איך שוין ווערן דיין בעל־הבית אויך״, האָט קלמן אַ צו־פרידענער ארומגעכאַפּט פּיוולען, ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ביי־דע האָבן געלאַכט. „איך האָב פון הינטער די קוליסן אויפגעכאַפּט, אַז זיי ווילן מיר באַשטימען פאַר דעם פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע. און נאָך אַ סוד: איך וועל אין גיכן ווערן אַ טאַטע!״ האָט ער זיך באַרימט.

„דער סוד איז שוין קיין סוד ניט...״ האָט פּיוול געזאָגט. „זאָל זיין מיט מזל״.

„בקרוב ביי דיר אָפּצוגעבן!״ האָט אים קלמן אַ גליקלעכער געענטפערט.

צופרידענע זיינען זיי צוריק אריין אין זאַל, ווו כאַטשע איז נאָך אַלץ געווען אין צענטער פון דער קליינער קאָמפּאַניע, און אַלע האָבן זיך צו־געהערט צו אים.

* * *

קלמן איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון הילפס־קאַמפּיין און מ״ר פּאַדערסקי איז געוואָרן דער אָפיציעלער פּראָפּאַגאַנדיסט פון קאַמפּיין פאַר די מלחמה־געליטענע יידן פון אייראָפּע. אויף דער ערשטער מאַסן־פאַרזאַמלונג אין יאָהאַנעסבורג, אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן, האָט קלמן געפירט דעם פאָרזיץ. פאַר אַ פול־געפאַקטן זאַל האָט קלמן פאָרגע־שטעלט דעם רעדנער און ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען זייער נאָענטע חבר־שאַפט. ער האָט קורץ און זאַכלעך איבערגעגעבן וועגן זייער באַגעגעניש אין שעלטער, דאָס פאָרן אויף דער שיף, ווו ער האָט געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון אַלע פּאַסאַזשירן. מיט יעדער קלייניקייט האָט מען אויף דער שיף זיך געווענדעט צום חבר פּאַדערסקי. ער האָט געהאַט גערודלד צו יע־דערן, און אַלע אָן אויסנאַם האָבן אים רעספּעקטירט און געפאָלגט זיינע עצות.

דער ערשטער מיטינג איז דורך מיט אַ גוואַלדיקן דערפאָלג. פּיוול האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק און די באַריכטן אין דער פּרעסע און אין „באָרד״ זיינען געווען פול מיט לויב. די עקזעקוטיווע מיט קלמנען האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר יאָהאַנעסבורג און דער פּראָווינץ און מ׳האָט קלמנען געגעבן אַ מאַנדאַט די ארבעט צו אנטוויקלען אויף אַ ברייטן מאַס־שטאַב. אין די ארומיקע שטעטלעך פון ריף, איז קלמן געפאָרן די ערשטע וואָך צוזאַמען מיט פּיוולען און ארויסגעהאָלפן די אָרטיקע קאָמיטעטן צו אָרגאַניזירן די מיטינגען. אין די ווייטערדיקע שטעט פון לאַנד איז פּיוול געפאָרן אליין, נאָר מיט אַן אָפיציעלן בריוו פון „באָרד״, ווו מ׳בעט געבן אים די מעגלעכסטע הילף.

אזוי איז דער קאַמפּיין געפירט געוואָרן מיטן גרעסטן דערפאָלג — פי־נאַנציעל און מאָראַליש, ביז די ימים נוראים־טעג, ווען פּיוול האָט זיך גע־קליבן צו קומען אויף יום־טוב אַהיים.

צוזאַמען אין שול

עס איז שוין געווען אַ שטיק אין אלול. מיט יעדן טאָג נענטער צו די ימים־נוראים האָט כאַטשע געפילט דעם אָנקום פון ראש־השנה און יום־כיפור. ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס צווישן די יידן אין יאָהאַנעסבורג פילט מען עס גאָר ניט. די יידישע צייטונגען האָבן בלויז געהאַט גרויסע מעלדונגען, אַז מ׳קען זיך איינשאַפן די בעסטע זיצפּלעצער אין אַלע שולן, אָבער עס האָט אַלץ ניט געהאַט דעם טעם פון יום־טוב. כאַטשע האָט זיך באַקלאָגט פאַר קלמנען, אַז ס׳האָט אַ פּנים ווי די ציגיינער פאַרקויפן פערד, להבדיל, אַזוי פאַרקויפט מען דאָ די פּלעצער אין שול.

מ״ר מייקל איז צוגעשטאַנען צו קלמנען און אים גענומען צוריידן, אַז ער זאָל פאַר זיך און כאַטשען קויפן צוויי זיצפּלעצער, פון די בעסטע, אין דער הויפּט־שול. זאָל דער ייד וויסן אַז דאָ איז אויך ימים־נוראים. קלמנען איז דעם אָנקלס פאָרשלאַג גאָר ניט געווען צום האַרצן. ער, קלמן בולאַן, דער געוועזענער בונדיסט, דער ניט גלויביקער, וואָס האָט אַנטי־רעליגיעזע סכאָדקעס געפראַוועט יום־כיפור, זאָל איצט זיך אוועקשטעלן מיט אַ טלית אין שול מיט אַלע אָרטאָדאָקסישע יידן און פאַלשע פרומאַקעס. האָט ער גאָר באַשלאָסן, ווי אַמאָליקע צייטן, זיך דורכשמועסן וועגן דעם ענין מיט דזשעקן. ער האָט אים דאָך אַ מאָל געגעבן לעקציעס אין דאַווינען און אַטעאיזם, איז כדאי צו הערן היינט זיין מיינונג. אָבער ווי דערשטוינט איז קלמן געוואָרן, אַז דזשעק האָט אים געעצהט, אַז ער זאָל יאָ גיין אין שול, אויב נאָר אפילו צופרידנצושטעלן זיין אָנקל און כאַטשען. קלמן האָט ניט געוואָלט ארגומענטירן מיטן שותף זיינעם. אויך פּייוול פאָדערסקי האָט אים געראָטן אַז ער זאָל גיין אין שול: „מ׳טאָר ניט אָנטרעטן אויף יענעמס רע־ליגיעזע געפילן״.

אַז צוויי זאָגן שיכור... האָט קלמן געמאַכט דעם אויספיר, און האָט נאָכגעגעבן. ער האָט אָבער געשטעלט אַ באַדינג אַז דזשעקן און אַז פּייוו־לען, אַז זיי ביידע מוזן מיטגיין מיט אים, מיט זיין אָנקל און כאַטשען. זיי האָבן קלמנען ניט אָפּגעזאָגט. דזשעק האָט עס דערקלערט כלומרש, אַז ער וויל הערן דעם חזן מיטן שיינעם כאָר. וויי טער אינטערעסירט אים ניט.

ער איז טאַקע געווען אַ שטיקל מבין אויף חזנות. קלמן האָט באַזאָרגט פּלע־צער פֿאַר אַלעמען, אפילו פֿאַר די פֿרויען.

איבער דער גאַנצער שטאָט האָט זיך דעמאָלט געטראָגן דער נאָמען מישאַ סאָלאָוויי. זיין שיינע טענאָר־שטימע און זיין אויסערגעוויינלעך זינ־גען האָבן געהאַט אַ שם און געוואָרן די גרעסטע אַטראַקציע אין שול — נאָך מער ווי דער חזן גופא.

דעם ראש השנה ביינאַכט און יום כיפּור צו כל־נדרי האָט מישאַ באמת געוויזן וואָס ער קען. דער אָנקל, כאַטשע, קלמן, פּייוול און דזשעק זיינען געזעסן אויף די בכבודיקסטע פּלעצער אין דער גרויסער שול און זיך צו־געהערט ווי עס פֿאַרקלינגט אומעטום די ווונדערלעכע שטים פֿון סאָלאָאיסט. ווען זיי זיינען אַרויס פֿון שול, האָבן אַלע דיסקוסירט בלויז מישאַן און כמעט ווי אויסגעלאָזט דעם חזן. דזשעק האָט אַנאַליזירט דאָס זינגען און איז גע־ווען צופֿרידן צו הערן אַלעמענס הסכמה אויף זיינע רייד און יעדערער האָט באַשטעטיקט אַז דזשעק איז טאַקע אַ מבין אויף נגינה.

כאַטשע איז נשתומם געווען פֿון אזא זינגען. ער האָט עס נאָך אין זיין לעבן ניט געהערט. דעם גאַנצן וועג האָט ער ניט אויפֿגעהערט ריידן וועגן דער מתיקות וואָס דער סאָלאָוויי לייגט אריין אין די תפילות. ער איז אויך געווען שטאָלץ מיט קלמנען, וועמען מ'האָט מכבד געווען מיט אַ פּיי־נער עליה. ווי אַ מיטגליד פֿון באָרד אָוו דעפּיוטיס און פֿון די גרעסטע פֿאַב־ריקאַנטן אין שטאָט האָט ער ביי אַלעמען אויסגענומען.

* * *

קלמן האָט געקראָגן אָנזען ביי די גבאים פֿון שול און מען האָט אים געגעבן אָנצוהערן וועגן אריינגיין אין קאָמיטעט. ער האָט זיך געבערעקלט און געזאָגט, אַז ער קומט נאָר צוליב דעם חזן מיטן כאָר. אָבער וואָס ווייטער האָט ער געגומען קומען אָפּטער, ווייל, האָט ער געזאָגט מיט אַ חנדל, דאָס ליטורגישע געזאַנג געפֿעלט אים, — ביז ער איז געוואָרן אַ מיט־גליד אין שול־קאָמיטעט.

זייענדיק שוין אַ מיטגליד אין שול האָט קלמן זיך גענומען פֿאַראינטע־רעסירן מיטן סאָלאָ־זינגער מישאַ סאָלאָוויי. ווען ער האָט זיך נענטער באַ־קאַנט מיט אים, האָט ער זיך, צו זיין איבערראַשונג, דערוווסט, אַז מישאַ

סאָלאָווײ אַרבעט גאָר אין אַ שוכפאַבריק, וואָס איז אין קאָנקורענץ מיט זייער פאַבריק.

„זײנען מיר דאָך אין דער זעלבער ביזנעס — נאָר איך בין אָן אַ שטים...״ האָט קלמן זיך געוויצלט מיט זײן נײעם פרײנד.

קלמן האָט גענומען מקרב זײן מישאַ סאָלאָווײ. צוזאַמען מיטן דיריגענט פון כאָר פלעגט ער אים פאַרבעטן צו גאַסט. סאָלאָווײ איז געוואָרן אַן אָפטער אײנגײער אין הויז פון די מײקלס, ווו קלמן האָט געוווינט. אויף פאַרטיעס, אַז עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען חשובע געסט, פלעגט מישאַ זינגען האַר־ציקע ײדישע פאָלקסלידער און אַלע פלעגן הנאה האָבן.

15

מישאַ סאָלאָוויי

געהייסן האָט ער מיכעלע, אָבער קינדער האָבן אים גערופן „דער קליינער מיכעלע“, ווייל אין שטעטל איז געווען נאָך א מיכעלע וואָס איז געווען גרעסער פון אים. נאָר ווען דאָס שטעטל האָט מיכעלען געקרוינט מיטן נאָמען סאָלאָוויי, האָט מען שוין אויך איבערגעדרייט זיין נאָמען אויף גוייש, מישאַ, ווייל עס פּאַסט זיך בעסער צו סאָלאָוויי, און ער איז געוואָרן דער באַליבטער זינגער ביי אַלע יידן פון שטעטל.

אויסגעוואַקסן איז ער ביי אָרעמע טאַטע־מאַמע אין גרויס נויט. ווי אַ סך אָרעמע קינדער האָט ער זיך געהאָדעוועט אין האַלב־הונגער און אָן אויפזיכט און צו פיל פון לעבן האָט ער ניט געהאַט וואָס צו דערוואַרטן. ווי אַנדערע פארצרהטע טאַטעס האָט אויך זיין טאַטע געציילט די יאָרן ביז

ער, מיכעלע, וועט שוין ווערן בר־מיצווה, כדי אים אָפּצוגעבן פּאַר אַ בעל־מלאכה.

דערווייל איז מיכעלע געגאַנגען אין תלמוד־תורה. דער רבי האָט אים געשטאָפּט מיט חומש און רשי, ביז ער האָט פּאַוואָלינקע דערשלעפּט זיינע יונגע יאָרן צו ווערן מיט מזל בר־מיצווה. און דאָס מזל איז געווען, וואָס זיין טאַטע האָט שוין באַצייטנס געהאַט אָפּגעמאַכט מיט מאָטל דעם שוסטער, אז ער וועט אים אָפּגעבן מיכעלען פּאַר אַ לערן־ייִנגל אויף גאַנצע פינף יאָר מיט „קעסט".

גלייך אויף מאָרגן נאָכן אויסזינגען שבת דעם מפטיר, די הפטורה און די ברכות מיט זיין זיס סאָפּראַן־שטימעלע, איז ער אוועק זיך לערנען פאַר אַ שוסטער. זיין נייע היים האָט דער נאָך־בר־מיצווה בחורל אָנגענומען באהבה, ווייל אזוי איז דאָך אים מסתמא אָנגעצייכנט געווען מן השמים, ווי דער טאַטע האָט עס אים דערקלערט. ער האָט דעם שוסטער מיט זיין ווייב אויסגעפאָלגט אַלץ וואָס זיי האָבן פון אים געפאָדערט — און די פאָדערונ־גען און פאַרלאַנגען פון דעם בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע זיינען גע־ווען גאָר אַ סך און פלעגן פאַלן שווער אויף דעם קליינעם, שוואַכן מיכעלען. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט „גיין אַ גאַנג" און געענדיקט מיט העלפן האָ־דעווען דאָס קליינוואַרג. ער האָט געדאַרפט פאַרוויגן דאָס פיצעלע אין צע־קאָדערטן וויגעלע און מיט די עלטערע זיך שפּילן, שוין אָפּגערעדט פון שטובאַרבעט וואָס מוז געטאָן ווערן. איז ביי מיכעלען דאָס פאַרוויגן דעם עופהלע געוואָרן זיין פאַרגעניגן, ווייל דאַן האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצוזינגען מיט זיין שיין שטימעלע אַלע חזנישע ניגונים, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון שטעטלדיקן חזן מיט זיינע משוררים.

מיכעלען האָט גאָט באַשאָנקען מיט אַ מתנה — אַ קלינגענדיק זילבער־גלעקעלע אין זיין האַלדז און אין זיין האַרץ אַ גרויסע ליבשאַפט צו נגינה. זיין קינדיש הערצל האָט אים געצויגן צו ווערן אַ משורר ביים חזן. און ביים געדאַנק, אז דאָס קען אַ מאָל פּאַסירן, איז אים דורכגעפלאָסן אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט דורך אַלע זיינע קליינע גלידער. ווער וואָלט זיך גאָר קענען פאַרגלייכן מיט אים, ווען ער קען שטיין מיט אַ יאַרמלקע און אַ טליתל און אויסזינגען איינער אליין דעם „לא אמות כי אחיה"? מיכעלע האָט געפילט, אז מיט זיין שטים וואָלט ער עס געקענט אויסזינגען שענער ווי יידעלע משה לייבס, וואָס איז יאָ אַ משורר.

ביי יידעלען, האָט מיכעלע געטראַכט, קומט עס ארויס צו טרוקן, אָן דעם אמתן קנייטש וואָס ער וואָלט דערין ארייגעלייגט. יידעלען פעלט אַ ביסעלע נשמה ביים זינגען, אָבער ווען מ׳לאָזט עס אים אַ זינג טאָן „ואספר מעשי יה״, וואָלט ער זיי געוויזן וואָס ער קען, אָ, אָ! ווי וואָגט אָבער אַ שוסטער־געזעל גאָר צו חלומען וועגן אזא גדולה? פלעגט אים מיט אַ מאָל באַפאַלן אַן עצבות און ער פלעגט זיין קעפל אראָפּלאָזן, כדי די ארומיקע זאָלן ניט זען די טרערן אין זיינע אויגן. נאָך דעם פלעגט ער זיך פאַר־קלייבן אין אַ ווינקל און ווייגען און אויסגיסן זיין געבעט צו גאָט.

אזוי זיינען פאַרגאַנגען די יינגלשע יאָרן. ער האָט געטראַכט און גע־האָפט, איז מקנא געווען די אַנדערע משוררימלעך און אויסגעוויינט זיינע תפילות צו גאָט, אז ער, דער כל־יכול, זאָל זיין בקשה באַגערן. ער האָט געפילט ווי אין זיין האַרצן שפילט און זינגט, אָבער עס איז אַלץ געבליבן פאַרשלאָסן אין אים.

מיט דער צייט האָט שוין מיכעלע גאַנץ גוט געקלאַפּט די שטיפטן אין די אויסגעווייקטע פאַדעשוועס, און זיך שוין אפילו פאַרמאָסטן אליין „צו מאַכן אַ פּאָר״. מיט גרויס פאַרדרוס האָט מיכעלע געפילט ווי ער וואַקסט ארויס פון זיין יינגלשקייט. ער האָט אליין אנטדעקט, אז וואָס מער אַ טאָג ביים קאַפּול און דראַטווע, אלץ מער גייט פאַרלוירן זיין דין, זיס קינדער־שטימעלע. פלעגט ער איצט, אָנשטאָט זינגען, ברומען די חזנישע ניגונים מיט כעס און ווידערווילן. ער פלעגט זיי ארויסברומען פון זיך, ווי אַ קראַנ־קער וואָס זיין קרענק איז אים שוין צוגעגעסן געוואָרן. אָבער איין טאָג, אזוי ברומענדיק, האָט ער זיך דערפילט גליקלעך — ער האָט מיט אַ מאָל „דער־הערט״ אז אן „אָנלאַגע״ אויף אַ שטים האָט זיך גענומען ביי אים אנטוויק־לען — האָט ער אָנשטאָט ברומען מיט איין מאָל אָנגעהויבן זינגען.

אַ נייער אינטערעס צום לעבן האָט אין מיכעלען אויפגעוואַכט. ער האָט שוין איצט דערפילט דעם כוח פון זיין שטים, וואָס האָט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ שענער צעקלונגען, ביז אַ געזאַנג פון אַ לירישן טענאָר האָט זיך ארויס־באַקומען פון זיין האַלדז און — דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צוזאַמענגע־לאָפן אויף וואונדער. פון יענעם טאָג האָט פון דעם קליינעם שוסטער־שטי־בעלע אָנגעהויבן הילכן מיט זאַפטיק־אומעטיקע און קלאַנגיק־ריינע טענער דורך דעם אָפענעם פענצטער צו דער הייס־שטויביקער זומערדיקער גאַס. מען האָט ממש געקענט פילן, אז „חוהלע״ איז אָקערשט ארויס „שטיל און

פֿאַרטראַכט — אין ווערלדל ביים טייכל...״ און מיכעלע איז געוואָרן מישאַ סאָלאָוויי.

* * *

מישאַ סאָלאָוויי! מישאַ סאָלאָוויי! אין שטעטל האָט זיך געררודערט מיטן שוסטער־געזעל און די נייעס איז גלייך אָפּגעטראָגן געוואָרן צום שטעטלשן חזן. די אלול־טעג האָבן געגליט איבערן שטעטל מיט גלימערדי־קער זון. פֿאַרביי דעם שוסטער־שטיבל פֿלעגן זיך שטיל פֿאַרביישאַרן מייד־לעך, בחורים, קינדער. אנדערע פֿלעגן צוגיין צום אָפֿענעם פֿענצטער אַ קוק טאָן אויף דעם שוסטער־געזעל וואָס זיצט ביים אָנגעוואָרפֿענעם וואַרשטאַט און פֿון זיין האַלדז קלינגען באַקאַנטע ניגונים. איין מאָל האָט זיך אפֿילו פֿאַרבייגעשאַרט, מ׳זאָל אים ניט זען אין דעם אָרעמען געסל, דער גבאי פֿון בית־מדרש און גראָדע האָט מישאַ אוועקגעלייגט דעם אמתן „לא אָמות״ אַז דער גבאי איז געבליבן פֿאַרגאַפֿט.

אויף מאָרגן איז שוין דער אַלטער חלום פֿון אַמאָליקן מיכעלע געווען פֿאַרווירקלעכט: מישאַ סאָלאָוויי איז שוין געזעסן ביים חזן אין שטוב און צוזאַמען מיט די אַנדערע משוררים האָט מען זיך „איינגעזונגען״ פֿאַר ימים־נוראים.

צוויי מאָל אין וואָך פֿלעגן פֿאַרקומען די רעפּעטיציעס פֿון כאָר, און די דאָזיקע טעג זיינען געוואָרן די שטראַליקסטע אין מישאַס אומעטיק לעבן. ער פֿלעגט מיט אומגעדולד דערוואַרטן די פּראָבעס, ווי איינער וואָס דער־וואַרט אַ גרויסע שימחה. און אַז דער חזן האָט אים עטלעכע טעג נאָכן אָנ־הייב פֿון די פּראָבעס געבעטן בלייבן ביי אים נאָכן זינגען, איז מישאַס האַרץ אויפגעציטערט געוואָרן מיט אומגעאַנטער פֿרייד. נאָך גליקלעכער און דערהויבן האָט ער זיך דערפֿילט, ווען דער חזן האָט אים, אונטער פֿיר אויגן, געלויבט און שטרענג פֿאַרזאָגט, אַז אויב ער וויל בלייבן ביים זינגען מוז ער זיך לערנען נאָטן. און טאַקע דעם זעלבן אָוונט האָט אים דער חזן אַליין אָנגעהויבן ווייזן און איינחזרן מיט אים די פּאַסיקלעך מיט די פּינטע־לעך, וואָס מיט זייער הילף קען מען זינגען גלייך פֿון פּאַפּיר...

און ווער האָט זיך געקענט גלייכן צו מישאַן, ווען אויף מאָרגן האָט דער חזן פֿאַר אַלעמען מודיע געווען, אַז מישאַ וועט זינגען סאָלאָ־טיילן פֿון געווי־סע תפֿילות. אָט ערשט, האָט מישאַ באַשלאָסן, וועט ער ווייזן דעם חזן ווי

פלייסיק ער איז, ניט נאָר אין לערנען נאָטן, נאָר אויך אין לערנען זינגען זיין סאָלאָ, און די בעלי־בתים מיטן גבאי וועט ער ווייזן וואָס זינגען הייסט. פלעגט ער גאַנצע נעכט, פאַרן איינשלאָפן, ליגן און איינחזרן געשמאַק די נאָטן מיט אַלע גאַמעס און שטיל, פאַר זיך, רעפּעטירן די סאָלאָס.

* * *

דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, צו מוסף, ווען דער כאָר האָט זיך פאַר־נומען צו זינגען דעם „ובכן", האָט מישאַ אוועקגעלייגט אַ סאָלאָ, אז פון אלע דערבייאיקע קלויזן און מנינים איז מען זיך צוזאַמענגעלאָפן אויף ווונדער און עולם האָט געהערט און געגאַפט.

מישאַ איז אין שטעטל מיט איין מאָל באַרימט געוואָרן. די „ליוביטע־לעס" האָבן אויף אים אַן אויג געוואָרפן און מ'האָט אים פאַרגעלייגט צו שפּילן די העלדן־ראָל פון אבשלום אין דער אָפּערעטע שולמית. מישאַ האָט זיך דערפילט אויפן זיבעטן הימל: ער האָט געאָטעמט, געלעבט מיט דער ראָל און געחלומט פון זיין גרויסער צוקונפט...

אָבער גאָר אומדערוואַרט האָט ער געקראָגן „פּאַפּירן" פון אַפריקע מיט אַ באַצאָלטער שיפסקאַרטע פון זיינעם אַ פעטער. די קאַריערע זיינע האָט געמוזט איבערגעריסן ווערן, ווייל די גאָלדענע שטאָט יאָהאַנעסבורג, פון וואַנען מען שיקט געלט, האָבן אַלע איינגעפונען, איז בילכער פון דעם העלד „אבשלום" און דאָס האָט ביי אים גובר געווען.

דעם נסיון פון פאַרלאָזן פּלוצלינג דאָס שטעטל איז אים ניט געווען שווער בייצושטיין. נאָך אַלעמען איז עס געווען דער שטאַרקסטער ווונטש פון אַלע יונגע בחורים, און זיי האָבן אים טאַקע מקנא געווען — דאָס ערש־טע מאָל ניט אזוי זיין קול־נגינה, ווי דאָס ארויסרייסן זיך פון שטעטלשער ענגשאַפט. מיט אַ לייכט האַרץ האָט זיך דערפאַר מישאַ צעזעגנט מיט טאַ־טע־מאַמע, מיטן חזן און זיינע משוררים, מיט די „ליוביטעלעס" און אַלע באַקאַנטע און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ווייטער, פרעמדער אפריקע.

ניט שווער איז מישאַן אָנגעקומען זיך אריינצוקריגן אין כאָר פון דער גרויסער שול אין יאָהאַנעסבורג. לאַנדסלייט האָבן שוין דאָ געהאַט פאַר־שפּרייט דעם שם פון באַרימטן מישאַ סאָלאָווי און ער איז אויך דאָ געבליבן ביים דעם נאָמען. ווי אַ זינגער מיט אַ לירישן טענאָר, וואָס קען נאָך לייע־נען נאָטן דערצו, האָט אים דער דיריגענט פון שול צוגעכאַפּט מיט אָפענע אָרעמס, און גלייך ביי דער ערשטער פּראָבע אים שוין דערהויבן צום ערשטן

סאָלאָ־זינגער פון כאָר. דער דיריגענט האָט אים געהיט ווי אַן אבן־טוב, ווייל ער האָט געוווסט ווי שטאַרק אַנדערע דיריגענטן וואָלטן וועלן אָפּשלאָגן פון אים אַזאַ סאָלאָאיסט.

פון דעמאָלט אָן איז דאָס כאָרצימער פון דער גרויסער שול געוואָרן מישאַס צווייטע היים. צו די פּראָבעס פלעגט ער קומען דער ערשטער. יום־טובדיק געשטימט און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, פלעגט ער באַגע־גענען די אַנדערע זינגער, וואָס האָבן ניט געקענט פאַרשטיין דאָס גליק וואָס האָט אים פאַסירט. מישאַ האָט אָבער געפילט אַ ליבשאַפט צו יעדן זינגער, ווער רעדט נאָך איינער מיט סטאַזש אָדער גאָר אַ זינגער וועלכער לייענט „בלאַט" — צו אַזאַ איינעם פלעגט ער זיך באַציִען מיט גרויס רעס־פּעקט, ווי צו אַ גרויסן רב.

ווען מישאַ האָט זיך נאָך דער חתונה אַרויפגעשלאָגן אויף זיין אייגנס — אַ הויז — און גענומען פירן אַ פאַמיליע־לעבן, האָט ער גלייך איינגעפירט ביי זיך אַ מינהג: אויף יעדן פסח האָט די גאַנצע כאָר־מאַנשאַפט, מיט ווייבער און קינדער, געמוזט קומען צו אים צו די סדרים, וואָס זיינען געפּראַ־ווועט געוואָרן מיט אַלע היימישע פּיטשעווקעס, אָבער דעם טראָפּ האָט מען געלייגט אויף די שיינע געזאַנגען פון דער הגדה מיט אַלע מעגלעכע וואַריאַ־ציעס. דעריבער פלעגן זיך טאַקע די סדרים ביי אים פאַרציִען ביז זמן קריאת שמע של שחרית, אָבער מישאַ וואָלט איין סדר־נאַכט אַזאַ ניט אוועק־געגעבן פאַר כל־טוב שבעולם. און אַזוי האָט מישאַ אויך אין זיין בייער היים אויסגעפילט זיין לעבן מיט געזאַנג. עס האָט פאַרשיינט און באַריי־כערט זיין לעבן, כאָטש עס איז ניט געווען קיין לייכטע פּרנסה.

פאַר אים איז אָבער געווען דאָס לעבן — זינגען. פלעגט ער מיט פרייד אָננעמען זינגען ווו עס זאָל ניט זיין, פאַר געלט צי אָן געלט, אויף בעלער, חתונות און אפילו אויף פאַרזאַמלונגען — אַבי זינגען. דאָס איז געווען דער איינציקער אינהאַלט פון זיין לעבן.

יאָרן זיינען געגאַנגען. פּלוצלינג איז זיין ווייב קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. ער איז געבליבן עלנט און פאַרלאָזן. קיין סדרים האָט מען שוין ביי אים מער ניט געפּראַוועט, אָבער זיין שטימע האָט נאָך אַלץ גע־קלונגען און מענטשן האָבן זיך געחידושט: ניט קיין יונגערמאַנטשיק...

און גראָדע אויף די עלטערע יאָרן, ווי אַ פלעמל פון אַ ליכט וואָס פלאַמט אויף ביים לעצטן אויסברענען זיך, האָט מישאַס שטים אָנגעהויבן נאָר לויטערער קלינגען און מתפללים אין שול האָבן זיך ניט געקענט אָפּוווּנדערן: אַ נייער כישוף איז אריין אין זיין האַלדז, וואָס ברענגט ארויס אַ טיף־פאַרבענקטן געזאַנג. מ׳האָט זיך ניט געכאַפּט, אז דאָס איז די בענקשאַפט וואָס דערפילט דעם סוף און זי צעליכטיקט זיך מיט גרויסער פּראַכט ווי אַ לעצטער חסד...

אין די דאָזיקע טעג איז עס אויסגעפאַלן דער גרויסער טריאומף פון מישאַ סאָלאָוויי, ווען קלמן מיט אלע זייניקע האָבן געהאַט דאָס גליק צו הערן זיינע ווונדערלעכע סאָלאָס. און ווען מישאַ האָט אָנגעהויבן ארייַנקומען צו די מייקלס, האָט קלמן באַמערקט די שפּורן פון עלטער אויף זיין פּנים. ער מוז שוין זיין אַ זקן, האָט קלמן געטראַכט, אוודאי אַ זיבעציקער...

קלמן ביים אויסגיין פון מישאַ סאָלאָוויי

מיט דער זעלבער שנעלקייט ווי ס׳איז געקומען דער אויפשטייג פון מישאַ סאָלאָוויי אין זיינע בחורשע יאָרן, אזוי ראַפּטום איז געקומען די ירידה אויף דער עלטער.

איין טאָג האָט דער דיריגענט פון כאָר פון דער גרויסער שול זיך ארייַנגעכאַפּט אין ביוראָ פון דער שוכפאַבריק. קלמן האָט פאַרשטאַנען אז דאָס מוז זיין אַ וויכטיקער ענין און האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין פאַרנומענקייט. דער דיריגענט האָט אים דערציילט, אז בקרוב ווערט מישאַ סאָלאָוויי אַ בן־שבעים. דאָס ווייס ער ווי אַ גוטער פריינד זיינער, כאָטש פאַר אַנדערע לייקנט ער עס אָפּ, ווייל ער האָט מורא אז דאָס קען אים שאַטן אין פאַרזעצן זיין זינגען אין כאָר. האָבן זיינע נאָענטע פריינד באַשלאָסן צו פייערן זיין געבוירן־טאָג מיט גרויס פּאַראַד, אזוי אז די גאַנצע שטאָט זאָל זיך באַטייליקן און געבן אים אַ מעגלעכקייט אויסצוזינגען זיין „שוואַנענליד״.

קלמן האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דאָזיקן פּלאַן און געזאָגט, אז ער וועט עס אונטערשטיצן מיטן גאַנצן האַרצן. ער האָט געוווּסט די שוואַכקייט פון

דיריגענט פֿאַר אַ גלאָז וויסקי צו יעדער צייט, האָט ער אָנגעגאָסן צוויי גלע־זער און געזאָגט:

„לחיים!“ קלמן האָט אָנגעקלאַפּט זיין גלאָז אין דער אנדערער און אַ לייכטן זופּ געטאָן. „איר ווייסט, אַז כאָטש מישאַ איז שוין ניט יונג, קען מען עס אָבער אין זיין זינגען ניט באַמערקן“.

„יאָ, פֿאַר זיין עלטער איז ער נאָך אַ גבר. די שטימע דינט אים נאָך דערוויייל — און דערפֿאַר טאַקע, מ״ר טראַי, וואָלט איך זיך וועלן צואיילן מיטן אָנטאָן אים אַ נחת־רוח מיט אַ גרויסן באַנקעט, ווייל איך האָב שוין גענוג דערפֿאַרונג מיט די אַלטע זינגערס: זיי גיבן אַ בליץ אויף מיט איין מאָל און לעשן זיך גלייך אויס. און דעריבער האָב איך מורא. איך האָב שוין ניט איין מאָל געהערט ווי שווער ער אָטעמט, ווען ער קריכט אויף די טרעפּ צום כאָרצימער. ניט איין מאָל מוז ער זיך אָפּשטעלן און אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ביים זינגען איז עס אַנדערש: שטעלט מען זיך איין מאָל אָפּ — שטייט מען...“

„איז געמאַכט“, האָט קלמן באַגלייט דעם דיריגענט צום ארויסגאַנג. „שטעלט צוזאַמען דעם יובילייִ־קאָמיטעט, ווי איר האָט געזאָגט. איך בין מסכים צו פיגורירן אויף דער ליסטע, און אויב מ׳וועט מיר מכבד זיין מיט אַן ערנפּאָסטן וועל איך אָננעמען.

פיל מאָל, ווען קלמן פלעגט אין איילעניש פאָרן דורך די זייטיק־פאַר־וואָרפענע געסלעך פון שטאָט, פלעגט ער פאַרפאָרן אין דעם שטילן געסל, וווּ ס׳האָט געוווינט מישאַ סאָלאָוויי, און ארויפגיין צו דעם עלנטן אַלטן אַ פּאָר מינוט, זיצן ביי אים און שמועסן. מישאַ פלעגט דריקן קלמנס האַנט מיט דאַנק פאַר דעם באַזוך און מיט טרערן אין די אויגן דערציילן, אַז זעלטן ווער עס קומט ארויף צו אים. און צו באזוכן ביי אַנדערע טראָגן שוין ניט די כוחות.

אָבער די כוחות האָבן אים נאָך אַלץ געסטייעט צו קומען יעדן פרייטיק־צונאַכט צום כאָר. דאָס כאָרצימער אין דער גרויסער שול איז נאָך אַלץ גע־בליבן זיין צווייטע היים. אין די פרייטיק־צונאַכטן פלעגט ער ווי שטענדיק ארויפקריכן די טרעפּ, וואָס פירן צו זיין זיצפּלאַץ אין כאָרצימער, ווו ער האָט אויסגעזונגען זיינע פריידן און ליידן פאַר קרוב אַ האַלבן יאָרהונדערט.

* * *

די צוגרייטונגען צו פראַווען דעם 70 יאָריקן יובילײ פון מישאַ סאָלאָוויי זײנען געווען אין פולן ברען. אָבער דער גורל האָט געוואָלט באַווייזן אַז עס איז ניטאָ קיין אײביקייט אויף דער וועלט. די אַנטוישונג איז געקומען פריער ווי די שמחה. אין זיין שטים, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן אויסגעזונגען די שענסטע לירישע טענער האָט זיך מיט איין מאָל גענומען הערן אַ כריפּעריי. מישאַ האָט עס דער ערשטער דערפילט און איז פיל טעג ארומגעגאַנגען אַ פאַראומערטער. פיינשמעקער האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן מורמלען, און די גבאים האָבן אָנגעהויבן זיך קרימען: געגוג שוין! אַ סוף... אַן עק!...

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען מישאַ האָט געעפנט זיין פּאָסטקעסטל, האָט ער געפונען אַ בריוו פון טשערמאַן פון זיין קאָנגרעגיישן, ווו ער דאַנקט אים אין זיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון קאָמיטעט פאַר זיין דינען דער שול במשך פון אַלע יאָרן און בעט אים מער ניט קומען אין שול, ווייל עס איז שוין צייט פאַר אים זיך אָפּצורוען, צו „ריטייערן". חוץ דעם דאַנק איז געווען בייגעלייגט א טשעק פאר עטלעכע חדשים פאַרויס און אַ פאַרזיכערונג, אז ער וועט יעדן חודש קריגן אַ קליינעם פענסיע־טשעק.

מישאַן האָט אַ שניט געטאָן אין האַרצן. ער האָט זיינע אייגענע אויגן ניט געגלויבט. איין מאָל און נאָך אַ מאָל האָט ער געלייענט דעם בריוו, ביז ער האָט באַגריפן זיין ריכטיקן מיין: מ׳וויל אים מער ניט האָבן — זיך אויסגעדאַוונט, אויסגעזונגען...

ער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די קני און אָפּהענטיק זיך אַראָפּגעלאָזט אין זיין שטול. אין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט מחשבות פון אומרו און זאָרג. וואָס וועט ער איצט טאָן? ווי אַזוי וועט ער קענען לעבן אָן זינגען? און די פרייטיק צונאַכטן? ווו וועט ער זיך אַהינטאָן? פון צונויפּמיש פון די פּראַגעס האָט אין זיינע אויערן געזשומט אַ תפילה און דער גאַנצער כאָר האָט צוגעברומט: „רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת"... אים האָט זיך מיט אַ מאָל געדאַכט, אַז דער שטול האָט זיך אונטער אים אַ וויג געטאָן און אין האַרצן האָט אַ שרעק אַ טיאָכקע געטאָן מיט אַ שטאָך. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון זיין אָרט און ווי אַ יוגנט־קראַפט וואָלט אין אים מיט אַ מאָל אַ שטראָם געטאָן, האָט ער אָנגעהויבן לויפן.

ארײַנקומענדיק צום סעקרעטאַר, האָט ער א װאָרף געטאָן דעם טשעק און טרערן האָבן אים אין האַלדז געשטיקט: „איך װיל ניט קײן אומזיסט געלט! איך בעט בכלל ניט קײן געצאָלט מער, נאָר לאָזט מיר די עטלעכע יאָר װאָס זײַנען מיר נאָך פאַרבליבן זײַן אין שול, אין כאָר... האָט רחמנות! פאַרקירצט ניט מײַן לעבן".

דער סעקרעטאַר האָט אים מיט גאָר ניט געקענט העלפן און מישאַס ביטערע תחנונים זײַנען געװען אומזיסט.

הילפלאָז און טרויעריק האָט מישאַ דעם ערשטן פרײַטיק צונאַכט פאַר אַ סך יאָרן פאַרבראַכט אין שטוב. אין זײַנע אויערן האָט געקלונגען דעם חזנס שטים. אָט איצט זינגט מען דאָרט מגן אבות... איצט — השכיבנו... יגדל... און דער גאַנצער כאָר האָט װי זיך צעקלונגען אין זײַן ציי־מער — — אַ טרער נאָך אַ טרער האָט פון זײַנע אויגן געטריפט און אין די געקנייטשטע פאַלדן פון זײַנע באַקן געפלאָסן, װי דער רעגן אויף האַרבס־טיקע שויבן.

דעם שבת און זונטיק איז ער ניט ארויס פון שטוב. ער האָט אַלץ געהאָפט, אז עמעצער פון זײַנע כאָר־חברים װעט קומען זיך נאָכפרעגן, גע־װויר װערן װאָס האָט פאַסירט מיט אים, אָבער קײנער האָט זיך ניט גע־װיזן. מסתמא װײסן זײ שוין אַלץ... אַ מרה־שחורה איז אים באַפאַלן און ס'איז אים מער ניט געװען צו דערקענען. ער האָט געװאָלט אויס־שטרעקן די האַנט צום טעלעפאָן, בעטן זײַן פרײַנט דעם דיריגענט, אז ער זאָל שיקן אַ דאָקטאָר, צי גאָר דעם אַמבולאַנס אים צו נעמען אין שפּיטאָל, אָבער ער האָט די האַנט ניט געקענט אַ הייב טאָן. ער האָט געפילט אז אַלע גלידער זײַנען אים לויז, אָפּגעשװאַכט...

* * *

מיט אַן אָװנט פריער, שבת צונאַכט, איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון קאָ־מיטעט צו פײַערן דעם יובילײ פון מישאַ סאָלאָװײ. קײנער האָט נאָך ניט געװוסט װעגן באַשלוס פון די גבאים פון שול מישאַן אָפּצוזאָגן. האָט מען אויסגעקליבן קלמנען פאַר דעם טשערמאַן פון קאָמיטעט און באַשטימט, אז ער זאָל זונטיק אָװנט ארויפגײן צו מישאַן אים אָנזאָגן די גוטע בשורה פון דער יובילײ־פײַערונג. נאָך דעם האָט מען באַשלאָסן צו דינגען אײנעם פון די גרעסטע זאַלן אין שטאָט און באַקאַנט מאַכן עס אין אַלע צײַטונגען.

דעם זונטיק אָװנט איז מישאַ סאָלאָװײ געלעגן אין גרויסע יסורים. אין

האַרצן האָט געקראַמפּט. ער האָט נאָך אַלץ געהאָפּט אַז עמעצער וועט זיך באַווייזן. ער האָט ספּעציעל געלאָזן די טיר ניט פאַרריגלט מען זאָל ניט האָבן קיין שוועריקייטן ביים אריינקומען. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט טריט אויף די טרעפּ.

קלמן האָט שטיל אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר, וואָס האָט זיך אליין געעפנט, און אין דער זעלבער רגע האָט פון דער אָונטיקער טונקלקייט פון צימער אַ גרילץ געטאָן אַן אויפשווידערנדיקער רחום וחנון, וואָס האָט זיך ווי ארויס־געקייקלט מיט אימה אין דער שטילקייט פון קאָרידאָר. קלמנען האָט זיך געדוכט, ווי דער שאָטן פון מישאַ סאָלאָוויי האָט זיך פאַרביי אים פאַרבייגע־שאַרט אין דעם בין־השמשות און ער האָט אַן אויפגעציטערטער געזוכט מיט קאַלטע שפּיציקע פינגער דאָס עלעקטרישע קנעפּל. אַז ס'איז ליכטיק געוואָרן האָט ער באַמערקט אויף זיך דעם בליק פון מישאַן, וואָס האָט יוגנטלעך אַ בליץ געטאָן און איז גליך פאַרגלייזט געוואָרן. ער איז צוגעפאַלן צו זיין בעט און געכאַפּט די טרוקענע פאַרמעט־הענט פון מישאַן. אין זיינע אויגן האָט ער נאָך באַמערקט דעם וויטן אויפגלי פון אַ פונק, איידער עס לעשט זיך אויס. מישאַ האָט געכאָרכלט: „האַ, חזן, עס געפעלט אייך ניט?... האַ, חזן... הערט זשע נאָך אַ מאָל...״

אַ רגע איז שטיל געווען, ווי דער אַלטער וואָלט זיך אָפּגערוט. דאַן האָט ער ארויסגעברומט מיט אַ הייזעריק כאָרכלדיקן כריפּ: „רב חסד ואמממ...״

16

טעם מיקלם־שוט

קלמן האָט געפֿילט, אַז ער איז אָנגעקומען אין דרום־אַפֿריקע מיט דעם רעכטן פֿוס. דאָס מזל האָט אים געפֿירט, איז אים געגאַנגען פֿאָרויס ווו נאָר ער האָט זיך געקערט און געווענדט. איצט איז די פֿאַבריק, אונטער דער נייער דירעקציע פֿון דזשעק אַראָנס און קעלי טראָי, אַוועק ווי אַ מיזמור. דער פּראָדוקציע אינדעקס האָט אַ שאָס געטאָן אַרויף, איז געשטיגן מיט אַזאַ גרויסער שנעלקייט, אַז די מער אינטימע פֿריינד, און דער לאָיער זייערער און דער בוכהאַלטער האָבן זיך געוווּנדערט ווי אַזוי זיי האָבן דאָס געמאַכט. און מיטן פּראָגרעס פֿון דער פּראָדוקציע איז אויך דער פֿאַרקויף געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן ניט געקענט נאָכקומען דעם פֿאַרלאַנג פֿון מאַרק און געמוזט זיך כּסדר אויסברייטערן. די רווחים זײַנען זיך אָן אַ שיעור צעוואַקסן.

כאַטשע האָט זיך ביי דער נייער ארבעט אלס אויפזעער זייער גוט אויס־געצייכנט און גאָר פיין פאַרדינט. קלמן האָט אים צוגעאיילט, אז ס׳איז שוין די העכסטע צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַריבערברענגען אַהער זיין כיענקען, ווי אויך דעם ברודער העטשע מיט זיין משפחה. נאָך דעם וועלן קומען די צוויי אַנדערע: אברהמל און געצל. ער האָט אים אפילו געהאָלפן דורך אַן אַגענט אויפזוכן אַ פּאַסיקע הויז אין אַ פיינער געגנט און איינצאָלן דעם נייטיקן דעפּאָזיט.

„ווי נאָר זיי וועלן קומען, וועלן זיי זיין אונטער אַן אייגענעם דאַך״, האָט אים קלמן געגעבן חשק צו ווערן ׳אַ מענטש פאַר זיך׳.

סאָניעס שוואַנגערשאַפט איז אויך געגאַנגען כשורה. קלמן האָט איר געקוקט אין די אויגן, געהיט איר יעדן טריט און געווען גליקלעך, ממש אויפן זיבעטן הימל. ער איז ארומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום־וועלט. באלד וועט סאָניע אים ברענגען אַ ניי צווייגעלע אין דער משפחה, אָט ווי דעם קנאָספּ וואָס זיי האָבן אַ מאָל אין פרילינג געזען אויפן בוים.

* * *

אין איינעם פון די טעג איז מ״ר סעם מייקל פאַרשלאָפט געוואָרן. מ׳האָט טעלעפאָנירט קלמנען וועגן דעם אין פאַבריק. ער איז גלייך גע־קומען צולויפן אַהיים און געפונען זיין אָנקל אין בעט אַ קוים זשיפּענדיקן. ס׳איז געקומען דער הויז דאָקטאָר און זיך ניט געקענט קיין עצה געבן. מ׳דאַרף ארויסרופן אַ ספּעציאַליסט, האָט ער געעצהט.

נאָך אַ גאַנצן טאָג פון דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן איז שפּעט אין אָוונט געקומען די דיאַגנאָזע פון קאָנסיליום: מ״ר מייקל וועט מוזן האָבן אַ דרינגענדיקע אָפּעראַציע, אויב מ׳וויל אים אויפהאַלטן ביים לעבן. די דאָקטוירים האָבן אָבער געוואָרנט, אז די אָפּעראַציע וועט זיין זייער אַן ערנסטע. זיין פרוי און די פאַמיליע דאַרפן זיך שואל־עצה זיין און אָננעמען אַ גיכן באַשלוס. לויט די אָנצוהערענישן פון די דאָקטוירים איז געווען צו פאַרשטיין, אז במילא איז ניטאָ וואָס צו פאַרלירן...

קלמן איז געווען אויסער זיך. ווי אַן אומגעזעענע האַנט וואָלט מיט אַ מאָל צעבראָכן זיין גליק, וואָס האָט אים אזוי העל געשיינט פאַר די לעצטע יאָרן.

ווען ער איז אריין צו סאָניען אין שלאָפצימער און געזען איר פאַר־אומערט פנים, האָט זיך אים געדוכט ווי אַ כמאַרע וואָלט פאַרדעקט דעם

ליכט־צעבליצטן לאָמפּ אויפן סופיט. סאָניע האָט קענטיק באַמערקט ווי איר שטימונג האָט זיך איבערגעטראָגן אויף קלמנען און זי האָט עס געפּרווווט מילדערן מיט אַ ווערטל:

„ווייסט דאָך, קלמן, אז אַלץ אין איינעם איז ניטאָ ביי קיינעם, נו...״

קלמן האָט איר איבערגעריסן און רעאַגירט אויף דעם שאָטנדיקן רעפּ־לעקס, וואָס ער האָט ערשט געזען פאַר זיין בליק. ער האָט עס געזאָגט אין לייכטן הומאָר:

„און ווי זאָגן, מיין טייערינקע, דיינע פילאָסאָפן? אין לעבן איז ניט פאראן דורכאויס ליכט אָדער דורכאויס שאָטן. אין יעדער כוואַליע ליכט צאַפּלט אומזעעוודיק אַ שאָטן, און אין יעדן שאָטן שימערן פונקען ליכט״.

„און דו ביסט מער ווי אַ פילאָסאָף, קלמן״, האָט זי זיך געלאַסטשעט צו אים. „אָט טאַנצט אונדזער שטראַל פון ליכט, דאָ...״ זי האָט אָנגענומען זיין האַנט און ער האָט אונטער זיין ברייטער דלאָניע געפילט אַ צאַפּל...

„און נאָך אלעמען״, האָט סאָניע שטיל גערעדט, „איז שוין דער אָנקל ניט קיין יונגיטשקער און מ׳האָט געקענט אַלץ דערוואַרטן״. אין דעם אַלץ, וואָס סאָניע האָט טרויעריק אונטערשטראָכן, איז שוין געווען אַ שטיקל טרייסט.

* * *

אוייף מאָרגן פרי, איידער די דאָקטוירים זיינען נאָך געקומען הערן דעם באַשלוס פון דער פאַמיליע, האָבן ראָזי, סאָניע און קלמן זיך דורכגע־רעדט און באַשלאָסן צו הערן די מיינונג פון זייער הויז־דאָקטאָר, וואָס באַ־האַנדלט דעם אָנקל שוין איבער 30 יאָר. זיי האָבן געהאַט צוטרוי צו אים. ער איז טאַקע גיך געקומען און מ׳האָט זיך מיט אים געהאַלטן אַן עצה. ווי אַ דאָקטאָר, האָט ער זיי דערקלערט, קען ער זיי נאָר אינפאָרמירן, אז קיין האָפענונג, אז מ״ר מייקל זאָל געזונט ווערן אָדער בכלל אויסמיידן אַן אָפּע־ראַציע איז ניט פאראן. ער וויל אָבער ניט באווירקן זייער באַשלוס, ווייל דאָס איז אַ פראַגע פון פראָפעסיאָנעלער עטיק און ער לאָזט עס אין גאַנצן צו זיי. האָבן די דריי נאָענטסטע מענטשן פון סעם מייקל באַשלאָסן, אז די אָפּעראַציע זאָל דורכגעפירט ווערן.

קלמן האָט זיך קוים דערוואַרט, אז די אָפּעראַציע זאָל אריבער און די ווירקונג פון שלאָף־טרונק זאָל זיך אויסוועפּן פון מ״ר מייקלס מוח. ער האָט געפילט ווי זיין אייגענער טאַטע וואָלט איצט געלעגן קראַנק און ער גייט

אים באַזוכן. ער האָט געוווסט ווי שטאַרק דער אָנקל האָט אין די לעצטע יאָרן פאַר אים געזאָרגט. צי קען דען אַן אייגענער טאַטע טאָן מער? ער האָט געפילט אין זיין האַרצן אַ גרויסע ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו דעם מענטשן און איז אויף אַ רגע ניט אָפגעטראָטן פון זיין בעט. דעם גאַנצן טאָג איז ער געזעסן לעבן אים, ווי ער וואָלט געווען אַ געדונגענע קראַנקן־שוועסטער. ער האָט געוווסט אז ער קען ניט לינדערן זיינע גרויסע יסורים, האָט ער זיך כאָטש באַמיט צו ריידן צו אים גוטע און וואַרעמע רייד וואָס זאָלן „פאַררײדן" זיינע ליידן און שטילן זיינע ווייטיקן.

מ״ר מייקל האָט דורכגעמאַכט שווערע מינוטן. עס איז ניט נאָר געווען דער ווייטיק וואָס האָט געקניפּן זיין לייב מיט ברענענדיקע פינגער, נאָר אויך דער שוואַרצער געדאַנק וואָס האָט געפּיקט אין זיין מוח, אז פון דעם בעט וועט ער שוין מער ניט אַראָפּ. דעריבער איז אים געווען אזוי ליב וואָס קלמן איז ביי זיין זייט די גאַנצע צייט, וואָס ער רעדט צו אים, באַרואיקט אים, גיט אין אים אריין טראָפּנס טרייסט וואָס איז בעסער ווי אַלע מעדיצינען. ער האָט געקוקט אויף קלמנען מיט אַ גלעטנדיק־פאָטערלעכן בליק, אים אפילו געהאַלטן פאַר דער האַנט און מיט די לעצטע כוחות גערעדט צו אים, זיך נאָכגעפרעגט ווי סאָניע פילט זיך און געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „נו, ווען? ווען?"

פון דעם „ווען־ווען" איז עפּעס קלמנען געוואָרן זייער אומעטיק און ער האָט געענטפערט: „אָנקל, שוין באַלד, באַלד. די טעג. וועסט נאָך ביז דעמאָלט געזונט ווערן און מיר וועלן נאָך פראַווען אַ גרויסע שמחה, מאַכן אַ לחיים".

„אַ לחיים..." האָט דער אָנקל אַ קרעכץ געטאָן. „איך ווייס ווו איך האַלט... אָבער דו דאַרפסט ניט זאָרגן, מיין ליבער קלמן. ביסט נאָך יונג און..." ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם פון ווייטיק. „איך האָב צו גאָט קיין טענות ניט. אויב מיין לעבן איז געווען פאַרביטערט, האָט ער עס אָבער די לעצטע עטלעכע יאָר פאַרזיסט, וואָס ער האָט דיר צוגעשיקט צו מיר. ביסט מיין קינד, און די גאַנצע פראַצע פון מיין לעבן גייט ניט לאיבוד. איך לאָז אַלץ איבער צו אייגן בלוט־און־פלייש, צו מיין אָרעמער שוועסטערס אַ קינד, וואָס איז אויך מיין קינד". ער האָט שוואַך געדריקט קלמנס האַנט און ווייטער גערעדט: „איך בין ביי מיינע פולע געדאַנקען, קלמן, און אויב עמעצער האָט מיר אַ מאָל געטאָן אַן עוולה, וויל איך עס איצט פאַרגעסן.

כ׳האָב צו קיינעם קיין טענה ניט, גאָר ניט, כ׳וויל איצט דאָס שלעכטע פאַרגעסן...״

קלמן איז געווען גערירט פון די אומעטיקע רייד, וואָס דער אָנקל האַלט אין איין איבערחזרן. וואָלט ער געקענט וויינען, וואָלט אים געוויס לייכטער געוואָרן. נאָר מיט איין מאָל האָבן די רייד זיך פאַרשטילט. דער אָנקל האָט שווער געסאָפּעט, געקרעכצט און געפּרוווט ארויסברענגען אַ וואָרט, נאָר מער ווי אַ געכאָרכל האָט זיך אויף זיינע ליפּן ניט געבלעזלט. קלמן איז אוועקגעלאָפן רופן די קראַנקן־שוועסטער. דער דאָקטאָר איז גלייך געקומען. מ׳האָט מייקלען געגעבן אַן איינשפּריצונג און ער האָט געעפנט זיינע אויגן און האָט מיט זיין בליק עפּעס געוואָלט זאָגן. קלמן האָט זיך איינגעבויגן צו אים, האָט אים ארומגענומען, און אזוי האָט ער די נאַכט נאָך דער אָפּעראַציע אויסגעהויכט זיין נשמה אין קלמנס אָרעמס.

קלמן האָט אים באַוויינט ווי אַן אייגענעם טאַטן. דער טרויער איז געווען אזוי טיף, אז אויף דער באַערדיקונג זיינען קלמנס טרערן געפאַלן אויפן רידל וואָס האָט צוגעדעקט סעם מייקלען און ער האָט געזאָגט דעם קדיש מיטן זעלבן אומעטיקן ניגון ווי די יתומים אין היימישן בית־מדרש.

אַ פּאָר טעג שפּעטער נאָך מייקלס פּטירה האָט סאָניע געבוירן זייער ערשטן זון. אַ וואָך שפּעטער איז פאַרגעקומען דער ברית. מ׳האָט צוליב אבלות קיין וועזן ניט געמאַכט, נאָר צוזאַמענגערופן אַ מנין יידן און קלמן האָט זיין בכור אַ נאָמען געגעבן שמעון.

נאָך סעם מייקלס טויט

מ״ר סעם מייקל האָט אין זיין צוואה אלץ איבערגעלאָזט פאַר זיין פּלי־מעניק, קעלי טראַי. ווען דער לאָיער האָט איבערגעלייענט פאַר קלמנען די צוואה, איז ביים אָנהייב געווען אַ פּונקט, ווי אַ פאַרענטפערונג, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן: „אזוי ווי זיין פרוי, ראָזי, האָט איר אייגענעם שוף־געשעפט און א באַדייטנדיקן פאַרמעגן, דעריבער, לויט אַ קעגנזייטיקן אָפּמאַך לאָזט ער איבער אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט צו זיין שוועסטערס זון קלמן, וואָס ער באַטראַכט אים ווי אַן אייגענעם זון״. ווען דער אַדוואָקאַט האָט אים געזאָגט

די סומע, וואָס ער וועט טראַנספערירן דורך דער באַנק אויף זיין נאָמען, איז קלמן געבליבן זיצן ווי אַן לשון, געקוקט אויף דעם לאָיער און ניט גע־וווּסט וואָס ער זאָל זאָגן.

„וואָס איז מיט אייך, מ״ר טראַי?״ האָט דער לאָיער געפרעגט האַלב שפּאַסיק. „איז עס צו ווייניק?...״

קלמן האָט ניט אויפגעכאַפּט אין דער ערשטער רגע דעם ציני שן וויץ און ערנסט געענטפערט: „ניין, צו פיל, צו פיל פאַר מיר!״ האָט ער אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט.

„נישקשה, איר וועט געפינען וואָס צו טאָן מיטן געלט. אויב ניט וועל איך אייך געבן אַן עצה...״ האָט דער אַדוואָקאַט זיך ווידער געוויצלט.

„ניין, ניין!״ האָט קלמן זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט און צוריקגעוויזן דעם אַדוואָקאַטס פאָרשלאַג. „איך האָב עטלעכע פריינד אין מיין שטעטל, וועמען איך וויל אַראָפּברענגען אַהער״, האָט ער זיך אַראָפּגערעדט פאַרן לאָיער, וואָס איז געזעסן הינטער דעם פּאָלירטן שרייבטיש און אים באַקוקט מיט אַ שמייכעלע.

ווען קלמן האָט צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר פון ביוראָ, האָט ער זיך דערמאָנט דעם ציני שן וויץ מיטן שמייכעלע אויף דעם אַדוואָקאַטס פּנים. דאָס האָט אַזוי דער אסימילירטער יידישער אַדוואָקאַט הנאה געהאַט פון זיין צעטומלטקייט. נאָר נישקשה, ס׳איז אַ מטמון מיט געלט און מיט דעם קען ער העלפן כאַטשען און העטשען מיט זייערע פאַמיליעס. קלמנען האָט עס אַ שפּאַר געטאָן, זיין מוח האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַ פּלאַן און ער איז גלייך אויפן וועג אָפּגעטראָטן ביי דעם זעלבן אַגענט, ווו ער האָט געקויפט כאַטשעס הויז. דער אַגענט איז אויפגעשפּרונגען מיט אָפענע אָרעמס:

„מ״ר טראַי, ברוך־הבא! אזא גאַסט, אזא גאַסט! מסתמא גוטע נייעס״.

אַן שהיות האָט אים קלמן מודיע געווען, אז ער וויל בטל מאַכן די קנייה פון מ״ר שמידזאַקס הויז, וואָס ער האָט גאַראַנטירט פאַר אים״.

„וואָס האָט פּאַסירט מיט מ״ר שמידזאַק?״ האָט זיך דער אַגענט דערשראָקן.

„גאָר ניט האָט פּאַסירט. מ״ר שמידזאַק איז געזונט און שטאַרק, נאָר איך וויל טראַנספערירן דעם פריערדיקן אָפּמאַך צו אַ גרעסערן: איך וויל קויפן אַ פאַמיליע־הויז מיט צוויי אריינגענג פאַר צוויי משפחות. איר

מוזט זיך צעטיילן און געפינען אַ פּאַסיקע זאַך, ווייל די קנייה איז אַ דרינגנ־דיקע. כ׳וועל צאָלן מזומנים. אָדער אפשר האָט איר עפּעס גלייך אויף אַן אָרט, אומר ועושה!״

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז קלמן ארויס פון אַגענט מיט נייע פּאַפּירן אין קעשענע.

דעם זעלבן זונטיק האָט ער אויסגעפּוצט כאַטשען אויפן אמתן אפריי־קאַנער שטייגער. ער האָט אים אָנגעטאָן אין אַ טונקעלן געפּרעסטן אָנצוג, וואָס ער האָט פאַר אים לעצטנס באַשטעלט. די האַלבע טופליעס אויף די פיס און די נייע שליאַפּע אויפן קאָפּ, אַ ביסל אָן אַ זייט, מעשה פּראַנט. פון בערדל איז שוין לאַנג קיין סימן ניט געווען — און אזוי האָט ער אים אוועק־געפירט צום פאָטאָגראַפירער.

„ביסט משוגע געוואָרן״, האָט כאַטשע פּראָטעסטירט. „אין אַ מיטן העלן זונטיק מיך אָפּמענטשלען. וואָס דיר קען איינפאַלן, צו מיינע שונאימס קעפּ״.

ס׳האָט אים אָבער גאָר ניט געהאָלפן. קלמן האָט נאָך געמאַכט, אז ער זאָל זיך „סנימייען״ אין צוויי פּאָזעס — איינע זיצנדיק, די אנדערע שטייענ־דיק — און ווען ער איז צוריק געקומען פון פאָטאָגראַפירער האָט ער זיך גלייך געזעצט שרייבן אַ בריוו צו העטשען.

אין בריוו האָט ער אים געשריבן, אז מאָרגן, מאָנטיק, גייט ער אין דער שיף־געזעלשאַפט באַשטעלן פאַר זיי רייזע־בילעטן און וועט באַצאָלן פאַר אַלע הוצאות. זאָלן זיי דערווייל צוגרייטן די אויסלענדישע פּעסער און אויב ס׳וועט קאָסטן אַ ביסל מער, טאָמער דאַרף מען אַ שמיר טאָן, טאָ זאָלן זיי ניט זשאַלעווען קיין געלט כדי עס זאָל ניט דויערן. מאָרגן וועט ער זיי ארויסשיקן אַ ביסל געלט אויך. זאָלן זיי זיך אָנהייבן פּאַקן, נאָר ניט מיט־נעמען קיין טראַנטעס. מ׳וועט אַלץ האָבן ניי, אפילו אַ נייע דירהלע איז שוין פאַר זיי אָנגעגרייט, אַ צאַצקע, אַ מויערל, וואָס אין שטעטל וואָלט מען גע־לאָפן אָנקוקן אויף וואונדער.

אויף מאָרגן פרי איז שוין קלמן געווען אין דער שיף־געזעלשאַפט און אַלץ דערליידיקט. שפּעטער איז ער אריין צום פאָטאָגראַפירער וואָס האָט שוין פאַרטיק געהאַט דעם „ספּעציעלן זאַקאַז״. אין אַ קאָנווערט, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויפגעשריבן מ״ר קעלי טראַי, זיינען שוין געלעגן זעקס פאָ־טאָגראַפיעס, דריי פון יעדער פּאָזע. קלמן האָט באַצאָלט, ארויסגענומען

צוויי פּאָטאָגראַפיעס און אריינגעלייגט אין בריוו, וואָס האָט נאָך געדאַרפט דעם זעלבן טאָג אָפּגעשיקט ווערן „פּאַרזיכערט“ צו העטשען.

און אויב דער בריוו מיט כאַטשעס פּאָטאָגראַפיעס, וואָס איז אָנגעקומען עטלעכע וואָכן שפּעטער אין שטעטל האָט ניט געמאַכט אזא רושם ווי קלמנס בריוו און פּאָטאָגראַפיע, איז מען אַלץ געשטאַנען אין אַ ריי זיך אָנצוקוקן אויף דעם „מאָנאַרך“ און „וואָס ס'קען ווערן פון אַ מענטשן...“ מ'האָט עס ניט געזאָגט מיט באַדויער, נאָר מיט קינאה, און מען איז מקנא געווען העט־שען מיט דער פאַמיליע וואָס ווערן פּטור פון די פוילישע גליקן...

* * *

די צייט איז געגאַנגען און קלמן איז געווען פאַרנומען מיט דער פאַבריק — אין די טעג, און אין די אָוונטן — מיטן זונעלע, וואָס ער האָט אים גע־האָצקעט ארויף און אַראָפּ און יענער האָט אזוי ליכטיק געלאַכט, אז קלמנען זיינען געשטאַנען טרערן פון פרייד אין די אויגן.

זעקס חדשים שפּעטער זיינען די טראָיס, כאַטשע און ראָזי געפאָרן מקבל־פּנים זיין כיענקען מיט דער טאָכטער און העטשען מיט דער משפּחה.

ראָזי די אלמנה

ראָזי מייקל, די אלמנה פון סעם מייקל, האָט נאָכן טויט פון איר מאַן זיך אין גאַנצן אומגעביטן — אָבער געביטן האָט זי זיך גאַנצע צוויי מאָל. לכתחילה האָט זי דעם טויט פון איר מאַן גענומען זייער קאַלט, עלעהיי אַ ווייטער קרוב צי גאָר אַ ווילד־פרעמדער איז געווען מיט זיי צוזאַמען און אָפּגעשטאָרבן. אַ קורצע צייט נאָך דעם, ווען ביי אַלעמען איז נאָך געווען פריש דער זיכרון פון סעם מייקל, האָט זיך די אלמנה גענומען פוצן, זיך געפאַרבט די האָר און פרובירט זיך ייִנגער מאַכן.

קלמן און סאָניע האָבן ניט פאַרשטאַנען וואָס אזוינס האָט מיט איר פּאַ־סירט, נאָר זיי האָבן זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט. אפשר זיינען אין איר פאַנ־טאַזיע אויפגעקומען ליבע־אַוואַנטורעס, וועגן וועלכע זי האָט אין דער יוגנט געחלומט און איר חתונה מיט מייקלען האָט עס אַלץ צעשטערט. אָבער סיוויי האָט זי קיין גרויסן דערפאָלג ניט געהאַט, ווייל מיט אלע אירע חנען וואָס זי האָט נאָך יאָ איינגעהיט, איז דאָך קיינער ניט געקומען זיך נאָכפרעגן אויף איר. און אז עמעצער האָט שוין יאָ גענומען אַן אינטערעס אין איר, האָט זי גלייך באַמערקט, אז מערסטנס איז דאָס צוליב איר געלט, און אויב

ניט געלט — איז יענער שוין געשטאַנען מיט איין פוס אין קבר... האָט זי אויסגעשפּיגן אויף די אַלע מאַנצבילן און אָנגעהויבן זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ די פּוסטע נאַרישקייטן.

דאַן איז געקומען דער אַנדער אומבייט אין איר לעבן — רעזיגנאַ־ציע. ביסלעכווייז האָט זי זיך געגומען צוריקציען פון גלאַנץ, פון פּוץ און אָנשטעל. זי איז ווידער געוואָרן פּשוט, נאַטירלעך און ניט געזוכט אויסצו־נעמען ביי מענער. איצט האָט זי קיינעם ניט באַמערקט, נאָר אָפּגעגעבן זיך אין די טעג מיט געשעפט וואָס האָט זי געהאַלטן פאַרנומען, און אין די אָוונטן איז זי געלאָפן צו ווייבערשע מיטינגען, געווען פאַרנומען מיט געזעלשאַפט־לעכע ענינים און געהאָלפן פאַרשיידענע אינסטיטוציעס.

דאָס איינציקע שטיקל טרייסט אין איר לעבן אין דער פאַמיליע איז געווען סאָניעס קינד, וועמען זי פלעגט רופן סעמעלע. איר גאַנצע פרייע צייט האָט זי פאַרבראַכט מיט סעמעלען. זי האָט אים געקאָרמעט, געניאַנ־טשעט, געשפּילט און געשטיפט מיט אים, און זיך געפרייט אז דאָס קינד פלעגט לאַכן מיט איר צוזאַמען אָדער אויף זיין אומפאַרשטענדיקן לשון „זינגען" צו איר. זי האָט דאָס קינד ליב געקראָגן ווי איר אייגנס. צוערשט האָט זי זיך אַ ביסל צוריק געהאַלטן אין ארויסווייזן איר שטאַרקע ליבשאַפט, כדי ניט צו וועקן קיין פאַרדאַכט און קינאה ביי קעלין. שפּעטער איז זי אַלץ פרייער און צוגעבונדענער געוואָרן צום קליינעם סעמעלע. זי פלעגט ארייג־פאַלן ווי אַ וויכער אין הויז:

„וו איז ער, מיין סעמעלע, מיין נחת. אַ געזונט אויף אים! בו־בו־בו..." און פלעגט אים קושן אַלע גלידערלעך. דאָס קינד האָט איר ליב באַקומען און פלעגט אויסשטרעקן צו איר זיינע הענטלעך, ווי נאָר זי פלעגט זיך ווייזן. דאָס האָט איר הנאה געטאָן. אפשר איז דאָס געווען אַ דראַנג נאָך אַ ביסל ליבשאַפט וואָס זי האָט אזוי ווייניק געהאַט ביז איצט.

אפשר איז די אומגעצוימטע ליבשאַפט צום קינד ארויסגעדרונגען פון אַ פאַרפלאָנטערטן שולדגעפיל קעגן איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, וואָס איז איצט ווידער אויפגעקומען. איר געוויסן, וואָס האָט איר איצט אַלץ מער געגומען פלאָגן פאַר איר שלעכטע באַציאונג צו אים ביים לעבן, האָט איצט געפונען אַ רעהאַביליטאַציע אין נאָענט זיין צום קינד וואָס האָט געטראָגן איר מאַנס נאָמען. בלייבנדיק אָפּטמאָל מיט זיך אליין, האָבן אירע מחשבות איר צוריק געפירט צו יענער צייט אידער קלמן איז ארייגעדרונגען אין זייער לעבן.

קלמן האָט אים אזוי ווי אויסגעלייזט פון זיין עלנטקייט און דעריבער האָט ער אים גערן געהאַט, געפילט צו אים אַ ליבשאַפט. אָבער זי דערמאָנט זיך סעמסליידן און פיין, ווען ער פלעגט אין די זונטיקס, אין די האָלידיי־טעג און אין די לאַנגע אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט בלייבן אין דעם גרויסן הויז איינער אליין. ער פלעגט זיצן און וואַרטן שעהן ביז זי פלעגט קומען, און ערשט דאַן פלעגט זי מיט אים ניט ריידן. פלעגט עס אים שטאַרק פאַרדריסן, נאָר ער פלעגט פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן.

ער פלעגט זיך אַנדערע מאָל אפילו מאַכן שלאָפנדיק און זי האָט געהאַט הנאה פון דעם, זי האָט זיך אָפּגערעכנט מיט אים ווייל זי האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט. איצט, אז זי טראַכט פון דעם, דוכט זיך איר אז דאָס האָט שוין פּאַסירט לאַנג, זייער לאַנג און ס׳איז בעסער צו פאַרגעסן. נאָר פּלוצלינג דערמאָנט זי זיך, אז איין מאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און ווען זי איז געקומען שפּעט ביי נאַכט איז ער איר באַפאַלן מיט שווערע פּירוואָרפן. זי האָט אים געזאָגט אז אויב אים געפעלט ניט איר פירונג, קען מען זיך פונאַנדערגיין... אזוי, דוכט זיך, האָט זי אים געזאָגט. פרעסט זי זיך דערפאַר און וויל אַנטלויפן פון אירע געדאַנקען, לויפט זי אריין צום קינד ווען נאָר זי האָט אַ געלעגנהייט, באַפאַלט אים מיט קושן און עס וואָלט קיינער ניט געזאָגט אז ס׳איז ניט איר אייגן קינד...

לעצטנס ליגט זי וואַך ביז שפּעטע שעהן אין דער נאַכט און טראַכט פון אירע גרויסע געשעפטן און איר פאַרמעגן און קען זיך אַלץ ניט באַשליסן ווי זי זאָל טאָן, פאַר ווען עס איבערלאָזן. זאָל זי גיין מאַכן אַ צוואה, ווי איר סעם האָט געמאַכט? זעענדיק דאָס קינד יעדן טאָג, האָט זי געפילט וואָס איר באַשלוס דאַרף זיין, נאָר זי האָט עס אָפּגעשטופּט פון טאָג צו טאָג. מיט גרויס אנערקענונג האָט זי איצט געטראַכט וועגן קלמנען, וואָס איז שוין מיט איר משפחה יאָרן אונטער איין דאַך. זי האָט געוווסט, אז קלמן אליין איז שוין אַ רייכער מאַן און די פאַבריק איז איינע פון די גרעסטע אין לאַנד. אָבער מער נאָך האָט איר הנאה געטאָן דער נאָמען און געזעלשאַפטלעכן פּרעסטיזש וואָס קלמן האָט זיך דערוואָרבן און ווי מ׳שרייבט וועגן אים אין אַלע יידישע און יידיש־ענגלישע צייטונגען. אין איר אונטערבאַוווסטזיין האָט זיך פאַרשטעקט אַ געדאַנקעלע, אז וואָס עס זאָל ניט זיין און וואָס עס זאָל מיט איר ניט טרעפן, וועט איר געלט אריינפאַלן אין דער משפּחה — צו סאָניען, צו קלמנען, צו סעמעלען...

געסט און שמחות

עס זיינען אַוועק חדשים נאָך דעם אָנקלס טויט און קלמן האָט אים אַלץ ניט געקענט פאַרגעסן. אָבער אין אַ זעקס מאָנאַטן שפּעטער, ווי נאָר עס זיינען אראָפּגעקומען כיענקע, כאַטשעס ווייב מיט דער טאָכטער און העטשע מיט זיין פאַמיליע, האָט קלמן שוין מער ניט געקענט זיך באַהערשן און געמאַכט אַ קבלת־פּנים פאַר זיי. דאָס איז געווען די ערשטע שמחה נאָכן טויט פון מ״ר מייקל. פאַר אזוי פיל חדשים איז דאָס הויז ניט געווען איינגעטונקט אין אזא ים פון ליכט. די צימערן, דער זאַל, דער גאָרטן — אַלץ איז געווען אילומינירט, ווען די משפּחות זיינען פון דער באַן אַראָפּגעקומען צו קלמנען אין הויז. סאָניע מיט דער הילף פון ראָזין האָבן צוגעגרייט דעם אָוונט־מאָלצייט פאַר אַלע זייערע געסט. קלמן האָט געזאָגט, אַז ס׳איז פאַר אים אַ כבוד צו באַדינען זיינע געסט און ער האָט נאָר מיט דער הילף פון איין שוואַרצן סערווירט די טישן. כאַטשע האָט זיך ארומגעפּאַדעט ארום זיינע אייגענע, וואָס זיינען געשטאַנען צעטומלטע און געקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן אויף די פיל ליכטער און די פיל גוטע מאכלים. מיט גרויס נייגיר האָבן זיי באַטראַכט אַלץ און אַלעמען און ניט געגלויבט די אייגענע אויגן.

נאָך דער וועטשערע, מיט אזוי פיל מעסער, גאָפּל און לעפל, וואָס זיי האָבן ניט געוווּסט וואָס מיט דעם צו טאָן, האָט זיי קלמן אריינגעזעצט אין זיין אויטאָמאָביל און ניט זאָגנדיק וווּהין ער פירט זיי, האָט ער זיי געבראַכט צו אַ באַלויכטן הויז, וואָס האָט געבלאַנקט פון פרישקייט, און זיי געמאָלדן, אז פון היינט אָן איז דאָס זייער אייגן הויז און אז זיי קומען אים גאָר ניט.

ביי די ווייבער האָט זיך מיט איין מאָל ארויסגעכאַפּט אַ געשריי פון פאַרוואונדערונג: אָט דער מויער — אונדזערער?! זיי האָבן זיך גלויבן ניט געקענט. זיינען זיי ארויפגעפאַלן אויף קלמנס ברוסט אים האַלדזן און קושן. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי זיך ניט געקענט באַרואיקן.

קלמן האָט זיי געוויזן די איינריכטונגען ארום הויז, וואַסער־רערן פאַר אַ גאָרטן און אפילו אַ גאַראַזש פאַר יעדן פון די בעלי־בתים. נאָך דעם האָט ער אויפגעשלאָסן די טירן. אינעווייניק זיינען שוין געשטאַנען בעטן, טישן, שטולן און קליידער־שראַנקן. אויך כאַטשע אליין איז געווען אַ ביסל צעטומלט פון קלמנס „אויפטו״ — ער האָט עס אויך ניט געוווּסט.

„כאַטשע!" האָט קלמן געגעבן אַ באַפעל. „איך לאָז איבער אַלע שליס־לען ביי דיר און דו וועסט איבערנעמען די אויפגאַבע פון העלפן זיך אויס־גרינען די דייניקע. וועסט זיי לערנען און זאָגן אַלע איינצלהייטן ווי זיך צו באַגיין מיט דער עלעקטריע, מיטן פרידזש, מיט דעם אויוון און טאַקע ווייזן ווי מען מאַכט אַ וואַנע, עס זאָל זיין ניט נאָר הייס צי קאַלט, נאָר טאַקע קאַלט־און־וואַרעם. זאָלן זיי פילן דעם טעם פון אפריקע..."

„זאָל לעבן קלמן!" האָט כאַטשעס טאָכטער מיט אַ מאָל אויסגערופן, ווי די קינדער טוען עס אין קלאַס מיט אַ גוטן לערער, און אַלע האָבן גע־שריען הוראַ.

* * *

עטלעכע וואָכן נאָכן שטעלן די מצבה אויפן קבר פון סעם מייקל, איז ביי די טראַיס אין הויז פאָרגעקומען אַ געבוירן־טאָג פאַרטיע פאַר זייער זונעלע. די דאָזיקע שמחה איז שוין פאָרגעקומען מיט אַלע קליפּערלעך און ראָזי האָט זיך עוסק געווען ארום די צוגרייטונגען מיט לייב און לעבן.

„ס'איז געווען אַ פאַרשטערטער ברית, טאָ זאָל ער כאָטש האָבן אַ פאַר־טיע אז די שטאָט זאָל קלינגען, מיין זיסינקער סעמעלע!" האָט ראָזי געזאָגט.

אויך קלמן האָט באַוויזן וואָס ער קען מיטן פאַרבעטן געסט: באַ־קאַנטע און גוטע פריינד, סוחרים, באַאַמטע און ערן־באַאַמטע פון באָרד אָוו דעפּיוטיס, קונדן און חשובע בעלי־בתים פון זיין גרויסער שול. אַלע צימערן זיינען געווען אָנגעפּראָפּט מיט געסט, וואָס האָבן זיך געלאָזט ווילגיין מיט אַלדאָס גוטס. „די אכילה ושתייה איז כדת..." האָט עמעצער געקלאַפּט קלמנען אין פּלייצע. „אַ דאַנק, אַ דאַנק!", האָט קלמן געענטפערט.

אָבער דער וויכטיקסטער גאַסט, וואָס איז געזעסן בראש השולחן און טאַקע געהאַלטן דעם טאָסט פאַר טאַטע־מאַמען איז געווען פּייוול פּאַדערסקי. ער האָט דערמאָנט, אז ער האָט געהאַט די זכייה צו האַלטן דעם טאָסט פאַר חתן־כלה אויף זייער חתונה און ער זעט היינט אז זיין דעמאָלטיקע ברכה איז מקוים געוואָרן: אָט פייערט מען דעם געבורטס־טאָג פון בכור פון די טראַיס.

אז די אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך איינגעשטילט, האָט פּייוול אנטוויקלט דעם געדאַנק, אז דווקא צווישן דער אָרעמקייט ווערן אָפט געבוירן קינדער וואָס וואַקסן אויס גרויסע מענטשן — דאָס זיינען די באָרימטע בני עניים

שמחת תורה. אָבער אין דער זעלבער אָרעמקייט ווערן אויך פאַרלוירן אַ גרויסער חלק באַגאַבטע און טאַלענטירטע מענטשן, וואָס קענען זיך ניט ארויסרייסן צו אַ גרויס לעבן. „נאָר דווקא מ״ר קעלי טראַי, אונדזער אמאָ־ליקער קלמן טראַיעוויצקי, האָט זיך יאָ ארויסגעריסן פון דער ענגשאַפט פון שטעטל און ווייס ווי צו לעבן ברייט און ווי צו געבן מיט אַ פולן האַרצן״. און דער רעדנער האָט פאַרענדיקט מיט אַ מין נבואה, אז מ״ר טראַי האָט נאָך ניט געזאָגט זיין לעצט וואָרט. „און מ״ר טראַי וועט אונדז נאָך ברענגען א סך איבערראשונגען אויפן קאָמערציעלן און געזעלשאַפטלעכן געביט, אזוי אז מיר וועלן אים אַלע באַוווּנדערן. און איר דאַרפט וויסן, אַז גאָר אַ גרויסן חלק אין מ״ר טראַיס דערפאָלג האָט זיין אינטעליגענט, קלוג, ווייבעלע סאָניע״.

לאַנג האָבן אָנגעהאַלטן די אַפּלאָדיסמענטן. פייוול האָט פאַרענדיקט, אז אין נאָמען פון אַלע געסט ווינטשט ער די טראַיס: זאָל זייער זונעלע גיין אין די וועגן פון טאַטע־מאַמע און ער זאָל ווערן אַ צירונג פאַר אַלע יידן.

פייוול האָט דאָס מאָל, צוליב די פיל חשובע געסט וואָס האָבן ניט פאַר־שטאַנען קיין יידיש, גערעדט אויף ענגליש, און כאָטשעס משפחה און העט־שע מיט זיין משפחה זיינען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און אַ וואָרט ניט געקענט אויפכאַפּן. ווען סאָניע האָט זי שפּעטער אויפגעקלערט דעם איב־האַלט פון דער רעדע, זיינען זיי געוועזן אזוי גערירט פון קלמנס לויב, אז זיי האָבן זיך באַלד צעוויינט.

17

ווילעם און באָקסי

ווילעם איז געווען אַ בעל־מום — די פינגער פון זיין לינקער האַנט זיינען געווען אָפּגעהאַקטע — אָבער גערופן האָט מען אים גאָר „ווילעם דער שרייער“, ווייל אין זיין ריידן האָט זיך שטענדיק געפילט אַ בייזער טאָן, ווי אַ געשריי. און ריידן, ריכטיקער, געשריען האָט ער צו אַלעמען: צו זיינע שוואַרצע פריינד ביי דער אַרבעט, צו דעם ווייסן פאָרמאַן, און אפילו צו דעם „מאַקולו באָס“, וועלכער האָט געבויט די גרויסע בנינים און ביי וועמען ווילעם האָט שוין יאָרן געאַרבעט.

פלעגן טאַקע די שוואַרצע מיט נייגער זיך צוהערן ווי ווילעם בייזערט זיך אויפן „ביג באָס" און פלעגן זיך וווּנדערן: אַנשטאָט דער „ביג־באָס" זאָל זיין אין כעס אויף ווילעמען און אים אַנטזאָגן פאַר זיין חוצפּה, פלעגט ער גאָר רואיק שטיין, צושאָקלען מיטן קאָפּ צו ווילעמס שרייאיקע רייד און שמייכלען דערביי. ער פלעגט אפילו ניט צוריק שרייען, צי אים זידלען, ווי עס טוען אַלע „ביג באָסעס".

סיי דער באָס און סיי דער פאָרמאַן האָבן גוט געקענט ווילעמען. ניט דעם ערשטן צענדליק יאָר ווי ער אַרבעט אין דער זעלבער בוי־פירמע און זיי האָבן געוווּסט, אַז ווילעם מיט זיין שרייען מיינט ניט קיין שלעכטס, פאַר־קערט גאָר: ער מיינט שטענדיק די טובה פון באָס, פון זיינע געשעפטן. האָט מען שוין געוווּסט, אַז ווילעם שרייט איבער עפּעס, מסתמא איז ער גע־רעכט. האָט מען זיך שטענדיק צוגעהערט צו זיינע טענות און זיי גענומען ערנסט.

מיט זיין איין האַנט איז ווילעם געווען בכוח אויפצוטאָן איינער אליין מער ווי דריי אַרבעטער צוזאַמען. צי עס איז געווען ביים גיסן בעטאָן, אָדער ביים אַרויפוואַרפן ציגל אויף אַ העכערן עטאַזש, איז ווילעם געווען אַ מזיק. האָט ער זיך טאַקע שטענדיק געגרויסט דערמיט פאַר זיינע אייגענע שוואַר־צע, זיצנדיק מיטאָג־צייט אויף דער ערד און טונקענדיק די געבראָטענע פליישׂ־שטיקער מיט די שפּיץ פינגער אין דער שוואַרצער פעטס, ווי אַלע אַנדערע שוואַרצע האָבן געטאָן, פלעגט ער זיך ניט נאָר פאַסמאַקעווען מיטן פעטן ביסן, נאָר ער פלעגט זיך האַלטן אין איין באַרימען, אַז דורך די פיל יאָרן וואָס ער אַרבעט שוין ביי געבײדעס פאַרן זעלבן באָס, האָט נאָך קיין איין מאָל ניט געטראָפן, אַז זיין בעטאָן־געמיש זאָל ניט זיין צוגעטראָפן אין פּינטל, אין דער ריכטיקער פּראָפּאָרץ: זאַמד, צעמענט, שטיינדלעך און וואַסער.

„איך דאַרף ניט מעסטן ווי די אַנדערע", פלעגט ער שרייענדיק זיך באַ־רימען. „איך מעסט מיט מיין אויג, אַזוי ווי דער אַפּטייקער גיסט אַריין אַ רפואה אין אַ פלעשל און פאַרגיסט קיין מאָל ניט. און אַז איך וואַרף אַ ציגל צו אַ העכערן עטאַזש, טרעפט עס דעם איבערכאַפּער גלייך אין האַנט אַריין. וואָס דען, ווי זשע אַנדערש? אַזוי האָט מען מיך געלערנט און אַזוי טו איך עס פּינקטלעך!"

און ווער עס האָט ניט געזען ווילעמען פאָרן אויף זיין בייסיקל מיט

אַ לאַנגן לייטער אָנגעהאַנגען אויף זיין אַקסל, דורך די ענגע גאַסן פון שטאָט אין די שעהן ווען דער פאַרקער איז גרויס. יענער האָט עפּעס שענערס אין זיין לעבן ניט געזען: ווי אַן אַקראָבאַט דרייט ער זיך צווישן די אויטאָמאָ־בילן — אָט־אָט, דוכט זיך, צעברעכט ער אַ שויב פון אַן אויטאָמאָביל; אָט־אָט, דוכט זיך, פאַרטשעפּעט ער אַ דורכגייער, צי אַ קאַטאַסטראָפע פּאַסירט מיט אים גופא; אָט־אָט וואַרפט מען אים גאָר אום מיטן לאַנגן לייטער און ער בלייבט ליגן אַ צעמזיקטער — אָבער ניט ווילעם, עס איז נאָר אַן אויס־דוכטעניש. ער דרייט זיך דורך ווי אַ שלאַנג צווישן אַלץ און אַלעמען, און מיט זיין לינקער האַנט, אָן די פינגער, פּאַכעט ער נאָך, שמייכלענדיק צו די שוואַרצע וועלכע באַלאַגערן די טראָטואַרן.

* * *

„דאָס איז מיין פּיקאַניך, באַקסי“, האָט איין מאַנטיק פרי ווילעם פאַרגע־שטעלט זיין זון פאַרן פאַרמאַן. „איך האָב אים געבראַכט דער באָס זאָל אים אָננעמען צו דער אַרבעט. גענוג אים ארומצולויפן איבער די לאָנקעס און זיך אריינלאָזן אין צרות. לערנען וויל דאָס ניט, איז ער אומעטום פּול. אויף אַלע פאַרקאַנעס און אויף אַלע דעכער אין קראַאַל. די שכנים קלאָגן זיך אויף אים, און לעצטנס האָט ער שוין געוואָרפן אַן אויג אויף די יונגע מוידן און עס איז גאָר ניט אויסצוהאַלטן פון אים. איך בין חושד, אז אין גיכן וועט ער שוין גאָר ווערן ׳אַ טאַטע׳. דעריבער, באָס, האָב איך אים געבראַכט אַהער. זאָל ער אָנהויבן אַרבעטן, כוח האָט ער ווי אַ פערד, און קיין שכל פעלט אים אויך ניט, וועט ער אַרבעטן און זיך ארויסשלאָגן אַלע נאַרישקייטן פון זיין יונגן מוח. און אויב ער וועט ניט פאָלגן דעם באָס, פאַרמאָג איך נאָך מיין רעכטע האַנט, אַ גאַנצע, אַ געזונטע — און צו יעדער צייט וועל איך עס אים געבן צו פילן“.

דעם דאָזיקן פּיזמון האָט ווילעם ארויסגעשריען אָן אַן אָפּשטעל. און אײדער דער פאַרמאַן האָט נאָך באַוויזן צו ענטפערן, האָט ווילעם גלייך צו־געגעבן, אז ער נעמט באַקסין אונטער זיין רשות און ער וועט אים שוין מאַכן פאַר אַ גוטן אַרבעטער, אזוי אז דער „ביג באָס“ זאָל פון אים צו־פרידן זיין.

אין צו פיל שאלות און חקירות מיט ווילעמען האָט דער פאַרמאַן זיך ניט געוואָלט אריינלאָזן, האָט ער מיט אַ שמייכל און אַ שאָקל מיטן קאָפּ מסכים געווען אָנצונעמען באַקסין.

פֿאַר באַקסין האָט זיך געעפֿנט אַ נייע וועלט. אָנשטאָט דעם אָרעמען קראַאַל מיט די קליינע ליימענע כאַטקעס, אָן פֿענצטער, מיט אָנגעלייגטע אַלטע בלעכן אויף די דעכער, אָנגעוואָרפֿן מיט שטיינער פֿון אויבן, אַז דער ווינט זאָל די בלעכן ניט אַראָפּשליידערן, האָט ער דערזען פֿאַר זיך אַ שטאָט מיט ריינע אַספֿאַלט־באַדעקטע גאַסן, מיט הויכע פֿיל שטאָקיקע מויערן. און מאַסן מענטשן, שוואַרצע און ווייסע, באַוועגן זיך תּמיד אויף די טראָטואַרן. די ווייסע לעבן אין שיינע, אויסגעפּוצטע הייזער מיט גרויסע, ליכטיקע פֿענצטער. די פּאָדלאָגעס אויסגעבעט מיט טעפּיכער, וואָס ווען מען טרעט אויף זיי דוכט זיך אויס, ווי מ׳וואָלט געטראָטן אין געדיכטע, ווייכע גראָזן.

די שוואַרצע באַדינען די ווייסע: פּוצן, ראַמען, רייניקן, וואַשן און אַלע אַנדערע שווערע אַרבעט. דאָס אַנטוועכץ פֿון די ווייסע מענטשן: שיינע קאָסטיומען, געפּרעסטע ווייסע העמדער, און ער האָט זיי שטאַרק מקנא געווען. און געטראַכט האָט באַקסי, אַז די ווייסע מענטשן זיינען אַזוי רייך, האָבן אַ סך געלט און פֿאַרמאָגן אָט די אַלע זאַכן נאָר דערפֿאַר ווייל זיי זיינען זייער קלוג, אַ סך קליגער פֿאַר די שוואַרצע מענטשן. און אָפּגעמאַכט האָט באַקסי ביי זיך, אַז ער מוז אויך ווערן קלוג, אויך ווערן רייך און אַלץ פֿאַרמאָגן — אַזוי ווי דער ווייסער מענטש.

האָט ער טאַקע פֿון זיינע מאָגערע פֿאַרדינסטן גענומען שפּאָרן פּעניס און שילינגס, און פֿאַר די ערשטע עטלעכע פֿונט וואָס ער האָט נאָך אַ קורצער צייט אָפּגעשפּאָרט האָט ער זיך איינגעקויפֿט אין אַ קראָם פֿון אַלטע קליידער אַן אָפּגעניצטן גאַרניטער, אַ הוט, אַ פּאָר שוואַרצע, גלאַנציקע קאַמאַשן מיט אַ ווייס העמדל. און כאָטש דער גאַרניטער איז ניט געווען אויף זיין מאָס — צו גרויס און צו ברייט — איז ער דאָך געווען זייער צופֿרידן. אין זיין פֿרייען זונטיק האָט ער זיך אויסגעפּוצט און איז אוועק מיטן טאָטן צו באַקאַנטע.

און גלעטנדיק זיין נייעם גאַרניטער האָט באַקסי געטראַכט: אַך, ווען איך לאָז זיך אַזוי אַראָפּ אַ פֿאַרפּוצטער אין קראַאַל, קיינער וואָלט מיך דאָרט ניט דערקענט. זיי וואָלטן דאָרט אַלע פֿאַר קינאה מיט די אויגן מיך אויפֿגעגעסן.

* * *

באַקסי האָט זיך באַקאַנט מיט יונגעלייט פֿון זיין עלטער און פֿון זיין גלייכן. און ווען עס פֿלעגט קומען דער זונטיק, פֿלעגט ער שוין

אליין אוועקגיין זיך פאַרברענגען מיט זיינע חברים. דאָ פלעגט באַקסי זיך אָנהערן פיל חידושים פון שטאָטישן לעבן, וואָס אין קראַאַל האָט ער וועגן דעם קיין מאָל ניט געהערט. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס זיינע חברים זיינען ניט צופרידן מיט זייערע דאַליעס, פאַר וואָס שטענ־דיק גיסן זיי פעך און שוועבל אויף די ווייסע בעלי־בתים. פלעגט ער אין די אָוונטן אויסדערציילן די אַלע קריוודעס, וואָס ער פלעגט זיך אָנהערן פון זיינע חברים, פאַר זיין טאַטן. ווילעם פלעגט אָבער די אַלע קריוודעס צו נישט מאַכן.

„ביי די שוואַרצע האָבן די ווייסע ניט צוגענומען, און קיין זאַך פון זיי ניט געלערנט", האָט ווילעם געגעבן צו פאַרשטיין זיין זון, און פלעגט נאָך צוגעבן: „פאַרקערט גאַר, אָן דעם ווייסן מענטשן וואָלטן מיר, די שוואַרצע, פון הונגער אויסגעשטאָרבן. אַ סימן, אַלע שוואַרצע פאַרלאָזן די קראַאַלן און קומען צו די ווייסע אין שטאָט אריין, ווו זיי קענען פאַרדינען, קויפן ברויט און אפילו אַ לייטישן בגד זיך פאַרגינען. און זיי קומען ניט נאָר פון אונדזערע קראַאַלס, נאָר פון אַלע עקן אַפריקע, וויל דאָ קען מען קריגן אַרבעט און געלט".

„אָבער פאַר וואָס באַגייען זיך די ווייסע מענטשן מיט אונדז אזוי שלעכט?" האָט באַקסי איבערגעריסן זיין טאַטן. „זיי רופן אונדז מיט מיאוסע נעמען און זיינען אונדז אפילו אָפטמאָל מכבד מיט קלעפּ. איז דאָס רעכט אזוי?"

„הער, באַקסי, פאַר אומזיסט שלאָגט דער ווייסער ניט. און אויב איי־נער פון אונדז כאַפּט אַ מאָל אריין אַ פּאָר קלעפּ, האָט ער עס מיסתמא כשר פאַרדינט... האָסטו געזען, אז מ'זאָל מיך שלאָגן, אָדער שרייען אויף מיר? פאַרקערט, אלעמען דוכט זיך, אז איך שריי גאָר אויף זיי, אפילו אויף אונד־זער 'מאַקולו באַס'. און ער, דער גרויסער באַס, קוקט אויף מיר און שמייכלט. דאָס איז דערפאַר וויל איך טו מיין אַרבעט גוט, איך פויל זיך ניט. דעריבער קוקן די ווייסע אויף מיר, און אויף אנדערע הונדערטער שוואַרצע ווי איך, מיט מענטשלעכע אויגן. אָבער ווען איך וואָלט ניט אויס־געפילט זייערע פאַראָרדענונגען ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָלטן זיי מיך אויך באַהאַנדלט ווי איך וואָלט עס פאַרדינט". און נאָך אַ ווילע שווייגן האָט ער געזאָגט: „דאַרפסט וויסן זיין, באַקסי, אז זיי זיינען פאַרט קליגער און גע־לערנטער פון אונדז. וואָס האָבן מיר, די שוואַרצע, געוווסט איידער דער

ווייסער מענטש איז אַהער געקומען? אומצוגיין נאַקעט און זיך יאָגן נאָך ווילדע חיות. זע, וואָס פֿאַר אַן ענדערונג אין אונדזער לעבן איז פֿאָרגעקו־מען זינט זיי זיינען ביי אונדז אין לאַנד? דעריבער דאַרפֿן מיר עס אָפּשאַצן און זיך לערנען פֿון זיי!״

באקסי איז ווי געבליבן הענגען צווישן צוויי וועלטן. פֿון איין זייט — זיינע יונגע חברים, וועלכע האָבן אים געהאַמערט אין קאָפּ אריין פּונקט דאָס פֿאַרקערטע, וואָס זיין טאַטע האָט אין אים אריינגערעדט. פֿון דער צווייטער — דער טאַטע. פֿלעגט ער זיך געפֿינען צווישן זיינע פֿריינד, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז זייריידן קלוגע רייד און אז זיי זיינען גערעכט. איז ער געווען צוזאַמען מיט זיין טאַטן און זיך צוגעהערט צו זיינע ארגו־מענטן, האָט זיך אים געדוכט, אז זיין טאַטע רעדט קלוגע רייד און ער איז גערעכט.

אזוי האָבן זיך אין זיין מוח געבאַמבלט די קעגנגעזעצטע געדאַנקען, און עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז באקסי האָט באַשלאָסן צו גיין אויפֿן וועג פֿון זיינע חברים. אָבער זאָגן אז זיין האַרץ איז געווען אין גאַנצן מיט זיי, האָט ער אויך זיכער ניט געקענט.

אויף איינעם פֿון די סוף־וואָך צוזאַמענקומען מיט פֿריינד, האָט באקסי אָנגעטראָפֿן אַ מיידל, וואָס האָט געדינט ביי די טראַיס אין זייער רייכן הויז, אין איינע פֿון די שענסטע געגנטן פֿון דער שטאָט. דאָס מיידל האָט אים באַצויבערט, און ער האָט פֿון איר זיינע אויגן ניט אַראָפּגענומען. אויך דאָס מיידל איז ניט געבליבן פּאַסיוו. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אויגן פֿול מיט ליבשאַפֿט, און דערצו נאָך אָפֿט צוגעשמייכלט.

באקסי איז געווען זיכער, אז אויך זי פֿילט צו אים דאָס זעלבע, ווי ער צו איר. און ווען ער האָט געפֿונען אַ פּאַסיקן מאָמענט און איז צוגעגאַנגען צו איר ריידן, איז ער אויף אַן אמת צוגעקלעפּט געוואָרן צו איר, און ער האָט זיך אַ גאַנצן אָוונט שוין ניט געקענט פֿון איר אָפּרייסן.

דאָס מיידל איז געווען יונג און פֿולבלוטיק. איר בוזעם און אירע היפּטן האָט באַקסיס האַרץ געמאַכט קלאַפּן שטאַרקער און זיינע בלוטן אָנגעצונדן. ווען זיי האָבן זיך ביים געזעגענען אָפּגערעדט צו טרעפֿן קו־מענדיקע סוף־וואָך, האָט שוין באקסי אַ גאַנצע וואָך געציילט די שעהן: ווען וועט ער זיך ווידער טרעפֿן מיט פֿינאַן? וויפֿל צייט איז נאָך פֿאַרבליבן?

* * *

פינאַ איז געווען אַ שטאָטישע איינוווינערין פון פיל יאָרן. גאָר אַ מאָל, ווען זי איז דאָ געקומען פון קראַאָל, איז זי געווען זייער אַ נאַאיוו מיידל. ביסלעכווייז אָבער, אונטער דער ווירקונג פון דער שטאָטישער סביבה און פון דער שוואַרצער יוגנט, האָט זי זיך באַקאַנט מיט דער אונטערוועלט און זי איז געוואָרן איינע פון זיי.

האָט עס צו לאַנג ניט גענומען ביז זי האָט באַקסין אריינגענומען אין אירע געניטע הענט. שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש זיינען זיי געוואָרן אינטים. און אין באַקסיס לעבן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. אונטער פינאַס ווירקונג איז ער אריינגעצויגן געוואָרן, קעגן זיין ווילן, אין דער טצאָצי־באַוועגונג, וואָס האָט זיך דאַן פאַרשפרייט אין די שוואַרצע קוואַרטאַלן. פון ווייטער שפּאָרן גראָשנס איז שוין קיין רייד ניט געווען. פינאַ האָט שוין אכטונג געגעבן אויף דעם. נאָך מער: וויפל געלט ער פלעגט באַקומען פאַר זיין וואָך פאַרדינסט איז איר געווען וויניק. דערצו נאָך האָט פינאַ אים אריינגעצויגן אין די „סקאָקיאַן פאַרטיס", און ער פלעגט שוין גאָר אָפט אראָפּקומען אַהיים, צום טאַטן, אַ שיכורער.

ווילעמען האָט עס שטאַרקט געקרענקט. ער האָט געזען אין באַקסיס אויפפירונג, אז דעם יינגלס סוף וועט ניט זיין קיין גוטער. ער האָט געפילט אז אַ גרויס אומגליק דערוואַרט אים. און וויפל מוסר־רייד ער פלעגט אין די נעכט ניט אריינריידן אין זון האָט עס ווייניק געהאָלפן.

באַקסי איז פון טאָג צו טאָג אַלץ טיפער געזונקען. זיין איינציקער באַגער אין לעבן איז איצט געוואָרן געלט. צו פאַרמאָגן געלט און וואָס מער! דאָס איז געוואָרן זיין איינציקער ציל. פינאַ האָט אים אריינגעבראַכט אין די רייען פון א רויבער־באַנדע, וואָס פלעגן מיט מעסערס און אַנדערע טויט־מכשירים באַפאַלן שוואַרצע, וועלכע פלעגן זיך אומקערן אַהיים, פרייטיק, מיטן וואָכנטלעכן פאַרדינסט, און צונעמען ביי זיי מיט גוואַלד זייערע קאָבוערטן מיט שכירות.

ביינאַכט פלעגן זיי באַפאַלן שוואַרצע משפחות אין זייערע היימען און אויסראַבירן וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

באַקסי האָט זיך ארויסגעוויזן זייער פעאיק צו דער רויבער־מלאכה. ער איז געווען דרייסט און קיין זאַך האָט אים ניט געשראָקן. זיין טאַלאַנט האָט ער

אים אריינגעבראַכט לייכטע, ניט פאַרהאָרעוועטע געלטער און דערצו נאָך האָט ער געקענט צופרידן שטעלן זיין געליבטער, פינאַן.

ער האָט פארלאָזן זיין ארבעטס־פּלאַץ, האָט פאַרלאָזן זיין טאַטנס ווױ־נונג און איז ארויס אויף „אייגענער קעסט". בייטאָג פלעגט ער ארומשפּאַ־צירן אין די גאַסן פון שטאָט און אויסקוקן, וווּ עס קען געמאַכט ווערן אַ שטיקל גניבה. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין דער קונסט ארויסצוכאַפּן אַ פּרויען־בײַטל ביי רייכע לײַדיס און זיין „פּרעסטיזש" ביי זיינע חברים איז געוואַקסן.

ביי די טראָיס האָט פינאַ געטאָן איר אַרבעט פּינקטלעך און מיט אחריות, כדי ניט אויפצודעקן קיין פאַרדאַכט ביי אירע בעלי־בתים. זי האָט שטענדיק געמערקט ווי איר באָס, מ"ר טראָי, ברענגט יעדע סוף־וואָך גאַנצע פּעקלעך אַסיגנאַציעס אַהיים. קלמן האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט אז פאַר פינאַן דאַרף מען זיך היטן.

די אַסיגנאַציעס האָט פינאַן אַ שטויס געגעבן אויף עפּעס צו טאָן. אין דער שטיל האָט זי מיט באַקסין גענומען אייניטענהן, מאַכן פּלענער, ווי אַזוי ער זאָל זיך ארײַנקריגן ביינאַכט אין הויז פון די טראָיס. זי האָט באַקסין איבערגערעדט, אז מיט אַ שאַרפן מעסער קען ער נויטן מ"ר טראָי אָפּצוגעבן אים די פּעקלעך געלט. זי פּערזענלעך טאָר אָבער אין דעם ניט זיין פאַרמישט.

ביידע האָבן שוין געמאַכט פּלענער וואָס צו טאָן מיטן געלט. זיי האָבן זיך אויסגעמאָלט אַ העלע צוקונפט: זיי וועלן זיך אַריבערקלייבן אין אַ שוואַרצער פאַרשטאָט, עפענען אַ קלייט און מ'וועט דאָן פירן אַן אָרנטלעך לעבן. זיי וועלן באַקסיס טאַטן אויך אהין מיטנעמען, וועט ער ניט דאַרפן שווער ארבעטן אויף דער עלטער.

זיי האָבן אין דער שטיל אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן מיט אַלע דעטאַלן. באַקסי האָט צוגעגרייט אַ לייטער וואָס זאָל אים דינען ארײַנצובאַקומען זיך דורכן הויכן פענצטער, וואָס איז אָפן טאָג און נאַכט. באַקסי וועט פּלוצלינג באַפאַלן דעם שלאָפנדיקן באָס. מ"ר טראָי וועט זיך דערשרעקן פאַרן גלאַנץ פון דעם מעסער און ער וועט אים אָפּגעבן די פּעקלעך מזומנים, אבי ער זאָל אים לאָזן לעבן.

באַקסי האָט זיך געגרייט צו דעם פּרייטיק ביי נאַכט. האָפענונג און שרעק האָבן זיך צוזאַמענגעמישט. די נאַכט איז געקומען. פינאַ האָט אים געמונטערט און געזאָגט, אז אַלץ מוז גיין לויטן אויסגעאַרבעטן פּלאַן.

אויפן צווייטן עטאַזש האָט אָבער באַקסי פאַרבלאָנדזשעט אין קינדער שלאָף־צימער. אַ קינדיש געוויין האָט באַקסין צעטומלט. און ווען ער האָט א ריס־אויף געטאָן די טיר פון מ״ר טראַיס שלאָפצימער און געוואָלט אַ שפרונג טאָן מיטן בליציקן מעסער איז שוין קלמן געשטאַנען גרייט מיט זיין געלאָדענעם רעוואָלווער.

מיט איין קלאַפּ האָט קלמן אים ארויסגעשלאָגן דעם מעסער פון האַנט. קלמן האָט באקסין איינגעקלאַמערט אין זיינע הענט, האָט אים פארדרייט די הענט אהינטער און בארויקט דער צעשראָקענער סאָניען, וועלכע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון טומל.

„קלינג אָן דער פּאָליציי און איך וועל שוין אכטונג געבן אויפן העכט. און אז מ׳וועט דאַרפן וועט מען אים שוין מכבד זיין אויך״.

אויף מאָרגן איז אין אַלע צייטונגען דערציילט געוואָרן מיט גרויסע אותיות די גאַנצע געשיכטע פון איבערפאַל און ווי אזוי דער פאַבריק דירעק־טאָר מ״ר קעלי טראַי האָט אַנטוואַפנט און פאַרוווּנדעט דעם יונגן „טצאַצי״. ס׳איז אויך געווען אַ גרויס בילד פון קלמנען און די סענסאַציע איז געווען גרויס. דער טעלעפאָן האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען מיט ברכות און גראַטולאַציעס צו זיין ניצול ווערן.

קעלי טראַי ווערט אַ גרויסער נאָמען

ס׳האָט נאָך לאַנג זיך געטומלט מיט דעם איבערפאַל אויף קעלי טראַי. די זונטיק־צייטונגען האָבן געמאַכט דערפון נאָך אַ גרעסערע סענסאַציע. גאַנצע זייטן האָבן באַשריבן דעם איבערפאַל מיט אַלע פּרטים. אַן אינטער־וויו מיט מ״ר קעלי טראַי מיט בילדער פון אים, זיין פרוי און זונעלע, ווי מ״ר טראַי האָט באַצייטנס באַמערקט דעם שוואַרצן מיטן מעסער אין האַנט. ווי ער האָט אים גלייך פאַרוווּנדעט אין האַנט מיט זיין רעוואָלווער און דער יונגער טצאַצי האָט ארויסגעלאָזן דאָס מעסער פון האַנט. מ׳האָט אויך באַ־שריבן די גבורה פון קלמנען אין זיין יוגנט און זיין גרויסן דערפאָלג ווי אַן אינדוסטריעלער דאָ אין לאַנד. דאָס אַלץ איז געגנוג געווען, אז די שטאָט זאָל האָבן פאַר וואָכן צו ריידן וועגן מ״ר קעלי טראַי.

דערווייל איז די צייט געגאַנגען. די איבערפאַל־געשיכטע איז שוין לאַנג

פֿאַרגעסן געוואָרן, אָבער קעלי טראַיס נאָמען איז מיט יעדן יאָר אַלץ מער פּאָפּולער געוואָרן אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. מ׳האָט אָנגעהויבן שרייבן וועגן אים ווי וועגן אַן אויפֿקומענדיקן פֿילאַנטראָפּ, וואָס שטיצט מיט אַ ברייטער האַנט צדקה־מוסדות, לערן־אַנשטאַלטן און יחידים. זיין פֿאָטאָ־גראַפֿיע איז קיין מאָל ניט אַרונטערגעגאַנגען פֿון די שפּאַלטן פֿון דער יידישער און יידיש־ענגלישער פּרעסע. זיין ביוראָ אין פֿאַבריק איז געוואָרן אַן אָרט, וווּ דעלעגאַציעס פֿאַר פֿאַרשיידענע נייטיקע צוועקן האָבן זיך גע־טראָפֿן.

אויך פּריוואַטע מענטשן פֿלעגן קומען פֿרעגן עצות און זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן — און צום סוף אַרויסגעקומען פֿון אים געטרייסטע און געהאָל־פֿענע. און ניט נאָר פֿאַר ווייסע אָדער יידן, זיין עצה און הילף איז געווען פֿאַר אַלעמען און זיין טיר איז שטענדיק געווען אָפֿן. ניט נאָר איז קעלי טראַי געוואָרן אַ גרויסער נאָמען אין שטאָט, נאָר אויך אין זיין היימשטעטל איז געוואַקסן זיין נאָמען מיט גרויס כּבוד. ער האָט אין משך פֿון עטלעכע יאָר אַריינגעשיקט גרויסע סומעס געלט, כּדי מ׳זאָל אויפֿבויען אין שטעטל אַ יידישן שפּיטאָל אויפֿן נאָמען פֿון זיין פֿאַרשטאָרבענעם אָנקל שמעון מאַ־קאַרניק, וואָס זאָל הייסן סעם מייקל שפּיטאָל. אויך זיין צוזאָג אַריבערצו־נעמען אברהמל דעם פּראַטשעשניק און געצל שמושטשיכעס האָט ער שוין לאַנג אויסגעפֿירט. זיי אליין האָבן שוין אָנגעציילט יאָרן ווי זיי אַרבעטן אין דעם ניי־צוגעבויטן פֿאַבריק־פֿליגל פֿון קלמנס שוך־קאָנצערן. און ניט נאָר זיי — פֿון שטעטל האָבן זיך גענומען ציען אַ גאַנצער שטראָם אימי־גראַנטן און אַלעמען האָט קלמן געהאָלפֿן זיך איינאָרדענען: איינעם מיט אַ גמילות־חסד, אַ צווייטן מיט אַ גאַראַנטיע. זיין הויז איז געשטאַנען אָפֿן ווי תּמיד פֿאַר יעדן ניי־געקומענעם און ער האָט אַלעמען געמאַכט זיך פֿילן גוט, צוגעטוליעט, מקרב געווען, ביז — די דרום־אַפֿריקאַנער רעגירונג האָט אָפּ־געשטעלט די אימיגראַציע פֿון אייראָפּע, וואָס זאָל האָבן געווען אַן אויס־שליסלעכער און דירעקטער געזעץ קעגן די יידן פֿון מזרח אייראָפּע.

18

ערב חורבן איראָפּע

דאָס יאָר 1933 איז אָנגעקומען מיט אַ פֿינצטערן אומגליק איבער יידישע קעפּ און הערצער. די ברוינע פּעסט האָט געבושעוועט אין דייטשלאַנד. דאָס פֿאָלק האָט אויסגעוויילט היטלערן אַלס רייכסקאַנצלער און איבער גאַנץ איירָאָפּע האָט געגרילצט זיין מאַניאַקיש־היסטערישער גע־שפּענסט.

די אַנטיסעמיטן און אַנדערע באַנדיטן אין דער וועלט האָבן גע־נומען אויפהויבן די קעפּ. אפילו אין דער ווייטער דרום־אַפריקע האָט זיך געגרינדעט אַן אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע „גרויע העמדלעך״, וואָס האָבן איבערגענומען די נאַציִשע אידעאָלאָגיע און זי אָנגעהויבן אָפּן פֿאַרשפּרייטן אין דעם זוניקן לאַנד. אין יידישע הערצער איז געוועזן שרעק און טרויער.

קלמנען איז אויפן האַרצן געווען נאָך אומעטיקער. ער האָט זיך צוגעקוקט ווי זיין סעם איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער, געזונטער יונג. ער

האָט מיט פּאַרדרוס זיך צוגעהערט צו די נייעס, וואָס ער ברענגט אים יעדן טאָג פון אוניווערסיטעט: באַליידיקונגען אויף סטודענטן, זידלערייען, עס האַלט אפילו צייטנווייז ביי געשלעגן.

„זיך נאָר ניט לאָזן!" האָט אים דער טאַטע געקלאַפּט מיט די פיר קלאָרע ווערטער איבערן קאָפּ, ווי אַ לאָזונג. און ער איז געווען גליקלעך צו הערן דעם ענטפער: „זאָרג זיך ניט, דעד, זאָלן זיי נאָר אַ טשעפּע טאָן מיר. נו־נו..." דאָס איז געווען גענוג פאַר קלמנען צו דערוועקן אין אים זיין שטאָלץ אויף זיין זון. „ווי דער טאַטע!" האָט ער געטראַכט און האָט זיך אין האַרצן געבענטשט מיט אים.

די קלענערע צוויי קינדער, אַ יינגל מיט אַ מיידל, פלעגן אויך קומען פון סקול מיט אומעטיקע נייעס: מען טשעפּעט זיך מיט זיי, מען רופט זיי „בלעדי דזשו" און מען סטראַשעט „היטלער וועט דאָ באַלד קומען". די מאַמע האָט זיי באַרויִקט, דערקלערט און געבעטן: „דערציילט דאָס ניט דעם טאַטן, דאָס רעגט אים אויף. ער איז זייער נערוועז און ער שלאָפט ווייניק". זיי האָבן נאָך געפרעגט ווער איז דער היטלער און וואָס וויל ער פון יידן, האָט זיי סאָניע, וואָס די השגחה פון די קלענערע קינדער, זייער דערציִען און אויפברענגען איז געלעגן אין אירע גוטע הענט, דערקלערט אַלץ אין אַ רויִקן טאָן און געוועקט אין זיי דעם נאַציאָנאַל־יידישן געפיל. זי האָט זיי אויך געטרייסט און פאַרשטיין געגעבן, ווי מ'טוט עס פאַר קלענערע קינדער, אז יידן וועלן זיך ניט לאָזן...

קעלי טראַי איז ווידער געוואָרן דער אַלטער קלמן. ער האָט ווידער דערשפּירט ווי יידישע צרות ברענען אין אים. ער האָט געלייענט די אַלע טרויעריקע נייעס און שוואַרצע נביאות אויף יידן און געליטן דערפון. אין אים האָט רעוואָלטירט קעגן דער יידישער שטילקייט אין דעם גרויסן יאָהאַנעסבורג, וועמען ארום בושעוועט שוין די שוואַרצע מגפה. זיין פּינטעלע ייד, וואָס איז געבליבן טליִען אין אים, האָט איצט אויפגעפלאַקערט. וואָס וועלן העלפן די אַלע מיליאָנען פונטן, וואָס יידן קלייבן, אז מען וויל צונעמען דאָס לעבן?!

קלמן איז געווען גליקלעך, ווען איין מאָל אין געווען אין צייטונג אַ ידיעהלע: דער סטודענט מ"ר סעם טראַי האָט אין אַ צוזאַמענשטויס מיט נאָך אַ סטודענט, וועיזט אויס פון די „גרויע העמדלעך", וואָס איז געווען אַגרעסיוו און געזידלט יידן, אים „געוויזן וואָס אַ ייד קען". דעם אנטיסעמיטישן

סטודענט האָט מען אוועקגעפירט מיט אַן אַמבולאַנס. אויך סעם איז באַ־האַנדלט געוואָרן פון אַ דאָקטאָר. קלמן איז פון דער ידיעה געשפרונגען אין דער לופטן און ער האָט סעמען מיטן געשוואָלענעם צעדראַפּעטן פּנים דערציילט די געשיכטע, ווי ער, זיין טאַטע, וואָס מ׳האָט אים גערופן אין שטעטל קלמן בולאַן, האָט „צורעכט געמאַכט״ אַן אַנטיסעמיטישן דייטשוק נאָך אין יענע „גוטע יאָרן״. און ביידע, טאַטע און זון, האָבן צום ערשטן מאָל געטרונקען לחיים „פּאַר אַ זון, וואָס זיין טאַטע איז שטאָלץ מיט אים!״

איצט האָט עס קלמנען נאָך מער אָנגעהויבן ערגערן. ער איז ניט געשלאָפן אין די נעכט און געוואָלט צוטראַכטן אַן עצה, וואָס מ׳זאָל טאָן אָפּצוהאַקן די פליגלען ביי די „גרויע העמדלעך״, אז זיי זאָלן זיך ניט פאַרשפּרייטן צו פיל. ער אליין איז געפאָרן אַ מייל ארום דעם שטאָטזאַל, כדי זיך ניט אָנצושטויסן אויף זייערע אַנטיסעמיטישע פאַרזאַמלונגען, וואָס זיי האַלטן דאָרט אָפּ אויף די טרעפּ. ער האָט געוווּסט אז ס׳קען קומען פאַר אים צו אַ נסיון, אז ער וועט איינשטעלן זיין לעבן.

ער האָט זיך דערמאָנט אז אין שטעטל האָט דער „בונד״ מיט די אַנדערע יידישע פּאַרטייען געגרינדעט אַ זעלבסטשוץ, צו פאַרהיטן יידן און יידיש פאַרמעגן פון פּאָגראָמען און רויבעריי — פאַר וואָס זאָל מען עס אויך ניט מאַכן דאָ? די אַנטיסעמיטן זיינען דאָך אומעטום די זעלבע באַנדיטן. און זונטיק, אויפן חודש־מיטינג פון באָרד אָוו דעפּיוטיס, האָט ער געבראַכט זיין פאָרשלאַג וועגן אַ זעלבסטשוץ פון דער יידישער געמיינדע אין יאָהאַנעסבורג. אָבער דער פאָרזיצער האָט אפילו זיין פאָרשלאַג ניט געשטעלט צום אָפּשטימונג, נאָר מיט שטילינקע ריידעלעך אים אזוי געפּרוווט „פאַרריידן די ציין״:

„מ״ר טראַי, אַלע דעפּוטאַטן דאָ ליבן אייך און שעצן אייערע קלוגע רייד, נאָר דער היינטיקער פאָרשלאַג איז אַ ביסל צו שאַרף. מיר טאָרן ניט אויפרייסן די אויגן ביי די גויים, בעסער וועט זיין זיי צו איגנאָרירן...״

די אַלע מה־יפית־ריידעלעך ניט „אויפצורעגן די חיה״ האָבן קלמנען ארויסגעבראַכט פון געדולד. ער האָט זיך אויפגעהייבן נאָך איידער די זיצונג האָט זיך געענדיקט און אַוועק — אַוועק מיט זיין באַשלוס צו שאַפן אַ זעלבסטשוץ אויף אייגענער אחריות. אין אים האָט געקאָכט, ווי מ׳וואָלט אים באַליידיקט. פאַרזיכטיק, מיט אָפּגעהיטער קאָנספּיראַציע פון אַמאָליקער דערפאַרונג, האָט ער אָנגעהויבן אויפבויען אַן אייגענעם זעלבסטשוץ.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ קערן פון אזא „באַיעוואַי אַטריאַד״, ווי ער האָט עס אָנגערופן מיטן אלטן נאָמען, האָט ער געהאַט גלייך אונטערן האַנט: כאַטשע, העטשע, אברהמל און געצל מיטן אייגענעם זון, וואָס האָט געבראַכט אַ גאַנצע כאַפּטע יידישע סטודענטן, זיינע חברים, און מ׳האָט זיך ענטוזיאַסטיש געגרייט אויף אַן איבערפאַל אויף אַן אנטיסעמיטישן מיטינג פון די „גרויע העמדלעך״.

לאַנג ווארטן איז ניט אויסגעקומען. די ביטער־פינצטערע נייעס פון די אַנטיסעמיטישע אויפטוען אין דייטשלאַנד האָט געמונטערט היטלערס חברים צו מאַכן אַנטי־יידישע דעמאָנסטראַציעס און פאַרזאַמלונגען.

אין איין אויסגעשטערנטער נאַכט, ווען די „גרויע העמדלעך״ האָבן זיך פונאנדערגעשפּרייט מיט זייער מיטינג אויף די טרעפּ פון שטאָטזאַל, האָבן פון סטראַטעגיש־טונקעלע ווינקעלעך פּלוצלינג דערלאַנגט זיך אַ לאָז, ריי נאָך ריי, א גאַנצער „באַטאַליאָן״ חברה, באַוואָפנטע מיט אַלץ וואָס איז נייטיק צו אזא „שפּיל״. קלמן איז געגאַנגען אין דער שפּיץ און האָט אָנגעפירט מיט דער אַטאַקע, וואָס האָט ווי אַ גענעראַל געגעבן קאָמאַנדעס. אַלץ איז געקומען אזוי אומגעריכט און די „מיליטערישע קאָאָרדינאַציע״ פון אַטריאַד איז געווען אזוי גוט אויסגערעכנט און אַלץ האָט געאַרבעט מיט אויסערגעווײנלעכער שנעלקייט, וואָס האָט אין גאַנצן צעטומלט דעם שונא.

דער געשלעג אויפן „שלאַכטפעלד״ פון די שטאָטזאַל־טרעפּ, ווי אַ צייטונג האָט עס נאָך דעם באַשריבן, איז געווען אַ בלוטיקער און פאַרביטערטער. די יידישע יונגעלייט האָבן צעטריבן די פאַרזאַמלונג נאָך איידער די פּאָליציי האָט זיך באַוויזן און די „גרויע העמדלעך״ זיינען זיך צעלאָפן אין פּאַניק, ווי געשלאָגענע הינט. דער געשלעג האָט לאַנג ניט געדויערט, אָבער דער יאָמער און געשריי פון די פחדנישע „גרויע העמדלעך״ האָט מען נאָך לאַנג געהערט. אַמבולאַנסן זיינען אָנגעפאָרן און צוזאַמענגעקליבן די קרבנות פון דער אַטאַקע. די יידן האָבן זיך צוריקגעצויגן כמעט מיט ווייניק געליטענע — חוץ עטלעכע. צווישן זיי איז געווען דער „קאָמאַנדיר״, קעלי טראַי, וואָס האָט געקראָגן אַ שווערן קלאַפּ איבערן קאָפּ.

קלמן האָט אָבער אין שפּיטאָל ניט געוואָלט בלייבן, האָט מען אים אויף מאָרגן איבערגעפירט צו זיך אהיים. דאָ האָט ער געהאַט מער רו און מ׳האָט די קאָרעספּאָנדענטן פון די צייטונגען, וואָס האָבן באַלאַגערט זיין הויז, ניט צוגעלאָזט. דערפאַר אָבער האָבן זיך ארום קלמנס בעט אין זיין גרויסן

שלאָפּצימער צוזאַמענגעקליבן אַלע באַטייליקטע אין נעכטיקן איבערפּאַל אויף די „גרויע העמדלעך". ער איז געלעגן מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ און ארום אים זיינען געזעסן סאָניע, ראָזי מיט זיינע צוויי קלענערע קינדער. כאַטשע און העטשע, אברהמל, געצל, און זיין זון סעם איז געשטאַנען צווישן די סטודענטן מיט יוגנטלעכע בליקן. אַ גרויסער טיש איז געווען צו־געגרייט מיט אַלדאָס גוטס. מ'האָט זיך געגרייט צו „פייערן" דעם זיג און צו ווינטשן דעם „קאָמאַנדיר" אַ רפואה שלמה. אברהמל דער פּראַטשעשניק האָט זיך דערמאָנט און אריינגעשושקעט קלמנען:

„געדענקסט ווי מ'האָט געפּראַוועט פאַר דיר אַ גרויסן יום־טוב ביי מיר אין קדשי קדשים נאָך דעם ווי דו האָסט צעקאַטעוועט דעם הינטישן דייטשוק פון גלחס גאָרטן. דאָס איז געווען אַ פּאַכמעל, האַ?"

קלמן האָט געשמייכלט און געענטפערט: „מיר מוזן זיי שלאָגן אומע־טום. מער טאָר זיי ניט איגנאָרירן".

ס'איז געוואָרן שטיל. מ'האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך און אַלע האָבן פאַרלאַנגט אז מ"ר קעלי טראַי זאָל האַלטן דעם „טאָאַסט" פון היינטיקן זיג.

* * *

קלמן האָט זיך ארומגעקוקט. ער האָט אַלעמען דאָ געזען. אויף איין סעקונדע האָט זיך זיין גאַנץ לעבן אַ דריי געטאָן פאַר זיינע אויגן. אָט איז כאַטשע אין ווען אָרעם כאַטקע ער האָט זיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט. העטשע — ביידע ברידער אויף ווען העמטס העגעט ער האָט זיך אויפגעהאָדע־וועט. און אָט איז סאָניע און די קינדער. אַ נייע, ליכטיקע, רייכע היים, מיט אזוי פיל פריינד, מיט אזא נאָמען. דער נאָמען! האָט עס אין אים געשריען. ער האָט געקוקט אין די פּנימער און זיינע אויגן האָבן ארויסגעלויכטן פון די באַנדאַזשן ארויס מונטערע און צופרידענע. אין דער שטילקייט האָבן אַלע געוואָרט אויף עפּעס פון אים צו הערן.

קלמן האָט ארומגענומען אַלע פאַרזאַמלטע מיט זיין בליק און שטיל גערעדט. זיין קול האָט געקלונגען פייערלעך, ווי ער וואָלט געמאַכט אַ חשבון־הנפש פון זיין לעבן. ביים ריידן האָט ער זיך געקרימט פון יסורים וואָס ער האָט געפילט פון דעם טיפן ווונד אין קאָפּ, אָבער זיין בליק האָט נאָך אַלץ געלויכטן:

„איר אַלע דאָ זייט מיינע טייערסטע און נאָענטסטע פריינד, ווייל איר האָט מיר צוריקגעגעבן אַ שטיק פון מיין לעבן. איר אַלע דערמאָנט מיך

מיין גאַנץ לעבן ביז היינט. אַט זיינען דאָ כאַטשע און העטשע, וואָס גע־דענקען מיר נאָך ווען איך בין געווען אַ קליין ארעם יינגל, אַ יתום פאַר בר־מיצווה און די צוויי טייערע יידן האָבן מיר צוגעטוליעט צו זיך. אַט איז מיין ליבע סאָניע, וואָס איר שווערן טשעמאָדאַן האָב איך געטראָגן אזוי לייכט אויפן שטעטלשן וואָקזאַל, בעת איך בין געווען אַ נאָסילשטשיק, אַ פשוטער טרעגער מיט די גויים צוגלייך.

„אין מיינע יינגלשע יאָרן נאָך, ווען דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיך גע־רופן מיטן נאָמען קלמן בולאַן, האָבן מיך שטענדיק ווי געטאָן אונדזערע יידישע ליידן. און אַט יענער קלמן בולאַן, ווי איך האָב שוין מיין זון דער־ציילט, האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַרן פינטעלע ייד. יענער קלמן בולאַן האָט פאַרטיידיקט אונדזער יידישן כבוד, נאָך אַמאָל, — אויפן וואָקזאַל אַלס נאָסילשטשיק, אין אַ ביטערן געשלעג מיטן פאַרפלוכטן דייטשישן אנטיסע־מיט, מיט דעם פאָן מיכאל און מיטן חזרישן יידישן שונא מיקאָליי ריזשי.

„קלמן בולאַן איז דאַן שיעור מיט בלוט אָפּגעגאַנגען און מיט צופרינ־קייט אָנגענומען דעם צאַרישן „יושרדיקן" פסק־דין פון צוויי וואָכן טורמע.

„קלמן בולאַן האָט אין דראַגונער פאָלק געשטעלט זיין לעבן אין סכנה און האָט צעממיתט דעם זוואָדנעם מאַזורקאָ, פארן רופן מיין חבר געצלען, וועלכער איז דאַנקען גאָט דאָ צווישן אונדז, „זשיד פאַרכאַטי", און קלמן בולאַן האָט דערפאַר באַצאָלט מיט צוויי וואָכן קאַרצער.

„וואָס מיר האָבן געטאָן נעכטן איז צו פאַרטיידיקן אונדזער יידישן נאַ־ציאָנאַלן כבוד. צום באַדויערן מוזן מיר עס טאָן מיט אונדזער בלוט, אָבער דערפאַר זיינען די יסורים זיס. דאָס העלפט מיר איצט לייכטער אריבער־טראָגן מיינע ווייטיקן. אָבער דאָס זיינען נאָר יסורים פון איין יידן. איצט דערגייען צו אונדז טרויעריקע ידיעות פון דער סכנה וואָס לויערט איבער אונדזער גאַנץ פאָלק פון דעם גרעסטן שונא־ישראל וואָס וויל אומברענגען אַלע יידן. אזעלכע געזעצן האָבן זיי געמאַכט אין דייטשלאַנד — און דאָס דערקלערט זייער „פירער" עפנטלעך פאַר דער גאַנצער וועלט. און אַ גאַנצע וועלט הערט זיך צו און שווייגט. אפילו קיין איינע פון די דעמאָקראַטישע לענדער עפנט ניט דאָס מויל, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט פאַר זייער איי־גענער פעל. און ווו איז די סאָציאַליסטישע וועלט, וואָס האָט פראָקלאַמירט פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע מענטשן און פעלקער?

„און דער איצטיקער קעלי טראַי, נאָך לאַנגע נעכט ניט שלאָפן און

טראַכטן וועגן דעם ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס איז אונדז געבליבן צו טאָן? — איז נאָך אַ לאַנגן יישוב־הדעת געקומען צום באַשלוס — אז מיר מוזן בויען אַן אייגענע היים. און נאָך אַ פאַרלאַנג איז מיר געקומען אויפן געדאַנק — אַ ווונטש, אז מיין סעם, ווי אויך מיינע קלענערע קינדער ווען זיי וועלן אויפוואַקסן, זאָלן גיין אויף דעם זעלביקן וועג — אויפן וועג פון דעם אַמאָליקן קלמן בולאַן און פון איצטיקן קעלי טראַי — אויפן וועג פון העלפן בויען אונדזער אַלטער היים, אונדזער אייגן לאַנד. אויב אפילו ס'וועט נויטיק זיין דעראָבערן און פאַרטיידיקן עס מיט אונדזער יידיש בלוט !...״

סוף.

ביכער פון מענדל טאַבאַטשניק:

„מענטש און זיין ארום" — לידער און פּאָעמעס — 1963
„איך לאַך מיט אייך צו 70" — הומאָריסטישע דערציילונגען — מאָנאָלאָגן — איינאַקטערס — 1965
„אין שפּעטע שעהן" — לידער און פּאָעמעס — 1965
„די נייע הגדה" — אָפּצוריכטן דעם דריטן סדר — 1967
„קלמן בולאַן" (ראָמאַן) — ערשטער בוך — 1969
„קלמן בולאַן" (ראָמאַן) — צווייטער בוך — 1970